STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06568

DI YESOYDES FUN DER GEZELSHAFT

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

די יסודות פון דער געזעלשאַפט

אַרויסגעגעבן פון דער
יידיש־עטישער געזעלשאַפט
ניו־יאָרק, 1942

Copyright 1942
by
ABBA GORDIN
313 EAST 13TH STREET
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

א. קלאַסן און מאַסן . . . . 7—161

אריינפיר: די שוועריקייט פון רעפאָרם .... 21—7

I מאַכט און אייגנטום .... 67—22

II פּאָליטישע מאַכט .... 98—68

III מאַכט אלס אן אָביעקט פון רעכט .... 118—99

IV שטאַנדן, קלאַסן, „טיפּן" .... 132—119

V אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע .... 161—133

ב. מינדערהייט און מערהייט . . . . 165—286

I דער וואוקס פון דער דיפערענציאַציע .... 192—165

II דעמאָקראַטיזאַציע־אַריסטאָקראַטיזאַציע .... 202—193

III די שפּאַלטונג .... 220—203

IV סאָציאָלאָגישער נאַטוריזם .... 224—221

V סאָציאָלאָגישע זיכערקייט .... 260—245

VI די אָרגאַניזאַטאָרן און די אינטעליגענציע .... 286—261

מראה מקומות .... 313—289

ביילאַגע

רעוואָלוציע .... 320—315

אָט־דאָס בוך, ווי זיין ברודער־בוך „סאָציאַלע אָבער־גלויבעריי און קריטיק", איז אַ טייל, היפּש איבערגע־אַרבעט, פון אַ צוויי־בענדיקן ווערק, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון מיר אין רוסיש אין די יאָרן 1918־20 און איז דערשינען אין 1922 אין מאָסקווע אונטערן נאָמען „אינטער־אינדיווידואַליזם."

אַ קיצור פון ערשטן טייל „קלאַסן און מאַסן" איז געווען פאַרעפנטלעכט, אין המשכים, אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" אונטערן נאָמען „קלאַסן און טיפּן" בערך מיט א פערצן יאָר צוריק.

אבא גאָרדין

9טן דעצעמבער, 1941, ניו־יאָרק

א

קלאַסן און מאַסן

אריינפיר

די שוועריקייט פון רעפאָרם־אַרבעט

געטהע זאָגט:

„די מענטשן באַמיען זיך אַלע אומצוטאָן וואָס איז געטאָן." 1)

עס לייגט זיך אויפן שכל אַז די אַראָפּרייסונג פון אַן אינסטיטוציע וואָלט פאָדערן מער אָנשטרענג מצד פון די צעשטערנדיקע און איבער־בויענדיקע כוחות פון דער געזעלשאַפט, ווי עס וואָלט פאַרלאַנגען די בלויזע אויפהאַלטונג פון אַן אָנשטאַלט און פאַרוואַלטונג פון אים לויט אַ רוטין־רעגלאַמענט. אויפטאָן נייסן, דער „חדש ימינו", קאָסט מער ווי דאָס פירן זיך על־פּי אַן אַלטן־אָנגענומענעם שטייגער, „כשנים קדמוניות."

ע. א. ראָסס אין זיין ווערק „אַן ארומציייכן פון סאָציאָלאָגיע" שרייבט:

„פאַרשיידענע סיבות שטערן דעם סאָציאַלן געבוי זיך צוצופּאַסן צו דער אַרומיקער סיטואַציע וועלכע ענדערט זיך. איין סיבה איז דער כוח פון געוואוינהייט. עס פאָדערט זיך מער אינטעלעקט אָנשטרענג אָדער פייאיקייט כדי צו געבן אַ נייע ווענדונג צו דער אַרבעט . . . איידער בלויז אָנגיין אויף דעם איינגעשטעלטן וועג. צו טאָן די זעלביקע זאַך אויף דעם זעלביקן אופן איז די ליניע פון ווינציקסטן ווידערשטאַנד." 2)

אויפצוהאַלטן, אָנצוהאַלטן איז אַ פיל לייכטערע עובדא ווי צו צע־שטערן. נאָך מער וואָס די סאָציאַלע נאַטור האָט מורא פאַר לערקייט. און אָט־דער פחד איז מער ווי א בילדלעכער אויסדרוק. „די נאַטור איז אפנים כנגד אונדזער טאָן עס" 3), זאָגט אונדז דער דיוק פון ארדזשיל אין זיין ווערק „די איינהייט פון נאַטור." די נאַטור וויל ניט האָבן קיין חלל. פאָלגלעך, דאָס אויסרייסן אַן אינסטיטוציע מיטן וואָרצל פאָדערט אַ גלייכצייטיקע איינפלאַנצונג פון אַן אַנדער אינסטיטוציע, פון אַן ענלעכן אָדער אַביסל פאַרשידענעם כאַראַקטער, אין דעם זעלביקן סאָציאַלן בייט. בנוגע געזעלשאַפטלעכע אָנשטאַלטן איז גאָר ניט שייך צו ריידן וועגן

באַזייטיקונג, עלימינאַציע. דאָ האַנדלט זיך עס אלע מאָל בלויז אום איין זאַך, פאַרבייטן איין אַנשטאַלט מיט אַן אַנדערן.

די גמרא זאָגט אַז די צעשטערונג פון אַלטע לייט איז אַן אויפ־בויאונג, „סתירת זקנים — בנין" (מגילה ל"א:) באַקומען האָט דעם געדאַנק איבערפּראַזירט אויף זיין שטייגער און האָט געזאָגט: די לוסט פון צעשטערונג איז אַ שאַפנדיקע לוסט. צעשטערונג און בויאונג זיינען אַ צווילינג ווי עשו און יעקב, און דער לעצטער האַלט דעם ערשטן ביי דער פּיאַטע. דער דעסטרוקטיווער גייסט איז כביכול ווי געצוואונגען צו ווערן אַ קאַנסטרוקטיווער. ער קען ניט העלפן, ער האָט ניט קיין ברירה. דער פּאַזיטיוו וועגט אריבער. דער יאָ איז שטאַרקער פון ניין.

טיכאָמיראָוו שרייבט:

„אין דער ווירקלעכקייט גייען דעסטרוקציע און קאַנסטרוקציע האַנט־אין־האַנט, און זיי זיינען אומבאַגרייפלעך איינע אָן דער אַנדערער." 4)

יע, יעדע צעשטערונג רופט ארויס א בויאונג. אבער מ'קען אויך זאָגן דאָס אייגענע און אָנהייבן מיט דער צווייטער. יעדע אויפבויאונג מיינט א געוויסע צעשטערונג. און דאָס זאָגט פּרודאָן אין זיין ווערק „די אַלגעמיינע אידייע פון רעוואָלוציע":

„ווי יעדע פאַרניינונג אין דער געזעלשאַפט אַנטהאַלט אין זיך אַ נאָכפאָלגנדיקע באַיאָונג, אַזוי איז ריכטיק אויך דאָס פאַרקערטע, יעדע באַשטעטיקונג אנטהאַלט א פאַרויסגייענדיקע באַזייטיקונג." 5)

דעם אמת זאָגנדיק, וואָלטן די מילדערע טערמינען, ווי דהיינו „מאָ־דיפיקאציע", „טראַנספאָרמאציע" (פאָרמען־בייטונג) זיך פיל בעסער פּאַסן דאָ. זיי וואָלטן זיך געפינען אין אַ בעסערן איינקלאַנג מיט די סאָציאַל־פאָליטישע אַקטואַליטעטן, איידער די מאוים'דיקע, פּחד־אַנוואַרפנדיקע, ווערטער ווי עראַדיקאַציע (אויסוואָרצלונג), „אַבאָליציע" (אָפּשאַפונג), „עלימינאַציע" (באַזייטיקונג). דאָס זיינען ווערטער וואָס ווערן אָפט געברויכט פון די „ראַדיקאַלע" פּראָפּאַגאַנדיסטן, וועלכע האָבן האַלט צו סטראַשען דעם אומשולדיקן און ניט־איבעריק העלדישן ברייטן־עולם.

סען סימאָן שרייבט:

„צו דערלאָזן אז אן אלטע סיסטעם זאָל אונטערגיין און ניט פאַרבייטן מיט אַ נייער איז אבסאָלוט א פאַלשער געדאַנק." 6)

און קיינעם פאַלט עס גאָר קיינמאָל ניט איין צו באַגיין אַזאַ נאַריש־קייט. יעדערער ווייסט אַז ווי נאָר מ'מאַכט חרוב איין בית־מדרש בויט מען גלייך אויף אַ צווייטן אויף זיין פּלאַץ. בכלל איז דער נאָמען אָדער צונעמעניש 'ראַדיקאַל' מיינענדיק 'וואָרצלדיק' צו האָמעטנע אפילו פאר

די טיכטיקסטע עסקנים פון די לינקסטע באַוועגונגען. עפּעס אַ שפּאַס צו זאָגן אַזאַ ווילדע באַשעפעניש ווי אַ ׳ראַדיקאַל׳! ד. ה. איינער אַזעלכער וואָס פאַרמעסט זיך אויסצורייסן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג מיטן וואָרצל אַרויס! אָבער אַזעלכע „גרויסע בריות״ צווישן די געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען גאָר קיינמאָל ניט געווען בנמצא און זיי זיינען איצטער אויך ניטאָ. אַזעלכע אומגעהויערס האָבן געלעבט אין די פאַנטאַזיעס פון די אויף־טויט־איבערגעשראָקענע בעלי־בתים חשובים. ׳ראַדיקאַל׳ איז אַ נאָמען מיט וועלכן מ׳קען פּודזשען בלויז געגנדז . . .

גילבערט קאַננאַן אין זיין ווערק „אַנאַטאָמיע פון דער געזעלשאַפט״ שרייבט:

„אינסטיטוציעס ענדערן זיך ניט פיל: די אָרגאַניזאַציע פון געזעל־שאַפטלעכן און פּריוואַטן לעבן הענגט אָפּ פון עטלעכע אויפטועניש, וועלכע וואָס מער מיר ענדערן זיי אַלץ מער בלייבן זיי ווי געווען.״ 7)

די מחלוקת׳ן, די קריגערייען, רייסערייען, וועלכע גייען אָן צווישן די רעכטע און לינקע ריכטונגען, צווישן די „קאָנסערוואַטאָרן״ און „ראַ־דיקאַלן״ אין דער געזעלשאַפט, דרייען זיך אומפאַרמיידלעך אַרום איין פּונקט און דאָס איז דער אַרומנעם פון דער רעפאָרם, וועלכע מ׳קלייבט זיך דורכצופירן — ניט מער. די נישטיקייט און קליינלעכקייט פון די שטרייט־פּונקטן, די מיקראָסקאָפּישקייט פון די חילוקים ווערט צוגע־דעקט מיט דעם גערויש, מיט דעם געפילדער וואָס די שטרייטנדיקע צדדים מאַכן עפּעס ווי אומישנע. איך האָב געזאָגט „רעפאָרם״, דאָס אייגענע וואָלט זיין ווען איך זאָג „רעוואָלוציע״.

וואָס איז אַזוינס אַ רעוואָלוציע?

פּיאָטער א. קראָפּאָטקין לערנט אונדז:

„רעוואָלוציע איז בלויז אַ וועזנטלעכער טייל פון עוואָלוציע: אין דער נאַטור קומט קיין עוואָלוציע ניט פאָר אָן רעוואָלוציעס.״ 8)

און קיינע רעוואָלוציעס קומען ניט פאָר ווייל זיי זיינען בעצם עוואָ־לוציעס. וויילביידע דערשיינונגען זיינען כמעט איין און דיזעלביקע זאַך.

ביידע צדדים, סיי די קאָנסערוואַטאָרן און סיי די ראַדיקאַלן זיינען שטאַרק מגזם. די קאָנסערוואַטאָרן ווערן גלייך דערשראָקן. עס כאַפּט זיי אָן אַ ציטערניש, אַ „וויררזון״. זיי פאַלן אריין אין אַ פּאַניק און נעמען גוואַלדעווען, אַלאַרמירן. זיי מאַכן אַזאַ „ויצעקו״ אַז זיי פאַרטויבן זיך און זייער אייגענעם עולם. זיי ווילן איינריידן זיך און זייערע קעגנער, אַז „וואַנדאַלן״ זיינען אָנגעקומען, אינערלעכע באַרבאַרן זיינען אויפגע־

שטאַנען און זיי ווילן אַלץ חרוב ומוחרב מאַכן. זיי ווילן פאַרניכטן אַלע הייליקע אַנשטאַלטן, ניט איבערלאָזן פון זיי קיין שטיין אויף אַ שטיין.

ביי די ראַדיקאַלן, די רעוואָלוציאָנערן, ווייטער, צעלויפט זיך די פאַנטאַזיע, צעפלאַקערט זיך די התלהבות און זיי בילדן זיך טאַקע איין אַז זיי זיינען מוכן ומזומן בפועל ממש „איבערצוקערן אַ וועלט". בשעת באמת פירט זיך דער גאַנצער צעהיצטער אַרגומענט צווישן צוויי לאַגערן פון רעפאָרמאַטאָרן, פון וועלכע איין טייל איז אַביסל מער טעמפּעראַמענטפול, מער סאַנגווינעש, הייס־בלוטיק און דער אַנדערער איז אַ קאַפּיטשקע מער מיושב׳דיק. אייניקע פון זיי שפּרייזן אַביסל שנעלער, בשעת די אַנדערע רוקן זיך היפּש פּאַמעלעכער. דאָס איז אַלץ. ווען מ׳באַטראַכט דעם ענין קאַלטבלוטיק און, נאַטירלעך, לאחר־המעשה, פון אַ געוויסער היסטאָרישער דיסטאַנץ, זעט מען אַז עס איז געווען מער שוים, ווי וויין, מער זידעניש און קאָכעניש ווי בעבלעך אין דעם טאָפּ. די גאַנצע זאַך איז אויפגעבלאָזן און אויפגעבלעזלט, אַן יעטווידער מאָס פון פּראָפּאָרציע.

פּרודאָן באַשרייבט גאַנץ פּאַרטרעפלעך די געדריקטע שטימונג וועלכע באַהערשט די רעוואָלוציאָנערע מחותנים און אפילו די חתן כלה אליין נאָך די סאָציאַלע שבעת ימי המשתה . . .

אָט וואָס ער שרייבט אין זיין ווערק „וואָס איז אייגנטום?":

„מיר האָבן זיך גראַטולירט, מיט אומבארעכנטן ענטוזיאַזם, מיט דער גלאָררייכער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דער ווידערגעבורט פון 1789, די גרויסע ענדערונגען וועלכע מ׳האָט דורכגעפירט, און דעם איבערקער פון די אַנשטאַלטן: אַן אָפּדוכט, אַ פּאַרבלענדעניש! יע, אין 1789 איז געווען אַ געראַנגל און פּאָרטשריט; פון אַ רעוואָלוציע איז קיין שפּור ניט געווען. אַן אונטערזוך פון די רעפאָרמעס, וועלכע מ׳האָט פּרובירט איינפירן, באַוויזט עס . . . און דער עולם האָט אויסגעפונען אַז די רעפּובליק, צווישן די אַזוי גערופענע נייע אַנשטאַלטן, האָט געהאַנדלט לויט די יעניקע פּרינציפּן, וועלכע מ׳האָט באַקעמפט און האָט זיך געבויגן פאַר אַלע יענע פּאָראורטיילן וועלכע מ׳האָט געהאַט בדעה צו פאַרניכטן." 9)

דאָס אייגענע, מיט שאַרפערע ווערטער, זאָגט עדמונד בוירק. לכן אַ פריינט פון דער רעוואָלוציע, אַן אַנאַרכיסט און אַ שונא פון דער רעוואָלוציע, אַ קאָנסערוואַטאָר זאָגן ביידע די אייגענע זאַך. ווען צוויי קעגנגעזעצטע צדדים אייניקן זיך וועגן אַן ענין מוז זייער מיינונג אַנטהאַלטן אַ היפּשע דאָזע אמת.

„זיי (די רעוואָלוציאָנערן) האָבן זיך אויפגעפירט פונקט ווי זייערע אמביציעזע פאָרעלטערן האָבן געטאָן פאַר זיי . . . שפּירט זיי נאָך דורך אַלע זייערע שפּיצלעך, אָפּנאַרעריי און געוואַלדטאָטן און איר וועט ניט געפינען אין דעם אַלעם קיין שום חידוש. זיי פאָלגן נאָך פּרעצעדענטן און ביישפּילן מיט דער אָפּגעהיטער פּינקטלעכקייט פון אַן אַדוואָקאַט. זיי האָבן קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ האָר פון די פאָרמולעס פון טיראַניי און אוזורפּאַציע״.10)

און וואָס איז דער מער מיט דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917 ?! דאָס אייגענע. זי האָט גערעדט „רויט״ און האָט געהאַנדלט „געל״ . . .

י. א. ר. ווילי שרייבט:

„מחוץ פון דאָגמע, האָב איך ניט געקענט זען קיין שום וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן צאַריזם און קאָמוניזם. אין דער פּראַקטיק זיינען זיי ביידע אזוי ענלעך, ווי זיי וואָלטן געהערן צו דער זעלביקער משפּחה . . . באמת, קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. די פּאָליטישע געפענגענישן זיינען נאָך אַלץ איבערגעפּאַקט, פּאָליטישע קעגנער ווערן נאָך אַלץ דער־שאָסן, עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן.״ 11)

ווער איז שולדיק אין דעם וואָס די פּאָליטישע ערד וויל זיך ניט באַוועגן ?

קיינער ניט, ניט די מאַסן און ניט די רעוואָלוציאָנערן. עס איז ניטאָ אַזאַ מין זאַך ווי דינאַמישער ראַדיקאַליזם. דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער סביבה, — אויב איר ווילט, רופט עס „נאַטור״ — איז אזא, ער דערלאָזט ניט קיינע ראַדיקאַלע שינויים.

דזשאהן פּאָללאָק שרייבט:

„'די רעוואָלוציע איז פאַרלאָרן', האָט געזאָגט פּלעכאַנאָוו צו זיינעם אַ פריינט אין ערשטן חודש פון זיין צוריקקער קיין רוסלאַנד אין פרילינג פון יאָר 1917. 'רוסלאַנד מוז גיין צוריק צו דעם רעזשים פון זשאַנדאַרם, ניין, צום רעזשים פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, צום זשאַנדאַרם מיט דעם אײן־צווייען־געפלאָכטענעם קנוט'.״ 12)

אין דעם פּרט פון גיין צוריק אָדער בלייבן שטיין אויף אַן אָרט, איז גאָר אַ קנאַפּער חילוק צי די רעוואָלוציע געווינט אָדער פאַרלירט. רוסלאַנד איז געבליבן דאָרטן וואו עס איז פאַר דעם געשטאַנען. רעוואָ־לוציעס זיינען גאָר ניט אַזעלכע גרויסע אויפטועריגס, אַזעלכע בריות ווי מ׳וויל זיך איינשמועסן. רעוואָלוציעס אין בעסטן פאַל רעוואָלוציאָ־ניזירן ניט דאָס לעבן, אַנדערשן ניט אויף־אײן־מאָל דעם איינגעשטעלטן שטייגער. לענדער און פעלקער בייטן זיך ניט איבערנאַכט אפילו דע־

מאַלט, ווען די נאַכט איז א ליל שימורים פון א דערפאַלגרייכער רעוואָ־לוציע . . . ויהי בחצי הלילה . . . איז א מעשה פון דער אגדה של פסח . . . און דאָרטן בלייבט עס.

אין דעם תחום פון דאָס סאָציאַלע האָבן מיר ניט די מעגלעכקייט אָנצוואווענדן ניט דעם פּאָזיטיוון און ניט דעם נעגאַטיוון מעטאָד. ניט מיר צעשטערן און ניט מיר שאַפן. אונדזערע דרייסטסטע אונטערנעמונגען גייען ניט ווייטער ווי איבערניצעווען, איבערפּאַסאָנעווען. די עקסטרעמסטע ראַדיקאַלסטע העזה שעפּט זיך אויס אין דעם בעל־הבית׳ישן אַקט פון אריינברענגען ענדערונגען, פון א קלענערער אדער גרעסערער קאָנסעק־ווענץ, אין חער שוין עקזיסטירנדיקער סאָציאַלער אומגעבונג. מיט אנדערע ווערטער, אונדזערע דערגרייכונגען אויף אָט־דעם געביט זיינען קיינמאָל ניט מער ווי א דערפאַלגרייכער פאַרזוך צו פאַרלאַטען, פאַרצי׳רעווען אונדזערע אינסטיטוציעס. מיר זיינען בעלי־מגיה׳ס, מיר פאַרריכטן א פּאָר גרייזן אין א שוין לאַנג אנגעשריבענעם, פיל מאָל איבערגעשריי־בענעם, סאָציאַל־פּאָליטישן כתב־יד.

אָט וואָס סארעל דער ארכי־רעוואָלוציאָנער, דער טעאָרעטיק פון סינדיקאַליזם, שרייבט:

„די באַרבאַרן האָבן ניט עטאַבלירט קיין פּראָגרעסיוון געזעלשאַפט־לעכן צושטאַנד . . . כמעט אומעטום האָבן זיי גאַנץ איינפאַך פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די אלטע פּריצים, זיי האָבן געפירט דעם זעלביקן לעבנס־שטייגער און זיי זיינען פאַרצערט געוואָרן פון דער גרויס־שטאַטישער ציוויליזאַציע. אין פראַנקרייך איז די מעראָווינגען־מלוכה געוואָרן א קעגנשטאַנד פון א באַזונדער גרינטלעכער אויספאָרשונג; פוסטעל־דע־קולאַנדזש האָט פאַרברויכט זיין גאַנצע ערודיציע אין וואָרפן ליכט אויף דעם קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער וועלכן זי האָט אָנגענומען. איר קאָנ־סערוואַטיזם שיינט צו אים צו זיין אזוי שטאַרק אַז ער האָט געקענט זאָגן, אַז באמת, איז דאָ גאָר קיין רעוואָלוציע ניט פאָרגעקומען, און ער שטעלט פאָר די גאַנצע געשיכטע פון מיטלאַלטער אלס א באַוועגונג, וועלכע האָט פאָרטגעזעצט די באַוועגונג פון דער רוימישער אימפּעריע מיט א קליינער פאַרשנעלערונג.״ (13

„די מעראָווינגען־רעגירונג, זאָגט ער, ׳איז מער פון דריי פערטל דער המשך פון דאָס וואָס די רוימישע אימפּעריע האָט געגעבן צו גאַליע׳.״ (14

דער פּרט פון די מעראָווינגען קומט אונדז צו לערנען אויף דעם גאַנצן כלל פון סאָציאַל־פּאָליטישע דערשיינונגען. דער קאָנסערוואַטיזם

איז אײַנגעגעסן אין די ביינער. קיינע רעוואָלוציעס העלפֿן ניט, ווײַל זיי גייען אויף די אויסגעטראָטענע פֿון קדמונים וועגן.

אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישן געביט הערשט אַ פֿאַטאַליטעט לגבי וועלכער מיר זײַנען הילפֿלאָז. אין דער פֿיזישער וועלט האָבן מיר אַ פֿרייע האַנט, רעלאַטיוו ריידנדיק. מיר זײַנען אימשטאַנד צו געברויכן נאַטור עלעמענטן, מאַטעריאַלן וועלכע מיר געפֿינען אין אַ רויען אָדער אַ באַאַרבעטן צושטאַנד. מיר קאָמבינירן אַט די עלעמענטן, שטעלן זיי צוזאַמען, נעמען זיי פֿאַנאַנדער, ווי אונדז ווילט זיך און פֿאַלט אײַן, בכדי צו באַפֿרידיקן אונדזערע ווירקלעכע אָדער אײַנגעבילדעטע, באַדערפֿענישן. אָדער מיר קאָמבינירן פֿאַרדעמדיקע קאָמבינאַציעס. מיר זײַנען אַ מאַנדאַטן־מאַכט, מיר שאַלטן און וואַלטן. מיר האָבן רשות און פֿולע שליטה איבער זיי. מיר האָבן געקראָגן כמעט ווי אַ „קאַרט־בלאַנש" בנוגע קעגנשטאַנדן און פּראָצעסן, וועלכע קענען באַצייכנט ווערן אַלס ‚מעכאַנישע'. די ספֿערע אָבער פֿון סאָציאַלע דערשײַנונגען און פּראָצעסן שטעלט פֿאָר מיט זיך גאָר אַן אַנדער בילד. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט זיך אַליין, מיט אונדזער אייגענער סאָציאַלער נאַטור, מיט אונדזער אייגענער סביבה — און די שוועריקייטן הייבן זיך אָן, שוועריקייטן וועלכע מיר קענען ניט בײַקומען.

וויליאַם ר. גרעג אין זײַן ווערק „עסייען וועגן פּאָליטישער און סאָציאַלער וויסנשאַפֿט" שרײַבט:

„עס קען ניט זײַן, אַז דער זעלביקער אינטעלעקט — וועלכער האָט אַרויסגעפּרעסט פֿון דער נאַטור אירע פֿאַרהוילנסטע סעקרעטן, וועלכער האָט טריאומפֿירט איבער די ריזיקסטע מאַטעריעלע שטרויכלונגען, וועלכער האָט ‚דערשעפֿט וועלטן און דערנאָך זיך אײַנגעבילדעט נײַע', וועלכער האָט אַנטדעקט און באַשריבן די געזעצן וואָס ווירקן אין די גרעניצן פֿון רוים וואָס זײַנען אָפּגעזונדערט פֿון אונדז מיט אַזאַ ווײַטער דיסטאַנץ אַז אונדזער פֿאַנטאַזיע קען זיך עס ניט פֿאָרשטעלן און דער מאַטעמאַטישער לשון קען עס ניט אויסדריקן — ווי קען עס זײַן אַז אָט־דער אינטעלעקט זאָל ניט זײַן קאָמפּעטענט, ווען ער ווערט ווי געהעריק אָנגעווענדט צו דער סאָציאַלער און אַדמיניסטראַטיווער וויסנשאַפֿט, צו פֿאַרריכטן אונדזערע טעות'ן און אויסגלײַכן אונדזערע שטעגן." (15

יע, אין פֿלוק זעט די זאַך טאַקע אויס צו זײַן אַזוי. עס שײַנט אַז דווקא אָ־דאָ, אין דער ספֿערע פֿון דעם סאָציאַלן אונטערנעם, דאַרף דער שעפֿערישער זשעני פֿון מענטשן זיך אַנטפּלעקן אין זײַן גאַנצער גדלות און אויפֿטוערישקייט. נאָך אַלעמען וואָס דען איז ניט אויף דעם געביט פֿון סאָציאָלאָגיע, פֿון געזעלשאַפֿט־אויספֿאָרש און געזעלשאַפֿט־

בוימייסטעריי, זאָל דער מענטשלעכער שכל באַווייזן זיינע גבורות ונפלאות. וואָס איז דען דער געזעלשאַפט־בנין אויב ניט דאָס האַנטווערק פון מענטשן!

טהעאָדאָר דע לאַגונאַ אין זיין ווערק „די פאַקטאָרן פון סאָציאַלער עוואָלוציע" שרייבט:

„צווישן די טעאָריעס מכוח דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז פאַראַן איין גאַנץ היפשער קלאַס פון לערעס, וועלכער איז פון גרויס היסטאָרישן באַדייט און וועלכער האַלט, אַז די געזעלשאַפט איז ניט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג, נייערט אַ פּראָדוקט פון מענטשנס דערפינדעריי־שער שכל׳דיקער אַקציע." 16)

לכן, אויב דער שכל האָט געהאָלפן דעם מענטשן צו שאַפן, צו דערפינדן די געזעלשאַפט דאַרף אַט־דער מענטשלעכער שכל זיין אויף דעם דאָזיגן געביט „דער גאַנצער מאַכער", קענען טאָן אין דעם תחום וואָס ער וויל נאָר אַליין. דער שעפער דאַרף דאָך זיין דער פולשטענ־דיקער האַר פון זיין באַשאַף . . .

אָבער אַזוי אורטיילן מיינט משפט׳ן אויבערפלעכלעך. ווען מ׳טראַכט זיך אַריין אין דעם ענין אַביסל טיפער, איז לייכט איינצוזען, אַז דער פאַל איז פונקט פאַרקערט. דווקא אין דער דאָזיקער ספערע זייַנען מיר ווי געפענטעט, איינגעצוימט. די יעניקע הויך פון דערפינדערישקייט און אויפטועריישקייט, וועלכע מיר האָבן דערגרייכט אין דעם פעלד פון די מעכאַנישע אונטערנעמונגען, וועלן מיר דאָ קיינמאָל ניט באַווייזן צו דערגרייכן. און דעם טעם פאַר אונדזער פאַרהעלטניסמעסיקער אָפּ־הענטיקייט אין אָט־דעם תחום איז ניט שווער צו באַגרייפן.

מיר וועלן דערווייל אָנצייגן בלויז אויף איין שוועריקייט, וועלכע נעמט זיך פון דעם וואָס דער שטאָף און די פאָרם מיט וועלכע מיר האָבן דאָ צו טאָן זיינען אַזוי אַלט און גרויו, אַזוי פאַרהייליקט, אַז מ׳טאָר ניט און מ׳קען ניט צו זיי זיך צורירן. ווי עמארי ז. באָגאַרדוס דריקט זיך אויס:

„סאָציאַלע רעאָרגאַניזאַציע איז שווער דורכצופירן מחמת דעם וואָס דאָס אַלטע טויכט אַרויף און פאַרדרענגט דאָס נייע." 17)

דער סטאַבלירטער אָנגענומענער סאָציאַלער שטייגער האָט טראַדיציע הינטער זיך. ער ווייזט אַרויס אַ פאַר׳עקשנ׳טן און פאַרביטערטן ווידער־שטאַנד. דער סאָציאַלער ׳מאַטעריאַל׳ איז „האַרטנעקיק", איז ווייט פון צו זיין אַ ׳פאָלגער׳. ער האַסט דעם געדאַנק פון אויפנעמען אַ נייעם אָפּשטעמפּל. מיט פשוטע ווערטער, יעדע רע־פאָרם, יעדע איבערפאָרעמונג קומט אָן מיט אַ געראַנגל פון אַ דעבאַטירנדיקן אָדער טאַקע קעמפנדיקן

כאַראַקטער. יעדער אויסבעסער פאַרלאַנגט אַן אמפּערגיש, אַ חילוקי־דעות, אַ רייסעניש פון צדדים. זיי הייבן טאַקע אָן מיטן הקול קול־יעקב, אָבער זיי גייען גאַנץ אָפט אריבער צו די והידים ידי־עשו.

פ. דזש. פּרודאָן אין זיין ווערק „אַ סיסטעם פון עקאָנאָמישע ווידער־שפּרוכן" שרייבט:

„די ארבעט פאַר אונדז איז ניט בלויז אויסצוגעפינען דעם פּלאַן פון דער געביידע, נייערט מיר מוזן אויך אַרויסוואַרפן די וואָס וואוינען דאָרטן, וועלכע טענה׳ן אַז זייער שטאַט איז פּרימאַ־גוט און ווי נאָר מיר דערמאָנען מכוח רעמאָנט באַווייזן זיי זיך ביי די טויערן פול־באַוואָפנט גרייט צו שלאָגן זיך." 18)

ביי יעדער טיף־גייענדיקער ענדערונג, וועלכע ווערט געפּלאַנעוועט, ווערט די געמיינזאַמע גלייך צעשפּאָלטן. די מיטגלידער טיילן זיך אין אין פאַרשיידענע לאַגערן. זייערע אינטערעסן פאַלן ניט צוזאַמען. און אָט־די אינטערעסן זייערע דיקטירן זיי פאַרשיידענע צוגאַנגען צו דער סאָציאַ־לער פּראָבלעם. יעדע גרופּע וואָלט וועלן איבערגיסן די געזעלשאַפט אין אַזאַ פאָרעם וועלכער געפעלט איר, פּאַסט זיך אריין אין איר שטייגער, טויג זיך אויס פאַר איר, וועט העלפן פאַרפעסטיקן אירע פּאָזיציעס. דערפאַר קומען כסדר פאַר שטרייטן. יעדער קלאַס ציט צו זיך, טענה׳ט אַז ער ווייסט בעסער, אַז ער מיינט דעם טובת הכלל.

ר. ג. טאַגוועל אין זיין ווערק „די אינדוסטריעלע דיסציפּלין און די אַרט פון רעגירונג" שרייבט:

„דאָס איז די צייט ווען עס האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף סאָציאַלע דערפינדער. עס איז אַ קוריאָזע דערשיינונג פון דער שאַפונג־פּסיכאָלאָגיע, דערפינדונגען ווערן געמאַכט הגם עס פעלן אינ־גאַנצן די קאָנווענציאָנעלע עלעמענטן פון נאָכפראַגע. דהיינו, עס איז לחלוטין ניטאָ קיין מאַרק דערפאַר, להיפך אין דעם פעלד ווערט דער דערפינדער באַטראַכט ווי אַ סכנה. זיינע פּראָדוקטן ווערן, זיכער, ניט גיך פאַרקויפט און עקספּלואַטירט ווי דער פאַל איז מיט נייע מאַשי־נען." 19)

דער ציטירטער מחבר געברויכט אַ טערמינאָלאָגיע וועלכע עס איז צווייפלהאַפט צי זי איז באַרעכטיקט. ער רעדט וועגן סאָציאָלאָגיע, וועגן געזעלשאַפט־ארכיטעקטור און ער געברויכט אזעלכע ווערטער ווי „דער־פינדער". בכדי צו האָבן ׳דערפינדער׳ דאַרף מען דאָך קודם־כל האָבן פּשוטע בעלי־מלאכות. שיקט זיך דאָ בכלל די באַצייכענונג פון אַ „דער־פינדער"? און ווער זיינען עס יענע דערפינדער וועגן וועלכע ער רעדט? און וואָס פאַר אַ מין דערפינדונגען לייגן זיי עס פאַר אויפן מאַרק? וואו

איז דער מארק? קען מען דאָ גאָר געברויכן אזעלכע ריין עקאָנאָמישע טערמינען ווי נאָכפראגע און אָנבאָט?

אָבער דער געדאנק וועלכן ער ברענגט ארויס איז א ריכטיקער. מענטשן ניט נאָר זוכן ניט קיין „נייע מאַשינען" אויף דעם געביט, נייערט יעדער נייער פּלאַן ווערט באטראכט אלס עפּעס געפערלעכעס, שעדלעכעס, פון וואָס מ'דארף וויכן.

דעם זעלביקן געדאנק אָבער פיל קלערער און פאַרשטענדלעכער ברענגט ארויס ארטהור שאָפּענהויער אין זיינע „עסייען":

„אַלע עקספּערימענטן אין דעם תחום זיינען בחזקת סכנה; מחמת דער שטאָף מיט וועלכן מ'האָט דאָ צו טאָן, נעמלעך, די מענטשנגראַסע איז דער ערגסטער מאַטעריאל צו באַהאַנדלען. ער איז כמעט אזוי געפערלעך ווי אויפרייסשטאָף." 20)

דער אמת איז אז מ'קען דאָ גאַרניט עקספּערימענטירן, בנוגע סאָציאַלע ענינים קענען מיר ניט זיין קיין אמת'ע דערפינדער, און אפילו אויפריכטיקע עקספּערימענטאַטאָרן קענען מיר אויך ניט זיין.

דער סאָציאָלאָגישער בויאונג-פאַך ליידט פון א כראָנישן מאַנגל פון פרייען מאַטעריאל. ער איז אינגאנצן אויסגענוצט און אָפּגעניצט. ער איז פאַרברויכט און געשטאַלטעט לויט אזא אָדער אן אנדער מוסטער. דער „רעפאָרמאַטאָר" ווי אויך דער הונדערט-פּראָצענטיקער רעוואָלוציאָנער „אַרכיטעקט" אָדער „אינזשענער" קען קיין רויען מאַטעריאל איבערגעץ ניט קויפן, ער קען זיך עס ניט איינשאפן פאר קיינע מיטלען אין דער וועלט, און דעריבער איז ער אזוי באַגרעניצט אין זיין אונטערנעמונג. מער ווי רעמאָנט-ארבעט קען ער ניט דורכפירן. ער קען ניט בויען. ער האָט ניט מיט וואָס צו בויען, פון וואָס צו בויען. ער איז בכלל ניט קיין בויער. ער איז בלויז א רעמאָנט-מאַכער, אן איבערבויער. ער איז א „לאַטוטניק". ער איז אן איבערשרייבער און איבערמעקער. דאָס איז אלץ וואָס ער קען זיך פאַרגינען, וואָס דער סאָציאלער דלות קען אים דערלויבן צו טאָן.

געטהע האָט מיט פּאָעטישער געניאלער אינטואיציע אויפגעדעקט די טראַגעדיע פון פּראַקטישער סאָציאָלאָגיע און זי אויסגעדריקט אין א פּאָר צייַלן:

„אומשטילפען פיהרט ניכט איינס וויטע
ויר קעהרען פראַנק און פראַה
דען שטרומפף אויף דער לינקער זייטע
אונד טראַגן איהן זא." 21)

מיר קערן איבער די אַלטע פֿאַרצירעוועטע זאַכן און טראָגן זיי אויף דער לינקער זײַט . . . פֿראַנק און פֿרײַ . . .

און אָט־די אָפּעראַציע פֿון „איבערקערן" שעפּט אויס אונדזער גאַנצע פּאָליטישע חכמה און קענטעניש. אָט־די זאַכן־קערעניש און טראָגעניש אויף דער לינקער זײַט האָבן מיר פֿאַרוואַנדלט שיער ניט אין אַ הייליקן קולט . . . אין דעם באַשטייט אונדזער גאַנצע אויפֿטוערישקייט און פּאָליטישע פֿרייהייט . . .

די ארבעט פֿון דעם רעפֿאָרמאַטאָר איז אַן עבודת־פּרך . . . איז פּראָזאַאיש און אומדאַנקבאַר. איר פֿעלט דער שוואונג פֿון שעפֿערישקייט. דער רעפֿאָרמאַטאָר — בנוגע סאָציאַלער בוימײַסטערײַ זײַנען אַלע, די רעוואָלוציאָנערסטע עקסטרעמיסטן אַרײַנגערעכנט, בלויז רעפֿאָרמאַטאָרן — פֿאַרשווענדט אַ מאַקסימום פֿון ענערגיע, פֿון הוצאה, און איז באַרעכטיקט צו דערוואַרטן אַ מינימום פֿון רעזולטאַטן, פֿון הכנסה. ער דאַרף זיך שעצן גליקלעך ווען ער קען דאָס ביסעלע באַווײַזן, ווײַל ס׳רוב גייט ער ארויס „בשן ועין", קריגט ריסוק־איברים, צאָלט מיטן לעבן, מיטן געזונט, שטייט אויס פֿאַרפֿאָלגונגען, ריכט אָפּ פּאָליטישן גלות און האָט גאָרניט פּאָזיטיוועס צו באַווײַזן צו זײַן קרעדיט פֿון אויפֿטואונג.

פֿלאָיד הענרי אַללפּאָרט אין זײַן ווערק „אינסטיטוציאָנעלער אויפֿפֿיר" שרײַבט:

„אונדזער פּלאַן־שאַפֿער . . . איז געצוואונגען, ער איז רעזיגנירט, צו נעמען די וועלט ווי ער געפֿינט זי. הגם ער קען וויפֿל־עס־איז מאָדיפֿיצירן די אינסטיטוציעס . . . מוז אָבער זײַן רעדירעקטירונג פֿון מענטשלעכער ענערגיע צו אַ בעסערן אײַנשטעל פֿאָרקומען בעיקר דורך דידאַקטיקע טראַדיציאָנעלע אָגענטורן." (22

גאָר אַנדערש איז עס אין דער פֿיזישער וועלט וועלכע איז אַ גרויסע עושר׳טע. זי פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור אוצרות פֿון ענערגיע און שטאָפֿן און זי גיט זיי אונדז. זי שטעלט זיי אין אונדזער רשות. מיר קענען טאָן מיט זיי וואָס מיר ווילן, געברויכן, מיסברויכן, עקספּערימענטירן. אויסער דעם איז די צאָל פֿון די מוסטערן אַ קאָלאָסאַלע. בשעת די סאָציאַלע וועלט איז אַ קבצנ׳טע, אַן אביונ׳טע. זי איז אומגעווײנטלעך באַגרענעצט סײַ אין היקף און סײַ אין די מעטאָדן. דאָ איז פֿאַראַן זייער ווייניק פּלאַץ פֿאַר דער אָנווענדונג פֿון אונדזערע קרעאַטיווע פֿיאיקייטן. מיר האָבן צו טאָן מיטן מענטשן און זײַן געמיינדע. דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד, דער גרויסער בעל־פּעולה אין פֿעלד פֿון מעכאַניק, איז אין דער אָנגעווענדטער סאָציאָלאָגיע לחלוטין אויסן פּלאַץ. מחמת מיר זײַנען ניט אימשטאַנד צו שאַפֿן אַ קינסטלעכע סביבה אין די גרעניצן

פון וועלכער מיר וואָלטן געוועזן ביכולת אַנצוגיין אומגעשטערט מיט אונדזערע פּלענער און פּראָיעקטן. סאָציאָלאָגיע, סאָציאַלע נאַטור איז אַליין צופיל פון א דערפינדונג, פון א קונסטווערק אַז זי זאָל זיך קענען פאַרגינען אַזאַ לוקסוס ווי עקספּערימענטירן. מיר דאַרפן אויף דעם געביט בייקומען אומגעהויער האַרבע שטערעגישן.

וו. ג. סאַמנער אין זיין ווערק „קריג און אנדערע עסייען" שרייבט:

„אויב אַט־די אַלטע וועלט איז אַזוי שלעכט ווי זיי זאָגן אַז זי איז... איז זי יעדנפאַלס א פאַרהאַרטעוועטע אַלט וועלט . . . זי האָט געקראָגן אירע בייגן און רונדיקייטן, אירע פאַרפּלאָנטערנישן און פאַרדרייענישן אין א משך פון א לאַנגן פאַרמירונג־קורס. אַט־די אַלע קרומע־לאַמע סענקעס און אַנוואַקסונגען זיינען שטייף און איינגעשפאַרט . . . דער גרויסער שטראָם פון צייט און ערד־ענינים וועט זיך פליסן וויטער ווי געוועזן, אונדז אויף צו להכעיס. ער טראָגט מיט זיך אַלע גרייזן און שטותים פון דער פאַרגאַנגנהייט, דעם ברוכווארג פון אלע פילאָזאָפיעס, די פראַגמענטן פון אלע ציוויליזאַציעס, די קלוגשאַפט פון אלע פאַרוואָרפענע עטישע סיסטעמען, די חורבות פון אלע אינסטיטוציעס, און די באַשטראָפונגען פאַר אלע טעותים." 23)

דער ציטירטער מחבר, איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן, איז שוין, אפשר, אביסל צו פּעסימיסטיש, אבער א שטיק אמת אנטהאַלטן זיינע גלענצנדיק־אַנגעשריבענע שורות.

בנוגע סאָציאַלע אַנגעלעגנהייטן געפינען מיר זיך אין א העכסט שווערער לאַגע. אונדזערע פליגלען פון קרעאַטיוויטעט זיינען אונטער־געשאַרן, אויב ניט אינגאַנצן אַפּגעהאַקט.

א פּאָר פּראָסטע אילוסטראַציעס וועלן מאַכן אונדזער געדאַנק היפּש קלאָר.

ווען איינער וויל בויען א פּאַלאַץ, מוז ער ניט דווקא פאַר דעם ארונטעררייסן זיין הויז, צו וועלכן ער איז צוגעוואוינט און וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר זיין היים אין א משך פון פילע יאָרן, בכדי צו גע־ברויכן דאָס געהילץ, שטיינער, ציגל און ליים, וועלכע ער וואָלט אינקאָר־פּאָרירן איבעראַנייס אין זיין גראַנדיעזן בנין וואָס בויט זיך ערשט. דאָס איינשאַפן זיך שטיינער, ציגל, ברעטער, קלעצער, באַלקנס, שטאָל, אייזן, גלאָז, מיט איין וואָרט, בוי־מאַטעריאַל, וואָס איז נאָך ניט געברויכט געוואָרן אין קיין שום געביידע איז ניט נאָר קיין אויסנאַם־פאַל ניט, נייערט דאָס איז טאַקע די געוויינטלעכע רעגל. נייע בנינים ווערן געבויט מיט נייע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אויף זיך ניט געטראָגן קיין עול פון אַלטע געביידעס . . .

נאָך א משל: איינער וויל זיך מאכן א טיש. אויף קיין פאַל איז ער ניט מחויב גיין פאַנאַנדערנעמען די בעט אדער דעם ספרים־אַלמער, וועלכע ער האָט, אגב, געקראָגן בירושה פון זיין זיידן עליו־השלום. ער קען זיך פאַרגינען צו מאַכן אַ טיש, ווי ער האָט זיך געמאכט זיינע שטולן, ד. ה. פון נייעם, נאָך קיינמאָל ניט געברויכטן האָלץ. ער גייט צו די בוימער.

דאָרטן ביי זיי לייט ער אדער נעמט אויף ניט אָפּצוגעבן, גנב׳ט, גזל׳ט דאָס פאַסיקע שטיקל האָלץ אָדער ברעט. די בוימער פאַר אים זיינען א זאַפּאַס פון רויען מאַטעריאַל. די פאָרם וועלכע דער בוים האָט איז פאַר אים ניט קיין הייליקע זאַך, א דבר שבקדושה, וואָס מ׳דאַרף צען מאָל וואַשן די הענט אידער מ׳רירט זיך צו צו דעם. ער צווינגט אַרויף אויף דעם שטיק האָלץ א נייע פאָרם און א נייעם מוסטער וועלכע טויגן זיך פאַר אים אמבעסטן. ער טוט עס אָן קיין שום געוויסן־פלאָגעניש, אָן קווינקלעניש און חשדים פון א מאָראלן כאַראַקטער. די אייגנשאַפטן פון בוים, די ׳נאַטור׳ פון האָלץ ווערן גענומען אין אַנ־באטראכט בלויז אויף וויפל זיי זיינען בכוח צו דינען, ווען מ׳צווינגט זיי, זיינע באַדערפעניש. די „פערזענלעכקייט" פון בוים, פון אָט דעם דיג־ניטאַר, חשוב׳ן בעל־הבית, פון גרויסן וואַלד, דאָס זעלבסט־באַשטימונג־רעכט פון שטיק האָלץ, פון אָט דעם ׳בירגער׳ פון דער געהילץ־„רעפּוב־ליק", ווערן לחלוטין איגנאָרירט.

ווי געזאָגט פאַרמאָגט דער טיש־מאַכער גענוג געהילץ און ער דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט דער אומאַנגענעמער אַרבעט פון צעברעכן אָן אַלטן בכבוד׳יקן שראַנק אָדער אָן אנדער שטיק מעבל, וואָס איז אָנגע־פּראָפּט מיט טייערע זיכרונות און האָט נאָך פון קדמונים א באַשטימטע פאָרם וועלכע מ׳דאַרף עס ערשט נעמען איבערמאַכן, איבערברעכן, „באַ־נייען". בלויז אין פאַל ווען ער וואָלט ניט פאַרמאָגן קיין האָלץ מאַטע־ריאַל, און ער וואָלט עס אויך ניט קענען קריגן אויפן פרייען מאַרק, צוליב מאַנגל אין קויף־מאַכט אדער אין געהילץ, וואָלט ער געצוואונגען זיין צו צענעמען אָן אַלט שטיק מעבל און מיט צרות זען צונויפשטוקעווען פון דעם עפּעס אַ טיש.

און דאָס איז טאַקע דער פאַל אין געזעלשאַפט־בויערייַ. עס איז לחלוטין ניטאָ קיין פרייער מאַטעריאַל, ניט צו נעמען, ניט צו קויפן. עס איז „בדליכא". א שטענדיקע כראָנישע פאַרטריקעניש. עס איז גאָר ניטאָ אזא מין זאַך ווי רויער מענטשן מאַטעריאַל, ד. ה. מענטשן וועלכע געהערן ניט און האָבן ניט געהערט קיינמאָל צו קיין שום געזעלשאַפט־לעכער גרופּירונג, מענטשן וואָס זיינען פריי און פראַנק, שטייען מחוץ

פון יעדער חברה, און מ׳קען זיי נעמען און קאָנסטיטואירן פון זיי א געמיינדע. ווען מיר ווילן עפּעס מאַכן, עפּעס בויען, מוזן מיר בהכרח אוטיליזירן דעם אלטן שוין געגוג גענוצטן און היפּש געברויכטן מאַטע־ריאַל. אויף אזא שטייגער האָבן מיר אין סאָציאָלאָגיע א צווייפאַכיקע אויפגאַבע: צוערשט זיינען מיר געצוואונגען פאַנאַנדערצונעמען די אלטע אינסטיטוציעס, צעגלידערן די שוין א רעכט ביסל צוגעלעגענע און פאַר־שימלטע לעבנס־אַנשטאַלטן און דערנאָך פון דעם מאַטעריאַל, פון דעם ברוכוואַרג, פון דער „פּרוכנע”, צוזאַמענצושטעלן „נייע” אַנשטאַלטן כלומרשט אויף „נייע” יסודות.

אָט־די אינסטיטוציעס, טאַקע דערפאַר וואָס זיי זיינען באוואקסן מיט מאָך פון אלטקייט און שוואכקייט, דווקא דערפאַר וואָס מ׳האָט זיי שוין געדאַרפט האַלטן אין א מושב־זקנים, ווערן פאַרהייליקט, טייער געהאַלטן. זיי ווערן אָפּגעהיט ווי מקום־קדוש׳ס מיט גרויס פרומקייט און פאַנאַטיזם. פון וועמען? פון די גרופּן אין דער געזעלשאַפט וועמענס פאַרדינסטן ליגן אין דער גלאָריפיצירטער פאַרגאַנגנהייט, פון די יעניקע וועלכע זיינען געווען יונג ווען די אינסטיטוציעס זיינען געווען יונג. זיי האָבן זיך צוזאַמען געעלטערט, און זיי ווייסן און שפּירן אז מיט די אינסטיטוציעס וועט מען זיי אויך משלח־זיין. און ווען זיי פאַרטיידיקן די אינסטיטוציעס, פאַרטיידיקן זיי זיך אליין, זייערע לעבנס־געוואוינהייטן, זייער שטייגער, פיר און שטאַט, זייערע פּאָזיציעס.

אָט־די מאָדנע לאַגע צווינגט דעם סאָציאָלן טוער אָנצוהויבן מיט צעשטערונג, מיט דעסטרוקציע בכדי צו ענדיקן מיט בויאונג, מיט קאָנ־סטרוקציע. אונדזערע צעשטערנדיקע אַקטיוויטעטן זיינען בלויז א נויט־ווענדיקע צוגרייטונג־ארבעט, א מין הכשרה. מחמת בלויז אויף דעם אופן קענען מיר זיך באַזאָרגן מיט דעם נויטיקן בוי־שטאָף. מיר מוזן אים אַרויסרייסן, כמעט ווי איבערגוואַלד, פון אַלטע בנינים. אלטע לאָיאַליטעטן, הייליקע טראַדיציאָנעלע פרומקייטן מוזן צעשמאָלצן ווערן בכדי מיר זאָלן קענען שמידן פון זיי נייע איבערגעבנקייטן.

פון אלדאָס אויבן געזאָגטע איז קלאָר אז די עובדא פון פרעזערווירן דאָס אַלטע איז פיל לייכטער ווי דורכצוזעצן די צווייפאַכיקע ארבעט פון דער טראַנספאָרמאַטאָרישער אונטערנעמונג, וועלכע באַשטייט פון צוויי העלפטן, צעגלידערן און איבעראַנייס צונויפשטעלן. יעדע העלפט פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער און שווערער ארבעט, ווען גענומען אפילו באַזונדער, פאָדערט מער אָנשטרענג און זיך־א כוח־אַנטאָן ווי דער אַקט פון אויפהאַלטן, אויפבאַוואָרענען די אַלטע אינסטיטוציע און זי לאָזן פונקציאָנירן אויף איר אַלטן זקן־ורגיל׳דיקן דרך.

אין אָט־דער פאַרהעלטנישמעסיקער לייכטקייט פון אויפהיטן אַן אַלטן אַנשטאַלט, אָפּהיטן אַן אַלטן שטייגער, ליגט דער כוח און עקשנות פון קאָנסערוואַטיזם. פוילקייט און אינערטישקייט זיינען אַלע מאָל גרייט צו שטיצן דעם קאָנסערוואַטאָר, דעם אַלטן אדמ׳ען, וועלכער וואוינט אין האַרצן פון יעדן פון אונדז . . .

I

מאַכט־אויטאָריטעט, אייגנטום און קלאַסן־צעטיילונג

וואָס איז אזוינס אייגנטום?

וו. האמילטאָן און אי. טילל אין דער „ענציקלאָפּעדיע פאר סאָציאלע וויסנשפאַטן״ שרייבן:

„אייגנטום איז א וואויל־קלינגענדיקער צוזאמענשטעל פון בוכשטאַבן, וועלכער דינט אלס אן אלגעמיינער טערמין פאר דעם געמיש פון עקווי־טעטן, וואָס א מענטש האָט אין אן איינגעאָרדענטער געזעלשאפט . . . א מאַארער וועלכער פאָדערט זיין חלק פון א קארטאָפּל־געדעטעניש, א סעמיטישער פּאַטריאַרך וועלכער פלעגט זיין שאָף, א פרומער גלח־אַבבאָט וואָס באַלעבאָטעוועט, דורך אַן הרשאה איבער דעם פרוכטבאַרן אַקערלאַנד . . . און א קאָמיסאר וועלכער פארנעמט א רייכן פּאָסטן אין א קאָמוניסטישן שטאָט זיינען אלע באזיצער פון אייגנטום״.1)

די ציטירטע מחברים גיבן אונדז א גאַנץ ברייטע, אפשר אביסל א צו־ברייטע, דעפיניציע פון אייגנטום. די דאָזיקע דעפיניציע דערציילט אונדז בלויז אויף וועלכע קאַטעגאָריעס פון קעגנשטאַנדן אדער מהות׳ן דאָס אייגנטום־רעכט איז חל, זי זאָגט אונדז אבער גאָרניט מכוח דעם אורשפּרונג פון אייגנטום. זי זאָגט אונדז וואָס אייגנטום איז, זי שווייגט אָבער מכוח דעם ווי אזוי אייגנטום איז געוואָרן דאָס וואָס זי איז.

מיר וועלן עס פּרובירן טאָן. אָבער אײדער מיר וועלן צוקומען צו דעם ענטפער אויף דער פראגע מכוח דעם אַפּשטאַם פון אייגנטום, וועלן מיר דארפן זיך פאַראַנדערקלייבן אין א פּאָר שכנ׳ישע פּראָבלעמען. מיר וועלן מוזן אָנרירן די פראגע מכוח די צווישן־פאַרהעלטעניש פון קלאַסן־צעטיילונג און דער דערשיינונג פון מאכט־אויטאָריטעט.

קלאַסן־דינסטינקציע און מאכט־אויטאָריטעט זיינען פון גלייכן עלטער. זיי ווערן געבוירן אויף איין מאָל, זיי לויפן ווי צוויי פּאַראַלעלע פעדים דורך דעם גאַנצן געוועב פון דער רעקאָרדירטער געשיכטע. דאָרטן

וואו מיר געפינען מאַכט, זיינען מיר זיכער צו געפינען א געזעלשאַפט וועלכע איז איינגעטיילט אין קלאַסן.

ראָבערט מיכעלס אין דער „ענציקלאָפעדיע פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן" שרייבט:

„אויטאָריטעט קען קיינמאָל ניט אויפקומען נאָר קען זי אויפבאַוואָרנט ווערן אָן דער עטאַבלירונג און אָפהיטונג פון א דיסטאַנץ צווישן די וועלכע באַפעלן און די וועלכע פאָלגן. די עכסט טיפישע אילוסטראַציע פון אַט־דער דיסטאַנץ קען מען געפינען אין דעם קאַסטעס־סיסטעם".2)

מיט אנדערע ווערטער, אויטאָריטעט קען זיך ניט האַלטן, קען ניט פונקציאָנירן אָן דעם אז מענטשן זאָלן זיין איינגעטיילט אין קלאַסן. מאַכט־אויטאָריטעט קען ניט האָבן קיין ממשות אָן דער אויפשטעלונג פון א מחיצה, וועלכע טיילט אָפּ איין קאַטעגאָריע מענטשן פון דער אנדערער. מחמת אין אויטאָריטעט אליין ליגט שוין א קלאַסן־צעטיילונג.

אַט־וואָס פּרודאָן האָט צו זאָגן וועגן דעם וויכטיקן ענין:

„די איינטיילונג פון פאָלק אין קלאַסן אָדער קאַסטעס, וועלכע זיינען אונטערוואָרפן איינער אונטער דעם אַנדערן און זיינען גראַדירט צו פאָרמירן א פּיראַמידע, אויף דעם שפּיץ פון וועלכער עס באַווייזט זיך, ווי די גאָטהייט אויפן מזבח, ווי דער קיניג אויפן טראָן, — אויטאָריטעט".3)

פון דער ציטאַטע קומט אויס אַז אויטאָריטעט זיצט אויף דעם שפּיץ פון דער סאָציאַלער פּיראַמידע. ד. ה. אז אויטאָריטעט איז דער פּאָליטישער אויסדרוק פון דער טיפערער סאָציאָלאָגישער דערשיינונג פון קלאַסן־צעטיילונג. אויב אזוי דאַרף קלאַסן־צעטיילונג האָבן די פּריאָריטעט, און פון ערשטן בליק זעט די זאַך אויס צו זיין אזוי. אבער בלויז פון ערשטן בליק. לאחר עיון קומט אויס פאַרקערט, אז מאכט האלט די פּריאָריטעט איבער דער קלאַסן־צעטיילונג.

ווען מיר שטעלן די פראַגע: וואָס איז די אורזאך און וואָס איז די פאָלגע, איז קלאַסן־צעטיילונג דער גורם פון מאכט־אויטאָריטעט, אדער, פאַרקערט, מאכט־אויטאָריטעט איז דער קוואַל פון וועלכן עס פליסט ארויס די קלאַסן־צעטיילונג? איז עס ניט לייכט צו ענטפערן מיט זיכערקייט און פּינקטלעכקייט. בכלל דער ענין פון אורשפּרונג איז אלע מאָל א שווערע הלכתא. דער בראשית פון דערשיינונגען איז פאַרוויקלט אין נעפּלען. אבער מיר וועלן זיך באַמיען צו ענטפערן די פראַגע און פעסטצושטעלן אונדזער טעזיס אז אויטאָריטעט, אז מאכט, איז דער שורש פון קלאַסן־צעטיילונג. באמת, צו באַגרינדן אונדזער באַהויפּטונג וועט זיך פאָדערן א היבש ביסל ארבעט פון א ספּעקולאַטיוון כאַראַקטער

ווי אויך דאָס ברענגען פון א היפּשער צאָל פון פּרעהיסטאָרישע און אַנ־טראָפּאָלאָגישע דאַטן.

אָן חקירות און מיט אייזערנער זיכערקייט וועלן מיר לעת־עתה באַהויפּטן, און דאָס קען יעדערער באַשטעטיקן, אז מאכט־אויטאָריטעט און קלאַסן־צעטיילונג עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט זאלבענאנד. דאָס איז א היסטאָרישער פּאַקט וועלכן מ׳קען ניט אָפּפרעגן. אָט די זאלבע־נאַנדקייט מיינט פּאַראַלעליזם. אָט־דעם פּאַראַלעליזם פון מאכט־אויטאָ־ריטעט און קלאַסן־צעטיילונג קען מען לייכט נאָכשפּירן אומעטום איבערן גאַנצן שטח פון סאָציאַלע פּאַרהעלטענישן.

וואָס מיין איך צו זאָגן מיטן וואָרט פּאַראַלעליזם? איך מיין פּשוט אז לעת־עתה וועלן מיר זיך צוריקהאַלטן פון אָנדייטן וועלכע פון די צוויי איז די „פּאַרזאַך" און ווער די „נאָכזאַך", וואָס איז די סיבה און וואָס איז דער מסובב. מיר וועלן זיך באַגענוגענען מיט דעם אָנצייג, — וואָס וועט אונדז דינען אלס אן אריינפיר צו דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער טעמע און דעם פּאַנאַנדערשפּרייט פון אונדזער ארגומענטאַציע לטובת דעם טעזיס אז מאכט איז דער אב און קלאַסן־צעטיילונג די תולדה — אז די צוויי זיינען אַ באַשערטער זיווג, אומצעשיידבאר פּאָרל אין סאָציאַלן לעבן.

לודוויג גומפּלאָוויטש אין זיין ווערק „אָן ארומצייכן פון סאָציאָלאָגיע" שרייבט אזוי וועגן פּאַראַלעליזם:

„אָבער פּאַקטיש געפינט זיך עפּעס פונדאַמענטאַלעס אין תוך פון אלע דידאַזיקע ענלעכקייטן, וועלכע מיר שיקן אָפּ ציטווייליק צו דעם געזעץ פון פּאַראַלעליזם, מחמת מיר ווייסן ניט מער גענוי וואָס דאָס איז."4)

אין דעם געגעבענעם פּאַל פון פעסטשטעלן די פּאַרהעלטענישן וועלכע עקזיסטירן צווישן אויטאָריטעט און קלאַסן־צעטיילונג הייבן מיר אָן מיטן פּאַראַלעליזם, מיט דער באַהויפּטונג אז אָט די צוויי מהות׳ן דרינגען אדורך דעם גאַנצן סאָציאַלן געוועב. אָט־די באַהויפּטונג גע־ברויכן מיר בלויז אלס דעם אריינהאַקנדיקן קלין, וועלכער וועט אונדז העלפן צו צעשפּאַלטן די קלאָץ־פּראַגע.

איך באַהויפּט אז פּאָליטישע מאכט איז דער וואָרצל פון דעם בוים פון קלאַסן־צעצווייגונג.

אונטער דעם טערמין „פּאָליטישע מאכט" פּארשטיי איך דאָ ניט דעם אָרגאַניזירטן, רעגולירטן סאָרט פון צוואנג, וועלכער פּאַרפאָלגט זיינע דעפיניטיווע צוועקן, נייערט פּשוטע און פּראָסטע גוואַלדטאַט, רויע און גראָבע נויטונג, צווינגונג. מיט אנדערע ווערטער, אונטער „פּאָליטישע

מאַכט" פאַרשטיי איך דאָ די ווילקירלעכע טיראַניי, וועלכע ווערט אויס־געאיבט פון איין פּערזאָן, פון א יחיד אָדער פון א הייפעלע יחידים, איבער דעם כלל, איבער דעם ציבור.

פּרודאָן שרייבט:

„גערעכטיקייט, ווי אָרדענונג, הויבט זיך אָן מיט כוח . . . דאָס ווערט גיכער אַרויפגעצוואונגען ווי דערקלערט."5)

סיי די אַזוי גערופענע גערעכטיקייט און סיי די אַזוי גערופענע אָרדענונג זיינען ניט מעגלעך אָן דער עקזיסטענץ פון א פּאָליטישער מאַכט. און אויב גערעכטיקייט האַלט זיך אויף כוח, אויף שטאַרקייט, א פּשיטא שוין מאַכט, פּאָליטישע אויטאָריטעט און קלאַסן־צעטיילונג.

קלאַסן־צעטיילונג ווערט געבוירן דורך געוואַלדטאַט, וואָס מיינט א שפע, אָן איבערשוס פון ברוטאַלער, פיזישער קראַפט, וועלכע האָט גע־שפּילט אין די גאָר־פּרימיטיווע צייטן די ערשטע און לעצטע ראָלע אין דעם דורכפיר פון אַלע סאָציאַלע אַקציעס. פיזישער כוח איז דער שלייף אין דער פאַרקניפּונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

ה. קאַריי אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאַלער וויסנשאַפט" שרייבט:

„אין די פריע פּעריאָדן פון דער געזעלשאַפט האָט מוסקולאַר גבורה געהאַט די ערשטע פּרעטענזיע צו אויסגעצייכנטקייט."6)

אויף אָט־דער אויסגעצייכנטקייט פון די „ידיים", פון פּשוטן כוח האָט זיך אויפגעריכט די קלאַסן־אונטערשיידונג.

מיר באַצייכענען מיטן וואָרט „קלאַס" א גרופּע פון אינדיווידן, וועלכע האַלטן זיך באַוואוסטזיניק, מיט א כיוון, צוזאַמען ווי פּאַר דעפענסיווע אַזוי אויך פאַר אָפענסיווע אַקציעס און ווערן, דערצו נאָך, מערקעווודיק אָפּגעצייכנט פון דער איבעריקער באַפעלקערונג דורך זייער לעבנס־שטייגער, פּיר, מאַניערן און עטיקעט, און וואָס איז דאָס וויכטיקסטע, פאַרנעמען א ספּעציעלע, גינציקע אָדער אומגינציקע, פּאָזיציע אין דער פּראָדוקציע און דיסטריבוציע.

אין דעם פאַל, ווען דער „קלאַס" ווערט גענומען אין אַזאַ הויך־אַנטוויקלטער פאָרם, קען ער ניט עקזיסטירן, זיך באַהויפּטן און זיך באַשטימען אָן א לעגאַלער מאַכט, וועלכע פונקציאָנירט ווי געהעריק און איז טיף איינגעוואָרצלט אין געזעלשאַפט־באָדן. דאָס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, כמעט אַקסיאָמאַטיש.

אָבער אפילו ווען אונטער דעם וואָרט „קלאַס" פאַרשטייען מיר בלויז אַן אייגנטום־דיפערענציאַציע, א באַגינערישע אומגלייכהייט, וועלכע

דריקט זיך אויס אין דעם באַזיץ פון לאַנד און מטלטלים, אויך אין דעם דאָזיקן פאַל פון רודימענטאַרער עקזיסטענץ שיינט מיר, אַז די קלאַסן־דיסטינקציע פאָלגט נאָך מאכט־אויטאָריטעט. הגם איך זאָג ניט אַז די קלאַסן־צעטיילונג איז אַן אָפּליטונג פון מאַכט. קלאַסן־דיסטינקציע באַווייזט זיך ערשט נאָך דעם ווי די פיזיאָלאָגישע און האַלב־פּסיכאָלאָגישע דיפערענציאַציעס האָבן זיך, אין אַ געוויסער פאָלקייט און אין משך פון אַ באַשטימטן צייט־פּעריאָד, אַרויסגעצייגט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. בקיצור, „קלאַס" אַלס אַ ׳פּאָליטישער׳ קאָנצעפּט איז קודם אין צייט צו דעם ׳קלאַס׳ פאַרשטאַנען אַלס אַן עקאָנאָמישע השגה. און דאָס איז גאָר קיין חידוש ניט. הגם לכאורה קען זיך אויסדוכטן אַז אָט־די באַהויפּטונג שטויסט זיך צוזאַמען מיט די אָנשויאונגען פון די באַגרינדער פון דער אַזוי־גערופענער „מאַטעריאַליסטישער אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטע". דער אויסדוכט וועט זיך נעמען פון דעם וואָס געוויינטלעך רעכנט זיך אַז עקאָנאָמיק איז מער מאַטעריעל ווי פּאָליטיק, וועלכע איז כלומרשט מער רוחניות׳דיק. דער אויסדוכט וועט פאַרשווינדן ווי נאָר עס וועט קלאָר ווערן אַז אונטער ׳פּאָליטיק׳ פאַרשטייען מיר דאַ אַזאַ ׳מאַטעריע׳ ווי פיזישע קראַפט, ווי פיזיאָלאָגישע ענערגיע. און ווער קען עס צווייפלען אין דעם פאַקט, אַז דער פיזיאָלאָגישער עלעמענט גייט פאָרויס דעם עקאָנאָמישן, צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס דער ערשטער באַשטייט זיכער פון אַ מער מאַטעריעלער מאַטעריע ווי דער לעצטער, וועלכער איז אַ פּראָדוקטיווער כוח.

בכלל באַצייכנט דער טערמין ׳מאַטעריאַליזם׳ אין דער קאָמבינאַציע פון ווערטער ווי דהיינו, ׳עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם׳, אָדער ׳מאַטעריאַליסטישע אויסטייטשונג פון געשיכטע׳ אַ מאַטעריאַליזם פון אַ זייער אויסגעאיידלטן מין.

אַ. פּרעד באַוק שרייבט:

„מיר קענען זאָגן: ענגלאַנד איז די וויגעלע פון מאַטעריאַליזם ווי אַ מעטאַפיזיקער פאַרשטייט דעם־דאָזיקן טערמין. פון דאָרטן איז דער מאַטעריאַליזם אַוועק קיין פראַנקרייך . . . די שריפטן פון קאַבאַניס און דידערא און העלוועציוס האָבן באַקאַנט געמאַכט דעם ברייטן עולם מיט דער מאַטעריאַליסטישער לעבן־אָפּשאַצונג. דער באַראָן ד׳האָלבאַך האָט אויך צוגעטראָגן זיין חלק. אָבער דער מאַטעריאַליזם פון אָט־דעם טיפּ איז געווען צו מעכאַניסטיש אַז ער זאָל קענען אויסנעמען ביי מאַרקסן."(7)

מיט וואָס פאַר אַ ביטול מאַרקס רעדט עס מכוח אָט דעם אמתן מאַטעריאַליזם. אָט ווי ער דריקט זיך אויס:

„די דאָקטרין פון דעם פראַנצויזישן מאַטעריאַליזם שאַפט דעם אויס־גאַנגפּונקט פאַר פוריען. די נאָכפאָלגער פון באַביופן זיינען געווען גראָדע אומציוויליזירטע מאַטעריאַליסטן.״ 8)

דעם 'עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם' פון מאַרקסן וואָלט זיך גיכער פּאַסן אָנצורופן 'עקאָנאָמישער ענערגעטיזם', באַשר ער באַהויפּט, אַז די פּראָדוקטיווע כּוחות און אַגענטורן, וועלכע האַלטן אין איין שטענדיקן פליסן, גאַנץ אָפט בייטנדיק זייער קורס, כּסדר דורכמאַכנדיק ענדערונגען, אַז זיי זיינען עס די וועלכע שפּילן די ערשטע פידל אין געזעלשאַפטלעכן אָרקעסטער. ניט די אביעקטן וועלכע זיינען שוין פּראָדוצירט געוואָרן און אויך ניט די מאַשינעריע און קאַפּיטאַל, וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך די פאַרקערפּערונג און קריסטאַליזאַציע פון אַרבעט־פּראָצעסן, נאָר דווקא די פּראָדוקציע־ענערגיעס באַשטימען דעם גאַנג און אינהאַלט פון דער מענטשהייט געשיכטע. און אַזוי האָט טאַקע מאַרטאָוו אָנגערופן אָט דעם ביסל מאָדנעם מאַטעריאַליזם.

א ריינער באמת עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם, אין אונטערשייד פון דעם עקאָנאָמישן ענערגעטיזם פון מאַרקסן, ווערט אַנטוויקלט אין די באַהויפּטונגען פון האַרינגטאָן (1611־1677).

ריטשאַרד הילדרעטה אין זיין ווערק „די טעאָריע פון פּאָליטיק״ שרייבט:

„דער שאַרפזיניקער האַרינגטאָן האָט געהאַלטן אין זיין 'אָקעאַנאַ', אַז רייכטום איז דער איינציקער יושר'דיקער און פאַרלעסלעכער באַזיס פון מאַכט״.9)

אָט וואָס דזשיימס האַרינגטאָן שרייבט אין זיין ווערק „אָקעאַנאַ״:

„היימישע הערשאַפט איז באַגרינדעט אויף באַזיצטום. באַזיצטום איז אייגנטום.״10)

„דער וואָס נויטיקט זיך אין ברויט איז דער דינער פון דעם וועל־כער שפּייזט אים און אויב א פּערזאָן שפּייזט א גאַנצן פאָלק, געפינען זיי זיך אונטער זיין הערשאַפט...

לענדער, אָדער טיילן און שטיקלעך פון א טעריטאָריע, זיינען דער באַזיץ פון איין אייגנטימער אָדער פון פילע אייגנטימער, פּריץ אָדער פּריצים פון דעם, אין וועלכער עס איז פּראָפּאָרציע; און אַזוי... ווי עס איז איינגעטיילט די פּראָפּאָרציע אָדער דער באַלאַנץ פון באַזיצטום אָדער אייגנטום פון לאַנד, אַזוי איז דער כאַראַקטער פון דער אימפּעריע. ווען איין פּערזאָן איז דער איינציקער גוטבעזיצער פון א טעריטאָריע אָדער ער וועגט אַריבער דעם גאַנצן פאָלק, למשל, דריי פערטל פון פיר, דע־מאָלט איז ער דער גרויסער סעניאָר; מחמת אַזוי איז דער טערק,

וועלכער רופט זיך נאָך זיין אייגנטום און זיין אימפעריע איז א מאָנאַרכיע. ווען עטלעכע אדער אן אידלשטאַנד . . . זיינען די בעלי־בתים אדער זיי וועגן אריבער דעם פאָלק אין דער ענלעכער פּראָפּאָרציע, דעמאָלט באַקומט זיך א גאָטהישער באַלאַנץ . . . און די אימפעריע איז דעמאָלט א געמישטע מאָנאַרכיע, ווי די יעניקע וואָס אין שפּאַניען, פּוילן. און ווען דאָס גאַנצע פאָלק זיינען גוטבאַזיצער אדער ווען זיי האָבן דאָס לאַנד אַזוי איינגעטיילט צווישן זיך אז קיין איינציקע פּערזאָן אדער א צאָל פּערזאָנען, וועלכע געפינען זיך אין קרייז פון די ווייניקע אדער אריסטאָקראַטיע, זאָלן קענען זיי אריבערוועגן, דענסטמאָל וועט די אימ־פּעריע זיין א רעפּובליק".11)

„עס פאָדערט זיך אז זי (די אימפעריע) זאָל האָבן א געוויסן שורש אדער אָנהאַלט, וועלכן מחוץ פון לאַנד קען זי ניט פאַרמאָגן, אניט וועט זי זיין עפּעס ווי אויף פליגלען.

פונדעסטוועגן אין אזעלכע שטעט וועלכע לעבן אויף מסחר און באַזיצן ווייניק לאַנד אדער גאָר קיין לאַנד ניט, ווי האָלאַנד און גענוא, איז דער באַלאַנץ פון שאַץ גלייך צו דעם פון לאַנד אין די דערמאָנטע פאַלן".12)

„אן ארמיי איז א בעל־חי וואָס האָט א גרויסן בויך און מ׳מוז עס נערן: אזוי ארום וועט זיך עס וענדן אן דעם וויפיל פּאַשע־פּלעצער איר פאַרמאָגט, און די פּאַשע־פּלעצער וועלן זיך ווענדן אָן דעם באַלאַנץ פון אייגנטום, אָן וועלכן דער קהל׳שער שווערד איז בלויז א נאָמען אדער מער ניט ווי א הילצערנער שווערדל".13)

אָט־די אויפפאַסונגען זיינען טאַקע באמת עקאָנאָמיש מאַטעריאַליס־טיש. אבער זיי זיינען שוין אביסל צו ׳עקאָנאָמיש׳, צו גראָב און צו נאַאיוו.

ווען איינער שפּייזט דעם צווייטן, וועלכער האָט נעבאך ניט קיין לחם לאכול ובגד ללבוש, איז דער צווייטער גרייט צו באַדינען דעם ערשטן, אזוי פאַרזיכערט אונדז האַרינגטאָן. און דאָס לייגט זיך אויפן שכל. אבער דאָ פרעגט זיך: פאַרוואָס זאָל דער צווייטער ניט גיין און צונעמען דאָס ברויט ביי דעם ערשטן? מעגלעך אז זיי זיינען ביידע גלייך שטאַרק. אבער ווי אזוי קען מען זיך פאָרשטעלן אז איינער זאָל שפּייזן א גאַנצן פאָלק. וואו האָט ער גענומען אזויפיל שפּייז? און אויב ער האָט שוין יע אזויפיל שפּייז, ווי אזוי שיקט זיך עס אז די פילע, דאָס גאַנצע פאָלק, זאָלן ניט קומען צו דעם יחיד און צונעמען ביי אים די שפּייז, זיין אייגנטום, און ער וואָלט ווערן אויס הערשער. בנוגע די מאָנאַרכיעס און די רעפּובליקן און האַרינגטאָנס דערקלערונג אז דאָרטן

וואו עס איז דאָ אײן אייגנטימער, הערשט דער פּרינציפּ פון מאָנאַרכיע, דאָרטן וואו אלע זיינען אייגנטימער, געפינען מיר רעפּובליקן — מאכט ער בלויז איין טעות, ער דרייט איבער די יוצרות. דער הערשער דער־קלערט זיך פאַר דעם אייגנטימער פון לאַנד און ניט פאַרקערט אז דער אייגנטימער פון א גאַנצן לאַנד ווערט פּראָקלאַמירט פאַר דעם הערשער. אזויפיל אייגנטום האָט קיינער ניט געקענט אָנקלייבן מיט ריינע עקאָנאָ־מישע מיטלען. די פּריצים וועלכע האָבן פאַרמאָגט פילע גיטער האָבן זיך איינגעשאַפט זייערע נחלאות ניט דורך עקאָנאָמישע דרכים, נייערט דורך פּאָליטישע אַקציעס, ווי מלחמות, ראַבירעריי, קאָנפיסקאַציעס.

אבער מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט דעם 'אָפּפרעגן דעם לייב נאָכן טויט', ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס. מיר ווילן בלויז באַמערקן, אז האַרינגטאָנס שטאַנדפּונקט איז באמת אן עקאָנאָמיש מאַטע־ריאַליסטישער, אדער אזוי צו זאָגן א 'קאַפּיטאַליסטישער'. ער באַגרינדעט מאכט אויף דעם יסוד פון אייגנטום. מאַרקס אָבער האַלט מער פון אַרבעט ווי פון קאַפּיטאַל. לויט מאַרקסן שטייט פּראָדוצירנדיקע ענערגיע פיל העכער פון דער שוין פּראָדוצירטער מאַטעריע, פּראַצע איז וויכטיקער פון קאַפּיטאַל, איז וואָס פאַר א 'מאַטעריאַליזם' איז עס?!

פ. ענגעלס באַשרייבט זיין מיט מאַרקסן בשותפות'דיקע, וועלט־אָנשויאונג:

„איך געברויך, אין ענגליש אזוי גוט ווי אין וויניקע אנדערע שפּראַכן, דעם טערמין 'היסטאָרישער מאַטעריאַליזם' צו באַצייכענען מיט אים אַט־דעם בליק אויף דעם געשיכטע־גאַנג, וועלכער זוכט די ענדגיל־טיקע אורזאַך און די גרויסע טרייבקראַפט פון אלע וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען אין דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, אין די ענדערונגען פון פּראָדוקציע־ און אויסטויש־מאָדוסן אין דער נאָכפאָלגנדיקער צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין באַזונדערע מערק־עוודיקע קלאַסן און אין דעם קאַמף וואָס די קלאַסן פירן איינער קעגן אַנדערן".14)

„דעמאָלט האָט מען דערזען, אז די גאַנצע פאַרגאַנגענע געשיכטע, מיט דעם אויסנאַם פון אירע פּרימיטיווע שטופן, איז געווען די געשיכטע פון קלאַסן־געראַנגל; אז די דאָזיקע זיך־קריגנדיקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט זיינען שטענדיק די פּראָדוקטן פון פּראָדוקציע און אויסטויש מאָדוסן. מיט איין וואָרט, פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון זייער צייט; אז די עקאָנאָמישע געזעלשאַפט־סטרוקטור שטעלט אלעמאָל צו די ווירק־לעכע באַזע, אָנהויבנדיק פון וועלכער מיר קענען אויסאַרבעטן די אולטי־מאַטיווע דערקלערונג פון דעם גאַנצן אויבער־בנין פון יורידישע פּאָלי־

טישע אינסטיטוציעס אזוי אויך ווי פון די רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און אנדערע אידייען פון דעם געגעבענעם היסטאָרישן פעריאָד״.15)

„אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע שאַפט דער הערשנדיקער עקאָנאָמישער פּראָדוקציע און אויסטויש מאָדוס, און די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע וועלכע פאָלגט פון דעם נויטוועגדיקערווייז ארויס, די באַזע אויף וועלכער עס ווערט אויפגעריכט און פון וועלכער אליין עס קען ווערן דערקלערט די פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע געשיכטע פון דער עפּאָכע״.16)

די סאַמע אידייען אייערע זיינען בלויז אַן ארויסוואוקס פון די באַדינגונגען פון אייער בורזשואַזער פּראָדוקציע און בורזשואַזן אייגנטום, פּונקט אזוי ווי אייער יוריספּרודענץ איז בלויז דער ווילן פון אייער קלאַס וועלכער ווערט געזעץ פאַר אלעמען, א ווילן וועמענס וועזנטלעכער כאַראַקטער און ריכטונג ווערן באַשטימט פון די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ באַדינגונגען.״17)

„איצטער איז פאַרגעלייגט געוואָרן א מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג און עס איז געפונען געוואָרן דער וועג ווי אזוי צו דערקלערן דעם מענטשנס באַוואוסטזיין דורך זיין זיין אנשטאַט וואָס ביז אהער פלעגט זיין זיין דערקלערט ווערן דורך זיין באַוואוסטזיין״.18)

ביז איצט האָט אלץ גערעדט ענגעלס אדער מארקס מיט ענגעלסן, מיר וועלן געבן דאָס וואָרט מארקסן אליין און הערן וואָס האָט ער צו זאָגן וועגן זיין מאַטעריאַליזם.

אין זיין ווערק „ארימקייט פון פילאָזאָפיע״ שרייבט ער:

„סאָציאַלע פאַרהעלטנישן זיינען ענג איבערגעפלאָכטן מיט די פּראָדוקציע־כוחות. ווען מענטשן דערווערבן זיך נייע פּראָדוקציע־כוחות, בייטן זיי דעם פּראָדוקציע־מעטאָד און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענדערונג פון פּראָדוקציע־מעטאָד, מיט דער ענדערונג אין דעם שטייגער פון זייער היונה־ציאונג, קומט פאַר אויך אַן ענדערונג אין זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. דער האַנט־וואָרשטאַט גיט אונדז א געזעלשאַפט מיט פעאָדאַלע פּריצים; די דאַמף־קראַפט פאַבריק גיט אונדז א געזעלשאַפט מיט אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן. אָבער די אייגענע פּערזאָנען וועלכע געשטאַלטיקן די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין הסכם מיט די הערשענדיקע מאַטעריעלע פּראָדוקציע־מעטאָדן, מאָדעלירן אויך די פּרינציפּן, אידייען, קאַטעגאָריעס אין איינשטימונג מיט די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אזוי ארום זעען מיר איין, אז אָט־די אידייען, אָט־די קאַטעגאָריעס, זיינען ניט מער אייביק ווי די באַדינגונגען, די

פאַרהעלטעניש, וועלכע זיי דריקן אויס. זיי זיינען היסטאָרישע, איבער־גענגלעכע „וויברח״־פּראָדוקטן״.19)

„זיך צו דערקונדיקן וואָס זיינען געווען די באַזונדערע הצטרכות׳ן אין דעם יאָרהונדערט מיט וועלכן מיר פאַרנעמען זיך, ווי זיינען געשטאַנען די פּראָדוקטיווע כוחות אין יענער צייט, די פּראָדוקציע־אופנים און די רויע מאַטעריאַלן אין אַלגעמיינעם געברויך; ווי, לסוף, זיינען געווען די פאַרהעלטענישן צווישן מענטש און מענטש, וועלכע זיינען אַ פּועל־יוצא פון די אויבן־דערמאָנטע עקזיסטענץ־באַדינגונגען. וואָס מיינט דער שטודיום פון די אַלע פראַגן אויב ניט צו שרייבן די ווירקלעכע און טאָגטעגלעכע געשיכטע פון פאָלק אין יעדן יאָרהונדערט, צו באַשרייבן די מענטשן אַלס די מחברים און, צו דער זעלביקער צייט, אַקטיאָרן פון זייער אייגענער דראַמע״.20)

מיר וועלן געבן נאָך אַמאָל דאָס וואָרט ענגעלסן: ווייל אין אָט־דער נאָכפאָלגנדיקער ציטאַטע איז ער אויסגעשפּראָכענער ווי אין די פריער־דיקע.

„די פּראָדוקציע פון די אוממיטלבאַר נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען פון עקזיסטענץ און מיט דעם אויפאַמאָל די ממשות׳דיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג־פאַזע פון אַ נאַציאָן אָדער אַן עפּאָכע לייגט אוועק דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן די מלוכה־אינסטיטוציעס, דער יורידישער בליק, די אַרטיסטישע און אפילו רעליגיעזע אידייען פון די געגעבענע מענטשן, זיינען אויפגעבויט. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אָט־די לעצטע ווערן דער־קלערט דורך די ערשטע, בשעת געוויינטלעך איז געווען אָנגענומען צו דערקלערן די ערשטע אַלס אַזעלכע, וואָס קומען אַרויס פון די לעצטע״.21)

ענריקאָ פערי אין זיין ווערק „סאָציאַליזם און די מאָדערנע וויסנ־שאַפט״ שרייבט:

„די אידייע וועלכע מאַרקס האָט אויסגעדריקט אַזוי לאַנג צוריק ווי 1859 אין זיין ׳קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע׳, אַז די עקאָנאָמישע דערשיינונגען שטעלן צוזאַמען דעם פונדאַמענט און די באַשטימענדיקע באַדינגונג פון אַלע אַנדערע מענטשלעכע אָדער געזעלשאַפטלעכע מאַני־פעסטאַציעס און אַז, פּאָלגלעך, עטיק, געזעץ און פּאָליטיק זיינען בלויז אָפּגעלייטעטע (דעריוואַטיווע) דערשיינונגען, וועלכע ווערן באַשטימט פון דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר״.22)

ביז אַהער האָבן מיר „געגעבן אַ געלעגנהייט״ זיך אַרויסצוזאָגן וועגן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם אָדער מאַרקסן בכבודו בעצמו אָדער ענגעלסן זיין נושא־כלים אָדער זיינע נאָכפאָלגער. איצטער וועלן מיר אויסהערן

א מילדן אָפּאָנענט אָבער א גרויסן בר־סמכא אין הלכות פילאָזאָפיע און דאָס איז ניט קיין אנדערער ווי בערטראַנד ראָסל:

„דער מאַטעריאַליזם פון מאַרקסן איז פון א באַזונדער מין, בשום אופן ניט אידענטיש מיט דעם מאַטעריאַליזם פון 18טן יאָרהונדערט, ווען ער רעדט מכוח דער 'מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון געשיכטע' איז ער קיינמאָל ניט אויסן דעם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, נייערט בלויז די עקאָנאָמישע פאַראורזאַכונג פון סאָציאַלע דערשיינונגען".23

„וואָס איז אַזוינס די טעאָריע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם? דאָס איז א לערע, וועלכע פאַרמאָגט פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן . . . דער מאַטעריאַליזם זיין מעטאַפיזיק ווערט איבערגעזעצט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכע אַנגעלעגענהייטן, אין א לערע, אַז די ערשטע אורזאַך פון אַלע סאָציאַלע דערשיינונגען איז דער פּראָדוקציע און אויסטויש מעטאָד, וועלכער איז אָנגענומען אין א באַשטימטן פּעריאָד".24

מיר וועלן זיך לאַנג ניט אָפּשטעלן אויף דעם עצם געדאַנק פון מאַרקסן, אונטערזוכן אים צי ער איז ריכטיק. דערוויַיל אינטערעסירט אונדז איין פּרט פון דער לערע און דאָס איז אַז דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם איז ניט קיין מאַטעריאַליזם אין פשוטן פשט פון וואָרט און אַז, להיפּך, אונדזער דערקלערונג פון דער געזעלשאַפט־אַנטוויקלונג און קלאַסן־אַרויסוויקל אַנטהאַלט אין זיך פיל מער באמת מאַטעריאַליסטישע עלעמענטן.

איז עס ניט אַקסיאָמאַטיש, אַז די „יד־חזקה", די מוסקולאַרע פיזיאָלאָגישע ענערגיע־קראַפט איז מער א שטיק מאַטעריע איידער די טשיקאַווע, כמעט 'מיסטישע', פּראָדוקטיווע כוחות און זייערע שטענדיקע אָפּשפּיגלונגען, די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן וועגן וועלכע דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם רעדט מיט אַזא גוסט און חשק.

מיר באַהויפּטן אַז מאכט, פשוט, שטאַרקייט, גבורה האַלט די פּריאָריטעט אין סאָציאַלן גענעזיס. מאכט איז דער „אלהים" פון דעם געזעלשאַפטלעכן מעשה בראשית. מאכט איז די אַרויסרופערין פון קלאַסן־צעטיילונג און ניט פאַרקערט, ווי עס באַהויפּטן די מאַרקסיסטן, אַז צוליב דער קלאַסן־צעטיילונג איז מאכט געשאַפן געוואָרן. און איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן אויבן ניט דערקלערט כאָטשבי אַרויסגעזאָגט אונדזער שטאַנדפּונקט, וועלן מיר מאַכן א טריט נענטער צו דער דערקלערונג פון אייגנטום־אָפּשטאַם. בכדי עס צו טאָן דאַרפן מיר, גלייך פון אָנהייב, קלאָר מאַכן די שייכות'ן וועלכע עקזיסטירן צווישן דער קלאַסן־צעטיילונג און באַזיץ, אייגנטום. ווי נאָר מיר ווערן פאַרטיק מיט אָט־דעם פּונקט וועלן מיר גיין ווייטער און צוקומען צו דעם עצם ענין פון אייגנטום־אויפקום.

עס איז קיין צווייפל ניט, — איך מיין דאָס פליסט ארויס פון דער עצם דעפיניציע, פון די טערמינען און די דערשיינונגען וועלכע זיי באַצייכענען, אז קלאַסן־צעטיילונג, פארשטאַנען אלס א באַזיצטימלעכע אומגלייכהייט, איז אומדענקבאר און אומפאַרשטעלבאר אָן דער פאררעמדיקער עקזיסטענץ פון פאסעסיע אלס אן אינסטיטוציע.

אָבער וואָס איז אזוינס פאַסעסיע, באזיצטום, אין פראָסט אידיש די עקאָנאָמישע תפילה פון ׳האוחז ביד׳?

פאַסעסיע איז אן אופן פון אייגנטום אדער טאָקע אייגנטום אליין. פרודאָן שרייבט:

„עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מינים אייגנטום: 1. אייגנטום פשוט און איינפאך, די הערשנדיקע און אויבערגעוועלטנדיקע מאכט איבער א קעגנשטאַנד; אָדער ווי זיי באַצייכענען עס, נאַקעטער אייגנטום. 2. פאַסעסיע. ׳באַזיצטום׳, זאָגט דוראַנטאָן, ׳איז אן ענין פון פאַקט, ניט פון רעכט׳. טוליער: ׳אייגנטום איז רעכט, א לעגאַלע מאכט; באזיצטום איז א פאקט׳. אויב איך מעג געברויכן א פאַרגלייכעניש: א ליבהאָבער איז א באַזיצער, א מאַן איז אן אייגנטימער״.25)

וו. וו. קוק שרייבט:

„אין אלע רעכט סיסטעמען מאכט מען א חילוק צווישן אייגנטום און באַזיצטום. געוויינטלעך זאָגט מען, אז דער ערשטער איז א רעכט־פאַרהעלטעניש, דער צווייטער א פאַקט־פאַרהעלטעניש. קיין באַהויפּטונג קען ניט זיין מער פארפירעריש, וויפל גלויבווערדיקייט די באהויפּטונג פארמאָגט נעמט זי עס, ווי עס ווייזט אויס, פון דעם פאַקט, וואָס באַזיצטום איז א טערמין, וועלכער ווערט גענומען פון טאָגטעגלעכן שפּראַך־געברויך, אין וועלכן באַזיצטום ווערט געוויינטלעך גענוצט אלס א סינאָנים פאר פיזישער שמירה. אייגנטום, פון דער צווייטער זייט, האָט תמיד א לעגאלע קאָננאָטאַציע. אפילו יוריסטן און לעגאַליסטן זיינען גענויגט צונויפצומישן באזיצטום ווי ער ווערט געברויכט אין דער טאָגטעגלעכער שפּראַך מיט דעם זעלביקן וואָרט אלס א טעכנישן רעכט־טערמין״.26)

וואָס איז אייגנטום יורידיש פארטייטשט?

וו. קאַטהערין שרייבט:

„דער פראַנצויזישער ציוויל־קאָדעקס (549) דעפינירט אייגנטום אלס ׳דאָס רעכט צו געברויכן און איבערגעבן א ממשות׳דיקע זאַך׳. דער קאָדעקס פון דער דייטשער אימפעריע (903) זאָגט: ׳דער אייגנטימער פון א זאַך מעג עס נוצן ווי ער וויל און אויסשליסן פון איר יעדן דרויסנדיקן אריינמיש אזוי לאַנג ווי דער געזעץ אדער די רעכט פון אנדערע איז ניט פאַרגוואַלדיקט׳.

און ביי בלאַקסטאָון (Comm. I, 138) לייענען מיר, אַז דאָס רעכט פון אייגנטום באַשטייט אין דעם פרייען געברויך, הנאה האָבן און איבערגעב פון אַלע אַנאייגענונגען (אַקוויזיציעס), אָן קאָנטראָל אָדער מינדערונג, סיידן זיי קומען פון דעם לאַנד־געזעץ״.27)

איצט וועלן מיר זיך דערלויבן צו פרעגן אַ שטיקל פראַגע: קען אייגנטום אָדער באַזיצטום אַנטעדאַטירן, זיין אַ מוקדם אין צייט, מאַכט־אויטאָריטעט אָדער שטאַרקייט־אויטאָריטעט איז קודם, אין צייט פון אור־שפּרונג, צו אייגנטום און באַזיצטום? און בכדי אונדז זאָל זיין גרינגער צו ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע וועלן מיר זיך שטעלן נאָך אַ פראַגע: אויף וועלכן יסוד האַלט זיך די גאָר ערשטע פאָרמע פון אייגנטום?

דער ענטפער ליגט פון אויבנאויף. באַזיצטום און אייגנטום האַלטן זיך לכתחילה אויף חזקה, אויף דעם נעם, כאַפּ, פאַנג. אָקופּאַציע איז די אַלער־ערשטע סאַנקציע און קאָנסטיטוציע פון באַזיצטום און אייגנטום.

טולי שרייבט:

„קיין זאַך איז ניט פּריוואַט פון נאַטור, סיידן עס ווערט אַזוי געמאַכט אָדער דורך פאַרצייטיקער פאָסעסיע, ווי עס ווערט אַפּראָפּריאירט (צוגע־אייגנט) פון דעם ערשטן אָקופּאַנט (פאַרנעמער), אָדער דורך עראָבערונג אויף דעם וואָפן־רעכט; אָדער, אויב ניט אַזוי, דורך געזעץ, אָפּמאַך, אָדער גורל־וואָרפן״.28)

אויף וועלכע קעגנשטאַנדן איז דאָס אייגנטום־רעכט אָדער באַזיצטום־רעכט חל אין זיינע גאָר־פאַרצייטיקע פאָרמעס?

מיר וועלן דאָ אָנווענדן דעם מעטאָד פון אויסשליסן, דעם מעטאָד וועלכן דזשאָן סטוּאַרט מיל האָט אַזוי גרינטלעך באַאַרבעט, און וועלכן יהושע האָט געברויכט בשעת׳ן אויסגעפינען דעם שולדיקן עכן. דער מעטאָד איז עלימינאַציע, באַזייטיקונג. מיר גייען פון קעגנשטאַנד צו קעגנשטאַנד און מיר אונטערזוכן זיי און זעען צי מיט זיי האָט די אייגנטום־פּראַקטיק און דער אייגנטום־באַגריף זיך געקענט אָנהייבן, ביז מיר קומען צו דעם געזוכטן אָביעקט און אויף אים שטעלן מיר זיך אָפּ.

מיר וועלן דורכגיין אַ לאַנגע רשימה פון קעגנשטאַנדן. מיר וועלן זיי באַטראַכטן פון ווינקל פון אייגנטום־רעכט.

די כלי־זין פון דעם יעגער, די אַנטועכץ פון דעם קלאַן־מאַן זיינען ניט געוואָרן לכתחילה קיין פּריוואַט־אייגנטום אָביעקטן אין אַ מער־ווייניקער פולן פּשט פון וואָרט, מחמת זיי זיינען ליבערשט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ טייל פון דעם באַזיצערס קערפּער, אַ חלק פון זיין עגאָ, פון זיין איך. זיי האָבן באַלאַנגט צו דער ספערע פון מאַגיק. זיי זיינען אונטערגעפאַלן אונטער די פּרימיטיווע טאַבוס. זיי זיינען געוואָרן אומ־

אנאייגנבאר צוליב אנדערע טעמים און ניט צוליב רעספעקט פאר אייגנטום רעכט (אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם, ז. 148.)

סאמנער און קעלער שרייבן:

„דאָס וואָס איז באַהעפט צו א פערזאָנס קערפער איז א מערקווער־דיקער המשך פון זיין פערזאָן: זיינע געצייג און געווער דערלענגערן מעכאניש זיין דערגרייך־קראפט און קאָארדינירן זיינע מוסקולן אין הע־כערע קאָמבינאציעס; זיין אנטועכץ איז א צווייטע הויט (עפידערמיס) אדער א בגד פון האָר.

לאָמיר נעמען, כדומה למשל, אַנטועכץ. ווען איינער קריגט א שטיקל פון דעם בגד פון א בר־מינן צו באערדיקן, אין פאל מ׳קען ניט באקומען דעם קערפער, איז עס בעסער ווי גאָרניט געבראַכט לקבורה.

ביי די דינקעס ׳ווערן בגדים, וואָס א פערזאָן טראָגט, באַטראַכט ניט אלס אייגנטום, נייערט אלס א טייל פון דער פערזאָן וואָס טראָגט זיי. די אידענטיפיקאציע פון דעם אַנטוער מיט דער אַנטועכץ אין די טונקעלע פראָצעסן פון דענקען איז אָן אַנגענומענע זאך אין די איבערגלויבערייען פון כמעט יעדן טייל פון דער וועלט׳ . . .

ביי די פאָלינגער פון ווייטער אינדיע ׳ווען אַ קינד הייבט אָן צו גיין איז איינע פון די ערשטע זאכן וואָס מ׳לערנט אים דאָס, ער זאָל קיינמאָל, אפילו אין א שפאס, ניט אָנטאָן עמיצנס בגדים. אויב די קליי־דער האָט נאָך קיינער קיינמאָל ניט געטראָגן, איבן זיי ניט אויס קיין שום השפעה אויפן קינד, אָבער בגדים, וועלכע אנדערע מענטשן האָבן געטראָגן, האָבן א ווירקונג אויף דעם קינד וואָס טוט זיי אָן. ווען איינער איז געוואוינט צו זאָגן ליגנס און עמיצער טראָגט זיין היטל על־פי טעות, וועט ער זיך אָנשטעקן מיט דער קראנקייט פון שקרנות. דעריבער איז זייער וויכטיק אז קינדער, ווען זיי געפינען זיך אין איידעלן עלטער, זאָלן זיך ניט שפילן מיט די בגדים פון אנדערע פערזאָנען. דאָס אייגענע איז אָנווענדבאר בנוגע שיך . . . דאָס דורכגיין אונטער די קליידער פון אַן אַנדער פערזאָן איז . . . א געפערלעכע שטיקל־ארבעט, הגם די גוטע אייגנשאפטן פון דעם אייגנטימער פון די בגדים מעגן אראָפּנידערן אויף דער פּערזאָן וואָס גייט אדורך אונטער זיי, אבער די שלעכטע מידות זיינע וועלן דאָך אויך אראָפּקומען און זיי קענען גאנץ אָפט אריבערוועגן דעם איינפלוס פון די גוטע׳.29)

„ביי די נאגן, ווען א מענטש ווייזט זיך ארויס צו זיין ניט גרייט פאר דעם קבר, וועלכן מ׳האָט אויסגעגראָבן פאר אים, נאָר ער קומט גאָר צו זיך נאָך א פאָל פון אומבאוואוסטזיניקייט, נעמט מען זיין זיצבענקל און ׳מ׳וויקלט עס אין זיינס א מלבוש און מ׳באגראָבט עס אנשטאָט אים.

מ׳קלייבט אויס דעם זיצבענקל אזוי גוט ווי זיין בעט . . . עס איז אזוי נאָענט אסאָציאירט מיט דעם אייגנטימער אזש עס אנטהאלט אין זיך קלאָמפּערשט א טייל פון זיין עצם מהות און מחמת דעם איז עס זייער שטרענג פאַרבאָטן צו צעהאקן אדער פארברענען עמיצנס א זיצבענקל אָדער א בעט׳״.30)

לכן געפּעס׳ געצייג, מלבושים, מעבל וכדומה קעגנשטאנדן געהערן אלע אין דער רובריק פון די טאבוס. און מאַגיק באוואָרנט אז מ׳זאָל זיי ניט צעברעכן, צעשעדיקן אדער צולאַטכענען.

לאַנד, באַדן איז דאָך אודאי אומאָפּבינדבאר געווען פארקניפּט מיטן קולט, מיט א גאָטעס דינסט, מיטן אלהי־הארץ, מיט דעם ׳קאמין׳ פון דער געגעבענער משפחה, מיט דעם וואוינפלאַץ אדער אויפהאַלט־אָרט פון דעם שבט, בקיצור, ערד איז געווען א דבר שבקדושה און האָט זיך געפונען אונטער א טאבו. (אבא גאָרדין, וועלט־באַנעם, ז. 149).

אויסער דעם ווייסן מיר דאָך פון דער געשיכטע פון דער עקאָנאָ־מישער וויסנשאפט אז פּריוואַט אייגנטום בנוגע באָדן האָט זיך באַוויזן היפּש שפּעט. בכל אופן האָט מען מיטן באָדן באַזיץ זיכער ניט געמאכט די התחלה. ערד איז געווען א הייליקער קעגנשטאנד. זי האָט געהערט צו דער „עבודה״.

ר. ה. לאָואי אין זיין ווערק „פּרימיטיווע געזעלשאפט״ שרייבט:

„פּונקט ווי דאָס לאַנד געהערט צו אים אזוי האָט ער באַלאַנגט צו דעם לאַנד. איבערערטעטונגען האָבן פּאַסירט זייער זעלטן. די ווייסע איינוואוינער אין מערב־אויסטראַליע האָבן אויסגעפונען ווי שווער עס איז צו פועלן ביי די שוואַרצע פּאַסטעכער אז זיי זאָלן פּאַשן די שעפּסן ערגעץ אַנדערש וואו אויסער די פּלעצער וועלכע זיי האָבן געקראָגן פון זייערע פאָרעלטערן.

„אינפאָרמאציע בנוגע אייניקע פון די שבטים ווייזט אָן אז די איינ־טענסיטעט פון דער צוגעבונדנקייט צו א באַשטימטן פּלאַץ פון דער געגנט דערקלערט זיך מיט מיסטישע טעמים און, איבערהויפּט, מיט דער לאָקאַליזאַציע פון דעם אינדיווידס טאָטעמישע אבות. דאָס אריבערציען זיך אין אן אנדער געגנט וואָלט צעשטערן דעם קאָנטאקט מיט אָט די מיסטישע וועזנס״.31)

אָט דער געדאנק מכוח דער קדושה פון דער ערד — און נאָך מער די פאַרגעטערונג פון דער ערד און איר אידענטיפיצירונג מיט דעם אלהי־הארץ, וואָס מיינט דער ׳אלהים׳ וועלכער איז די סאמע ארץ — געפינען מיר אין מלכים ב׳: (קאפּיטל י״ז, פּסוקים כ״ג־כ״ד).

„און דער מלך פון אשור האָט געבראַכט (מענטשן) פון בבל און פון כותה, און פון עוא, און פון חמת, און ספרוים, און ער האָט זיי באַזעצט אין די שטעט פון שמרון אין פּלאַץ פון די קינדער ישראל. און זיי האָבן פאַרנומען שמרון און זיך באַזעצט אין אירע שטעט. און עס האָט פּאַסירט אין אָנהויב פון זייער באַזעצן־זיך אַז זיי האָבן ניט מורא געהאַט פאַר יהוה, און יהוה האָט אָנגעשיקט אויף זיי לייבן און זיי (די לייבן) פלעגן זיי (די איינוואוינער) פאַרצוקן. און זיי האָבן געזאָגט צום קיניג פון אשור, אַזוי צו זאָגן: די פעלקער וועלכע דו האָסט פאַרטריבן און האָסט זיי באַזעצט אין די שטעט פון שמרון ווייסן ניט דעם געזעץ פון דעם לאַנד־גאָט, און ער האָט אָנגעשיקט אויף זיי לייבן און זיי (די לייבן) טויטן זיי (די נייע איינוואוינער), ווייל זיי ווייסן ניט דעם געריכט פון דעם „לאַנד־גאָט".

לאַנד האָט בכלל געמאַכט אָט־דעם איבערגאַנג, פון קאָמונאַלן צום פּריוואַטן אייגנטום, זייער שפּעט. באַדן־באַזיץ איז געווען איינער פון די סאַמע לעצטע אָביעקטן אויף וועלכע פּריוואַט־אייגנטום רעכט איז חל געווען.

וואָס מיר האָבן געזאָגט מכוח לאַנד קען אָנגעווענדט ווערן, מיט אייניקע אָפּנייגונגען, אויך בנוגע בוימער. מ'האָט צו זיי געדינט. זיי זיינען אונטערגעפאַלן אונטער די מאַגישע פאַרבאָטענישן און זיי האָבן צו אייגנטום־רעכט אין איינפאַכן פּשט פון וואָרט ניט געהאַט קיין שום שייכות.

דזשאָהן לובאַק אין זיין ווערק „אורשפּרונג פון ציוויליזאַציע" שרייבט:

„האַר פערגוסאָן, באמת באַטראַכט דעם בוימער־קולט אין פאַר־בינדונג מיט דעם שלאַנגען־קולט אַלס דעם פּרימיטיוון גלויבן פון דער מענטשהייט. האַר ווייק זאָגט אויך: 'מיט וואָס קענען מיר דערקלערן דאָס וואָס אויך די פּאָלינעזיער שרייבן צו הייליקייט צו איין סאָרט פון באַניאַן, וועלכן זיי רופן דער אַוואַ בוים, און די אייגענע דערשיינונג געפינען מיר ביי די אַפריקאַנישע שבטים אויף דעם זאַמבעזי אין שייר, ביי די נעגערס פון מערב־עקוואַטאָרישע אַפריקע, און אפילו אין צפון אויסטראַליע?" (32

שטייער צום בוימער־קולט אין קאָמבינאַציע מיטן שלאַנגען־קולט ווערט געצאָלט אין ערשטן און צווייטן קאַפּיטל פון ספר בראשית. דאָס איז אַ צייגעניש, אַז דער פאַרצייטיקער שכל פון די עברים האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון אָט־דעם פּרימיטיוון גלויבן...

„דער בוימער־קולט האָט אמאָל עקזיסטירט אין אסיריע, אין גריכנ־לאנד, 33) אין פוילן 34) און פראנקרייך. אין פערסיע האָט צו דעם א שייכות דער האָמאַ אדער סאָמאַ קולט. טאַציטוס 35) דערמאָנט די הייליקע בוימער־אלייען פון דייטשלאנד, און די הייליקע בוימער אלייען פון ענגלאנד זיינען דאָך אלעמען באקאנט. נאָך אין 8טן יאָרהונדערט האָט דער הייליקער באָניפאַצע געפונען פאר נויטיק אויסצוהאקן א הייליקן דעמב. אפילו ניט לאַנג צוריק איז א דעמב בר־מינן אין Loch Siant אויפן אינדזול פון Skye געווען אזוי פארהייליקט אז קיינער האָט ניט געוואָגט אָפצושניידן פון אים דעם קלענסטן צווייג.36) און מ׳זאָגט אז דער דעמב־קולט ווערט נאָך אלץ פראַקטיצירט אין ליוואָניע.37) די פאָר־צייטיקע קעלטן האָבן געדינט צו בוימער און דע בראס לייט אָפּ דאָס וואָרט „קירק״ וואָס איז איצט פארווייכט געוואָרן אין „טשוירטש״ פון „קווערקוס״, א דעמב; ווייל אָט־דער מין בוימער איז באזונדער פאָר־הייליקט״ 38)

עדמונד בוירק שרייבט:

„אָט די סעקטע האָט באהאנדלט דעמבעס מיט א באזונדערער פאָר־ערונג, מחמת דורך זייער גרויס, שאָטן, שטאַנדהאַפטיקייט און דויער־האפטיקייט האָבן זיי גאַרניט אזוי שלעכט פאָרגעשטעלט די פולקומענהייט פון דער גאָטהייט. פון דער גרויסער פארערונג, מיט וועלכער זיי האָבן באהאנדלט אָט־דעם בוים, רעכנט מען, שטאַמט אָפּ דער נאָמען ׳דרואיד׳ס, דער וואָרט דערו אין דער קעלטישער שפּראך באצייכנט א דעמב. אבער זייער פאָרערונג האָט זיך ניט באגרענעצט אינגאַנצן מיט דעם־דאָזיקן בוים. זיי האָבן געהאַלטן אַלע וועלדער פאָר הייליק.״ 39)

אויך ביי די פאָרצייטיקע עברים איז א בוימער־אלייע געווען א מקום־קדוש, ניט קיין גאָט, אבער אינגאנצן עס מבטל זיין האָבן אפילו די עברים, די רעוואָלוציאָנערן אין ענינים פון גלויבן, זיך ניט אנטוואָגט.

„און יהוה האָט זיך באוויזן צו אים אין וועלדל פון ממרא״ (בראשית י״ח א׳).

„און אלהים האָט צו אים גערופן פון סנה״ (שמות ג׳, ד׳)

אויך די לאַפּלענדער דינען צו בוימער.״ 40)

„ביי היינטיקן טאָג געפינט מען דעם בוימער־קולט אין גאַנץ צענט־ראַלער אפריקע, דרום פון עגיפטן און סאַכאַרע. ׳דער טייטל־בוים, זאָגט בוירקהארדט, איז פאָרגעטערט פון דעם שבט כּאַזאַאַ Khozaa״ 41)

„און דבורה איז געווען א פּראָפעטין און זי האָט געמשפט ישראל אין יענער צייט און זי איז געזעסן אונטער א טייטל־בוים״ (שופטים ד׳, מ״ה).

„׳אַ גרויסער בוים, וועלכער האָט געהייסן זאַט אַראָוואַט איז פאַר־ערט געוואָרן פון די קאַרעיאשן׳.42) פּאַרק האָט באַאָבאַכטעט43) אַ בוים אויף די גבולים פון באנדוי, וועלכער איז געווען באַהאָנגען מיט אומצאָלבאַרע געשענקען . . . ׳ער האָט געהאַט׳, זאָגט ער, ׳אַ זייער מאָדנעם אויסזען ווייל ער איז געווען באַפּוצט מיט אַן אַ שיעור שמאַט־קעס אָדער שטיקלעך געוואַנט, וועלכע רייזנדע וואָס האָבן דורכגעוואַנדערט דעם מדבר האָבן דאָרטן אָנגעהאַנגען׳.

די נעגערס פון קאָנגאָ44) האָבן באַצירט אַ הייליקן בוים, וועלכער הייסט „מיראַבעס”. איין בוים אַזאַ פלאַנצט מען געוויינטלעך לעבן די הייזער, אַזוי ווי ער וואָלט זיין דער טיטולירטער גאָט פון דער וואוינונג. די עבודה־זרה׳ניקעס פאַרערן אים ווי איינעם פון די געטשן. זיי שטעלן אוועק אַ קירבּיס־פלאַש מיט פּאַלמען־ווייַן ביי די פיס פון דידאָזיקע ביימער, אין פאַל זיי זיינען דאָרשטיק. אויך באָסמאַן האָט באַהויפּטעט אַז אויף דער גאַנצער לענג פון דעם גינע ים־ברעג קען מען ניט געפינען איין דאָרף וועלכער זאָל ניט האָבן זיין הייליקן ביימער וועלדעלע.”45)

„אין אַדדאַ קודאַה האָט אַלדפיעלד46) געזען ׳אַ גיגאַנטישן בוים . . . מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר הייליק, און אַ היפּשע צאָל פיילן האָבן אין אים געשטעקט, פון וועלכע עופות זיינען אַראָפּגעהאַנגען, פאַרשיידענע מינים פון פויגלען, און פילע אַנדערע זאַכן, וועלכע די איינגעבוירענע זיינען מקריב צו אים אַלס צו אַ גאָטהייט׳.

טשאַפּמאַן דערמאָנט אַז ביי די קאַפּירס איז דאָ אַ הייליקער בוים וועלכער איז געווען אַרומגעהאַנגען מיט צאָלרייכע מתנות.47) דער באָ בוים איז פאַרערט אין אינדיע און ציילאַן.48) ׳דאָרטן ווערט ער פאַרערט ווי דער הויפּט ׳נומען׳ פון ציילאַן שוין איבער צוויי טויזנט יאָר און ער אַדער זיין לינעאַלער אָפּשטאַם, וועלכער האָט לסוף אַרויסגעשפּראָצט פון דעם אַלטן וואָרצל, ווערט דאָרטן פאַרגעטערט ביז אויף היינטיקן טאָג . . . יעדן יאָר קומען טויזנטער צו דעם מקום קדוש וואו זיי שטעלן זיך אוועק אָפּצוגעבן אים כבוד, און זיי זיינען דאָרטן מתפּלל פאַר געזונט און עשירות”. אייניקע פון די טשיטאַגאָנג היגל־שבטים דינען צום באַמבו49) און אין די סימלאָ היגלען ווערט דער קיפּאַריס באַטראַכט פאַר אַ הייליקן בוים.50) אין בירבהום איז דער ביימער־קולט זייער אַלגעמיין און ׳איינ־מאָל אַ יאָר גייט אַרויס די גאַנצע רעזידענץ־באַפעלקערונג צו דעם מקום קדוש אין דזשאָנגל.51) אין סיביר האָבן די יאַקוטן הייליקע ביימער.52) אויך די אָסטיאַקעס, ווי פּאַלאַס דערציילט אונדז, פלעגן דינען צו ביי־מער.53) די קהעיענער דינען צו אַ דיקן קוסטעס־בוים וועלכער הייסט זובּרי.54) העַנוויי אין זיינע רייזן אין פּערסיע דערמאָנט אַ בוים, ׳צו

וועלכן עס איז געווען צוגעבונדן א צאָל שמאַטקעלעך, וועלכע מ׳האָט דאָרטן איבערגעלאָזן אלס געזונט־געשאַנק פון פערזאָנען וועלכע האָבן געליטן פון פיבער׳. אין אייניקע טיילן פון סומאַטרע 55) ׳האָבן זיי געגלויבט אז געוויסע ביימער . . . זיינען די מאַטעריעלע פאַרקערפּערונג פון די וועלדער גייסטער׳.

אויך ביי די איינגעבוירענע פון די פיליפינער אינדזלען געפינען מיר דעם ביימער־קולט. די מאַנדאַנער און די מאַגיטאַריער האָבן געדינט צו ביימער.56) די אינדיאַנער פון לייק סופּיריאר האָבן פאַרערט א גרויסן יאָסן־בוים.57). אין צפון אמעריקע באשרייבט פראַנקלין א הייליק בוים אויף וועלכן די קריער ׳האָבן אויפגעהאנגען שטיקלעך בופל־פלייש און שטיקלעך געוואַנט׳.58) אין מעקסיקא האָט מר. טיילאָר באַ־אָבאַכטעט אַ פאַרצייטיקן קיפּאַריס . . . ׳איבער אלע זיינע צווייגן זיינען געווען אָנגעהאנגען נדר־געשאַנקען פון די אינדיאַנער, הונדערטער לאַקן פון שטייפע שווארצע האָר, ציין׳...59) אין ניקאַראַגואַ האָט מען געדינט ניט נאָר צו הייכע ביימער, נייערט אפילו צו מאַאיז און בעבלעך 60). אין פּאַטאַגאָניע דערמאָנט דארווין א הייליקן בוים.61) וועלכן די אינדיאַנער האָבן פאַרערט... די אינדיאַנער, נאָך מער, האָבן זיך נוהג געווען אריינצוגיסן ספּירט און מאַטע Maté אין א געוויסן לאָך... זיי האָבן געגלויבט אז אזוי גיבן זיי יעדע מעגלעכע באַפרידיקונג צו וואַליטשו Walleechu דער בוים איז געווען ארומגערינגלט מיט די אויסגעבלייכטעביינער פון די פערד וועלכע מ׳האָט געקיילעט אלס קרבנות; אלע איג־דיאנער, פון יעדן עלטער און געשלעכט, האָבן געבראַכט זייערע גע־שאַנקען׳... אויך די אַבענאַקוויער האָבן געהאַט א הייליקן בוים״.62)

„אַזוי ארום קען מען זען אז אָט־די פאָרם פון רעליגיע איז די אָנגענומענסטע פון די גרויסע ראָסן פון דער מענטשהייט אויף א געוויסער שטופע פון גייסטיקער אנטוויקלונג.״ 63)

מיט דעם דערקלערט זיך וואָס דער חומש איז אזוי שטרענג אין זיין אָנזאָג אויסצוואָרצלען אָט־דעם אוניווערסאַלן אָבערגלויבן און קולט.

„פאַרטיליקן זאָלט איר פאַרטיליקן אָט־די אלע ערטער, וואו עס האָבן געדינט די פעלקער, וועלכע איר ירשנ׳ט זיי, זייערע געטער: אויף די הייכע בערג און אויף די היגלען און אונטער יעדן זאַפטיקן בוים. און איר זאָלט צעשטויסן זייערע אַלטאַרן און צעברעכן זייערע סטאַטועס און זייערע אשרה׳ס זאָלט איר פאַרברענען מיט פייער״ (דברים י״ב, ב׳־ג׳) „דו זאָלסט זיך ניט פלאַנצן קיין אשרה אדער וועלכן עס איז אנדערן בוים לעבן דעם אַלטאַר פון יהוה דיין אלהים, וואָס דו וועסט זיך מאַכן.״ (דאָרט ט״ז, כ״א). „און דו זאָלסט צעשטערן דעם מזבח פון

בעל וואָס צו דיין פאָטער און די אשרה וואָס לעבן אים זאָלסטו אָפּ־שניידן״ (שופטים ו׳, כ״ה).

פאַלגלעך זעען מיר, אז אייגנטום־רעכט האָט ניט געקענט אָנהייבן מיט בוימער, געהילץ־בוימער אָדער פרוכט־בוימער. עס האָט ניט געקענט אָנהייבן מיט לאַנד, קרייטעכער און אויך ניט מיט קיינע אַנדערע געוויקסן און ניט מיט קיין תבואה, ניט מיט קיין פרוכט, — ווייל די אלע זאכן זיינען געווען קולט־אָביעקטן און אייגנטום־רעכט אין וואָכעדיקן פשט פון וואָרט האָט זיך לגבי זיי גאָרניט געשיקט. אויך קיין געצייג, קיין וואפן, קיינע קליידער, קיינע שטוב־אויפהאלט ארטיקלען, אָט די אלע האָבן ניט געקענט דינען אלס אָביעקטן פון אייגנטום־רעכט. זיי זיינען אלע אונטערגעקומען אונטער די מאַגישע טאבוס, פון וועלכע זיי זיינען באַשיצט געוואָרן אזוי אז קיינער מחוץ פון באַזיצער און שטענדיקער געברויכער האָט זיך גאָר מורא געהאט צוצורירן זיך צו זיי. איצט פרעגן מיר נאָכאמאָל די פאַרדעם געשטעלטע פראַגע: וועלכער ארטיקל האָט עס געהאָט די גרויסע זכיה ארויפצונעמען אויף זיך די אייגנטום־קאַטעגאָריע און אזוי ארום איינפירן דעם באַגריף און אינסטיטוציע פון פריוואַט־אייגנטום־רעכט?

מיר וועלן זיין וואָגזאַם און ענטפערן אַזאַ פאַרפלאָנטערטע פראַגע פון אורשפרונג: די זאַך וועלכע מ׳האָט מיט גרויס פלייס און כמעט אוניווערסאל אָפּראָפּריאירט אין פאַרטאָג פון ציוויליזאציע איז גאָר ניט געווען קיין זאַך, נאָר א זיך, א מענטשלעכעס וועזן, וואָס מ׳האָט יורידיש און כמעט אויך פאַקטיש אַראָפּגעדריקט צו דעם סטאַטוס, צו דער מדרגה פון א זאַך, פון א קעגנשטאַנד. דער שקלאַף איז געווען דער יעניקער דורך וועמען עס איז איינגעפירט געוואָרן די עמבריאָנעלע פאָרם פון פריוואַט־אייגנטום־רעכט אלס אן אינסטיטוציע, וועלכע איז ריין פון דעם צומיש פון מאַגיק־טאַבו אָדער קולט.

שקלאַפעריי האָט באַשאַפן די וויכטיקסטע אינסטיטוציע, דעם הויפּט־זייל אויף וועלכן דער גאַנצער בנין פון דער ציוויליזאציע האָט זיך געהאַלטן.

טהעאָדאָר מאָמסען אין זיין „געשיכטע פון רוים״ שרייבט:

„א בעסערער באַווייז אז דאָס איז געווען דער פאַל ווערט אונדז געגעבן פון דער פריסטער באַצייכענונג פון רייכטום אלס ׳פי־אינווענטאַר׳ אָדער ׳שקלאַף און פי־אינוועטאַר׳ (pecunia, Familia pecunique) און די באַצייכענונג פון די באַזונדערע באַזיצטימער פון דעם הויזגעזינד און פון די שקלאַפן אלס ׳בהמה דקה׳ peculium. אויך זעט מען עס פון דער פריסטער פאָרם פון איינשאַפן זיך אייגנטום דורך קונה זיין עס במשיכה

(mancipatio) וואָס האָט זיך געקענט פאַסן בלויז אין פאַל פון באַוועגלעכע גיטער, נכסי דניידי״ 64) אָבער אין איר עצם אורשפּרונג איז די מאַנציפּאַציע פיל מער פּאַרצייטיק, מחמת זי ווערט אַנגעווענדט לכתחילה צו קעגנשטאַנדן, וועלכע מ׳קען נעמען מיט דער האַנט און זי האָט געמוזט דעריבער אין איר גאַר פּריסטער פאָרם געהערן צו דער עפּאָכע ווען אייגנטום איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון שקלאַפן און פי pecunique (Familia.״ 65)

הערבערט ספּענסער אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע״ שרייבט:

זיי אנדערקענען ניט קיין שום חילוק צווישן ׳מיינע׳ און ׳דיינע׳ (שלי און שלך) מחוץ פון פּערזענלעכן אייגנטום. די טעריטאָריע וועלכע זיי פאַרנעמען, און די יאַכט־חיות וואָס ווידמען זיך אויף איר געהערן צום גאַנצן שבט: די לעצטע ווערן אַפּראָפּריאירט בלויז דורך געפאַנג 66) און דער פאַקט אַז ביי די קאָמאַנטשעס, ווי אויך ביי אַנדערע פעלקער געהערן די קריגסגעפאַנגענע צו די פענגער און זיי מעגן טאָן מיט זיי וואָס זיי ווילן, פאַרקויפן אדער אַפּלאָזן פריי, באַווייזט נאָך בעסער, אַז אייגנטום ווערט באַהויפּטעט דאָרטן וואו מ׳קען עס לייכט דעפינירן״.67)

„דער פאַקט וואָס מאַמזען ברענגט פון די רוימער, אַז ׳די אידייע פון אייגנטום האָט זיך פון אָנפאַנג אַסאָציאירט ניט מיט אומבאַוועגלעכע גיטער, נייערט מיט גיטער און שקלאַפן און פי׳.״ 68)

לעסטער וואַרד אין זיין ווערק ׳ריינע סאָציאָלאָגיע׳ שרייבט:

„זיך אומקערנדיק צו דעם קעגנשטאַנד פון אייגנטום, קענען מיר איצט זאָגן אַז די פּראָטאָסאָציאַלע (פאַרגעזעלשאַפטלעכע) פאָרם פון אייגנטום איז הויפּטזעכלעך קאָמונאַל, בשעת די מעטאָסאָציאַלע (איבערגעזעלשאַפטלעכע) פאָרם איז אינדיווידועלער באַזיצטום. אָבער אַזוי ווי אייגנטום איז ווערטפול בלויז אויף וויפל עס קען באַפרידיקן געלוסטענישן איז באַשטאַנען די ערשטע פאָרם פון מעטאָסאָציאַלן אייגנטום גאַנץ היפּש אין שקלאַפן, ד. ה. אין עפּעס וואָס קען דינען דעם אייגנטימער און באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן.״ 69)

לכן אויך וואַרד איז מיט דער מיינונג אַז פּריוואַט אייגנטום אין פולן פשט פון וואָרט האָט געמאַכט זיין דעביוט מיט שקלאַפן.

אָבער פון וואַנענט האָבן זיך גענומען שקלאַפן?

דער קוואַל פון שקלאַפטום איז קריג.

וו. ג. סאַמנער איז זיין ווערק „פאָלקסוועגן״ שרייבט:

„עס שיינט אַז שקלאַפעריי האָט זיך אָנגעפאַנגען היסטאָריש מיט די קריגסגעפאַנגענע, אויב אים אדער זי האָט מען ניט דער׳הרג׳ט וואָס עס

האָט אים אדער איר געקומט לויט די מלחמה־געזעצן. די יעניקע געזעצן האָבן געמאַכט אָפּהענגיק דעם באַזיגטן מיט זיין ווייב, קינדער און אייגנטום פון דעם גנאָד פון די זיגער. דעם באַזיגטן קען מען פאַר־פייניקן אויף טויט, ווי דאָס פּלעגט געטאָן ווערן ביי די צפון־אמעריקאַנער אינדיאַנער, אדער די פרויען האָבן זיי געקענט ראַטעווען פון טויט, מחמת מ׳האָט זיי גענומען אלס הילף פאַר די פרויען און מ׳האָט זיי געשאַצט ווי פרויען.״ 70)

יוליוס ליפּערט אין זיין ווערק „די אַנטוויקלונג פון קולטור״ שרייבט:

„ביי די נאָמאַדן . . . איז ער (דער געפאַנגענער) געוואָרן אן אביעקט פון אייגנטום.״ 71)

ו. ל. ווסטערמאַן אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן״ שרייבט:

„די הויפּט־קוואַלן פון שקלאַפעריי זיינען געווען די געפאַנגענע וועלכע מ׳האָט גענומען אין קריג.״ 72)

בשעת דער פּונישער מלחמה האָט דואַליוס גענומען געפאַנגען 8,000, מאַנליוס און בעגולוס 40,000, לוטאַיוס 36,000.״ 73) נאָכ׳ן פאַל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1543 האָט מען פאַרקויפט פאַר שקלאַפן, צום ווייניקסטן 50,000.״ 74)

ראַטצעל אין זיין ווערק „פעלקערקונדע״ שרייבט:

„וואו מלחמות ווערן געפירט און רויב ווערט גענומען, דאָרטן קומען אויף גרעסערע דיפערענצן וועלכע געפינען זייער אויסדרוק אין דעם פאַרמעגן פון שקלאַפן.״ 75)

דער געפאַנגענער דאָס איז דער בראשית פון באַזיץ

הערבערט ספּענסער שרייבט:

„ריידנדיק בדרך כלל קענען מיר באַטראַכטן שקלאַפעריי אלס א פועל־יוצא פון קריג, מחמת פון אירע אלגעמיינע סיבות איז מלחמה די עכסט־געווינטלעכע און די עכסט־אויסגעברייטערטע בנוגע אירע רע־זולטאַטן.״ 76)

די געפאַנגענע האָט מען אלס רעגל ניט באַטראַכט און ניט באַ־האַנדלט אלס קאָמונאַלן אייגנטום. זיי האָבן ניט באַלאַנגט צו דעם סך־הכל, צו דער טאָטאַליטעט פון דער גרופּע, שבט אדער האָרדע. יעדער אינדיווידועלער אָנטייל־נעמער פון דעם געשלעג, געראַנגל אָדער אי־בערפאַל, האָט געקראָגן אלס קאָמפּענסאַציע פאַר זיין באַטייליקן זיך זיין פּערזענלעכע פּאַרציע אין דעם רויב.

און א דאַנק שקלאַפנטום איז אנטשטאַנען די אינסטיטוציע פון פּריוואַט אייגנטום.

פ. אפענהיימער אין זיין ווערק „דער שטאַט" שרייבט:

„דער אנטוויקלטער נאָמאַד שאַנעוועט זיין געפאַנגענעם שונא; ער קען אים געברויכן אלס שקלאַף אויף זיין פאַשע פלאַץ." 77)

אין איליאַדע לייענען מיר:

„די געפאַנגענע אין מלחמה קען מען האלטן פאר שקלאַפן אדער פארקויפן." 78)

אויגוסט קאָנט אין זיין ווערק „פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע" שרייבט:

„עס איז לייכט צו זען ווי שקלאַפעריי איז אנטשטאַנען פון מלחמה, וועלכע איז געווען איר הויפּט-קוואַל און איר ערשטער אלגעמיינער קאָרעקטיוו... עס איז א טייערע אנמערקונג פון באססוע, אז די עטימאָלאָגיע פון דעם טערמין דערמאָנט אונדז, אז דער שקלאַף איז געווען א קריג-געפאנגענער און מ'האָט אים געלאָזט לעבן אנשטאָט אויפצופרעסן אדער מקריב-זיין פאר א קרבן, לויט דעם פארדעמדיקן מנהג." 79)

עדוואַרד גיבאָן אין זיין ווערק „די רוימישע אימפּעריע" שרייבט:

„דאָ מעג מען דערמאָנען אז שקלאַף (Slave) איז אָנפאנגלעך געווען אַ נאַציאָנאַלער נאָמען; דאָס האָט געמיינט אַ מאַן פון סלאַוואָנישער ראַסע, וועלכן מ'האָט גענומען געפאנגען און מ'האָט געמאַכט פאר א קנעכט ביי די גערמאַנען... 'זיי (די סלאַוואָנישע) האָבן זיך פארשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און די נאַציאָנאַלע אָנרופעניש פון די סלאַוון איז דעגראַדירט געוואָרן דורך אַ צופאַל אדער מיט א בייזער כוונה פון דעם טייטש פון גלאָרי (סלאַווא מיינט רום, גלאָרי) צו דעם באַדייט פון דינונג." 80)

ר. ט. עוואַנס אין זיין ווערק „אַספּעקטן פון דעם געזעלשאַפט-שטודיום" שרייבט:

„מ'קען קוים צווייפלען אין דעם, אז אין דעם בראָנז-עלטער איז שוין שקלאַפן-ארבעט עקספּלואַטירט געוואָרן אויף א גרויסן מאַסשטאַב. צווישן-שבטימשע רויב-מלחמות זיינען געווען א געוויינלעכע דערשיינונג... און די געפאַנגענע פוןביידע געשלעכטער זיינען רעדוצירט געוואָרן צו שקלאַפעריי און גלייך געוואָרן, ווי גיטער און פי, דער אבסאָלוטער אייגנטום פון די פעגנער." 81)

לכן איז עס קלאָר, אז אייגנטום איז שטיף פארקניפּט מיט שקלאַפעריי.

אבער דאָ וועלן מיר צוגעבן א וויכטיקן דעטאַל, וועלכער וועט אונדז דעם ענין אורשפּרונג פון דער אייגנטום-אינסטיטוציע אינגאַנצן קלאָר מאַכן.

די גאָר ערשטע אָנפאַנגערישע פאָרם פון פּריוואַט-אייגנטום און באַזיצטום קאָנסטיטואירט ניט דער מאַן-שקלאַף, נייערט די פרוי-שקלאַפין.

די געפאַנגענע, ניט דער געפאַנגענער, לייגט אוועק דעם יסוד פאַר אַט־דעם גראַנדיעזן בנין פון פריוואַט־אייגנטום. די פרוי, די געפאַנגענע, שטעלט פאַר מיט זיך אזא טעמפּטאַציע, אזא „געשמאַקן ביסן”, אז דער פענגער האָט ניט געקענט ביישטיין דעם ניסיון און האָט נעבאך געמוזט עובר זיין אויף דעם מנהג, פאַרהייליקט פון קדמונים, צו הרג'ענען די געפאַנגענע. אין דעם דאָזיקן פאַל, ווי אין פילע אנדערע, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם יצר־הרע פאַר דעם גרויסן טריט פאָרויס וואָס איז געמאַכט געוואָרן, פון פאַרניכטונג פון די באזיגטע צו זייער פאַרשקלאַפונג.

איצט וועט אונדז ווערן אויך קלאָר פאַרוואָס שאַף, רינדער און שקלאַפינס ווערן די ערשטע אָביעקטן פון פריוואַט־אייגנטום. זיי געהערן צו דער אייגענער קאַטעגאָריע. זיי זיינען תאוות־באַפרידיקער. די פאַרשטוביקונג פון די בעלי־חיים ווי די 'פאַרשטוביקונג' פון די פרויען־פיינט איז איינגעפירט געוואָרן מיט דעם זעלביקן צוועק, נעמלעך צו באַפרידיקן די געשלעכטלעכע געלוסטעניש (אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם זז. 28־127, 47־146).

אָט וואָס לעסטער וואַרד זאָגט וועגן דעם אורשפּרונג פון אינדיווידועלן אייגנטום:

„אָנהויבנדיק מיט פרויען, וועלכע זיינען געברויכט געוואָרן אי צו באַפרידיקן די געלוסטונג און אי צו באַדינען די פּערזאָן פון דעם מיליטערישן הויפּט האָט עס (אייגנטום־רעכט) זיך אויך פאַרשפּרייט צו מענער.” 82)

אין אדיסייע לייענען מיר:

„אַמאָל ווערן די מענער פון א באַזיגטער שטאָט אָדער געגנט אויסגע'הרג'ט און די פרויען פירט מען אוועק.” 83)

„אין דעם יאַכט־פּעריאָד פאַרשקלאַפּט ניט דער קריגער זיין בידער־געשלאָגענעם שונא, נייערט ער דער'הרג'ט אים. די פרויען אָבער פון א באַזיגטן שבט מעג ער יע, פונדעסטוועגן, אוועקפירן מיט זיך און אַפּראָפּריאירן אלס ווייבער אדער אלס דינסטן.” 84)

אָט די צוויי מינים „פאַרשטוביקונגען”, אָט־דער איבערגאַנג פון געיעג צו דאָמעסטיקאַציע בנוגע חיות און פון הרג'ענען אין קריג צו פאַרשקלאַפונג זיינען איבערגעפלאָכטן איינע מיט דער אנדערער.

„מלחמה און יאַכט זיינען א צווילינג. דאָס אייגענע איז שקלאַפעריי און פּיצוכט. זיי נעמען ביידע זייער אורשפּרונג אין געשלעכט־תאווה. יאַכט איז קריג בנוגע חיות. מלחמה איז יאַכט בנוגע מענטשן. פּיצוכט איז בהמות־שקלאַפעריי, שקלאַפעריי איז מענטשנצוכט. זי הויבט זיך

הויפּטזעכלעך אָן מיט פרויען, און איןביידע פאַרמען, סיי אין שקלאַפעריי און סיי אין פיצוכט ווירקט דער אייגענער מאָטיוו און דאָס איז די געשלעכט־געלוסטונג.

דער הויפּט־באַוועגער וועלכער האָט געטריבן דעם פּרימיטיוון מענטשן צו דער פאַרשטוביקונג פון חיות איז געווען דער געשלעכט־דאַרשט, וועלכער האָט זיך באַפרידיקט קודם מיט געפאַנגענע בהמות און ערשט שפּעטער־צו, היינט שפּעטער־צו מיט געפאַנגענע מיידלעך און פרויען.״ (אבא גאָרדין, יידישער וועלט־באַנעם ז. 155).

א. ב. גילבערטסאָן שרייבט אין דער „ענציקלאָפּעדיע פאַר רעליגיע און עטיק״:

„די זכרים ווערן דער׳הרג׳ט בשעת די נקבות און די קינדער ווערן אַדאָפּטירט אדער פאַרשקלאַפּט.״ 85)

ג. טוירנער אין זיין ווערק „ניינצן יאָר אין סאַמאָאַ״ שרייבט:

„דאָס פאַנגען די נקבות איז בלויז א טייל פון דעם פּראָצעס פון ראַבירן די נידערגעשלאָגענע. נקבות ווערן געשאַצט אלס ווייבער, אלס קעבסווייבער, אלס שווערע ארבעטאָרינס; און נאָך דעם ווי די מענער האָט מען אויסגע׳הרג׳ט, פלעגט מען די פרויען אוועקפירן צוזאַמען מיט די איבעריקע מטלטלים. אומעטום געפינען מיר עס ביי די אומציווילי־ליזירטע. ׳אין סאַמאָאַ בשעת מ׳האָט פאַרטיילט די רויב פון א באַזיגטן פאָלק, פלעגט מען די פרויען ניט טויטן, נייערט נעמען זיי פאַר ווייבער׳.״ 86)

פ. מ. אנגלעריוס שרייבט:

„ביי די קאַריב־קאַניבאַלן צו עסן פרויען איז געווען פאַררעכנט פאַר אן עבירה . . . די יעניקע וועלכע מ׳האָט געפאַנגען יונגערהייט פלעגט מען האַלטן פאַר פריה ורביה, ווי מיר האַלטן עופות.״ 88)

הערבערט ספּענסער שרייבט:

„עס איז קלאָר אז פון אָנהויב אָן ביז צו פאַרהעלטנישמעסיק שפּעטע שטופן איז נקבות־גנב׳ענען געווען אן אינצידענט פון א דערפאָלגרייכער מלחמה . . . צווישן אנדערע צייכנס פון הצלחה אין קריג איז דאָס זיך צוריקקערן מיט א פרוי פון א נידערגעשלאָגענעם שבט.״ 89)

ע. א. ראָס שרייבט:

„׳רויב׳ און ׳שיינקייט׳*) זיינען געווען די צוויי שפּארן וועלכע האָבן צוגעגעבן חשק די יונגעלייט פון שבט אונטערצונעמען קריג־עקספּעדי־

---

* Booty and Beauty.

ציעס. ציִיטנווייז דאַרף א געשלאָגן פאָלק צושטעלן צו די זיגער ניט נאָר א קאָנטריבוציע פון פּראָדוקטן נאָר אויך א שטייער פון מוידן." 90)

ווי פלעגן אונדזערע געלערנטע זאָגן: עס איז ניטאָ אזא זאך וואָס איז ניט אָנגעוואונקען וועגן דעם אין דער תורה. לאָמיר א בלעטער טאָן דעם חומש און זען וואָס שטייט דאָרטן וועגן דעם ענין וועלכן מיר באהאנדלען:

„אז דו וועסט ארויס אין קריג אויף דיינע פיינט און יהוה אלהים וועט דיר אים איבערגעבן אין דיין האנט, און דו וועסט פאנגען זיין געפאנג, און דו וועסט דערזען אין דער געפאנגענשאפט א פרוי פון א שיינער געשטאַלט און דו וועסט זי געלוסטן און דו וועסט זי נעמען פאר א ווייב" (דברים כ"א, י'־י"א).

און זיי האָבן געטויט אלע זכרים . . . און די קינדער פון ישראל האָבן געפאַנגען די פרויען פון מדין." (במדבר ל"א, ז'־ט'.)

אין יענע גרייז־גרויע פאַרצייטנס איז געווען דער מנהג ביי די פרימיטיווע און האלב־"ציוויליזירטע" פעלקער צו דער'הרג'ענען די באַזיגטע שונאים. אדער זיי האָבן מורא געהאט זיי צו נעמען געפאנגען, מחמת דעם וואָס געפאנגענשאפט איז ניט געווען זיכער, אָדער צו שווער דורכצופירן, אדער, פשוט, דערפאר וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די געפאנגענע. די פענגער האָבן פאר די געפאנגענע ניט געהאט קיין שום באַשעפטיקונג. אויסער דעם וואָלט דער געפאנגענער אויפעסן ניט ווייניקער אמאָל מער ווי ער וואָלט אויפטאָן, אזוי אז די הוצאה פון האלטן א געפאנגענעם וואָלט אריבערשטייגן די הכנסה. אנדערש איז אבער געווען די לאגע בנוגע פרויענצימער. די פענגער זכרים האָבן געוואוסט ווי צו געברויכן די געפאנגענע נקבות. די ביאָלאָגישע ווירטשאפט, די ביאָלאָגישע פּראָדוקציע האָט זיך תמיד גענויטיקט אין ארבעטאָריגס, און איין זכר האָט דאָך געקענט באפרוכפּערן א גרויסע צאָל נקבות. ווי איין אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט קען אָרגאַניזירן און דינגען א היפשן עולם פון פּראָלעטאַריער, אזוי האָט דער ביאָלאָגישער קאַפּיטאַליסט, דער מאַן געקענט פערטיליזירן א גאַר היפשן הארעם פון פרויען, און דורך דער טיר פון ביאָלאָגישער פּראָדוקציע איז אריינגעקומען די עקאָנאָמיש־יורידישע קאַטעגאָריע פון פּריוואַט־אייגנטום. ווי פאַנטאַסטיש עס קניפּט און קניפּלט זיך דער ביאָלאָגישער פאַדים מיט די סאָציאָלאָגישע און עקאָנאָמישע פעדים און ווערן איין אויסטערליש געוועב.

מויד־שקלאַפין־קריג־געפאַנגענע־ווייב — דאָס איז די ערשטע זאַך, וועלכע מיר האָבן אַפּראָפּריאירט אין פולן מיין פון וואָרט.

ראָבערט בריפאָלט אין זיין ווערק „די מוטערס״ שרייבט:

„דאָס פאַנגען פון פרויען בשעת א קריג און איבערפאַל איז באוואוסט צו זיין א געוויינלעכע געשעעניש ביי דער מערהייט פון פעלקער.״ (91

ט. ד. סעימאָור אין זיין ווערק „דער האמערישער צייטעלטער״ שרייבט:

„אין מלחמה פלעגט מען די מענער פון דער באַזיגטער ארמיי דער־הרג׳ענען, בשעת די פרויען און קינדער... פלעגט מען אָפפירן אין געפאַנגענשאַפט. דאָס איז אויך געווען דער מנהג ביי די פארצייטיקע אידן, און זיי האָבן געליטן פון דעם אזוי שפּעט ווי אין די מאַקאַבייער צייטן...(92 ׳צו דעם זיגער געהערט די רויב׳... אזוי האָט אַגאַמעמנאָן גענומען ניט נאָר די טעכטער פון דעם אַלטן פריסטער קרייזעס, נאָר אויך, צום ווייניקסטן, זיבן לעסבישע פרויען אלס זיינע געפאַנגענע באדינערינס, מחמת ער האָט זיי פאַרגעלייגט אכילעס׳ן (93 און אכילעס האָט געהאַט ניט נאָר בריזייס און דיאָמעדע (94 אלס זיינע שקלאַפינס, נייערט א היפשע קאָמפּאַניע פון אנדערע.״ (95

פון דער באשרייבונג איז צו זען אז אין די צייטן ווען איליאַדע איז פארפאסט געוואָרן איז די אינסטיטוציע פון פרויען־שקלאפעריי געווען א געוויינטלעכע דערשיינונג.

אין די געזעצן פון מאַנו לייענען מיר:

„דער איבערגעוואלדיקער אוועקפיר פון דער מויד, בשעת זי שרייט און וויינט, נאָך דעם ווי אירע קרובים זיינען דער׳הרג׳ט אדער פאַרוואונדעט געוואָרן און זייערע הייזער זיינען אויפגעריסן געוואָרן.״ (96

פון אָט־דעם טעקסט אין דער הייליקער שריפט פון די הינדוסן קוקט ארויס דער אָנגענומענער שטייגער פון מוידן־כאַפּעריי. פרויען פלעגט מען גנב׳ענען, נעמען געפאַנגען, און דאָס פלעגט געטאָן ווערן ניט נאָר בשעת מלחמה, נאָר אויך בשעת שלום. ווען די מלחמה איז געפירט געוואָרן לשם עפּעס אנדערש, פאר אנדערע צוועקן, איז דער פרוי־עלעמענט אריין אלס א טייל פון אָט־דעם צוועק־פאַרפאַלג. זי איז גע־ווען א טייל פון רויב בכלל. אין פרידלעכע צייטן פלעגט מען ׳ איינ־אָרדענען׳, באַשטעלן א מלחמה, אן איבערפאַל איבער א פרעמדן שבט יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט געוואָלט קריגן א מויד פאר א כלה און ווייב און זי טאקע האלטן פאר זיך אליין אלס אן ארטיקל פון פריוואט־אייגנטום. ווייל „אונטער דעם קאָמונאלן סיסטעם פון דעם שבט זיינען די נשים געווען א קנין פון קהל. קיינער האָט ניט געקענט אַפּראָפּריאירן איינע פון זיי פאר זיך אליין און דערביי ניט פאַרלעצן די רעכט פון דעם שבט. פרויען אבער, וועלכע מ׳האָט גענומען געפאַנגען אין א מלחמה,

איז פונקט פאַרקערט, האָבן זיך געפונען אין אַ גאַנץ אַנדערן מצב. דער שבט אַלס אַ גאַנצער האָט קיין שום רעכט ניט געהאַט איבער זיי, און די מענער האָבן זיכער רעזערווירט זיי אויסשליסלעך פאַר זיך אַליין אַלס זייערע פּריזן." 97)

איצטער ווערט דער ענין שקלאַפינס־אייגנטום נאָך קלערער. ווייבער, געווינטלעכע פאַרהייראַטע נשים, זיינען געווען שבטים׳שע. זיי האָט מען ניט געדאַרפט גיין כאַפּן. זיי האָט מען געקענט האָבן אויף אַ ׳גע־זעצלעך׳ פרידלעכן שטייגער. די צרה מיט די דאָזיקע אייגן־שבט׳ישע ווייבער איז אָבער געווען, וואָס זיי האָבן געהערט צום גאַנצן שבט, צו אַלע זכרים פון שבט. ווען אַ מאַנסביל האָט אָבער געוואָלט האָבן אַ ווייב פאַר זיך אַליין, פאַר דעם אייגענעם געברויך, האָט ער זי געמוזט פאַנגען, אָדער בשעת אַ שבט־קריג איז אָנגעגאַנגען, אָדער ער איז געווען געצוואונגען צו ׳פאַראַנשטאַלטן׳ אַן אינדיווידועלן קריג מיט אַ שכנ׳ישן שבט. דאָס הייסט ער האָט געדאַרפט מאַכן אַן איבערפאַל איבער איר פאַמיליע, זי אוועקפירן מיט געוואַלט. ערשט דעמאָלט האָט ער זי קונה געווען. זי איז געוואָרן זיין פּריוואַט־אייגנטום־אָביעקט. און טאַקע דורך אָט־די געפאַנגענע, געכאַפּטע און איבערגעוואַלד־אָפּגעפירטע ווייבער איז די אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום איינגעפירט געוואָרן.

לאָמיר עפענען דעם ספר שופטים און לייענען דבורה׳ס געזאַנג:

„דורך דעם פענצטער קוקט זי און קלאָגט, די מוטער פון סיסראַ׳ן, דורך דעם לופטשיק. פאַרוואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן אין אָנקומען? פאַרוואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט די טריט פון זיינע קאַרעטן? די קלוגע צווישן אירע דאַמען ענטפערן איר, אויך זי ענטפערט עס צו זיך אַליין: מסתמא געפינען זיי און צעטיילן די רויב, אַ טראַכט, צוויי טראַכטן פאַר קאַפּיטאַ פון אַ מאַן" (שופטים ה׳, כ״ח־ל׳).

איצט וועלן מיר נעמען אַן אַנדער שטעלע אין דעם זעלביקן בוך פון די שופטים:

„און די געמיינדע האָבן געשיקט אַהין צוועלף־טויזנט מענטשן פון די בראַווע יונגען, און זיי האָבן זיי אָנגעזאָגט אַזוי: גייט און הרג׳ט אויס מיטן שווערד די איינוואוינער פון יבש־גלעד... און זיי האָבן געפונען ביי די איינוואוינער פון יבש גלעד פיר הונדערט יונגע בתולות... און זיי האָבן זיי געבראַכט אין לאַגער שילה... און די גאַנצע געמיינדע האָבן געשיקט און האָבן גערעדט צו די קינדער בנימין, וואָס אויפן פעלד רימון און זיי האָבן צו זיי גערופן פרידן... און זיי האָבן זיי אוועקגעגעבן די פרויען וועלכע זיינען געבליבן לעבן פון די פרויען פון יבש גלעד...

און זיי האָבן באַפעלן די בנימין־קינדער אַזוי: גייט און לויערט אין די ווייַנגערטנער, און אַז איר וועט דערזען די טעכטער פון שילו זייַנען אַרויס טאַנצן אין די קאַראַהאָדן, וועט איר אַרויס פון די ווייַנגערטנער, און איר וועט כאַפּן יעדער זיין ווייב פון די טעכטער פון שילו, און איר וועט אַוועק קיין לאַנד בנימין... און די בנימין־זין האָבן אַזוי געטאָן, און זיי האָבן זיך גענומען ווייבער לויט זייער צאָל נאָך פון די טענץ וועלכע זיי האָבן גערויבט". (דאָרט, כ"א, כ'־כ"ג).

אין העברעאיש חתונה האָבן מיט אַ פרוי איז נשא, וואָס מיינט ווערטערלעך 'אַוועקטראָגן'. ער האָט חתונה געהאַט, נשא אשה, מיינט עטימאָלאָגיש „ער האָט אַוועקגעטראָגן אַ פרוי, ווייל גאָר פּאַרצייטנס פלעגט מען זיי כאַפּן און אַוועקטראָגן, אַוועקשלעפּן איבערגעוואַלד".

פ. אָפּפענהיימער אין זיין ווערק „דער שטאַט" שרייבט:

„די ערשטע סטאַדיע נעמט אַריין רויבערייַ און הריגות אין גרענעץ־געשלעגן, ענדלאָזע געראַנגלען וועלכע ווערן ניט אָפּגעשטעלט ניט דורך אַ שלום און ניט דורך אַ וואַפנשטילשטאַנד. דאָס ווערט באַצייכנט דורך הרג'ענען די מאַנען און אַוועקפירן די ווייבער און קינדער." 98)

סאַמנער און קעלער אין זייער ווערק „די געזעלשאַפט־וויסנשאַפט" שרייבן:

„דער פאַן איז געוואוינט צו אַטאַקירן די שכנים'שע שבטים, טויטן און אויפעסן די מאַנצבילן אָן ווייטערדיקע צערעמאָניעס און נעמען געפאַנגען די נקבות פאַר ווייבער... אַ סך ראיות זייַנען דאָ וועלכע באַווייזן, אַז די יאַקוטער ווייבער זייַנען געווען לכתחילה קריג־געפאַנגענע. ווען אַ מאַן בשעת יאָכט האָט דערזען אַ שיינע פרוי האָט ער און זיינע פריינט ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט, זיי האָבן דער'הרג'ט דעם מאַן און די פרוי אַוועקגעפירט אַלס קריג־געפאַנגענע. אין די יאַקוטער עפּיק־מעשיות איז איינער פון די וויכטיקסטע מאָטיוון דאָס ווייבער־גנב'ענען; אין אַלע קריג־פאַרציילונגען געווינען די זיגער די מוידן." 99)

די הינדוסן האָבן אַ ספּעציעלן נאָמען פאַר חתונה האָבן דורך פאַרפירן: די ראַקאַשאַזאַ פאָרם, וועלכע עס האָבן פּראַקטיצירט די קשאַטריאַ אָדער דער קריגער־קלאַס 100) פאַלן פון אַבדוקציע ווערן באַוזונגען אין דער מאַהאַבהאַראַטאַ עפּיק. 101) אין דער שיקינג, אָדער כינעזישן בוך פון אָדעס געפינען מיר שפּורן פון חתונה דורך געפאַנגען־נעמען. 102) ווייבער־כאַפּערייַ האָט עקזיסטירט ביי די אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער אין אַלטערטום.203) שפּורן פון ווייבער געפאַנג קען מען געפינען... אין תלמוד.104)

סאַמנער און קעלער שרייבן:

„עס איז קיין צווייפל ניט אז דער איינפיר פון גע׳גנב׳טע ווייבער האָט געהאט כאַראַקטעריסטישע עפעקטן אויף יעדער פאָרם פון חתונה האָבן. אונטערנעמערישע גרופן, וועלכע האָבן געהאט מער דערפאָלג ווי אנדערע, האָבן נאַטירלעך אָנגעווענדט זייער איבערפלוס פון ענערגיע אויף אָפּראַפּריאירן פון די שכנים.״ 105)

גומפלאָוויטש שרייבט:

„עס איז אמת אז אלעמאָל האָט עקזיסטירט א שטאַרקער מאָטיוו פאַר ווייבער־כאַפּעריי אין דעם פאַקט וואָס א גע׳גנב׳טע ווייב האָט ניט פאַרמאָגט קיינע באַומרואיקנדיקע זכיות, ווי דער פאַל איז געווען מיט דער סטאַטוס־ווייב. זי איז געווען אייגנטום אדער א שקלאַף.״ 106)

דאָ קומט צו נאָך א מאָטיוו פאַר כאַפּן ווייבער. א געפאַנגענע, וועלכע ווערט ווייב, פאַרמאָגט ניט קיינע רעכט, קיינע פּריווילעגיעס. זי האָט ניט ווער עס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען, פאַרטיידיקן אירע רעכט. דערצו נאָך האָט דער אייגענער שבט אין איר קיין טייל ניט, קיינע רעכט. אזוי אַז אַ געפאַנגענע שקלאַפין־ווייב איז געווען דער „אידעאַלער טיפּ״ פון ווייב. אָט אַזוי ווערט די עקזאָגאַמיע אינסטיטוציע ווי אויך די אייגנטום־אינסטיטוציע פאַר׳קרוב׳ט.

„די געפאַנגענע פרוי איז... דער באַזיצטום פון איר פענגער... מחמת דעם וואָס די פרוי איז פאַרהעלטנישמעסיק שוואַכער און מער אומבאַהאָלפן און אויך צוליב דעם וואָס אלס אַן ארבעטאַרערין און קינ־דער פּראָדוצירערין שטעלט זי פאַר מיט זיך א הייכן ווערט, איז זי גע־וואָרן איינע פון די הויפּט־פאָרמען פון קריג־רויב. הגם עכטע פרויען־כאַפּעריי איז ניט אזוי אלגעמיין אין עטנאָגראַפיע, ווייזן אָבער אַן אלע אָנצייגונגען אז אויף די פריערדיקע שטופן האָט עס פּרעוואַלירט. צופליי־סנדיקע כאַפּעריי און אנדערע איבערבלייבעכצן קענען ניט האָבן קיין אנדער דערקלערונג אויסער דער אז אמאָל איז געווען א פּעריאָד אין משך פון וועלכן דער שטעמפּל פון געוואַלטאַט איז געווען שטאַרק ארויפגעדריקט אויף די מנהגים.107) אַן דעם איז באמת שווער צו דערקלערן פאַרוואָס כאַפּעריי איז אזוי גוט פאַרטראַטן אין די חתונה־צערעמאָניעס. ווען פרויען־געפאַנג וואָלט זיין א צופעליקע ספּאָראַדישע זאַך און כנגד די אנגענומענע מנהגים וואָלט עס ניט פאַרנעמען אזא חשוב׳ן פּלאַץ אין די שטייגערס וועלכע רינגלען ארום דאָס חתונה האָבן.״ 108)

יוליאוס ליפּערט שרייבט:

„אויף אָט דער שטופע ווערט די פרוי דערוואָרבן פון מאַן אלס אייגנטום. זי ווערט א שקלאַפין אזוי גוט ווי א בעט־חבר׳טע פון איר האַר.״ 109) „זי טרעט אריין אין דער זעלביקער פאַרהעלטעניש צו

איר פענגער ווי די, וועלכע עס פאַרנעמט זיין פּריוואַטער אָדער פּער־זענלעכער אייגנטום געפינענדיק זיך מחוץ פון אַלע פאַרבינדונגען מיט דער פּרימיטיווער פאַמיליע, ווערט זי אַליין אַן אייגנטום־אָביעקט.״ 110) די עלטסטע פאָרם פון דער עקזאָגאַמיע־חתונה... אַזוי ווי דאָס איז פאַר־געקומען נאָך איידער עס האָבן עקזיסטירט פּרידן־אָפּמאַכונגען צווישן די פרעמדע פּרימיטיווע פאַמיליעס, איז ווייבער־כאַפּעריי.״ 111) דער אופן פון איינשאַפן זיך אַ כלה ביי געוויסע אויסטראַלישע שבטים איז דער אייגענער ווי כאַפּן אַ חיה, מיט דעם אונטערשייד וואָס בלויז אַ מיידל פון אַ פרעמדן שבט איז רעכטלאָז ווי אַ חיה. דער מאַן פּאַרט ארויס אויף אַ יאַכט־רייזע, גנב׳ט זיך אונטער און באַפאַלט זיין קרבן, ווען זי היט זיך ניט, דערלאַנגט איר עטלעכע גוטע קלעפּ מיט אַ פלאָקן אַזוי, אַז זי פאַרלירט איר באַוואוסטזיין. ער שלעפּט זי אָפּ אין די געדיכטע קוסטעס אַריין, און ווען זי קומט צו זיך צווינגט ער זי אים נאָכצו־פאָלגן.״ 112)

„אין פילע געגנטן פון ניי דרום וועלש מוז מען שפּילן דעם אַקט פון ווייבער־כאַפּעריי אויך דעמאָלט, ווען דער בונד ווערט גאָר געשלאָסן אויף דעם סמך פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש. די קרובים פון דער כלה מאַכן זיך אַזוי ווי זיי באַפאַלן דעם חתנ׳ס צד און פון געשלעג וואָס פאָלגט כאַפּן פילע, און טאָקע די כלה אַליין אויך ניט נאָר געשמאַקע קלעפּ, נאָר זיי ווערן אַפילו פאַרוואונדעט.״ 113)

„אין דער קאָנסערוואַטיווער ספּאַרטע לכל־הפּחות האָט אַ חתונה געמוזט פאַרקומען דורך כאַפּן די כלה, פאַרשטעהט זיך נאָך אַ ריכטיקער פאַרשטענדעניש 114) דאָס אוועקנעמען די מויד פון דעם היימישן קאַמין איז געווען געגליכן צו דעם אופן ווי אַזוי מ׳פלעגט אַ פליכטלינג אוועק־רייסן פון אַלטאַר וועלכער האָט אים געגעבן רעטונג־רעכט און אַפילו אין אַטהען איז אויך געווען אַזאַ טייל פון דער חתונה־צערעמאָניע, די כלה פלעגט צופאַלן צום הויז־קאַמין און פון דאָרטן פלעגט מען זי אוועק־נעמען און אוועקפירן אהיים. 116). ווייבער־כאַפּעריי קען מען נאָר געפי־נען דאָ און דאָרטן אין מאַלאַגאַזיע. דער פּרידזשיאַנער דערוועגט זיך זיין כלה מיט געוואַלט אויף אַן אמת אָדער אויף צופּלייסן.117) אין אַראַבישע צייטן איז די פּראַקטיק פון חתונה דורך געפאַנג געווען זייער פאַרשפּרייט. אין אַלע פאָרמען פון חתונה קען מען געפינען שפּורן פון דעם.118) „ווייבער־כאַפּעריי קומט זיכער פאָר און איז פאַרגעקומען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אין יעדן טייל פון דער וועלט און אין אַלע עפּאָכען. דאָס איז דער נאַטירלעכער באַגלייט פון דעם פּריי־

מיטיוון באַרבאַרישן קריגפּיר, און פאַר פילע שבטים איז עס געווען דער הויפּט צוועק פון מלחמה־פירעריי.״ 119)

איצטער ווייסן מיר שוין וואו עס איז געשטאַנען די וויגעלע פון דעם פּריוואַט־אייגנטום אַנשטאַלט. פּריוואַט־אייגנטום באַזירט זיך אויף ברוטאַלער גבורה, אויף מאַכט, אויף ׳אויטאָריטעט׳, אויף כאַפּעריי, אויף רויבעריי בנוגע פרויען וועלכע מ׳נעמט געפאַנגען און מ׳האַלט פאַר שקלאַפינס, דערנאָך, פאַנגעריי בנוגע מענער, וועלכע מ׳האַלט פאַר שקלאַפן. אויף די קני פון אַט־דער אינסטיטוציע פון פרויען־שקלאַפעריי און שפּעטער־צו מענער־שקלאַפטום איז די אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום געבוירן געוואָרן. די שקלאַפין, די ׳פאַרשטוביקטע׳ פרעמדע און דער שקלאַף דאָס זיינען די ערשטע אַרטיקלען פון עכטן אייגנטום.

אַ שקלאַף אין שייכות צו זיין האַר, צו זיין הערשער איז אַן אונטער־יאָכטער אומגליקלעכער נחות־דרגא מענטש. ער איז אונטערוואָרפן אונטער דעם האַר׳ס יוריסדיקציע, און צו דער זעלביקער צייט איז ער ניט מער כמעט ווי אַן אָביעקט, א קעגנשטאַנד. ער איז עפּעס כלומרשט יע א שטיקל מענטשלעך וועזן, אָבער ער איז געגליכן צו א זאַך, וואָס איז שייך זיין יורידישן סטאַטוס. ער איז א מענטש, וואָס איז שייך געהאָרכ־זאמקייט, פאַלגן זיין באַלעבאָס, אויספירן דעם לעצטנס אָנזאָגונגען. אָבער ער איז פאַרט בלויז א קעגנשטאַנד וואָס אַנבאַלאַנגט זיינע רעכט אלס א סוביעקט. „שקלאַפן ווערן דערקלערט צו זיין ׳מטלטלין׳.120)

שקלאַפן און שקלאַפינס האָט מען געקענט פאַרקויפן ווי יעדע וואַרע. זיי זיינען איבערגעגאַנגען בירושה. מ׳האָט זיי גענומען אלס קאָמפּענסאציע פאַר ניט באַצאָלטע חובות פון זייערע אייגנטימער. מיט איין וואָרט מ׳האָט זיי דיסטריבוטירט ווי יעדע אַנדערע פאָרם פון אייגנטום.121)

„אַ שקלאַף קען ניט שליסן קיין אָפּמאַך. ער קען זיך אפילו ניט פאַרבינדן, אין יורידישן פשט, דורך חתונה האָבן. די אסאָציאַציע וועלכע איז פאָרגעקומען צווישן שקלאַפן און וואָס מ׳האָט גערופן היראַט איז באמת געווען דאָס אייגענע וואָס דער רוימישער contubernium אַ פאַרבינ־דונג וועלכע פאַרמאָגט ניט קיין שום הייליקייט און צו וועלכער עס זיינען ניט צוגעקניפּט קיינע ציווילע רעכט״.122)

„לויט די געזעצן פון לואיזיאַנע, ׳קענען די שקלאַפן ניט היראַטן אָן דעם צושטים פון זייערע הערן, און זייערע הייראַטן פראָדוצירן ניט קיינע פון די עפעקטן וועלכע רעזולטאַטירן געווינלעך פון אזא קאָנט־ראַקט״ 123). „דער האַר האָט א רעכט צו שיידן דעם ׳מאַן׳ און ׳ווייב׳... אַ שקלאַף האָט פּונקט אזויפיל רעכט איבער זיין קינד, ווי א קו איבער איר קעלבל״.124)

אַזוי אַז שקלאַפעריי איז ניט נאָר די אָנפאנג־פאָרם פון פריוואַט־אייגנטום נאָר טאַקע אַן אמת עכטע פאָרם פון פריוואַט־אייגנטום. א שקלאַף איז ניט קיין ׳מענטש׳ ער איז א שטיק אייגנטום. אין שקלאַפעריי זעט מען קלאָר און דייטלעך אַז דער מאכט־האָבער, דער געוועלטיקער, דער אדון איז אויך אמאָל אויך דער פריוואַט־אייגנטימער. אויף אזא אופן טרעט ארויס בולט דער אמת, אַז אייגנטום איז בלויז א דעריוואַציע, אַן אָפּלייטונג פון מאַכט־אויטאָריטעט. אייגנטום איז אייגנטלעך בלויז אַ טראַנסמוטאַציע, א פאַרענדערטע פאָרם, א קאָנקרעטיזירטע, מאַטעריאַליזירטע פאָרם פון מאַכט־אויטאָריטעט.

ווייטער וואָס איז באמת, אייגנטום ?

פרודאָן שרייבט :

„לויט דער ׳דעקלאַראַציע פון רעכט׳ וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צו דער קאָנסטיטוציע פון 1793 איז אייגנטום ׳דאָס רעכט צו געברויכן און זיך פאַרשאַפן ווי איינער וויל מיט זיינע גיטער, זיין הכנסה און די פרוכט פון זיין ארבעט און פלייס׳. נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס ארט. 544 : אייגנטום איז דאָס רעכט צו געברויכן און איבערגעבן זאַכן אויף אַן עכט אבסאָלוטן שטייגער.״ 125) „אייגנטום איז דאָס לעגאַלע רעכט צו דעם באַזיץ, געברויך, געניס און אוועקגעב פון א קעגנשטאנד.״ 126)

וואָס פאר א סאָרט באגריף איז עס ?

ווי יעדער בר־דעת קען אליין איינזען איז אייגנטום־רעכט אויס־שליסלעך א סאָציאַלע קאַטעגאָריע. אייגנטום־רעכט האָט גאָרניט צו טאָן מיט די פיזיש־טעכנישע באַציאונגען פון מענטשן צו דעם קעגנשטאנד, וועלכן ער באַזיצט. אייגנטום־רעכט עטאבלירט, באַצייכנט און רעגולירט די פאַרהעלטענישן פון מענטשן צו זיין מיטמענטשן בנוגע דעם געגע־בענעם אָביעקט, וועלכער געפינט זיך אין זיין לעגאַלן אדער פאַקטישן באַזיץ.

אייגנטום רעכט! אויב איך געפין זיך איינער אליין אין א מדבר אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט מיט אירע איינוואוינער, אויב איך בין איינער אליין, ווי ראָבינזאָן קרוזא אויף אַן איזאָלירטן אינדזל, אין אַזאַ פאַל, כאָטש דער גאַנצער אינדזל און אלץ וואָס געפינט זיך אויף אים איז אין מיין פאַקטישן באַזיץ, בין איך נאָך אלץ ניט דער פריוואַטער אייגנטימער פון דעם אינדזל. דער טעם דערפון איז פשוט : צוזאַמען מיט מיר געפינען זיך ניט קיינע פערזאָנען, וועלכע וואָלטן קענען פּרעטענדירן אויף אייגנטום־רעכט בנוגע דעם אינדזל און אלץ וואָס איז אויף אים פאַראַן. און ווי באַלד קיינער איז ניט אימשטאַנד צו פאַרלעצן מיינע זכיות אדער פרובירן זיי אוועקנעמען פון מיר, בין איך אלס אייגנטימער

אויך ניטאָ. אָן אַ סאָציאַלער סביבה איז ניטאָ קיין אייגנטום־רעכט און קיין רעכט בכלל. אייגנטום באשטימט ניט די באַציאונגען פון מענטשן, פון אייגנטימער, צו דעם קעגנשטאַנד אלס אזעלכן, נייערט בלויז די באַציאונגען פון מענטשן צו מענטשן בנוגע די קעגנשטאנדן.

סאמנער און קעלער שרייבן:

„אייגנטום איז סאָציעטאַל. אייגנטום אין זיין עצם מהות אימפליצירט אַן אַנטאַגאָניזם צווישן דעם אייגנטימער און ניט־אייגנטימער; אָט דער אַנטאַגאָניזם ווערט האַרמאָניזירט דורך מנהגים. אייגנטום איז דעריבער לויט זיין עצם נאַטור געזעלשאַפטלעך. קרוזא האָט אויף אַן אמת ניט געקענט פאַרמעגן קיין אייגנטום איידער דער מאַן פרייטיק איז געקומען. קיינער קען ניט באַהויפּטן, אַז עפּעס איז זיינס, ווען עס איז ניט פאַראַן עמיצער פון וועמעס אנשפרוך אָדער געברויך ער קען זיך אונטערשיידן. אייגנטום איז די רעלאַציע צווישן אַ פּערזאָן און אַ קעגנשטאַנד, וועלכע איז עטאַבלירט אין די מנהגים פון דער געזעלשאַפט, דורך וועלכע די הערשאַפט איבער אַ קעגנשטאַנד ווערט פאַרזיכערט פאַר דער פּערזאָן דורך דעם אויסשליסלעך געברויך און נוצן, וואָס ער קען האָבן פון דעם. דאָס הייסט דאָס רעכט צו דעם. פיינטלעכער קעגנדיקער באַזיץ און פּרעסקריפּציע בילדן דאָס איינציקע רעכט צו אייגנטום. דאָ איז עס ווידער מאַכט, — די אויטאָריטעט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע געפינט זיך הינטער די מנהגים — וועלכע מאַכט רעכט.״ 127)

אייגנטום־רעכט מיינט דאָס רעכט צו באַזייטיקן, עלימינירן אַלע קאָנקורענטן, פּרעטענדענטן, אנשפרוך־מאַכער.

האָלמעס אין זיין ווערק „דאָס אַלגעמיינע געזעץ״ שרייבט:

„בכדי צו דערווערבן באַזיץ מוז אַ מענטש שטיין אין אַ געוויסער פיזיקאַלער באַציאונג צו דעם אָביעקט און צו די איבעריקע מענטשן פון דער וועלט, און ער מוז האָבן אַ געוויסע כוונה... אַ כוונה אויסצושליסן אַנדערע.״ 128)

אייגנטום־רעכט בנוגע אַ קעגנשטאַנד האָט אַ זינען בלויז דעמאָלט ווען עס פּראָקלאַמירט, צו דער זעלביקער צייט מיטן זעלביקן אָטעם, און פאָרמולירט אויף איין מאָל דאָס אומרעכט. אַ זאַך, וואָס קען געהערן און געהערט טאָקע צו אַלעמען, געהערט צו קיינעם ניט, איז הפקר, אַן אייגנטומלאָזער אָביעקט. כמו־כן אַ זאַך וואָס קען געהערן צו קיינעם, אָדער וועלכע געפינט זיך דאָרטן וואו עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל פּרעטענדירן אויף דער זאַך, מחוץ פון איינציקן מענטשן, איז ווידער אייגנטומלאָז.

„די גאַטונג־דיסטינקציע פון אייגנטום איז דאָס, וואָס ער ווערט געהאַלטן אין כנגד־יקן באַזיצטום, וועלכער איז קעגן אַלע אַנדערע.״ 129)

ה. ס. מיין שרייבט אין זיין ווערק „אַלטערטום־געזעץ":

„דער גרויסער דייטשער יוריסט Savigny האָט אָוועקגעלייגט אַ גרונטלאַגע, אַז אייגנטום באַזירט זיך אויף אַנטקעגנדיקן באַזיצטום, וועלכער ווערט רייף דורך פּרעסקריפּציע.״ 130)

ר. מ. בינדער אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע״ שרייבט:

„אייגנטום מיינט דאָס אויסשליסלעכע רעכט פון אַן אינדיווידואַל צו דעם קאָנטראָל פון באַזיץ.״ 131)

וואַלטער ווהילער קוק אין „ענציקלאָפּעדיע פאַר סאָציאַלע וויסנ־שאַפטן״ שרייבט:

ווען מיר אַנאַליזירן דעם צוזאַמענקלייב פון רעכט, וועלכער ווערט באַצייכנט דורך אייגנטום, געפינען מיר, אַז ער באַשטייט . . . פון אַן אומבאַשטימטער צאָל פון רעכט אין דעם ענגן זינען אָדער אַנשפּרוכן, וועלכע זיינען גילטיק קעגן אַן אומבאַשטימטער צאָל פון פּערזאָנען, יעדער פון וועלכע געפינט זיך אונטער אַן אַנטשפּרעכנדיקער פליכט.״ 132)

קאָמונאַלער אייגנטום איז פון אַט־דעם שטאַנדפּונקט אייגנטום, אויפ־וויפיל ער באַהויפּט דאָס רעכט פון דער געגעבענער געמיינדע צו דעם אויסשלוס פון אַלע אַנדערע געמיינדעס.

סאַמועל פון פּופענדאָרף אין זיין ווערק „דאָס געזעץ פון דער נאַטור און נאַציאָנען״ שרייבט:

„אַזוי ווי דער אייגנטום פון קעגנשטאַנד וועלכער באַלאַנגט בלויז צו איינעם שליסט אויס אַלע אַנדערע פון דעם זעלביקן רעכט בנוגע דעם אייגענעם קעגנשטאַנד; אַזוי איז אַ געמיינדע קעגנשטאַנד, ער שליסט אויס אַלע איבעריקע חוץ פון די דאָזיקע בנוגע וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן צו זיין אַלגעמיין.״ 133)

מיין רעכט אויף אַ קעגנשטאַנד מיינט יענעמס אומרעכט בנוגע דעם זעלביקן קעגנשטאַנד. מיין אייגנטום־רעכט זאָגט, אַז דער געגעבענער קעגנשטאַנד איז זיכער אין מיין רשות צו טאָן מיט אים וואָס איך וויל נאָר אַליין. און אַלע ניט־איכס געפינען זיך אונטער אַן אָבליגאַציע, אונטער אַ פאַרפליכטונג, ניט אַריינצודרינגען אין דער ספּערע פון מיין באַזיץ און ניט צו פאַרלעצן מיין רעכט, ניט מסיג־גבול זיין.

„נו, דער כוח פון אייגנטום איז אַזוי, אַז מיר מעגן געברויכן לויט אונדזער ווילן די קעגנשטאַנדן, אויף וועלכע מיר האָבן אַ רעכט, און מעגן ניט דערלאָזן, אַז אַן אַנדער פּערזאָן זאָל זיי געברויכן, סיידן ער האָט

געקראַגן פון אונדז, דורך אַן אָפּמאַך, אַ באַזונדער רעכט אויף דעם צוועק. און דעריבער כל־זמן די זאַכן זיינען אונדזערע, קענען זיי ניט זיין אויף דעם זעלביקן שטייגער אויך אַן אַנדערנס.״ 134)

ווען איך באַהויפּט אַז אַט־דער טיש איז מיינער, בין איך אויסן דערמיט צו זאָגן, אַז קיינער, אויסער מיר אַליין, האָט ניט קיין רעכט צו געברויכן אָדער איבערגעבן אַט־די שטיקל מעבל אָן אַ דערלויבניש.—געגעבן מינדלעך אָדער שריפטלעך, אַרויסגעזאָגט בפה מלא אָדער פאַרשטאַנען אויפן וואונק — פון מיר, דעם לעגאַלן בעל־הבית. איך בין דער סוביעקט פון רעכט און אַלע ניט־איכס זיינען סוביעקטן פון אָבליגאַציע. דער טיש, דער קעגנשטאַנד, איז אַן אָביעקט פון רעכט.

לכן, ווי האָט אַזאַ משונה דערשיינונג געקענט פּאַסירן? ווי קומט עס וואָס איך האָב די העזה אַרויסצוקומען מיט אַזאַ טשיקאַווער דעקלאַראַציע, וועלכע זאָגט אַז אַט־דער אָביעקט איז מיינער און איך האָב בדעה אים צו האַלטן פאַר זיך אַליין אויסשליסלעך? דורך דעם אַקט פּראָמולגיר איך זיך אַלס דעם איינציקן אינדיוויד, וועלכער האָט אַ רעכט צו געברויכן און זיך פאַרשאַפן מיט אַט־דעם קעגנשטאַנד, און אַזוי אַרום באַרויבן איך, צונעמען פון אייך דאָס רעכט אויף דעם געגעבענעם קעגנשטאַנד. אַזאַ אַקט פון אנאייגענונג שיקט פאָרויס אַ כוח, מאַכט, אויטאָריטעט. אָן דעם קען אייגנטום ניט אנטשטיין און אויך זיך ניט באַהויפּטן נאָך איר אנטשטייאונג. פון דעם איז צו פאַרשטיין, אַז לכתחילה איז דער מאַכט־האָבער און אייגנטימער געווען איין און די זעלביקע פּערזאָן. דאָס מיינט, אַז דער ווער עס איז געווען ביכולת אויסצואיבן מאַכט, וועלכע האָט זיך אָנפּאַנגלעך און אויך שפּעטער־צו געהאַלטן אויף שטאַרקייט, אין פּראָסטן פּשט פון וואָרט, האָט זיך דערקלערט פאַר אַן אייגנטימער אין צוגאָב צו זיין פּאָזיציע אַלס הערשער, וואַלטער און שאַלטער.

אַט־דעם טעזיס איז לייכט צו באַשטעטיקן מיט טויזנטער פאַקטן, געשעפּט פון דעם דעקלאַזן ברונעם פון קולטור־געשיכטע און פּאָליטישע היסטאָריע. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַ מיעוט פון אַ מיעוט פון ראיות. מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר פּראָמינענטע פאָרשער און זייערע מיינונגען מכוח דעם ענין.

„אַזוי ווי לאַנד אין די פּרי־באַזעצטע געמיינדעס איז געווען כמעט דער אויסשליסלעכער קוואַל פון רייכקייט, האָט עס אומפאַרמיידלעך פּאַסירט — אין משך פון די צייטן, ווען דער פּרינציפּ, אַז מאַכט איז רעכט, איז געווען אומקוואַליפיצירט, — אַז פּערזענלעכע מאַכט און לאַנד־באַזיץ זיינען אַלע מאָל געגאַנגען צוזאַמען. אין פּאַרצייטיקן עגיפּטן ׳האָט יעדער זעלנער פאַרמאָגט אַ שטיק לאַנד פון בערך אַ שטח פון זעקס אַקער׳.״ 135)

דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן גריכנלאַנד.

מיליטער־דינסט איז געווען פאַרבונדן מיט לאַנד־באַזיץ. „יעדער פרייער לאַנד־באַזיצער אין דעם עלטער פון 17 ביז 60 איז געווען פאַר־פליכטעט צו דינען אַלס זעלנער.״ 136)

דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען אין די טעווטאָנישע געמיינדעס. אויסער די פראָפעסיאָנעלע קריגער פלעגן די פרייע לאַנד־באַזיצער זיך אָרגאַניזירן לויט די משפחות אין קאַמף פאַר זייערע היימען און וואויב־פלעצער.137) לאַנד־באַזיץ איז געווען פאַרבונדן מיט מיליטער־דינסט.138) ווייל אָט־די צוויי זיינען געווען איין זאַך. מ׳האָט ניט געקענט זיין קיין אייגנטימער, סיידן מ׳האָט געהאַט אַ דירעקטן חלק אין מאַכט, אין דעם כוח פון דער געגעבענער געמיינדע. ווען איינער האָט זיך אויפגעפירט ניט ווי געהעריק אויף דעם שלאַכטפעלד, האָט ער פאַרלאָרן זיין חלק אין לאַנד, 139) ווייל לאַנד־באַזיץ איז אַלע מאָל געקומען אַלס אַ געשאַנק פאַר גבורה, פאַר דעם בראַוון אויפפירן זיך אין די געראַנגלס. מחמת לאַנד־באַזיץ, ווי בכלל אייגנטום, איז געווען באַזירט אויף הוילן כוח און שטאַרקייט, וועלכע מ׳ווייזט אַרויס אין פאַרכאַפּן, פאַרנעמען דעם לאַנד און קענען עס האַלטן, דאָס הייסט אָפּשלאָגן די אנגריפן פון אַנדערע בעלנים. בכדי צו געבן דעם ריכטיקן ביישפיל פאַר דעם כאַראַקטער פון אָט־דער עטאַבלירטער באַציאונג, איז גענוג צו ברענגען דעם פאַקט, אַז ווילהעלם דער דעראָבערער . . . האָט איינגעטיילט זיין קיניגרייך אין בערך 60.000 שטיקלעך פון כמעט גלייכן ווערט. אַ טייל פון אָט־די שטיקער לאַנד איז געבליבן ביי זייערע פאַרדעמדיקע אייגנטימער און אַ טייל האָט ער געגעבן צו זיינע נאָכפאָלגער, און פון יעדן האָט ער געפאָדערט פאַר אָט־דעם געשאַנק מיליטער־דינסט.״139) און יעדער וואָס האָט געקראָגן אַ שטיק לאַנד האָט געמוזט געבן אַ שבועה, אַז ער וועט פאַרטיידיקן זיין האַרנס לענדער, טיטול און פערזאָן. 140). מ׳זעט באַשיינפערלעך, אַז דאָס גאַנצע איינגענומענע לאַנד האָט געהערט צום באַזיגער, צו דעם העכסטן מאַכט־האָבער. ער האָט עס אויסגעטיילט צו זיינע זעלנער, אַרויסהעלפער אין קריג, וועלכע זיינען געוואָרן ׳אייגנטימער׳ אָדער באַזיץ־האַלטער אין זכות פון דער הילף וועלכע זיי האָבן אים געגעבן אין דעם זיגרייכן קריג. ווייל אייגנטום האַלט זיך אויף מאַכט, קריג און זיג. דער וואָרט ׳קריג׳ זאָגט אויס דעם סוד, יואָס אַלע, אייגנטלעך, ווייסן, אַז אַן אַ ׳קריג׳ קען מען גאָרניט קריגן, גאָרניט האָבן, ניט קיין לאַנד, ניט קיין שקלאַפן, ניט קיין אייגנטום בכלל. מיט אַנדערע ווערטער, אייגנטום־רעכט איז אַ לעגאַלע אינסטיטוציע. עס באַזירט זיך

אויף רעכט, און רעכט האַלט זיך אויף מאַכט, אויף קראַפט, אויף קריג און זיג. בקיצור, אייגנטום איז מאַכט. אייגנטום איז אַן אַרויפבוי אויף דעם יסוד פון מאַכט־אויטאָריטעט. ווי סאַמועל פאַן פופענדאָרף זאָגט בפירוש: „מאַכט איבער אונדזערע זאַכן אָדער גיטער הייסט אייגנ־טום.״ 141)

אייגנטום איז מאַכט, אָבער ניט מאַכט־הערשאַפט, וועלכע ווערט אויס־געאיבט בנוגע דעם אָביעקט, דעם קעגנשטאַנד. דעם לעצטן גייט דער גאַנצער לעגאַליסטישער ענין לחלוטין ניט אָן. ער איז אינגאַנצן פּאַסיוו, אינדיפערענט צו דעם, ווער באַהויפּט זיך אַלס זיין הערשער־אייגנטימער. אייגנטום איז אַ פאָרם פון מאַכט־אויטאָריטעט, וועלכע ווערט אויסגעאיבט איבער די מיטמענטשן אין שייכות צו אַ קעגנשטאַנד, ווי אויבן איז שוין עטלעכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט און דערקלערט געוואָרן. אויבערפלעכלעך זעט אויס, אַז דאָס געזעץ, דאָס אייגנטום־רעכט פאַרזיכערט אייער מאַכט איבערן קעגנשטאַנד, ווייל אין תוך גענומען איז עס אַ פאַרזיכערונג קעגן די מיט־מענטשן, אַז זיי זאָלן ניט שטערן די אויסאיבונג פון מאַכט איבער דעם קעגנשטאַנד. דער תמצית פון פּריוואַט־אייגנטום־רעכט איז ניט, ווי עס קוקט לכאורה אויס צו זיין, דאָס קענען טאָן וואָס מ׳וויל מיט אַ געגע־בענעם קעגנשטאַנד, נייערט דאָס קענען האַלטן פון דער ווייטנס און ניט דערלויבן דאָס אַריינמישן זיך פון אַנדערע מענטשן אין מיינע באַציאונגען מיט דעם געגעבענעם קעגנשטאַנד. דאָס אויסזען פון דעם איז אַ „פעטי־שיזם פון רעכט.״ קיינע לעגאַליסטישע באַציאונגען קענען ניט עקזיסטירן צווישן אַ מענטשן און אַ זאַך. זיי קענען און עקזיסטירן צווישן מענטשן בנוגע זאַכן אָדער פּראָצעסן, אָדער אידייען. רעכט האָט צו טאָן מיט מענטשן, ניט מיט קעגנשטאַנדן.

דזש. א. הערטצלער אין זיין ווערק „סאָציאַלע אינסטיטוציעס״ שרייבט:

„אייגנטום איז שטענדיק אַ באַשטימטע פאַרהעלטעניש צווישן פּער־זאָנען און גרופּן בנוגע דער צוגעהעריקייט פון באַוועגלעכע און אומבאַ־וועגלעכע, קאָרפּאָרעאַלע, ניט־קאָרפּאָרעאַלע קעגנשטאַנדן אָדער מענטש־לעכע ווערטן.״ 142)

אין אייגנטום ליגט פאַרבאַהאַלטן דער באַפעל: זאָלסט זיך ניט אָנטוואָגן אָנרירן עס! זאָלסט עס ניט געברויכן! זאָלסט עס ניט נוצן! זאָלסט פון דעם ניט געניסן. אייגנטום איז דער לאַו: לא תגנב, דו זאָלסט ניט גנב׳ענען! (שמות כ׳, ט״ו).

וואָס האָט אָבער פּרודאָן געזאָגט בנוגע אייגנטום? ווי האָט ער כאַראַקטעריזירט אָט־די אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום?

„אייגנטום איז גנבה*! דאָס איז דער געפּעכט־רוף פון 1793! דאָס איז דער סיגנאַל פון רעוואָלוציעס! אייגנטום איז רויב! — וואָס פאַר אַן איבערקערעניש אין מענטשלעכע באַגריפן! אייגנטימער און רויבער זיינען געווען אין אַלע צייטן אויסדרוקן אַזוי ווידערשפּרעכנדיקע ווי די

---

*) אָט וואָס ספּענסער זאָגט אין אויסזעצונג קעגן פּרודאָנען:

„אויב איינער קען ניט ווערן קיין לעגיטימער אויסשליסלעכער באַזיצער פון א קעגנשטאנד און פון דעם קומט די אידייע פון קאָמוניזם, דעמאָלט וועלן מיר קומען צו א קוריאָזן שלוס, אז אזוי ווי די ביינער, די מוסקולן א. א. וו. זיינען אויפגעבויט געוואָרן פון נערונג וועלכע געהערן ניט צו אים, לכן האָט א מאַן ניט קיין אייגנטום־רעכט אויף זיין אייגן פלייש און בלוט — ער האָט ניט מער אנשפּרוך צו זיינע אייגענע גלידער ווי צו די גלידער פון אן אנדער פערזאָן; און אז ער האָט ניט ווייניקער רעכט אויף זיין שכנס קערפּער ווי אויף זיין אייגענעם!"[143]

דאָס אייגענע זאָגט טהאָמאַס אללען:

„אויב אייגנטום איז גנבה, איז אזוי ווי שפּייז איז אייגנטום און איר אסימילירונג איז נויטווענדיק פארן אויפבוי פון קערפּער, קען מען זאָגן אז א מענטש האָט ניט קיין לעגיטימעס אייגנטום־רעכט אויף זיין אייגן פלייש און בלוט."[144]

א סך מילדער פון ספּענסערן דריקט זיך אויס ג. וו. טהאָמסאָן: „פּרודאָנס אַפאָריזם אז 'אייגנטום איז גנבה' ברענגט א באשולדיקונג באמת קעגן דער גאַנצער מענטשהייט און עס איז צו ברייט א פאַראַלגעמיינערונג צו אנטהאַלטן א סך אמת אין זיך".[145]

אָט־די אויסזעצער זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט פּרודאָנס שטעלונג צו דער אייגנטום־אינסטיטוציע.

ספּענסער נעמט פּרודאָנס שלאָג־וואָרט „אייגנטום איז גנבה!" בוכשטעבלעך און אויבערפלעכלעך. ספּענסער מיינט, אורטיילנדיק פון אָט־דער פראזע, אז פּרודאן איז געווען א קאָמוניסט, א קעגנער פון אייגנטום. בשעת, פּונקט פארקערט, פּרודאָן איז געווען א קעגנער פון מאָנאָפּאָל און פּריווילעגיעס. ער האָט געקעמפט פאר יושרדיקן ארבעט־אייגנטום. פּרודאָן איז געווען אן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון קאָמוניזם, שטאַט־סאָציאַליזם און סאָציאַליזם בכלל. פּרודאָן איז געווען א „מוטואַליסט", א מין ניט־ארטיקולירטער „אינטער־אינדיווידואַליסט".

ווי עס איז צו זען קענען אויך ניט־רבנים דרייען גאנץ געשמאק מיטן גראָבן פינגער וועגן אן ענין וואָס איז 'ניט געשטייגן און ניט געפלויגן'. ווען ספּענסער וואָלט געהאט געלייענט פּרודאָנס ווערק, וואָלט ער קיינמאָל ניט געמאכט זיין טשיקאַווע אויסזעצונג, וועלכע זאָגט גאָר ניט אפילו קעגן קאָמוניזם. ווייל געברויך־אייגנטום, בשעתן געברויך און אויף וויפל געברויך פאָדערט, אנדערקענען אפילו קאָמוניסטן און בכלל ווי דערלויבט זיך עס א דענקער ווי ספּענסער צו מאַכן אַ שפּרונג,—וועלכער פּאַסט זיך גיכער פאר א טהאָמאַס אללען—פון אייגנטום־רעכט, א ריין יורידיש סאָציאלע קאַטעגאָריע צו קערפּער אָנגעהעריקייט, א קאַטעגאָריע א פיזיקאליש־פיזיאָלאָגישע, וואָס מיטן עצם ענין פון אייגנטום האָט קיין שום שייכות ניט. און, בכלל, ווערן דען ניט מענטשן מאָבילעזירט, אוועקגעשיקט אויפן פראָנט און דערהרגעט, וואָס באווייזט, אז

פערזאָנען וועלכע זיי באַצייכענען זיינען פיינטלעך. אַלע שפּראַכן האָבן שטענדיק אויפגעהאַלטן אָט־די אַנטקעגנגעזעצטקייט.״ 143)

אייגנטום איז באמת ניט קיין גנבה. גנבה איז דאָך גאָר ניט שייך אָן דער השגה פון אייגנטום. אייגנטום און גנבה זיינען אַנטקעגנגעזעצטע באַגריפן, זיינען אָבער אַזוי איבערגעפלאָכטן, אַז איינער קען ניט קומען אָן דעם צווייטן. גנבה איז די פאַרלעצונג, די הסגת־גדול פון אייגנטום־רעכט. דאָרטן וואו עס איז ניטאָ די לעגאַלע אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום, דאָרטן זיינען ניט שייך קיין גנבות. דאָרטן וואו אייגנטום־רעכט איז ניט אַנערקענט, קען מען קעגן אים ניט פאַרברעכן.

אויף דעם האָט אָנגעוויזן מאַקס שטירנער אין זיין ווערק „דער איינ־ציקער און זיין אייגנטום״:

„פּרודאָן (אויך וויטלינג) דענקט, אַז ער זאָגט דאָס ערגסטע מכוח אייגנטום ווען ער רופט עס גנבה. פאַרבייגייענדיק די אין־פאַרלעגנהייט־שטעלנדיקע פראַגע, וועלכע גוט־באַגרינדעטע אויסזעצונג קען מען מאַכן קעגן גנבה, פרעגן מיר בלויז: צי איז דער באַגריף 'גנבה' בכלל מעגלעך אויב מ'שיינקט ניט קיין גילטיקייט צום באַגריף 'אייגנטום'? ווי קען עמיצער גנב'ענען, אויב קיין אייגנטום איז ניט פאַראַן? דאָס, וואָס באַלאַנגט צו קיינעם ניט, קען מען דאָך ניט אוועקנעמען. וואָס אַ פערזאָן שעפּט פון ים, גנב'עט ער דאָך ניט. פאַלגלעך, אייגנטום איז ניט גנבה, נייערט גנבה ווערט מעגלעך בלויז דורך אייגנטום.״ 148)

גאָלדווין סמיטה זאָגט דאָס אייגענע מיט אַנדערע ווערטער:

„דער מחבר פון דעם שפּרוך, אַז אייגנטום איז גנבה, באַשטעטיקט, דורך זיין געברויכן דעם וואָרט גנבה, די רעכטפולע עקזיסטענץ פון אייגנטום.״ 149)

אייגנטום איז מער ווי רעכטפול, עס איז מאַכטפול. אייגנטום איז ניט קיין גנבה. אייגנטום איז מאַכט און אויטאָריטעט. גנבה מיינט אויס־

דער שטאַט אנדערקענט דאָס רעכט פון דעם מענטשן צו דער אינטעגריטעט פון זיין קערפּער בלויז אין פרידלעכע צייטן.

אנטאָן מענגער טייטשט אויס פּרודאָנען ריכטיק.

אָט־וואָס ער שרייבט:

„באמת, בריססא, שפּעטער צו א פירער פון די זשיראָנדיסטן, אין זיין ווערק „מכוח אייגנטום און גנבה״ (J. P. Brissot, Sur la propriete et le vol pp. 68-95, 1780) אַנטוויקלט דעם אייגענעם געדאנק, אז דער קריטעריום פון באַזיץ דארפן זיין די הצטרכותן פון דעם מענטשן, און יעדער איינער ווער עס זאַמלט אָן אייגנטום אויסער פּראָפּאָרציע צו זיינע באדערפעענישן באַגייט אומרעכט צו זיין מיטמענטשן.״ 146)

מיידן יענעמס ווידערשטאַנד און אָפּאָזיציע, אַנאייגענען זיך אַ קעגנ־שטאַנד, אַזוי אַז דעם אייגנטימערס אָפּאָזיציע זאָל ניט באַגעגנט ווערן. אייגנטום באַגעגנט די אָפּאָזיציע און איז זי גובר אָפּן דורך כוח, דורך שטאַרקייט און אויטאָריטעט.

שטירנער שטעלט דעם ריכטיקן טראָפּ:

„אייגנטום ווערט באַדינגט פון מאַכט. וואָס איך האָב אין מיין מאַכט, דאָס איז מיין אייגנס... עס איז ניט אַ רעכט וואָס ליגט אויסער מיין מאַכט, וועלכעס לעגיטימיזירט מיך, נייערט בלויז מיין אייגענע מאַכט.״ 150)

אין אָנהייב ווערט דער סוביעקט פון אָבליגאַציע און דער אָביעקט פון רעכט פאַרקערפּערט אין איין מענטשלעכן וועזן, שקלאַפין אָדער שקלאַף. זי, אָדער ער, איז געווען אַ מענטשלעך וועזן און צו דער אייגענער צייט אַ קעגנשטאַנד, אַזוי אַז מאַכט־אויטאָריטעט וואָס ווערט אויסגעאיבט איבער אַ מענטשן בנוגע אַ געגעבענעם געגנשטאַנד, און מאַכט־אויטאָריטעט וואָס ווערט אָנגעווענדט צו אַ מענטשן בנוגע אים אַליין, אָט די צוויי וואַריאַנטן פון מאַכט־אויטאָריטעט אויסאיבונג, זיינען איין זאַך, אַנטהאַלטן אין זיך איין אַקט. אַ שקלאַף איז געווען ניט מער ווי אַ פּשוט׳ער אַרטיקל פון אייגנטום, וואָס איז שייך די יורידישע זייט. „אין דעם אָריגינעלן רוימישן געזעץ האָט דער שקלאַפנאייגנטימער אַבסאָ־לוטעס רעכט אויף זיין שקלאַף, אַ רעכט וואָס נעמט אַריין די מאַכט פון לעבן און טויט.״ 151) צו דער הוילער מאַכט־אויטאָריטעט, וואָס מענטש האָט אויסגעאיבט איבער זיינע מיטמענטשן, איז דערנאָך צוגעקומען מאַכט־אויטאָריטעט וואָס איין פּערזאָן האָט אָנגעווענדט בנוגע אַ סך פּערזאָנען אין שייכות צו קעגנשטאַנדן, גיטער, רייכטימער. און אָט־די פאָרם פון מאַכט־אויטאָריטעט האָט אַ צוויי־פּאַכיקן כאַראַקטער. זי איז פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו. נעגאַטיוו: יעדער איינער איז פאַרבאָטן צו געברויכן דעם קעגנשטאַנד וועלכן דער אנדערקענטער אייגנטימער פאַר־מאָגט. יעדער איינער ווערט באַרויבט פון זיין רעכט צו געניסן פון אָט־דעם אָביעקט. פּאָזיטיוו: דער אייגנטימער האָט אַ רעכט צו גע־ברויכן דעם קעגנשטאַנד. אין פאַל אָן אַקט פון פאַרלעצונג, פון אַפּראָ־פּריאַציע ווערט באַגאַנגען פון וועמען־עס־איז, האָט דער אייגנטימער אַ רעכט עס צו פאָדערן צוריק, צו צווינגען דעם בעל־עבירה צו רעספּעקטירן זיין רעכט און אָפּהיטן דאָס געזעץ. דער אויטאָריטאַטיווער אָרגאַן פון דער געמיינדע וועט באַשטראָפן דעם פאַרברעכער פאַר זיין פאַרברעכן קעגן אייגנטום־געזעץ, ער וועט זיך אָפּרעכענען מיטן פּושע פאַר זיין ווידערשפּעניקייט, פאַר זיין ניט געהאָרכן.

פּרודאָן שרייבט:

„פון דעם חילוק וואָס ווערט געמאַכט צווישן באַזיץ און אייגנטום קומען אויף צוויי מינים רעכט: דאָס רעכט אין אַ זאַך (jus in re) דאָס רעכט דורך וועלכן איך מעג צוריק באַקומען מיין אייגנטום, וועלכן איך האָב מיר דערוואָרבן, אין וועמענס רשות איך זאָל עס ניט געפינען; און דאָס רעכט צו אַ זאַך (jus ad rem), וועלכע גיט מיר אַ פּרעטענזיע צו ווערן אַן אייגנטימער.״ 152)

אַ פאַרברעכן קעגן אייגנטום, פּונקט ווי אַ פאַרלעצונג פון מאַכט־אויטאָריטעט, ווערט ניט קלאַסיפיצירט ווי אַ פשוט׳ע מיסהאַנדלונג, אַ שלעכטער אַקט פון אויפפיר, וואָס פאַראורזאַכט אַ שאָדן, אַ היזק, פאַר וועלכן מ׳דאַרף באַצאָלן, ווען מ׳דאַרף גוט־מאַכן דורך אַ שאָדנערזאַץ — נייערט עס ווערט באַטראַכט אַלס אַ קרימינאַלע אַקציע.

און דער מאָזאַאישער געזעץ איז, אין דעם פּרט פון אייגנטום, אַזוי אינסטרוקטיוו ווי אין פילע אַנדערע:

„אויב ער (דער גנב) פאַרמאָגט גאָרניט, זאָל ער פאַרקויפט ווערן פאַר זיין גנבה״ (שמות כ״ב, ב׳).

ספּענסער שרייבט:

„די פאַרצייטיקע יידן האָבן באַשטראָפט גנבה מיט שקלאַפעריי. דאָס אייגענע געפינט מען אין פאַרצייטיקער ניקאַראַגואַ. ׳אַ גנב . . . ווערט אַ שקלאַף פון דעם מאַן, וועמען ער האָט באַ׳גנב׳עט, ביז יענער איז באַפרידיקט; מ׳קען אים פאַרקויפן אָדער פאַרשפּילן, אָבער מ׳קען אים ניט לאָזן פריי אַן דעם צושטים פון קאַזיק Cazique״. 153)

ספּענסער דריקט זיך אויס ניט פּינקטלעך. גנבה, אַלס אַזעלכע, איז ניט באַשטראָפט געוואָרן מיט פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַף; גנבה איז באַשטראָפט געוואָרן מיט צוריקגעבן צוויי מאָל אָדער פיר־פינף מאָל אַזויפיל וויפל דער גנב האָט אַוועקגעשלעפּט. אין פאַל דער גנב האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, פאַרקויפט מען אים פאַר אַ שקלאַף.

„ביי די וואַטשאַגאַ מוז דער גנב צאָלן כפל. אויב ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, פאַרקויפט מען זיין ווייב און קינדער. מחמת די לעצטע זיינען זיינע אייגנטום־אַרטיקלען. אויב ער איז אַ בחור ווערט ער אַליין פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף צו דעם, ביי וועמען ער האָט גע׳גנב׳עט.״ 154)

„אין צפון־מזרח אַפריקע ווערט דער גנב, וועלכן מ׳כאַפּט בשעת גנבה . . . אַ שקלאַף. אַנדערע שבטים ווענדן אויך אָן אַ־דעם גרויזאַמען געזעץ אָדער מנהג. און מיר געפינען טאַקע אַז, דהיינו, אין דזשיממאַ און אין איר אומקעגנט ווערט כמעט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג פאַר׳חשב׳ט אין אַ מצב פון שקלאַפעריי. 155) אין די טשין היגלען פון אינדיע ווען מ׳כאַפּט איינעם ביי אַ גנבה, גיט ער אַוועק זיין טאָכטער

אָדער זון פאַר אַ שקלאַף, ביז ער צאָלט אָפּ צוואַנציק מאָל אַזויפיל וויפל דאָס געגנב׳עטע איז ווערט געווען. 156) אין ציילאָן פאַר׳משפט מען פאַר גנבה צו שקלאַפעריי. 157) אין טימאָרלויט ווען איינער גנב׳עט און קען ניט צוריקגעבן, אָדער איז שולדיק און קען ניט באַצאָלן זיין חוב, ווערט ער אַ שקלאַף ביי דעם מאַן ביי וועמען ער האָט גע׳גנב׳עט אָדער געליען. אין יאַפּאַן . . . ווערן בעלי־חובות שקלאַפן פון זייערע קרע־דיטאָרן און גנבים ווערן קנעכט ביי די וועמען זיי האָבן באַ׳גנב׳ט.״ 158)

„עבד לווה לאיש מלוה״ (משלי כ״ב, ז׳).

אייגנטום האָט איר וואָרצל אין מאַכט־אויטאָריטעט. ער איז פאַר־קניפּט מיט שקלאַפעריי. די פאַרלעצונג פון אייגנטום־רעכט רופט אַרויס צוריק שקלאַפעריי, עפּעס ווי דורך אַ מאָדנעם סאָרט פון אַ סאָציאַלן אַטאַוויזם.

אין דעם האממוראבי קאָדעקס לייענען מיר:

„אויב דער גנב האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, זאָל מען אים דער׳הרג׳ענען.״ 159)

אַזוי באַפעלט דער האממוראבי געזעץ. אויך אין אַט־דער גרויזאַמ־קייט ליגט אַ געוויסע יורידישע און היסטאָרישע קאָנסעקווענץ: וואָס איז שקלאַפעריי? עס איז אַ לינדערונג, אַ פאַרבייטונג פון טויט־שטראָף. דאָס טויטן פון די געפאַנגענע האָט מען פאַרביטן מיט פאַרשקלאַפונג. און אַזוי ווי אייגנטום שטאַמט פון שקלאַפעריי, און שקלאַפעריי איז אַ „במקום״ פון טויט־שטראַף, רופט אַרויס די פאַרלעצונג פון אייגנטום, ווען מ׳קען עס אַנדערש ניט קאָמפּענסירן, שקלאַפעריי אָדער, נאָך אַ ווייטערן טריט צוריק, גאָר טויט־שטראַף.

לויט דעם רוימישן געזעץ האָט אַ קרעדיטאָר געקענט האַלטן זיין בעל־חוב, אויב דער לעצטער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן זיין חוב, פאַר אַ קנעכט אָדער פאַרקויפן אים. 160)

ג. גלאָטץ אין זיין ווערק „די גריכישע שטאָט״ שרייבט:

„די לאַנד־אַריסטאָקראַטיע האָט פאַרשקלאַפט די מאַסע פון די בעלי־חובות אַנזעצער און האָט זיי פאַרקויפט אין פרעמדע לענדער אָדער האָט זיי באַהעפט צום באָדן, בלויז אַ זעקסטער טייל פון די אַגריקולטור־פּראָדוקטן האָבן געהערט צו זיי.״ 161) אין עגיפּטן האָט בעל־חוב־שקלאַ־פעריי עקזיסטירט ביז אַרום 712־718 ב. ק.״ 162)

„אין די צייטן פון מאַטטהיו (XVIII, 25) האָט מען אַנזעצער פאַר־קויפט מיט זייערע פאַמיליעס . . . אין די אַלטע צייטן אין ענגלאַנד האָט דער מלוה געהאַט אַ רעכט צו נעמען זיין בעל־חוב פאַר אַ שקלאַף.״ 163)

„אין כמעט יעדן לאַנד, אין משך פון די נידעריקע שטופן פון ציווי־ליזאַציע, איז דער בעל־חוב אַנזעצער געוואָרן אַ שטיק אייגנטום פון קרעדיטאָר און מ׳האָט אים געקענט רעדוצירן צו שקלאַפטום.״ 164) אין מזרח אַפריקע ווערן אָנגעווענדט פאַרשיידענע מיטלען, מיט וועלכע מ׳צווינגט אַ בעל־חוב צו באַצאָלן זיינע שולדן, אָבער בדרך כלל ענדיקן זיי אַלע מיט פאַרשקלאַפונג . . . אין נאָך אַנדערע קעגנטן האָט דער מלוה אַ רעכט צו פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַף דעם בעל־חוב אָדער זיין וויב און קינדער.״ 165) אין מזרח־צענטראַל אַפריקע . . . אויב דער בעל־חוב קען ניט צאָלן, ווערט ער אַ שקלאַף פון דעם מלוה . . . אין טאָגאָלאַנד איז בעל־חוב שקלאַפעריי אַ געוויינטלעכע דערשיינונג.״ 166) חוב־שקלאַפ־טום איז פאַרשפּרייט אין אייניקע קעגנטן פון טיבעט און אין דרום־אינדיע... מזרח־אינדיע שטעלט פאַר מיט זיך אפשר דעם קלאַסישן באַדן פאַר חובות־שקלאַפטום . . . ביי די מאַלאַיער דער געוויינטלעכער וועג אַריינצופאַלן אין חובות־שקלאַפטום איז דורך אַזאַרט־שפּילן. 167) אין באָרנעאָ ווערט דער וואָרט בודאק אָנגעווענדט צו אַ פּערזאָן וואָס האָט חובות און קען זיי ניט צאָלן און איז פאַררעכנט פאַר אַ שקלאַף. דער מלוה האָט אַ רעכט צו דער׳הרג׳ענען זיינע בודאקעס אויף א יום־טוב׳דיי־קער סעודה. 168) ביי די אינדיאַנער פון אָרעגאָן פלעגט מען פאַרקויפן קינדער פון די בעלי־חובות אַנזעצער. 169) אין מעקסיקא שטעלן צוזאַ־מען אַזעלכע קינדער איינעם פון די קלאַסן צווישן די שקלאַפן.״ 170)

ווי שוין עטלעכע מאָל געזאָגט און ווידערהאָלט, אייגנטום האָט זיין יסוד און אורשפּרונג אין שקלאַפעריי, און שקלאַפעריי גרעבצט זיך אים כסדר אָפּ.

איצטער ווילן מיר פּרובירן ציען מסקנות פון דעם פאַר דעם היפּש־אַנטוויקלטן טעזיס.

קלאַסן־הערשאַפט, קלאַסן־פּריווילעגיעס זיינען פאַרפונדעוועט אין אייגנטום, דעריבער קענען זיי בשום אופן ניט אויפקומען פאַר דעם איינשטעל פון מאַכט־אויטאָריטעט. די וואָרצלען פון דעם עכסט־פאַר־צוויגטן סאָציאַלן עץ־החיים ציען זייער יניקה ניט פון דער קלאַסן־צעטיילונג, אַ דיפערענציאַציע וועלכע שפּראָצט אַרויס פון דעם באָדן פון מאַכט, נייערט פון מאַכט־אויטאָריטעט אַליין, פון צוואַנג־געוואַלדטאַט, וועלכע מיינט גבורה־שפע, עשירות פון פיזיאָלאָגישע און האַלב־פּסיכאָ־לאָגישע אייגנשאַפטן און פייאיקייטן. אָט־די באַגאַבטקייטן, וואָס ווערן אָנגעווענדט סיי אין מלחמה ניצחונות, סיי אין די שלום־צייטן הכנות, וועלכע זיינען נויטיק בכדי אויסצושמידן אָט־די זיגן און מאַכן זיי פאַר אַקטואַליסטן, און סיי אין די פאַרהעלטנישמעסיק אומשולדיקע באַשעפטי־

קונגען פון יאַכט און פּיצוכט, — אַט־די באַשאַנקענקייטן האָבן באַשאַפן מאַכט־אויטאָריטעט, „פּאָליטישע אומגלייכהייט”. און מיט דער הילף פון דער פּאָליטישער אומגלייכהייט איז איינגעפירט און באַשיצט געוואָרן די „עקאָנאָמישע אומגלייכהייט”, וועלכע קריגט איר אויסדרוק אין באַזיצטימער. אין באַזיצטימלעכער דיפערענציאַציע, אַליין אַ ביי־פּראָדוקט פון מאַכט־אויטאָריטעט, זייַען פאַרפעסטיקט די קלאַסן־אונטערשיידונגען פון אונדזער צייט.

און איצט, — נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם פּלאָנטער פון די שייכות׳ן, וועלכע עקזיסטירן צווישן מאַכט, אייגנטום און קלאַסן־צעטיילונג, — וועלן מיר זיין אימשטאַנד צו באַהאַנדלען די מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישע פּלאַנירונג בנוגע דער צוקונפט־געזעלשאַפט, אונטערזוכן דעם יסוד פון זייער רעפאָרם־בנין.

נ. לענין אין זיין ווערק „שטאַט און רעוואָלוציע” שרייבט:

„די מאַרקסיסטן באַצוועקן די פולע פאַרניכטונג פון דעם שטאַט, זיי אַנערקענען אָבער, אַז דער דאָזיקער צוועק איז דערגרייכבאַר בלויז נאָך דעם אָפּשאַף פון קלאַסן און דורך אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אַלס אַ רעזולטאַט פון סאָציאַליזם־עטאַבלירונג, וואָס וועט פירן צו דעם פאַרוועלקן פון דעם שטאַט.” 171)

וואָס אייגנטלעך מיינט לענין מיט די ווערטער „אָפּשאַף פון קלאַסן”? ער מיינט דעם אָפּשאַף פון פּריוואַט־אייגנטום רעכט. אָבער אייגנטום־רעכט, ווי מיר האָבן באַוויזן אין אַט־דער אַרבעט, איז אַ רעזולטאַט פון מאַכט־אויטאָריטעט, וואָס איין מענטש איבט אויס איבער דעם צווייטן, און קלאַסן־צעטיילונג איז פאַראַנקערט אין מאַכט־אויטאָריטעט. און אַזוי ווי דער מאַרקסיסט באַצוועקט טאַקע — זאָל זיין אַז מיר גלויבן אים און נעמען ערנסט זיינע צוזאָגונגען — „די פולע פאַרניכטונג פון דעם שטאַט”, אָבער ער וויל דערגרייכן אַט־דעם צוועק דורך דעם אָפּשאַף פון קלאַסן, קענען מיר אים פאַרזיכערן, אַז ער וועט קיינמאָל זיין צוועק ניט דערגרייכן. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס כל־זמן מאַכט פונקציאָנירט, קענען די קלאַסן־דיפערענציאַציעס ניט אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל מאַכט רופט זיי אַרויס צום לעבן און דערהאַלט זיי ביים לעבן. און די דאָזיקע דיפערענציאַציעס, אין זייער ריי, וועלן מוזן געפינען זייער אויסדרוק אין עפּעס מאַטעריעלעס, באַזיצטימלעכעס.

לויט דעם מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן פּלאַן בלייבט מאַכט אין איר פולער קראַפט, זי ווערט נאָך אפילו שטאַרקער, דיקטאַטאָרישער. וועט אַט־די מאַכט, נאָך דעם ווי דער אייגנטימער־קלאַס איז באַזייטיקט, שאַפן נייע קלאַסן.

אַט די צוויי דערשיינונגען — מאַכט און קלאַסן צעטיילונג — זיינען אַזוי צונויפגעקניפּט, אַז קיינער קען זיי ניט צעשיידן, סיידן ער זאָל זייביידן פאַרניכטן. מ׳קען ניט איבערלאָזן מאַכט אַלס אַן אינסטיטוציע און אָפּשאַפן קלאַסן. און ווי באַלד מאַכט איז דאָ, וועלן זיין קלאַסן. און ווי באַלד עס וועלן זיין קלאַסן, וועט זיין ניט נאָר פּאָליטישע אומגלייכהייט, נייערט אויך עקאָנאָמישע. און אויב די דאָזיקע ווירטשאַפט־לעכע אומגלייכהייט וועט זיך ניט אויסדריקן אין פּריוואַט־אייגנטום רעכט, ד. ה. אין באַזיצטום, וועט זי קריגן איר בולטע עקספּרעסיע אין געברויך פון מאַטעריעלע גיטער, אין לעבן־סטאַנדאַרד, אין דער דיסטריבוציע.

מאַכט־אויטאָריטעט וועט געבוירן און אויפהאַלטן נייע סאָציאַלע פאָרמאַציעס, קלאַסן־דיפערענציאַציעס. זיי וועלן זיין פון אַ העכערער קוואַליטעט און פון אַ מער ראַפינירטער נאַטור איידער די, וועלכע מ׳האָט אָפּגעשאַפט.

לכן, אויב מיר נעמען דעם מאַרקסיסט־לעניניסט ערנסט, דרייט ער זיך אין אַ פאַר׳כישוף׳טן קרייז. ער באַצוועקט די פאַרניכטונג פון שטאַט. בכדי צו דערגרייכן אָט־דעם צוועק מוז ער, אַלס פאָרבאַדינג, אָפּשאַפן קלאַסן. די קלאַסן קען ער ניט אָפּשאַפן, סיידן ער זאָל אָפּשאַפן מאַכט. מאַכט קען ער ניט אָפּשאַפן, ווייל מאַכט איז דער איינציקער אינסטרומענט מיט וועלכן ער אָפּערירט. און ווי באַלד מאַכט איז דאָ, וועלן זיין קלאַסן. און דער מאַרקסיסט קען גאָרניט אויפטאָן, קען זיך פון אָרט ניט רירן.

כל־זמן עס זיינען דאָ קלאַסן, מוזן זיין אומגלייכהייטן פון אַ פּאָליטישן און אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער. און די פאַרניכטונג פון שטאַט קען דער מאַרקסיסט אַזוי דערגרייכן, ווי דערלאַנגען דעם טעלערל פון הימל...

II

פּאָליטישע מאַכט

אין דאָמינאַציע געפינט זיך, לויט מיין פאַרשטיין נאָך, דער עמבריאָן פון קלאַסן־צעטיילונג. בכדי צו באַגרינדן אָדער באַווייזן די ריכטיקייט פון אָט־דעם טעזיס דאַרפן מיר, קודם־כל, באַגרייפן דעם וועזן פון מאַכט און, דען, דעם מהות פון אַ קלאַס. בכדי צו באַנעמען די גרונט־שטריכן פון דער קלאַסן־סטרוקטור, מוזן מיר זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם ענין פון סאָציאַלע דיפערענציאַציעס בכלל, פון וועלכע די קלאַסן־דיסטינקציע איז בלויז אַ פּרט.

אַ קלאַס איז אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע השגה. דער אַלטערטום איז כמעט ניט געווען באַקאַנט מיט דער קלאַסן־דערשיינונג אין דעם שטרענגן פּשט פון וואָרט „קלאַס". און ווען ער איז שוין אפילו יע געווען באַקאַנט, האָט די קלאַסן צעטיילונג, סיי־ווי־סיי, ניט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע פון יענע פאַרצייטיקע צייטן.

דער אַלטערטום האָט פאַרמאָגט טיפערע שפּאַלטונגען און מער שוקעדיקע סטראַטיפיקאַציעס, ווי דהיינו, אין געוויסע לענדער, קאַסטעס.

ק אָ ס ט ע ס.

אינדיע האָט געהאַט און, ביז צו אַ געוויסן גראַד, האָט נאָך עד־היום קאַסטעס. וואָס איז אַזוינס אַ קאַסטע? ווי האָט די קאַסטעס־אינסטיטוציע פונקציאָנירט? וואָס איז געווען איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג? וואָס איז געווען איר „ראַציאָנאַליזאַציע", איר אויסטייטש, איר פאַר־ענטפער?

מיר וועלן פּרובירן געבן ענטפערס אויף די פראַגן. ריכטיקער, איך וועל לאָזן אַנדערע, בר־סמכא׳ס אין אָט־די פּראָבלעמען, געבן די תשובות. איך וועל זיי בלויז ברענגען אין אַ געוויסער אָרדענונג. איך וועל זיי סיסטעמאַטיזירן אויף אַזאַ אופן, דאָס זיי וועלן העלפן קלאָר־מאַכן מיין הויפּט־געדאַנק, אַז קלאַסן־צעטיילונג באַזירט זיך אויף הערשאַפט, און

מיין ביי־געדאַנק, אַז כל־זמן עס עקזיסטירט מאַכט־הערשאַפט אַלס אַן אינסטיטוציע, מוזן קלאַסן עקזיסטירן.

לאָמיר זיך אומקערן צו די פראַגן און ענטפערס, וואָס אַזוינס איז אַ קאַסטע?

א. ל. קרויבער אין „ענציקלאָפּעדיע פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן" שרייבט:

„אַ קאַסטע קען ווערן דעפינירט אַלס אַן ענדאָגאַמישע (צווישן־זיך חתונה־האַבנדיקע) און ירושה׳דיקע סובדיוויזיע (אונטערצעטיילונג) פון אַן עטנישן (פאָלקלעכן) איינס, וועלכע פאַרנעמט אַ פּאָזיציע פון אַ העכערן אָדער נידעריקערן ראַנג, אָדער סאָציאַלן אָפּשאַץ, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אַזעלכע אונטערצעטיילונגען . . . קאַסטעס, פונדעסטוועגן, אונ־טערשיידן זיך פון סאָציאַלע קלאַסן מיט דעם, וואָס זיי זיינען אַרויפגעצ־שוואומען אין סאָציאַלן באַוואוסטזיין צו אַ פּונקט, וואו מנהג און געזעץ פאַרזוכן אויפצוהאַלטן די פאַרהאַרטעוועטע און שטענדיקע מחיצה וועלכע טיילט אָפּ איינע פון דער אַנדערער." 1)

מיט אַנדערע ווערטער, סאָציאַלע קלאַסן האַלטן זיך באַזונדער, שטעלן אויף מחיצות צווישן זיך, פאַקטיש, מיטן געזעץ האָט עס ניט וואָס צו טאָן. חוץ דעם זיינען די מיטגלידער פון די קלאַסן פריי. זיי מעגן אַריבערטרעטן די גבולים פון זייער אייגענעם קלאַס און אַריינטרעטן אין דעם תחום פון אַן אַנדער קלאַס. בנוגע קאַסטעס טאָר עס ניט געשען. דער אַריבערטרעט איז באַטראַכט אַלס זינד.

בכדי בעסער צו פאַרשטיין דעם עצם מהות פון אַ קאַסטע, וועלן מיר זיך ווענדן צו „די געזעצן פון מאַנו", אַ הייליקע שריפט פון די הינדוסן. מחמת אינדיע איז דאָס קלאַסישע לאַנד פון דער קאַסטעס־צעטיילטער געזעלשאַפט.

די קאַסטעס ווערן איינגעטיילט לויט זייער אָפּשטאַם פון בראַהמאַ. בראַהמאַ ווערט גענומען אַלס אַ קערפּער. זיינע גלידער, נאַטירלעך, האָבן פאַרשיידענע ווערטן. לכן ווערט די ווערדע פון אַ באַשטימטער גרופּע פעסטגעשטעלט לויט דער חשיבות פון אָרגאַן, פון וועלכן זי איז באַשאַפן געוואָרן.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ווי טיף די סאָציאַלע צעטיי־לונג איז ניט געגאַנגען אין אינדיע, האָבן זיי פאָרט אין זייער אידעאָלאָגיע ניט געקענט בייקומען די אידייע פון דער אָרגאַנישער גאַנצקייט פון דער סאָציאַלער איכהייט. די צעטיילונג, לויט זייער פאַרשטיין נאָך, איז פאַר־געקומען, בכדי די געזעלשאַפט זאָל געדייען, זאָל זיך שטיצן אויף דעם פּרינציפּ פון אַרבעט־צעטיילונג, אַ פּרינציפּ וועלכן מיר געפינען אָפּערירנ־

דיק ניט נאָר צווישן אָרגאַניזמען, ווי גאָר ראשית צווישן די געשלעכטער, נאָר טאַקע אין עצם אָרגאַניזם אַליין. די אידייע איז פונדאַמענטאַל אַ געזונטע. מחמת אַזוי ווי מיר קענען ניט אָפּשאַפן די צעטיילונג פון די גלידער און זייערע פונקציעס אין דעם אינדיווידועלן אָרגאַניזם, אַזוי זיינען מיר ניט בכוח אָפּצושאַפן די צעטיילונג פון די סאָציאַלע גלידער, די סאָציאַלע פאָרמאַציעס מיט זייערע ספּעציעלע פונקציעס אין דעם סאָציאַ־אָרגאַניזם. די איינציקע זאַך, וועלכע מיר דאַרפן, מוזן און וועלן טאָן, איז דערגרייכן אַ שלימות׳דיקע סאָלידאַריטעט צווישן די גלידער, אַ פולקומענע, אויף וויפל עס איז מעגלעך, צווישנגלידערישע פאַרבינדונג אין איין געזונטן אָרגאַניזם. (אַבאַ גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם, זז. 88־92).

אָבער מיט אַט־דער אָנמערקונג בין איך אוועק צו־ווייט פאָרויס מיט מיינע אייגענע געדאַנקען מכוח דעם וויכטיקן ענין, געדאַנקען וועלכע וועלן קלאָר ווערן פיל שפּעטער־צו אין משך פון אַט־דער אַרבעט.

מיר וועלן זיך באַקענען מיט די „געזעצן פון מאַנו” בנוגע קאַסטעס־איינטיילונג.

„בלויז צוליב דער געדייאונג פון די וועלטן האָט ער געמאַכט, אַז דער בראַהאַמאַנאַ, דער קשאַטריאַ, דער וויסיאַ און דער סודראַ זאָלן אַרויסקומען פון זיין מויל, זיינע אָרעמס, זיינע היפּטן און זיינע פיס.” 2)
„בכדי צו באַשיצן דעם אוניווערס האָט ער, דער העכסט פּראַכטפולער, באַשטימט באַזונדערע פליכטן און באַשעפטיקונגען צו די דאַזיקע, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען פון זיין מויל, אָרעמס, היפּטן און פיס. דעם בראַהאַ־מאַנער האָט ער באַשטימט צו לערנען און אונטערריכטן (די ווערדאַ), ברענגען קרבנות פאַר זיך און פאַר אַנדערע, געבן און נעמען (נדבות). דעם קשאַטריאַ האָט ער באַפּעלן צו באַשיצן דעם פאָלק, צו געבן גע־שאַנקען, צו געבן קרבנות, צו שטודירן (די ווערדאַ) און זיך אָפּהיטן פון איבערגעבן זיך צו סעקסועלע פאַרגעניגנס. דעם וויסיאַ — צו פאַשן די בהמות, צו געבן געשאַנקען, צו ברענגען קרבנות, צו לערנען (די ווערדאַ), צו האַנדלען, צו לייען געלט און צו קולטיווירן די ערד. בלויז איין באַשעפטיקונג האָט דער האַר פאַרגעשריבן פאַר דעם סודראַ, צו דינען מיט עניוות אַט־די (אַנדערע) דריי קאַסטעס.” 2[1])

„(דער קיניג) דאַרף זאָרגפעלטיק צווינגען די וויסיאַס און סודראַס צו טאָן די אַרבעט (וואָס איז פאַרגעשריבן פאַר זיי); וואָרים אויב אַט־די צוויי (קאַסטעס) זאָלן אָפּנויגן פון זייערע פליכטן, וואָלטן זיי די (גאַנצע) וועלט ברענגען צו אַ כאַאָס.” 2[2])

. . . „אַ סודראַ סיי ער איז געקויפט, סיי ער איז ניט געקויפט, קען ער (דער בראַהמאַנאַ) אים צווינגען צו טאָן פאַר אים באַדינונג־אַרבעט; מחמת ער איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם זעלבסט־עקזיסטירנדיקן (סוואַיאַמבוה) צו זיין אַ שקלאַף פון דעם בראַהמאַנאַ. אַ סודראַ ווען ער איז אפילו באַפרייט פון זיין האַר, איז ניט פריי פון דינסט. מחמת דאָס איז געבוירן געוואָרן מיט אים, און ווער קען אים מאַכן פריי?" 23) אַ בראַהמאַנאַ מעג מיט צוטרוישאַפט צונעמען די גיטער פון (זיין) סודראַ (שקלאַף); ווייל אַזוי ווי דער (שקלאַף) קען ניט האָבן קיין אייגנטום, מעג זיין האַר פאַרנעמען זיין באַזיצטום." 24) „אַ בראַהאַ־מאַנער, וועלכער נעמט אַ סודראַ־פרוי צו זיך אין בעט, ווערט (נאָכן טויט) אַראָפּזינקען אין גיהנם; אויב זי געבוירט אים אַ קינד, ווערט ער פאַר־לירן זיין ראַנג פון אַ בראַהמאַנאַ." 25) די בראַהמאַנאַ, קאַשטריאַ, און וויסי קאַסטעס זיינען צוויי מאָל געבוירן, אָבער דער סודראַ האָט בלויז איין געבורט. קיין פינפטע קאַסטע איז ניטאָ. אין אַלע קאַסטעס בלויז די יעניקע (קינדער) וועלכע ווערן געבוירן אין ריכטיקער אָרדענונג פון פאַרהייראַטע פרויען, וועלכע זיינען גלייכע (אין קאַסטע און האָבן חתונה־געהאַט אלס בתולות) בתולות, דאַרפן ווערן פאַררעכנט, אַז זיי באַלאַנגען צו דער זעלביקער קאַסטע (ווי זייערע פאַטערס)). 26)

פון די געבראַכטע אויסצוגן קען מען זיך שוין שאַפן אַ וויפל־עס־איז ריכטיקן באַגריף פון דעם עצם־מהות און די פונקציעס פון דעם קאַסטעס־סיסטעם. מיר דאַרפן אָבער פאַרשטיין דעם ׳פאַרוואָס׳ פון אַט־דעם סיסטעם.

דזשאהן דאַנלאָפּ אין זיין ווערק „די אוניווערסאַלע טענדענץ צו אַסאַציאַציע אין דער מענטשהייט" שרייבט:

„אויף געוויסע שטופן פון דער געזעלשאַפט באַוויזט זיך אין דער מענטשהייט אַ טענדענץ צו שאַפן אַ קינסטלעכן צושטאַנד פון פאַנאַנדער־שיידונג, וועלכע הייסט קאַסטע און וועלכע מ׳האָט דעפינירט אַלס אַ קלאַסיפיצירונג פון די געמיינדע־מיטגלידער אין באַזונדערע ערבלעכע אָרדנס פאַר דעם דורכפיר פון געוויסע פונקציעס און באַשעפטיקונגען. און בכדי דאָס סיסטעם זאָל האָבן אַ נאָכפאָלגנדיקן המשך, האָט מען פאַרבאָטן זיך מתחתן צו זיין מחוץ פון אַ באַשטימטן קלאַס, אַזוי אַז אַ קאַסטעס־צווישנמיש איז ניט געווען דערלויבט . . . עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אַט־דער געמאַכטער איינפיר פון דער געזעלשאַפט האָט עקזיסטירט ביי די פאַרצייטיקע אַסיריער, עגיפּטיאַנער, קרעטיאַנער, פּאַרסן, פּערואַוויאַנער און מעקסיקאַנער; און ביי היינטיקן טאָג עקזיסטירט עס ביי די הינדוסן." 3)

וואַלטערביידזשהאָט אין זיין ווערק „פיזיק און פּאָליטיק" שרייבט:

„די פירנדיקע רעגל איז געווען דאָס געזעץ פון סטאַטוס. יעדער איינער איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַשטימטן פּלאַץ אין דער געמיינדע; און אין אָט־דעם פּלאַץ האָט ער געדאַרפט בלייבן . . . דער נעץ פון מנהג האָט געכאַפּט די מענטשן אין אָפּגעזונדערטע פּלעצער, און האָט יעדן געהאַלטן, וואו ער איז געשטאַנען." 4)

ד. וו. ראָסס שרייבט:

„אָט־דאָס סיסטעם (פון קאַסטעס) איז קיינמאָל ניט געווען שטרענג אין מערב־אייראָפּע, ווי דער פאַל איז געווען אין אינדיע און אַנדערע מזרח־לענדער." 5)

אָסוואַלד שפּענגלער שרייבט:

„אָבער אין סך־הכל, דאָס וואָרט 'קאַסטע' איז ניט ווייניקער מיס־ברויכט ווי געברויכט געוואָרן. עס זיינען ניט געווען קיינע קאַסטעס אין דעם אַלטן און מיטעלן קיניגרייך פון עגיפּטן, בלויז אין אינדיע פאַר בודדהאַן און אין כינע פאַר די האַן צייטן." 6)

רודאָלף מ. בינדער שרייבט אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאָ־לאָגיע":

„קאַסטע אין אינדיע איז געווען דאָס אייגענע וואָס באַשעפּטיקונג, לעבנספּיר, דענקסאַרט און אפילו דער אויפן פון געבוירן ווערן און שטאַרבן, מחמת די צערעמאָניעס זיינען געווען פאַרשיידן פאַר יעדער קאַסטע." 7)

ר. מ. מעקייוועער אין זיין ווערק „געזעלשאַפט, איר סטרוקטור און ענדערונגען" שרייבט:

„קאַסטע איז אַ פולער באַריער קעגן דער קלאַסן־באַוועגלעכקייט. אין פּרינציפּ מיינט עס אַן אַבסאָלוטע און שטענדיקע סטראַטיפיקאַציע פון דער געמיינדע. די שיכטן אָדער פּלאַסטן ווערן געהאַלטן באַזונדער דורך דעם וואָס די נידעריקע ווערן אויסגעשלאָסן פון די מער אינטימע פאָרמען פון סאָציאַלן פאַרקער מיט די העכערע, און איבערהויפּט דורך דעם פאַרבאָט פון געמישטע חתונות." 8)

ד. פּ. מוקערדזשי שרייבט:

„די קאַסטע איז, דעריבער, אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער קערפּער, אין וועלכן דאָס סאָציאַלע פונקציאָנירן פון אַ מיטגליד איז וויכטיקער פון דאָס ריין־עקאָנאָמישע. דאָס איז געווען אַ שטריך פון כמעט אַלע אינדישע געמיינדעס, אפילו פון די יעניקע וועלכע אַנערקענען ניט די קאַסטע אין דעם הינדו זינען פון דעם טערמין." 9)

פון די ציטאַטן קען מען זען, אַז אַלע זיינען מסכים דאָס אַ קאַסטע איז אַ ספּעציעלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סעגרעגאַציע, אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע ווערט סאַנקציאָנירט פון רעליגיע און קולט און ווערט פאַר־פעסטיקט דורך דעם מנהג, הרגל און געזעץ. געמישטע חתונות ווערן פאַרבאָטן דורך דעם רעליגיעזן דין, אַזוי אַז דער פערסאָנאַל פון דער קאַסטע ווערט אויפבאַוואַרט דורך די דורות.

ש ק ל אַ פּ ע ר י י.

דאָס קאַסטע־סיסטעם איז אַ לאָקאַלע אינסטיטוציע, דאָס הייסט זי האָט זיך געפונען בלויז ביי אַ געוויסער צאָל פעלקער, ניט איבעראַל. אַנדערש איז שקלאַפעריי. זי איז כמעט אוניווערסאַל. די פּאַרציייטיקע געזעלשאַפט איז געווען צעשפּאָלטן און אַן אָפּגרונט איז געלעגן צווישן די הויפּט־טיילן, דעם האַרן־קאָלעקטיוו און שקלאַפן־מאַסן.

מיר וועלן ציטירן „די געזעצן פון מאַנו" בנוגע דער קנעכטשאַפט־אינסטיטוציע.

„עס זיינען פאַראַן שקלאַפן פון זיבן־עליי מינים: דער וואָר עס ווערט גענומען געפאַנגען . . . דער וואָר עס דינט פאַר זיין שטיקל ברויט, דער וואָר עס ווערט געבוירן אין הויז (פון אַ שקלאַף), דער וואָר עס ווערט אָוועקגעשאַנקען, דער וועמען מ׳ירשנ׳ט פון די עלטערן און דער וואָר ס׳ווערט פאַרשקלאַפט דורך אַ שטראָף." 10)

פ. אָפּפּענהיימער שרייבט:

„מיר געפינען ביי אַלע אַנטוויקלטע שבטים פון פּיהאַדעוועור אַ סאָציאַלע איינטיילונג אויף דריי אָפּגעצייכנטע קלאַסן: איידלטום, גלאַט פרייע מענטשן און שקלאַפן. לויט מאָממזענען ׳האָבן אַלע אינדאָ־גער־מאַנישע פעלקער געהאַט שקלאַפעריי אַלס אַ יורידישע אינסטיטוציע׳. דאָס קען אַנגעווענדט ווערן אויף די אַריער און די סעמיטן פון אַזיע און אַפריקע אַזוי גוט ווי אויף די בני־חם. ביי די פעלקער פון סאַהאַראַ ׳איז די געזעלשאַפט צעטיילט אויף פּרינצן, פּירער, סתם מענטשן און שקלאַפן׳. די זעלביקע פאַקטן געפינען מיר אומעטום אַלס אַ געוויינטלעכע דער־שיינונג." 11)

אַלעקסאַנדער א. גאָלדענוויזער אין זיין ווערק „פרימע ציוויליזאַציע" שרייבט:

„די באַפעלקערונג פון צפון־מערב ברעג איז איינגעטיילט אין דריי קלאַסן: איידל־לייט, סתם מענטשן און שקלאַפן . . . די שקלאַפן, ס׳רוב פון זיי זיינען קריג־געפאַנגענע, שטעלן ניט צוזאַמען אַ טייל פון דער

עכטער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע . . . דער האַר האָט אַבסאָלוטעס רעכט פון לעבן און טויט איבער זיין שקלאַף." 12)

וואָס איז געווען די פּראָפּאָרציע פון די שקלאַפן צו די פרייע בירגער?

„לויט דעם צענזוס, וועלכן מ'האָט וואַרשיינלעך געמאַכט אין דעם יאָר, ווען דעמעטריוס איז געווען אַקראָן (309 ב. ק.), איז די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַטטיקע באַשטאַנען פון בערך 21.000 בירגער, 10.000 פרעמדע און 400.000 שקלאַפן." 13)

מעגלעך אַז די ציפערן זיינען א גוזמא. יעדנפאלס איז עס שטרייטבאַר.

וו. ל. וועסטערמאַנן שרייבט:

„אומגעמאַכט אויף די קאָלאָסאַלע ציפערן, וועלכע די פּאַרציייטיקע שרייבער האָבן געגעבן פאַר דער שקלאַפן־באַפעלקערונג אין אַטהען אין דעם פערטן יאָרהונדערט ב. ק., איז עס אוממעגלעך אַז די שקלאַפן אין אַטהענער שטאָט־שטאָט, וועלכע גיט אונדז איינע פון די בעסטע ביישפילן פון שקלאַפן־געברויך אין די פאַכן, האָט ווען־עס־איז דערגרייכט די צאָל פון אַ העלפט פון דער פרייער באַפעלקערונג." 14)

הענרי בראָוגהאַם אין זיין ווערק „אַריסטאָקראַטישע רעגירונג" שרייבט:

„יוהם * שאַצט אָפּ, אַז פרייע איינוואוינער אין אַטהען זיינען געווען בערך 84.000, אויסלענדער 40.000 און שקלאַפן 160.000. הגם בנוגע די ערשטע צוויי קלאַסן קומט ער צו נאָענט צום אמת, אָבער עס זיינען דאָ גענוג באַווייזע צו גלויבן, אַז די שקלאַפן זיינען געווען היפש צאָלרייכער. לויט די בעסט באַגלויבטע חשבונות — 400.000." 15)

פ. ענגעלס שרייבט:

„אין דער צייט פון די פערסישע מלחמות האָט די צאָל שקלאַפן אין קאָרינטה דערגרייכט ביז 460.000 און אין עגינא ביז 470.000; דאָרטן זיינען אויסגעקומען צען שקלאַפן אויף איין פרייען מענטשן." 16)

פלוטאַרך שרייבט:

„די שקלאַפן זיינען באַשטאַנען . . . פון געפאַנגענע באַרבאַרן . . . אַן אָקס פלעגט מען פאַרקויפן פאַר אַ דראַכמע און אַ שקלאַף פאַר פיר דראַכמעס." 17)

עדוואַרד גיבבאָן שרייבט:

„די שקלאַפן זיינען געווען לכל־הפחות גלייך אין צאָל מיט די פרייע איינוואוינער פון דער רוימישער וועלט." 18)

ערנעסט באַרקער שרייבט:

---

* Essays Pt. II, 2.

„אין אַטהען זיינען געווען מסתמא אַרום 80.000 שקלאַפן . . . אין פאַרגלייך מיט די בערך 40.000 בירגער . . . איינער פון יעדע אַכט אָדער ניין איינוואוינער פון אַטהען איז געווען אַ בירגער, איינער פון יעדע פיר אָדער פינף איז געווען אַ שקלאַף.״ 19)

לויט מאממזענען קומט אויס, אַז די פרייע באַפעלקערונג פון דעם איטאַליענישן האַלבאינדזל האָט באַטראָפן בערך פון 6 ביז 7 מיליאָן, בשעת די שקלאַפן־באַפעלקערונג האָט געהאט בערך אַ 13 אָדער 14 מיליאָן.״ 20)

דאָס אייגענע האָט מען געקענט געפינען אין כינע. „אונטער די האַן־דינאַסטיע האָבן זיך געפונען איבער 300.000 שקלאַפן, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף מלוכה־פערמעס.״ 21)

אויסער שקלאַפעריי, דער תהום וואָס האָט געהאַלטן די געזעלשאַפט צעשפּאָלטן, און חוץ דער קאַסטע, וועלכע האָט דאָס קהל־לעבן היפש צעפּאַסעוועט, זיינען אין אַלטערטום געווען אויך אַנדערע גראַדאַציעס, סאָציאַלע שטיגן און טרעפּ. אַט די גאַנצע פּיתם און רעמסס אַרכיטעקטור האָט באַצוועקט איין זאַך, און דאָס איז — אויפצוריכטן אַ קאָלאָסאַלע סאָציאָלאָגישע פּיראַמידע, וואָס זאָל האָבן א קיום לדורות.

סאָציאָלאָגישע פּיראַמידן

לאָמיר געבן אַן איבערבליק פון דער געזעלשאַפטלעכער איינטיילונג אין פאַרשיידענע לענדער און מלוכה־שטעט אין אַלטערטום. מירן זען ווי ס׳האָט אויסגעקוקט דער בוי פון דעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם.

ג. גלאָטץ שרייבט:

אַטהען: — „אין דער צייט פון איר פולער אַנטוויקלונג איז די האַמע־רישע שטאָט געווען איינגעטיילט אין דריי קלאַסן: איידל־לייט, האַנט־ווערקער און לוין־אַרבעטער . . . די בעלי־מלאכות האָבן זיך פאַרנומען מיט זייער פאַך ווי מיט אַ ירושה־זאַך . . . אויסער זיי זיינען געווען פילע, וואָס האָבן פאַרמאָגט ניט קיין לאַנד און ניט קיין פאַך . . . די ליידיק־גייער פלעגן בעטלען . . . די פלייסיקע פלעגן ווערן שכיר־יומ׳ס.״21)

די מלאכה איז געווען אַן ענין פון ירושה. די מלאכה האָט זיך גע־פונען אין דער משפחה, דאָרטן האָט מען זיך עס אויסגעלערנט און איבער־געגעבן פון דור צו דור. לוין־אַרבעטער זיינען געוואָרן די, וועלכע האָבן גאָרניט פאַרמאָגט און האָבן ניט געוואָלט ווערן קיין שנאָרער. בעטלער זיינען געוואָרן די, פאַר וועמען עס איז קיין אַרבעט ניט געווען אָדער די וועלכע זיינען געווען פיזיש צו שוואַך פאַר פיזישער אַרבעט.

„די בירגער אין אַטטיקע זיינען געווען אין דער מינאָריטעט. זייט־ביי־זייט מיט זיי האָבן זיך געפונען . . . קוים ווינציקער פון אַ העלפט פון זייער צאָל, מעטיקס." 22)

א. דזשאַרדע' שרייבט: „אַ מעטיק איז אַ תושב . . . אַ מעטיק איז אָבער ניט קיין בירגער." 23)

אַטטיקע, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל איינוואוינער, תושבים, וועלכע זיינען קיין בירגער ניט געווען.

„די אַטהענער זיינען געווען איינגעטיילט אין דריי קלאַסן: די 'וואויל־געבוירענע', די ערד־אַרבעטער און די בעלי־מלאכות." 24) אויף אונדזער לשון וואָלט עס הייסן: פריצים, פּויערים און האַנטווערקער. קיין קאַפּי־טאַליסטן אין דעם היינטיקן טייטש פון וואָרט זעט מען ניט; סיי דער איידל־שטאַנד און סיי דער פּראָצע־קלאַס האָבן זיך נאָך ניט געגוג דיפע־רענצירט פאַר דעם צוועק.

ווי האָט אויסגעזען ספּאַרטע, די צווייטע וויכטיקע שטאָט־שטאַט פון גריכנלאַנד?

ספּאַרטע: —

א. דזשארדע אין זיין ווערק „די פאָרמירונג פון דעם גריכישן פאָלק" שרייבט:

„אַ בירגער איז געווען אַ לאַנד־באַזיצער. אָבער ער אַליין האָט ניט געטאָרט אַרבעטן. די עקספּלואַטאַציע פון זיין גוט איז געווען אָנגעטרויט צו . . . די העלאָטן . . . דער העלאָט איז געווען אַ לייב־אייגענער." 25) „די העלאָטן פלעגן פאַרזאָרגן די ספּאַרטאַנער מיט שפּייז; ספּאַרטע איז געווען אַן אַרמיי, וועלכע פּויערים האָבן אויסגעהאַלטן." 26) „בכדי צו באַזאָרגן זיינע אַנדערע באַדערפענישן האָט דער ספּאַרטאַנער, וועלכער האָט ניט געטאָרט אַרבעטן, געהאט אַנדערע אַרויסהעלפער — די פּעריאַ־עציען. די פּעריאָעציען זיינען געווען פריי. זיי האָבן געוואוינט אויף דעם בערג־לאַנד אין קליינע שטעטלעך אָדער ישובים . . . זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיינע פּאָליטישע רעכט, אָבער פולע ציווילע רעכט . . . אַזוי ווי דער העלאָט פאַרנעמט זיך מיט אַגריקולטור פאַר דעם ספּאַרטאַנער, פּונקט אַזוי באַשעפטיקט זיך דער פּעריאָעצי מיט מאַנופאַקטור פאַר אים." 27) „איבער די העלאָטן, וועלכע זיינען ניט געווען פריי, און די פּעריאָעציענער, וועלכע זיינען ניט געווען קיין בירגער, זיינען געשטאַנען די ספּאַרטאַנער. איבער די נחות־דרגאס, וועלכע מ'האָט צוגעלאָזן בלויז צו דער גרויסער פאַרזאַמלונג אָדער אַפּעללאַ, האָבן זיך געפונען די 'גלייכע', וועלכע האָבן פאַרמאָגט נחלאות, און האָבן בייגעשטייערט זייער

קוואָטע צו קהל'שע מאַלציטן. פון זיי האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט די קליינע פאַרזאַמלונג, וואו זיי פלעגן זיך אויפקלייבן אין שטענדיק זיך־פאַרקלענערנדיקע צאָלן; איבער אַלעמען איז געווען דער ראַט פון די דרייסיק געראָנטן (זקנים); דער ראַט איז קאָנצענטראַלירט געוואָרן פון פינף עפאָרן, וועלכע האָבן אויסגעאיבט אויבערמאַכט." 28)

דאָס איז אומגעפער דאָס בילד פון ספאַרטע, אַ שטאָט־מלוכה וועלכע איז געווען אַ זעלנערשער לאַגער, אַ סאָלדאַטן־געמיינדע, די בירגער פון וועלכער האָבן ניט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט קיין זאַך אויסער מיליטער־דינסט, קריג און אַדמיניסטראַציע.

טהעסאַלי: — דאָס לאַנד האָט באַארבעט אַ קלאַס פון לייב־אייגענע, די פענעסטעס . . . איבער די פענעסטעס האָבן זיך געפונען די פריצים „פאַמיליעס". 29) „די הערן האָבן פאַרמאָגט גרויסע גיטער (קלעראַי), דאָס אַקערבאַרע לאַנד איז קולטיווירט געוואָרן פון גרופּן פון פענעס־טעס." 30)

ביי מאַממזענען לייענען מיר:

רוים: — די 'צוהערער' פון דעם הויז־אויפהאַלט (קליענטן) צוזאַמען מיט די שקלאַפן . . . האָבן פאַרמירט די 'באַדינערשאַפט' (פאַמיליע), וועלכע זיינען געווען אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דעם בורגעסס (פאַט־ראָן)." 31) דער שטאָט האָט בזה האופן באַשטאַנען . . . פון פערזאָנען וועלכע האָבן באמת געהערט צו אים און פון אים אָפּגעהענגיקע — פון 'בורגעססן' און פון 'מיטוואוינער' אָדער מעטאָעצי." 32) פון די קליענטן זיינען אַרויסגעקומען די פלעביייען . . . יורידיש איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישן אַ 'קליענט' און אַ פלעבייער, דעם 'אָפּהענגיקן' און דעם 'מאַן פון דעם המון'. 33) (פלעב, פלעאָ, פלענוס מיינט פילע, אַ סך, רבים). סערוויאוס טולליוס האָט איינגעטיילט די באַפעלקערונג פון רוים אין 193 צענטוריעס, וועלכע האָבן פאַרמירט זעקס קלאַסן." 34)

כינע: — „ . . . די קלאַסיפיקאַציע פון דער באַפעלקערונג" . . . צו־ערשט, איינגעבוירענע און פרעמדע . . . צווייטנס, זיגער און באַ־זיגטע . . . דריטנס, פרייע מענטשן און שקלאַפן . . . פערטנס, ערנהאַפטע און גראָבע יונגען . . . די לעצטע האָבן אַריינגענומען אַקטיאָרן, קונצמאַ־כער און בעטלער." 35)

יאַפּאַן: — „אָט דאָס איז געווען די קאָנסטיטוציע פון דער געזעל־שאַפט אין יאַפּאַן . . . ביז 1868 . . . די איינטיילונג איז געווען אין פיר קלאַסן: 1, מיליטער לייט און באַאַמטע — סאַמוריי; 2, אַגריקולטור, ערד־ארבעטער; 3, ארבעטער, האַנט־ווערקער; 4, הענדלער, סוחרים. מחוץ פון גדר מענטש זיינען געווען די עטאַס און די היינינס . . . עטאַס

זיינען געווען הויטשינדער, גאַרבער, לעדער־מאַכער, קברים־גרעבער . . .
די היינינס (אוממענטשן) זיינען געווען דער נידעריקסטער שיכט פון
שנאַרער." 36)

דער מיטלעלטערטום איז שוין געווען ניט בלויז באַקאַנט מיט דער
אינסטיטוציע פון לייב־אייגנטום, נייערט אַט־די אינסטיטוציע איז געווען
דער רוקנביין פון דער גאַנצער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יענער צייט.
די מיטלעלטער־געזעלשאַפט איז געווען איינגעטיילט בעיקר אין שטאַנדן.

וואָס איז אַ שטאַנד? אַ שטאַנד איז אַ גרופּע פּערזאָנען, וועלכע
פאַרנעמען אַ באַזונדערן מעמד אין דער געזעלשאַפט, און אַט־דער מעמד
זייערער גיט זיי ספּעציעלע פּריווילעגיעס, באַזונדערע רעכט, שענקט זיי
באַזונדערע טיטלען.

אַ קלאַסן־איינטיילונג אַלס אַ דאָמינירנדיקע דיפערענציאַציע אין דער
געזעלשאַפט איז, פאַרהעלטנישמעסיק ריידנדיק, אַ נייע סאָציאַלע דער־
שיינונג.

וואָס איז אַזוינס אַ קלאַס? אַ קלאַס קען מען דעפינירן אַלס אַ סומע
אינדיווידן, וועלכע פאַרנעמען אַ ספּעציעלע פּאָזיציע אין דער פּראָדוקציע
און דיסטריבוציע פון אַרטיקלען. זייער פּאָזיציע ווערט ניט גאַראַנטירט
מיט כאַרטיעס פון רעכט, ווערט ניט אַרומגעצוימט מיט באַשטימטע יורי־
דישע פאַרקנס. אַ קלאַס איז אַ גרופּע, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַ
איינהייט, אַן אַגלאָמעראַציע, אַ סאָציאַלע פאָרמאַציע, וועלכע ווערט אָפּגע־
טיילט פון דער איבעריקער באַפעלקערונג ניט דורך דע־יורע מחיצות,
נייערט דורך דע־פאַקטאָ שיידע־ווענטלעך.

„אַ סאָציאַלער קלאַס איז אַן אַגרעגאַט פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן
די זעלביקע פונקציע אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, און האָבן דעריבער
דעם זעלביקן קוואַל פון פּרנסה." 37) „דער קלאַס־קאָנצעפּט האָט צו טאָן
מיט דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע פון גרופּן. אין אַלטערטום איז די
סאָציאַלע דיפערענציאַציע באַשטאַנען ניט פון אַ קלאַס, נייערט פון אַ
סטאַטוס אָדער אַ ראַנג." 38)

דער אונטערשייד צווישן אַ שטאַנד און אַ קלאַס באַשטייט אין דעם
חילוק פון אויסדרוק פון דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע.

אַ שטאַנד איז אַ קלאַס, וועלכער היט אָפּ זיין פּריווילעגירטע פּאָזיציע
דורך לעגאַלע קלאַפּערגעצייג, דורך זכיות, יחוס, זכות אבות. ער האַלט
זיין מעמד פאַרפעסטיקט און אַרומגערינגלט מיט 'כתבים', מיט טשאַר־
טערס, ספּעציעלע שריפטלעכע דאָקומענטן, מגילות־יוחסין, וועלכע באַזיצן
אַ יורידישע קראַפט. ער געברויכט הערבן פאַר דעקאָראַטיווע צוועקן

און באַצייכנט מיט זיי זיין ראַנק; ער פינקלט און שימערירט מיט עמבלעמען, פאַנען, געווער און שילדן.

אַ קלאַס איז אַ 'שטאַנד' אַן יורידישע פּריווילעגיעס. ער האַלט זיך אויף „פאַקטישקייטן", ניט אויף „יורידישקייטן".

מאָרריס הילקוויט שרייבט:

„די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יעדן קלאַס זיינען די דאָזיקע: זיינע אינדיווידועלע מיטגלידער האַלטן זיך צוזאַמען אין זייער עקאָנאָמישן אינטערעס, און אַלס עפּעס גאַנצעס זיינען זיי אין אָפּאָזיציע צו אַלע אַנדערע קלאַסן, וועלכע אַמפּערן זיך אָדער קריגן זיך מיט זיי מכוח זייער טייל אין דעם נאַציאָנאַלן רייכטום." 39)

„אין די פעאָדאַלע צייטן זיינען געווען צונויפגענומען פון געוויסע קלאַסן, וועלכע האָבן געהייסן איידל־לייט, בירגער און פויערים, און זיי האָבן זיך גערופן 'שטאַנדן'." 40)

די פּריצים האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַן ערבלאַכן שטאַנד. דאָס איז געווען אַן עכטער, ראַיעלער שטאַנד. ער האָט זיך באַזירט אויף ביאָלאָגיע, אויף אָפּשטאַם. דער איידלטום איז געווען, צו אַ געוויסן גראַד, אַ מין סאָרט 'בלוט־פאַראיין', הגם ער איז אויסגעוואַקסן אויף אַ היפּש קינסטלעכן — ניט אויף אַן אָרגאַנישן, שטרענג־ביאָלאָגישן אופן — סאָציאַלן, פּאָליטיש־עקאָנאָמישן שטייגער; ער איז אָנגעפּיקעוועט מיט פּאַרוועניוס, 'אויפגעקומענע', וועלכע די ערשטע איידל־לייט, די קעניגע, די קיסרים, אימפּעראַטאָרן האָבן באַשאַנקען מיט טיטולן, כיבודים, דעקאָראַציעס און האָבן זיי אַוועקגעגעבן שטיקער לאַנד, גיטער, הויפן, נחלאות. אָבער וועזנטלעך איז דער איידלטום דאָך אַ פאַרבאַנד וועלכער האַלט זיך אויף קרובה'שאַפט.

די קלעריקס זיינען אַ 'הייליקער פאַרבאַנד', ניט פון בלוט און פליישׁ, נייערט פון הייליקן גייסט. אָט־דער שטאַנד האָט זיין יסוד אין פּסיכאָלאָגיע. און בזה־האופן שטעלט ער פאָר מיט זיך אַ סאָציאַלע פאָרמאַציע, וועלכע איז אָפּגעטונקט אין פּסיכאָלאָגיע און לאָגיק, אין אַ לערע.

ג. לאַנדמאַן אין דער „ענציקלאָפּעדיע פון רעליגיע און עטיק" שרייבט:

„...פּריסטער אונטערשיידן זיך אומעטום פון דער באַפעלקערונג־מאַסע אין אַ פּריערדיקן קולטור־פּעריאָד ווי וועלכע עס איז אַנדערע וועלטלעכע קלאַסן: פּריסטער און צויבערער געפינט מען, אַלס אַ כלל, ביי אַלע פעלקער, בשעת אַנדערע דיסטינקציעס פון אַ סאָציאַלן ראַנק עקזיסטירן ניט ביי פילע פעלקער, ווען זיי געפינען זיך אויף אַ נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג." 41)

אָסוואַלד שפּענגלער שרייבט:

„די גרויסע שכל־געמיינדע דערקענט זיך אַלס אַ איינהייט קעגנאיבער דעם רעשט פון די אומאיינגעווייטע. די דאָזיקע איינהייטן זיינען דאָס לאַנד פון די העלדן און די קהלה פון די קדושים.״ 42)

דער העלדנטום פון דעם איידלטום איז געגליכן צו דעם הייליקטום פון די פּריסטער, בײדע זיינען זיי היפש געפעלשט און געפאַלשעוועט.

לכן, ווי דאָס איז צו זען פון דאָס אויבן־געזאָגטע, איז אַ שטאַנד אַ גרופּע מענטשן וועלכע פאַרנעמען אַ פּאָזיציע, וואָס איז פּאַרפּעסטיקט און באַשאַנקען מיט פּריווילעגיעס, און וועלכע טיילן זיך אָפּ אַ דאַנק זייער מעמד פון דער איבעריקער באַפעלקערונג, וועלכע געפינען זיך בשפל המדרגה. אויב אַזוי צו ווי פּאַסט זיך די אָנרופעניש „דריטער שטאַנד״? ווי אַזוי קען זיין אַ שטאַנד, וועלכער נעמט אַרום די גאַנצע אומפּריווילע־גירטע באַפעלקערונג, און האָט ניט אויף וואָס צו שטיין? דער ענטפער איז, אַז דער טערמין ׳דריטער שטאַנד׳ איז גלאַט־אַזוי־זיך אַ ווערטל, ער האָט ניט אונטער זיך קיין שום יורידישן יסוד.

דער ׳דריטער שטאַנד׳ איז אַ ניט־שטאַנד, איז די פאַרניינונג פון דער סאָציאַלער אינסטיטוציע פון שטאַנדן אַלס אַזעלכע. ער נעמט אַריין אין זיך דאָס פאָלק אינאַלגעמיין, די נאַציאָן אַלס אַ גאַנצע, אַלע די־יעניקע וועלכע געפינען זיך מחוץ פון די פּריווילעגירטע שיכטן.

טהאָמאַס פּיין אין זיין ווערק „די רעכט פון מענטשן״ שרייבט: „דער ׳דריטער שטאַנד׳, ווי מ׳האָט זיי דעמאָלט גערופן, האָט ניט אנדערקענט קיינע קינסטלעכע אָרדענס און קיינע קינסטלעכע פּריווילעגיעס.״ 43) שפּענגלער שרייבט: „דער ׳דריטער שטאַנד׳ איז געווען אַן ׳אומשטאַנד׳ — דער פּראָטעסט, אין דער פאָרם פון אַ שטאַנד, קעגן דער עקזיסטענץ פון שטאַנדן.״ 44) דער ׳דריטער שטאַנד׳ האָט זיך געהאַלטן אויף אַ נעגאַטיוון באַזיס. זיינע מיטגלידער האָבן זיך דערקענט דורך אַ מינוס סימפּטאָם, וועלכער איז באַשטאַנען אין דער אָפּוועזנהייט פון רעכט און פּריווילעגיעס. זיי האָט פאַרבונדן דער פאַקט, וואָס זיי האָבן ניט באַלאַנגט ניט צום גלח׳טום און ניט צום איידלטום.

יאָהאַן קאַספּאַר בלונטשלי אין זיין ווערק „דער שטאַט״ שרייבט: „אויב ער (דער דריטער שטאַנד) איז באמת אַלץ, דעמאָלט קען דאָך ניט זיין ניט קיין ערשטער, ניט קיין צווייטער און ניט קיין פערטער שטאַנד. ער הערט אויף צו זיין אַ שטאַנד אָדער אַ סעפּאַראַטער קלאַס און ער אידענטיפיצירט זיך מיט דעם גאַנצן פאָלק.״ 45) דער ׳דריטער שטאַנד׳ איז אַ פּאָליטיש קריגעריש ווערטל, בשום אופן ניט קיין פּאָליטיש יורי־דישער באַגריף. מחמת די מיטגלידער פון ׳דריטן שטאַנד׳ זיינען דאָך

געווען אַלע די וועמען מ׳האָט געהאַלטן ׳אין־דרויסן׳ מחוץ פון דער עזרה פון דער פּריווילעגירטער געזעלשאַפט.

ווען מיר באַגרייפן דעם מהות פון אַ שטאַנד, דעמאָלט איז אונדז שוין לייכט משיג־צו־זיין דעם עצם וועזן פון אַ קלאַס. ביי אַ שטאַנד שפּילט די הויפּט־ראָלע דער אָפּשטאַם, דער ׳יחוס׳, ביי אַ קלאַס איז דער הויפּט־פאַקטאָר דער ׳יחוס־עצמו׳.

דאָס באַלאַנגען צו אַ קלאַס, אַזוי צו זאָגן, קלאַס־באַהעפטיקייט און לאָיאַליטעט איז ניט פּרעדעטערמינירט, באַשטימט אין־פאָרויס דורך דער אַקציע פון געבורט. די קלאַס־אָנגעהעריקייט ווערט אויך ניט באַדינגט דורך אַ באַזונדערן פּסיכאָלאָגישן, גייסטיקן, לאָגישן מענטאַלן צושטאַנד. דאָס הענגט ניט אָפּ פון איבערצייגונגען, פון אני־מאמינ׳ס, שכל׳דיקע, נאַרישע, אַבסורדע, אָדער פון אַ געוויסער סומע פון קענטנישן, וועלכע ווערן פאַררעכנט פאַר ווערטפול. דער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פון אַ קלאַס איז ניט אָבסטרוקטירט, ניט פאַרשווערט דורך אַ לעגאַלער פּראָצעדור. די טיר פון קלאַס שטייט אַלע מאָל אָפן. דער אַריינטריט איז צוגענגלעך, דער אַרויסטריט איז אויך ניט פאַרבאַריקאַדירט. יעדער איינער קען אַריין. ווער עס וויל נאָר קען אַרויס אָן שטערונגען. אַ זון פון אַ קאַפּיטאַליסט מעג, עס איז דערלויבט, און קען, עס איז מעגלעך, הגם עס פּאַסירט ניט אַזוי אָפט, רואינירט ווערן פינאַנציעל, בדיל־הדל ווערן און זיך אַראָפּלאָזן צו דעם סאָציאַלן מעמקים, וואו עס געפינען זיך די אַרבעטער, אָדער לומפּנפּראָלעטאַריער, שנאָרער, בעטלער. און דאָס פאַרקערטע איז אויך ניט אויסגעשלאָסן: אַן איינפאַכער אַרבעטער, אויב זיין מזל צעשפּילט זיך, זיין גליק צעשמייכלט זיך, וואָס עס טרעפט גאַנץ זעלטן, קען זיך אַרויפקאַראַפּקעווען אויפן לייטער פון וואוילשטאַנד און קריכן אַזוי הויך, ביז ער וועט דערגרייכן אין די סאַמע הויכע פענצטער אַריין. פ. אָפּפּענהיימער שרייבט: „עס איז ניט אינגאַנצן אומגעוויינטלעך צו זען אַ באַזונדער באַגאַבטן מיטגליד פון די נידעריקע קלאַסן ווי ער דערהייבט זיך פון דער פאַרדעמדיקער אומגעבונג און פאַרנעמט אפילו אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע אין אַ העכערן קלאַס, אָדער, להפך, צו זען ווי אַן אויסברענגער אָדער אַ שוואַכער מיטגליד פון אַ העכערער גרופּע ׳פאַרלירט זיין קלאַס׳ און פאַלט אַריין אין פּראָלעטאַריאַט.״ 46) מיליאָנערן ווערן צייטנווייז געבוירן, אָבער פיל אָפטער ווערן זיי געמאַכט פון די אומשטענדן אין קאָמבינאַציע מיט פּערזענלעכן אָנשטרענג און אויפטו. דעם פאַקט, אַז דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס באַשטייט פון אויפגעקומענע נגידים, קען לייכט זען דער ווער עס מאַכט דעם איבערפלעכלעכסטן

שטודיום פון די יחוס־בריוו וועלכע עס האָבן צו צייגן די קיניגן פון קוילן, אויל, צוקער אָדער שטאָל.

ט. ו. וויליאַמסאָן שרייבט אין זיין „איינלייטונג צו סאָציאָלאָגיע״:

„אַמעריקאַנער געשיכטע איז פול מיט דערשטוינענדיקע מעשיות מכוח די גבירים און דערפאָלגרייכע פערזאָנען וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער לעבן גאַנץ בניחותא׳דיק ערגעץ אין אַ פערמע־הויז אָדער אין אַ פאַרוואָרפענעם העק פון אַ שטיקל ישוב, אָדער אין אַ שטעטל די גרויס פון אַ ׳טל־ומטר׳.״ 47)

די צוויי קאָנפליקטירנדיקע קלאַסן, די באַזיצער און די באַזיצלאָזע, מישן זיך ניט אויס. אָבער איינצעלנע אינדיווידן, יחידים, זיינען קאַפּאַבל אַריבערצוגיין די גרעניץ, וועלכע צעטיילט די צוויי סאָציאַלע גרופּירונגען. אַט־די אַקציע פון גרעניץ־דורכלויפן פאַרלאַנגט ניט קיין שום סאַנקציע מצד פון די עקזיסטירנדיקע לעגאַלע אינסטיטוציעס. ער איז אויך ניט פאַרבונדן מיט די אומאַנגענעמלעכקייטן, וועלכע פאָדערן זיך בשעת׳ן בייקומען געוויסע לעגאַליסטישע שטערענישן. עס איז בלויז אַ פראַגע פון מוט, געשיקטקייט, דרייסט און אַ שטאַרקן אַפּעטיט צו געלט; אַזן, אפשר, ווענדט זיך עס אויך אָן מזל. עס איז ניט קיין גרויסע מחייה צו ווערן אָרים. דעם גביר איז ניט צום האַרצן אַריינצופאַלן צווישן די פרינצן פון שער און נאָדל, האַמער און זעג. עס איז היפּש שווערלעך זיך אַרויפצואַרבעטן עקאָנאָמיש און זיך דערווערבן רייכטימער, איבער־הויפּט ווען איינער איז ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיטן דלות. אָבער די מעגלעכקייט, סיי יורידיש און סיי פאַקטיש, איז ניט אויסגעשלאָסן. אַנדערש איז די סיטואַציע, ווען עס האַנדלט זיך מכוח דעם אַריבערגיין פון פויער־טום צום איידלטום אָדער פאַרקערט. אַט־דער שפּריז וואָלט פאָדערן אַ ספּעציעלן גונסט־אַקט מצד פון דעם איידל־שטאַנד אַלס אַ גאַנצן, אָדער מצד פון זיינע אָנפירנדיקע ׳פני׳. פון דער צווייטער זייט, קען קיין איידלמאַן ניט ווערן אַראָפּגעזעצט צו דעם סטאַטוס פון אַ סתם מענטשן סיידן, ווייטער דאָס איגענע, דורך אַ ספּעציעלן יורידישן אַקט. מ׳דאַרף פון אים צונעמען זיינע טיטולן, אים באַרויבן זיינע גיטער אַלס אַ שטראָף פאַר אַ פאַרברעכן, ווי, דהיינו, ניט פאָלגן, פאַרראַט, אומלאָיאַליטעט צו זיין שטאַנד אָדער קיניג וכדומה עוונות ופשעים. אָבער אונטער אַלע אומשטענדן וועט זיך דאָ פאָדערן אַ לעגאַליסטישע אַקציע.

בכדי צו ווערן אַ קאַפּיטאַליסט פאָדערן זיך געוויסע פערזענלעכע קוואַליפיקאַציעס, קאָמערציעלע, ספּעקולאַטאַרישע באַגאַבטקייטן און אויך, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ געוויסע דיקהייט פון דער הויט, אַ פאַר־שטיינערט האַרץ, אַ פאַרפאַרן געוויסן... און דאָס גלייכן.

אָבער קיינער קען ניט 'פון היילער הויט' ווערן אַן אײדלמאַן. דאָס ווענדט זיך ניט אָן אים. די קאָרפּאָראַציע פון די אײדל־לייט האָט וואָס צו זאָגן איבער דעם ענין; זיי דאַרפן באַשטימען צי זיי ווילן אים האָבן צי ניט, צי ער איז אָנגעלייגט ביי זיי, צי ניט. זייער ווילן ווערט אויס־געדריקט אין זייער שענקען אים, דעם בעלן אַריינצוטרעטן אין זייער געזעלשאַפט, דעם טיטל, וועלכן ער וויל קריגן. דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע די גייסטלעכע. זיי דאַרפן אויפנעמען דעם קאַנדידאַט, אים שענקען 'גייסטלעכקייט', הייליקייט, אים מקבל־פּנים־זיין אין זייער ענגן קרייז, אין זייער אומאַריינדרינגבאַרער סביבה. זיי דאַרפן אים געבן סמיכה, דורכפירן אַ באַשטימטע צערעמאָניע. מיט איין וואָרט, זיי דאַרפן אים אָרדינירן."48) און די אָרדינאַציע איז אַרומגעצוימט מיט געוויסע גדרים און סייגים. און ווען ער קלעטערט פון שטאַפּל צו שטאַפּל אין דער יעראַרכיע איז, ווייטער, דאָס אייגענע, די קאָרפּאָראַציע אין דער פּערזאָן פון די עלטסטע דאַרף געבן איר צושטים דערצו. אָן זייער הסכם קען עס ניט געטאָן ווערן.

גאָר אַנדערש האַלט עס מיט אַ קלאַס־קאָנסטרוקציע. ניט נאָר אַריינ־גיין, נאָר אויך אַריבערגיין פון איין רובריק צו אַ צווייטער איז פאַר־רעכנט פאַר אַ פּריוואַטן ענין; און עס איז קיינעמס עסק ניט, מחוץ פון דעם אייגנטימער וועלכער ווערט נתעשר אָדער בדלות.

די הייַנטיקע געזעלשאַפט, אַמווייניקסטן וואָס אַנבאַלאַנגט אירע ווענט־לעכע פונקציעס, האָט ניט קיין שטאַנדן, נייערט בלויז הערשנדיקע קלאַסן. אונטער דעם 'קאַפּיטאַליסטישן' און דעמאָקראַטישן סיסטעם איז דער הערשנדיקער קלאַס צעשפּאָלטן אויף־צווייען, אויף קאַפּיטאַליסטן און אויטאָריטאַריסטן. אָט־די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צעצווייטקייט איז אַ פּועל־יוצא פון אַ דואַליזם, וועלכער נעמט אַדורך די גאַנצע אָרגאַני־זירטע געזעלשאַפט, אונטער דעם הייַנטיקן אַזוי גערופענעם ליבעראַלן איינשטעל.

דעם ענין קלאַס בכלל האָבן מיר געשאָנקען אַביסל אויפמערקזאַמקייט. מיר האָבן עס באַטראַכט און אַ קאַפּיטשקע באַשריבן. איצטער וועלן מיר זיך אויף אַ ווײַלע פאַרנעמען באַזונדער מיט די אַזוי גערופענע 'אויטאָרי־טאַריסטן', די 'מאַכט־זעק'.

מאַכט־אויטאָריטעט איז פאַרקערפּערט אין אינדיווידן, אין פיזיקאַ־לישע פּערזאָנען. מיט מאַכט זיינען באַקליידט לעבעדיקע וועזנס, און ניט די טויטע אָרגאַנען פון דעם שטאַט. קיין שום מאַכט־אויטאָריטעט איז ניט בנמצא דאָרטן, וואו קיין מענטשן זיינען ניטאָ.

מאַקיאַוועלי, אַט דער דורכגעטריבענער, צינישער, אָבער, דערפאַר, קלאָרע־דיבורים ריידנדיקער, שריפטשטעלער, מאַכט זייער אַ געלונגענע אנמערקונג אויף אַריסטאָטעלס פּאָליטיק:

„און דאָס איז אַ צווייטער טעות פון אַריסטאָטעלס פּאָליטיק, וואָס ער זאָגט, אַז אין אַ גוט־איינגעאָרדענטן שטאַט דאַרפן הערשן ניט די מענטשן, נייערט די געזעצן . . . ווער קען עס גלויבן, אַז אַ געזעץ, וואָס איז בלויז אַ וואָרט אָדער אַ שטיקל פּאַפּיר, קען אים טאָן שלעכטס אָן די הענט און די שווערדן פון מענטשן?" 49)

פּאָליטישע מאַכט־אויטאָריטעט איז אַ סאָציאַלע השגה. אויטאָריטעט קען פונקציאָנירן בלויז אין די תחומים פון אַ געגעבענער געזעלשאַפט. מאַכט־אויטאָריטעט איז די קריסטאַליזאַציע פון פאַרהעלטנישן פון מענטשן, אָדער פון אַ גרופּע אינדיווידן, אַלס העכער שטייענדיקע צו אַנדערע מענטשן אָדער צו אַן אַנדער גרופּע אָדער אַ מענגע, וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס נידעריק סיטואירטע. מאַכט־אויטאָריטעט שיקט פאַרויס די צוויי קאָנטראַסטירנדיקע קאַטעגאָריעס, די הערשער און די באַהערשטע, די יעניקע וועלכע באַזיצן מאַכט און די יעניקע וועלכע זיינען מאַכטלאָז. צו באַזיצן מאַכט־אויטאָריטעט מיינט צו האָבן אַ רעכט צו געברויכן אַ געוויסע עפנטלעכע קראַפט, צו נוצן און אָנווענדן אַ סאָציאַלע ענערגיע פון אַ באַזונדערן סאָרט.

און דאָ ווילן מיר נאָך עפּעס זאָגן. און דאָס איז אַ זייער וויכטיקער פונקט אין אונדזער גאַנצער אַרגומענטאַציע, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען נאָך אין פאָרדעמדיקן קאַפּיטל: ניט אייגנטום איז די גע־בוירערין פון מאַכט, נייערט פונקט פאַרקערט — מאַכט־אויטאָריטעט איז די מוטער־געווינערין פון אייגנטום.

מיר וועלן ברענגען ראיות צו באַשטעטיקן אונדזער טעזיס.

סיר וויליאַם טעמפּל שרייבט: „נאָך אַזאַ ניצחון ווערט דער הויפּט פון די זיגנדיקע נאַציאָנען רייך און גרויס דורך דעם צעטיילן פון דעם לאַנד, רויב און שקלאַפן." 50) טהאָמאַס האבבעס שרייבט: „...עס איז אַ אוניווערסאַלער אמת, אַז אַלע איינגענומענע לענדער, גלייך נאָך דעם זיג, געהערן צו אים, וועלכער האָט זיי איינגענומען." 51) טהעאָדאָר מאממזן שרייבט: פון דער נידערגעשלאָגענער געמיינדע . . . האָט מען געפאָדערט . . . אַז זי זאָל אָפּגעבן אַ טייל (געוויינטלעך אַ דריטל) פון איר באַזיץ, וועלכן עס האָבן פאַרנומען אויף אַ רעגולאַרן שטייגער די רוימישע ערד־אַרבעטער." 52)

בכדי מ'זאָל ניט קענען זאָגן, אַז דאָס איז בלויז אַ לאָקאַלע דער־שיינונג, וועלן מיר ברענגען נאָך באַווייזן. ס. וו. וועלס אין זיין ווערק

„דאָס מיטעלע קיניגרייך" שרייבט: „אונטער דעם אימפּעראַטאָר (אין כינע) געפינט זיך דאָס גאַנצע פאָלק . . . קיינער פון פאָלק באַזיצט ניט קיינע רעכט אָדער אייגנטום אַלס אַזעלכע." 53)

די זאַך איז פאַרשטענדלעך: אייגנטום געפינט זיך אין מאַכט־אויטאָריטעט, און דער אויטאָריטעט איז דער אמת'ער אייגנטימער. און עס קען ניט זיין קיין אַנדערער אייגנטימער פאַר זיין געזיכט, ווייל ער איז אַ קנא ונוקם.

הערבערט ספּענסער שרייבט: „מאַכט אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער איז דער איינציקער כוח, וועלכער איז אימשטאַנד צו צווינגען די מיטגלידער פון אַ געזעלשאַפט זיי זאָלן אויפגעבן זייער אַנשפּרוך אויף אַ שטח, וועלכן זיי באַוואוינען. אַזאַ קראַפט קען געהערן צו אַן אויסער־לעכן אַגרעסאָר אָדער אַן אינערלעכן אַגרעסאָר; אָבער אין ביידע פאַלן פאַרלאַנגט עס מיליטערישע אַקטיוויטעט." 54) איבער דער גאַנצער וועלט גיט אַ זיג אַ באַזיץ, וועלכער איז אומבאַגרעניצט, מחמת עס איז ניטאָ קיין מאַכט וועלכע קען עס אָפּפרעגן." [54¹] „אָבער מלחמה . . . גראַבט אונטער און פאַרניכטעט קאָמונאַלן לאַנד־אייגנטום און פּירט איין אַנשטאָט דעם, טיילוויז אָדער אינגאַנצן, אַן אומקוואַליפיצירטן אייגנטום פון אַן אַבסאָלוטן באַזיגער, אָדער דער אייגנטום־רעכט פון אַ באַזיגער, וועלכער איז קוואַליפיצירט דורך די אַנשפּרוכן פון די וואַסאַלן, וועלכע קריגן עס פון אים אויף געוויסע קאָנדיציעס." 55)

פ. ענגעלס שרייבט: „די ערשטע זאַך, וואָס דער קיניג פון די פראַנקן . . . האָט געטאָן, איז איבערצובייטן אָט־דעם נאַציאָנאַלן אייגנ־טום אויף קיניגלעכן אייגנטום, אָוועקצו'גנב'ענען עס פון דעם פאָלק און עס אָוועקגעבן אָדער אָוועקשענקען צו זיינע געפאָלג־לייט." 56) „אַלס אַ באַלוינונג פאַר דער באַפרייאונג פון די ראָמאַנער פון זייער אייגענעם שטאָט האָבן די באַרבאַרן אַפּראָפּריאירט דריי דריטל פון דעם גאַנצן לאַנד און האָבן עס צעטיילט צווישן זיך." 57) „ . . . מאַכט און רויב" — שרייבט אָסוואַלד שפּענגלער — זעט מען דאָ אין זייער קלאַסישער פאָראייניקונג. ווען אין יאָר 1066 האָבן באַזיגט ענגלאַנד ווילהעלם און זיין נאָרמאַנדישער רייטערטום, האָבן זיי דאָס גאַנצע לאַנד דערקלערט פאַרן קיניגס אייגנטום און באַזיץ. און עס איז געבליבן אַזוי אין נאָמען ביז אויף היינטיקן טאָג." 58) ע. א. ראָסס שרייבט: „דער זיג־וואָרצל פון דעם אייראָפּעאישן איידלטום איז געווען ניט גוט־באַזיץ, נייערט מיליטערישע העלדנטאָט. איינער האָט ניט אָנגעפירט מיט די קריגער דערפאַר וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ גוט, נייערט ער האָט געהאַט אַ גוט דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגעפירט מיט די חיילות." 59)

פון די געבראַכטע ציטאַטן איז באַשיינפּערלעך קלאָר, אַז מאַכט האַלט אין איר רשות אייגנטום, אַז אייגנטום איז די דינסטמויד, און מאַכט־אויטאָריטעט אָדער מאַכט־קראַפט איז די האַרנטע. אייגנטום איז אַ צוגאָב צו מאַכט, און ער מוז שטיין פאַר מאַכט ווי אַ קנעכט פאַר זיין האַר. ער מוז אויספאָלגן אַלע אירע באַפעלן, אויספירן אירע קאַפּריזן. בלויז קורצ־זיכטיקייט, דאָס ניט זען ווייטער פון דעם נאָז, פון אַ שטיקל כלומר׳שט ליבעראַלער עפּאָכע, האָט געקענט דיקטירן דעם פאַלשן געדאַנק, אַז אייגנטום איז דער גאַנצער מאַכער אין דער געזעלשאַפט, און אייגנטום, וואָס איז די מאה, האָט די דעה. די דעה האָט דער, ווער עס איז שטאַרק, ווער עס באַזיצט מאַכט־אויטאָריטעט אין אַ מער אָרגאַניזירטער געזעל־שאַפט, און ווער עס באַזיצט מאַכט־קראַפט אין אַ ווייניקער איינגעאָרדנ־טער געזעלשאַפט. וואָס קען אַזוי הערשן ווי הערשאַפט? ניט אייגנטום געוועלטיקט, נייערט מאַכט. דער הערשער איז דער שררה, דער אויטאָ־ריטאָריסט, ניט דער אייגנטימער, וועלכער איז תמיד דער משועבד, אונטערגעוואָרפן אונטער דעם רשות און שליטה פון אויטאָריטאָריסט.

דערצו דאַרפן מיר נאָך מוסיף־זיין, אַז מאַכט־אויטאָריטעט ווערט אַליין אַן אָביעקט פון רעכט, זי אַליין ווערט אַ ׳שטיק אייגנטום׳. דער געוועלטיקער, דער אויטאָריטאַריסט איז אַן ׳אייגנטימער׳, אַ באַזיצער. ער איז אַ קאַפּיטאַליסט פון אַ העכערער דרגא. ער שאַפט זיך מיט דער אַקומולירטער אַרבעט ניט פון איין יחיד און ניט פון אַ פיזיאָלאָגישן כאַראַקטער, נייערט מיט דער אַרבעט פון דעם רבים, אַרבעט פון אַ סאָציאָלאָגישן כאַראַקטער. ווי ריטשאַרד הילדרעטה דריקט זיך אויס: „רעגירונגען זיינען פונדאַמענטירט אויף . . . דער אידייע פון אייגנטום און מאַכט.״ 60)

די דאָמינירנדיקע גרופּע, די שררות שטעלן פאַר מיט זיך אַ ספּע־ציעלן אָרדן, אַ באַזונדערן ראַנג. זייער פּאָזיציע אין פּאָליטיק אַנטשפּרעכט דעם מעמד, וועלכן דער אייגנטימער קלאַס פאַרנעמט אין עקאָנאָמיק. די באַהערשטע, יענע איבער וועמען הערשאַפט ווערט אויסגעאיבט, זיינען די פּאַריעס, די נידעריקע שיכטן, די פאַרטראָטענע און געטראָטענע, די די באַדרענגטע און אונטערדריקטע אין דעם פּאָליטישן פשט פון וואָרט.

וואָס אָבער לערנט אונדז מאַרקס און ענגעלס אין זייער ווערק „קאָמו־ניסטישער מאַניפעסט״? זיי לערנען אונדז פונקט דאָס פאַרקערטע, אַז רייכטום באַהערשט די הערשאַפט.

„די עקזעקוטיווע פון דעם מאָדערנעם שטאַט איז בלויז אַ קאָמיטעט, וועלכער פאַרוואַלט די אַלגעמיינע אנגעלעגנהייטן פון דער גאַנצער בור־זשואַזיע.״ 61)

איז דאָ אַ סתירה צווישן זייער באַהויפּטונג און מיינער? ווי מ׳וויל. אויב מ׳וויל — יע, אויב מ׳וויל — ניט. וואָס מאַרקס און ענגעלס זאָגן איז ריכטיק בלויז פאַר דעם קורצן פּעריאָד פון ליבעראַליזם. איינס אַוועק, צווייטנס, עס איז טאַקע ריכטיק, אַז די רייכע קלאַסן קענען, אונטער געוויסע אומשטענדן, אויסנוצן דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט, זיי קענען אונטערקויפן, אויב ניט לכתחילה אָפּקויפן, די פּאָליטישע טוער, די אַזוי גערופענע אויטאָריטאַריסטן. אָבער אויף וואָס דאַרפן די אויטאָריטאַריסטן, די מאַכט־האָבער, נעמען שוחד, כאַפּן כאַבאַר, ווען זיי זיינען אימשטאַנד צו־צונעמען פון די רייכע זייער גאַנצן פאַרמעגן און זיי גאָרניט געבן אין קאָמפּענסאַציע. כאַבאַר אַלס אַן אינסטיטוציע איז דאָך אַ מין אויסטויש־אַקציע. איינער ליגט פאַר מאַטעריעלע גיטער און דער צווייטער ליגט פאַר יורידישע פּריווילעגיעס, און זיי טוישן זיך. וואו מ׳קען נעמען, ראַבירן, נעמען און גאָרניט געבן, דאָרטן האָט ״קאָמערץ״ קיין פּלאַץ ניט. און די מעכטיקע האָבן געקענט נעמען און האָבן טאַקע גענומען, און זיי אַליין זיינען געוואָרן רייך. ביידע זאַכן, אי מעכטיק אי רייך.

היסטאָריש גענומען קומט דער פּראָצעס פאַר פּונקט קאַפּויר ווי די מאַרקסיסטישע געשיכטע־פילאָזאָפיע באַשרייבט אים. די יעניקע וועלכע איבן אויס מאַכט־אויטאָריטעט פון וועלכן עס איז סאָרט, זיי — אַ דאַנק דעם געברויך פון מאַכט און שטאַרקייט — ווערן נתעשר, און ניט פאַרקערט, אַז די רייכע קויפן זיך איין מאַכט. מאַכט איז דער עיקר, עשירות איז דער טפל.

מיר וועלן פאַרפעסטיקן אונדזער באַהויפּטונג מיט פאַקטן פון אַנטראָפּאָלאָגיע:

ר. ה. לאָוי אין זיין ווערק „פּרימיטיווע געזעלשאַפט״ שרייבט:

„אַ קראָ־קריגער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ מלחמה־עקספּעדיציע און האָט זיך צוריקגעקערט באַדעקט מיט רום, איז געוואָרן, לויט דער שטרענגער טעאָריע, דער איינציקער באַלעבאָס פון דעם רויב, וואָס מ׳האָט פאַרכאַפּט.״ 62) „אַלס רעזולטאַט פון זייערע פּאָליטישע אויפפאַסונגען באַטראַכטן אַפריקאַנער איינגעבוירענע גאַנץ אָפט דאָס לאַנד אַלס דעם קיניגס אָדער הויפּטס־אייגנטום.״ 63) „דאָהאָמי... דער אויטאָקראַטישער הערשער איז געווען אין טעאָריע דער אַבסאָלוטער אייגנטימער פון דעם גאַנצן לאַנד.״ 64) „אין אַנדערע... איז דער קיניג דער אייגנטימער פון דעם גאַנצן לאַנד און ער קען טאָן מיט דעם, וואָס ער וויל.״ 65) „די מאַאָריער ווענדן אָן אין דער פּראַקטיק דעם פּרינציפּ, אַז די טעריטאָריע פון די באַזיגטע געהערט צו די באַזיגער.״ 66)

„קיינער אויסער דעם הויפּט קען ניט פאַרקויפן לאַנד. דאָס איז איינער פון די פּרעראָגאַטיוון פון דער הויפּטמאַנשאַפט.״ 67) אפילו בהמות וועלכע מ׳פאַרנעמט אין קריג, ווי נאָר זיי קומען אָן און דער־גרייכן דאָס אייגענע לאַנד אַזוי באַלאַנגען זיי צום קיניג.״ 68) „אַלע שטיקער לאַנד, סיי קולטיווירטע סיי ניט קולטיווירטע, באַלאַנגען צום הויפּט־הערשער (אין מאַדאַגאַסקאַר).״ 69) „מיט דער צייט האָבן די לאָקאַלע פּרינצן אין אינדיע גענומען פאָדערן ניט נאָר לײדיקס לאַנד, נייערט אַן אייגנטום־רעכט אויף אַלע שטיקער לאַנד, וועלכע עס זיינען נאָר געווען.״ 70) „אין איינעם פון די הערוויי אינדזלען איז דער באָדן דער אייגנטום פון די ראשי־הקהל אָדער פון זייערע געהילפן.״ 71)

ריטשאַרד הילדרעטה אין זיין ווערק „די טעאָריע פון פּאָליטיק״ שרייבט:

„די געשיכטע גיט אונדז פילע ביישפּילן אין וועלכע מאַכט . . . ווערט דערנאָך אַ מיטל דורך וועלכן צו אַקומולירן רייכטום.״ 72)

איך רעכן, אַז די געבראַכטע ציטאַטן, וועלכע באַשרייבן פּאַקטישע מאַכט־ און אייגנטום־פאַרהעלטענישן, זיינען גענוג אין צאָל און קוואַלי־טעט צו באַשטעטיקן אונדזער טעזיס, אַז מאַכט געבוירט אייגנטום און אַז מאַכט ווערט אַליין אַ שטיק אייגנטום, הגם פון אַ העכערן סאָרט ווי דער איינפאַכער באַזיץ פון מאַטעריעלע גיטער.

און איצטער וועלן מיר זיך אומקערן צו אונדזער גאָר ערשטן טעזיס, נעמלעך, אַז מאַכט־אויטאָריטעט שאַפט אַ קלאַסן־צעטיילונג, ווייל אין הערשאַפט ליגט דער אורשפּרונג פון קלאַסן.

מאַכט־אויטאָריטעט שאַפט קלאַסן־אויסצייכנונגען און אָפּצייכנונגען, קלאַסן־מחיצות. מער פּינקטלעך, מאַכט פּערסאָניפיצירט אין אַ קלאַס. אויטאָריטעט אויפגעפאַסט קאָנקרעט אין פּערזאָנען, איז אַ גרופּע אינדי־ווידן, וועלכע זיינען באַשאָנקען מיט פּריווילעגיעס, מיט פּרעראָגאַטיוון פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער כאַראַקטער. די מאַגנאַטן, די הערשער, קאָנ־סטרואירן אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט, אַ פּאָליטישן צוזאַמענגעם און, צו דער אייגענער צייט, בילדן זיי אויס אַן עקאָנאָמישן קלאַס. זיי פאַרנעמען אַ ספּעציעלע פּאָזיציע בנוגע פּראָדוקציע: זייער מעמד קען ווערן כאַראַקטעריזירט מיט דעם פאָלגנדיקן אומשטאַנד: זיי באַטייליקן זיך אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס אומדירעקט, אָבער אין דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזירן דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס איז זייער באַטייליקונג אַ דירעקטע. און אין דער דיסטריבוציע, דעריבער, פאַרנעמען זיי, ווידער, אַ באַזונדערע, גאַנץ גינציקע פּאָזיציע.

מאַכט־אויטאָריטעט שטרעבט צו איר רעאַליזירונג. זי פלייסט זיך אויסצואיבן איר קראַפט, צו ברענגען אירע כוחות אין אַקציע. די־יעניקע וועלכע פילן אויס אַן אויטאָריטעט־פונקציע ציען פון דעם געוויסע נוצן. כאָטש עס איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי דאַרפן זיך טיילן מיט די איבעריקע קאָמאַנדירנדיקע גרופן פון דער געגעבענער געמיינשאַפט. די 'קלאַסישע' פרימיטיווע פאָרם פון הערשאַפט איז ערבלעך. מאַכט, אויף יענער שטופע פון אַנטוויקלונג, גייט איבער בירושה. די מאָנאַרכן, קיניגן, אימפּעראַטאָרן, פּרינצן א. אַ. וו. זיינען אייגנטימער פון אויטאָריטעט. ביי זיי איז אויטאָריטעט אַ פּאַטרימאָניע. 'אימפּעריום' איז פאַרטונקט אין אייגנטום, צונויפגעשמאָלצן מיט אייגנטום. די היינטיקע טיפּן הערשער, ווי מיניסטאָרן, פּרעזידענטן, דיקטאַטאָרן, קאָמיסאָרן, 'פירער' זיינען אוזורפּאַטאָרן. זיי געברויכן מאַכט, זיי גיבן עס אָבער ניט איבער בירושה.

איך דערוואַרט אַ וויכטיקע, זייער שטאַרקע פון ערשטן בליק, אויסזעצונג קעגן מיין טעזיס, אַז מאַכט־אויטאָריטעט שאַפט אַ קלאַסן־דיסטינקציע פונקט אַזוי גוט, אויב ניט בעסער, ווי פּריוואַט־אייגנטום טוט עס. מ'וועט זאָגן: ס'טייטש, פּריוואַט־אייגנטום גייט דאָך איבער בירושה פון פאָטער צום זון, בשעת מאַכט־אויטאָריטעט, — סיי אונטער די דעמאָקראַטישע רעזשימען, וואו מאַכט־האַלטעריי הענגט אָפּ פון וואַלן און די מאַכט־אויסאיבער בייטן זיך כסדר אין באַשטימטע פּעריאָדן, — סיי אונטער די דיקטאַטאָרישע רעזשימען, וואו מאַכט־פאַרכאַפּונג און האַלטונג הענגט אָפּ פון אַ פּאַרטיי־באַשטימונג, און די מאַכט־אויסאיבער האָבן ווידער ניט קיין אריכות־ימים — איז ניט קיין ענין פון ערבלעכקייט. און אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין ירושה איבערגעבן, און מאַכט האַלט זיך ניט באַהעפט תמיד צו איין און דער זעלביקער פּערזאָן און זיינע יורשים אין די זעלביקע משפחות, טו ווי אַזוי קען זי, מאַכט, באַוויזן אויסצופאָרמירן אַ דעפיניטיוון קלאַס? אַזאַ פאָרמאַציע וואָלט דאָך פאָדערן צייט און מער שטאַנדהאַפטיקייט, מער סטאַביליטעט.

לכאורה איז די אויסזעצונג שטאַרק ווי מויער, אָבער אַז מ'קוקט זיך גוט צו צו איר נעמט זי צעגיין ווי וואַקס.

דער אמת איז, אַז פונקט פאַרקערט. פּריוואַט־אייגנטום שוואַכט־אָפּ אַ קלאַס דורך דעם וואָס עס צעברעקלט אים אויף יחידים מיט זייערע קליינלעכע יחיד'ישע עגאָאיסטישע אינטערעסעלעך, און עס לאָזט ניט דעם קלאַס זיך דערהייבן צו אַ שטאַרקער מדרגה פון גאַנצקייט, קאָרפּאָראַציע־איינהייט און ציבור־אחדות. פּריוואַט־אייגנטום פאַרשטאַרקט די משפחה, ניט דעם קלאַס. און דער ווירקזאַמסטער מיטל ווי אַזוי

אָפּצושוואַכן די קלאַסן־פּאַרקניפּונגען איז צו פּאַרפונדעווען וואָס שטאַרקער די יסודות פון פּריוואַטקייט, יסודות וועלכע מוזן צעשאָקלען די באַזע פון דער גאַנצער קלאַסן־סטרוקטור, פון דעם קאָלעקטיוו־בנין. אָבער מיט דער קלאָר־מאַכונג פון אָט־דעם געדאַנק וועלן מיר זיך פאַרנעמען היפּש־שפּעטער אין אונדזער ווערק. דערווייל ווילן מיר בלויז אָנצייגן אויף אַ היסטאָרישן, גוט־דאָקומענטירטן, אַלעמען־באַקאַנטן פאַקט, אַז אַ קלאַס און מער, אַ גאַנצער שטאַנד, איז אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרן, הגם סיי זיין מאַכט־אויטאָריטעט און סיי זיין באַזיצטום האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט פאַרוואַנדשאַפט־ירושה, מיט דעם איבערגעב פון רייכטימער אָדער פּאָסטנס־שטעלעס פון פאָטער צום זון אָדער צו אַנדערע קרובים.

איך האָב טאָקע אין זינען דעם פאַל פון די גייסטלעכע. זיי האָבן ניט נאָר ניט פאַרמאָגט קיין פּריוואַט־אייגנטום, זיי האָבן אפילו קיין געזעצלעכע ווייבער ניט געהאַט, קיין געזעצלעכע קינדער ניט געהאַט, און דאָך האָט עס זיי ניט געשטערט אין פאַרמירן אַ מעכטיקן שטאַנד.

די רוימיש־קאַטוילישע קירך אינגאַנצן און די גריכיש־קאַטוילישע טיילווייז האָבן פאַרבאָטן הייראַט צו זייערע פּריסטער, צו זייערע דיגניטאַרן. „אויף דעם צווייטן ראַט פון קאַרטאַגען (251 א. ע.) האָט מען פאַרגעשלאָגן, אַז אַ צעליבאַט (פּרישות) זאָל געפאָדערט ווערן פון אַלע קאַנדידאַטן פאַר פּריסטערטום." 73) „אין דער לאַטיינישער קירך האָט מען ניט געגעבן קיין גלח'ישע אָדער בישאָפישע סמיכה צו פאַרהייראַטע מענער אָן דעם, אַז זיי און זייערע פרויען זאָלן ניט האָבן פאַרשפּראָכן צו לעבן אין פּרישות ביזן סוף פון זייערע טעג. וואָס איז שייך בישאָפן איז די פּראַקטיק פון דער גריכישער קירך געווען די זעלביקע ווי די לאַטיינישע. דער ראַט פון ניצע האָט געדענקט, אַז די פאַרצייטיקע טראַדיציע פון דער קירך זאָל ווערן צוריק עטאַבלירט אין איינקלאַנג מיט דעם 26־טן אַפּאָסטאָלישן קאַנאָן, וועלכער דערלויבט הייראַט בלויז צו די יעניקע, וועלכע האַלטן דעם פּאָסטן פון לייענער אָדער זינגער אין די קירכן.

מ'זאָגט, אַז קאַליקסטוס דער ערשטער, וואָס איז דערווילט געוואָרן אין 221־טן יאָר(א. ע.) האָט באַנייט די קאָנסטיטוציע, וועלכע פאַרבאָט הייראַט צו גלחים . . . מ'זאָגט אויך, אַז לאַציוס דער ערשטער, דערווילט געוואָרן אין 225, האָט אַרויסגעגעבן דעם זעלביקן פאַרבאָט. דער ראַט פון עלווירא איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 300 אָדער 313. דער 33־טער און 36־טער קאַנאָן פון אָט־דעם ראַט באַפעלן בישאָפן, גלחים און דיאַקאָנס און אונטער־דיאַקאָנס צו לעבן אין אָפּגעשיידקייט פון זייערע

ווייבער. גריגאָרי דער זיבעטער (דערוויילט געוואָרן 1073), אין דעם ראַט, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין רוים אין יאָר 1084, האָט באַשלאָסן מער דעצידירנדיק און שטרענג, אַז, לויט די הייליקע קאַנאָנען און די דעקרעטן פון זיינע פאָרויסגייער, קען קיין עקלעזיאַסטיק ניט זיין פאַרהייראַט; אַז דער סאַקראַמענט פון אָרדינאַציע זאָל ניט געגעבן ווערן קיינעם, ווער עס פאַרפליכט זיך ניט צום שטענדיקן צעליבאַט, און אַז קיין באַווייבטער גלח זאָל ניט טאָרן דינען, אָדער אפילו בלויז אַסיסטירן אַ מעסע.״ 74)

אָט די אַלע מאַסרעגלען האָבן פאַרניינט ניט נאָר ערבלעכקייט בנוגע גיטער און פּאָסטנס, נייערט האָבן אינגאַנצן אויפגעריסן דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן ירושה קען זיך האַלטן, נעמלעך, די פאַמיליע אַלס אַן אינסטיטוציע. און דאָך האָבן אָט־די מאַסרעגלען ניט נאָר ניט אָפּגעשוואַכט די גייסטלעכע אַלס אַ שטאַנד, נאָר פּונקט פאַרקערט, זיי האָבן פאַרפונדעוועט דעם פונדאַמענט פון אָט־דעם הייליקן קלאַס. אַ דאַנק אָט־דער פאַרניינונג פון דעם משפחה־לעבן, אַ דאַנק אָט־דעם אָרויפגעצוואונגענעם צעליבאַט האָבן די גייסטלעכע געשאַפן אַ גוט־צונויפגעקניפּטע אָרגאַניזאַציע, אַ פעסט־צעמענטירטן שטאַנד, וועלכער האָט רעאַליזירט זיינע אינטערעסן אויף אַ קאָלעקטיוון שטייגער. ער האָט געשטעלט די אינטערעסן פון כלל, פון שטאַנד, אַלס אַ גאַנצן, איבער די קליינע עגאָאיסטישע אינטערעסן פון זיינע באַשטאַנד־טיילן, יחידים. ער האָט פאַרטיידיקט זיינע פּאָזיציעס מיט אַזאַ ברען און היץ, איבערגעבנקייט, פאַרביסנקייט און עקשנות, וואָס זייער גלייכן געפינט מען ניט אין דער געשיכטע. אָט־דער קערפּערשאַפט פון גייסטלעכע האָט זיך טאַקע איינגעגעבן, — אַ דאַנק דעם אונטערדריקן דעם יחיד׳ישן עגאָאיזם און איינצוימען פון פּערזענלעכן יצר־הרע דערבראַכט צו אַזאַ עקסטרעמיטעט — אויסצוהאַמערן אַזאַ עקסטענסיוון און אינטענסיוון פּריווילעגירטן שטאַנד.

מאַנטעסקיע גיט זיין דערקלערונג פאַר אָט־דער מאָדנער דערשיינונג פון צעליבאַט.

„לויט דער טבע פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד האָבן מיר ליב אין רעליגיע אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך די אידייע פון האַרבקייט . . . דער צעליבאַט איז געווען אַמייסטן אָנגענומען ביי די פעלקער, צו וועלכע ער איז געווען אַמווייניקסטן צוגעפּאַסט, און וועלכע האָבן עס געקענט פּראַקטיצירן מיט די העכסט פאַטאַלע קאָנסעקווענצן.״ 75)

כמעט דאָס אייגענע זאָגט באָקל:

„דעם צעליבאַט, אופן סמך פון זיין פאַרויסגעשיקטער אַסקעטישער טענדענץ, האָט מען אַדוואָקאַטירט און, אין אַנדערע לענדער, אויך אַרויפגעצוואונגען אין אַ פריען פּעריאָד.‟ (76

לויט מיין פאַרשטיין נאָך האָט דער צעליבאַט געגניט צו טאָן מיטן אַסקעטיזם און אויך ניט מיט דער אידייע פון חומרה, נייערט מיט דעם פאַרלאַנג גובר צו זיין אויף־וויפל נאָר מעגלעך די צענטריפוגאַלע כוחות פון דעם גייסטלעכן שטאַנד.

לעקי אין זיין ווערק „דעמאָקראַטיע און פרייהייט‟ שרייבט:

„עס איז געווען אַ צייט ווען חתונה־האָבן איז געווען פאַרבאָטן צו די קלעריקס, אָבער ווען פאַרבינדונגען, וועלכע זיינען געווען ניט פאָרמאַל לעגיטים, האָט מען בכלל טאָלערירט און אנדערקענט און צייטנווייז האָבן די קירכגעמיינדע־מיטגלידער אַרויפגעצוואונגען אַזעלכע פאַרבינדונגען אויף די קלעריקס אין די אינטערעסן פון עפנטלעכער מאָראַל, און זיי האָבן וואַרשיינלעך ניט געבראַכט מיט זיך קיין געפיל פון מאָראַלער שולדיקייט.‟ (77

מיט אַנדערע ווערטער, קיינעם האָט ניט געקימערט וואָס די גלחים האָבן פאַרבינדונגען מיט פרויען און פלאַדזשיען אַן ממזרים, כל־זמן זיי האָבן זיך ניט איינגעאָרדנט מיט קיין משפחה. פון דעם איז צו זען, אַז דער צעליבאַט איז ניט אויסן געווען איינצופירן שטרענגע פרישות — וואָס עס וואָלט דעם גלח אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך, דער מענטשלעכער לייב פאָדערט דאָך זיינס — נייערט צו באַקעמפן די פאַמיליען־אינסטיטוציע. דער צעליבאַט איז געווען געריכטעט מיטן שאַרפן שפּיץ קעגן די משפחה־פאַרקניפונגען און היים־פליכטן און מיט דעם טעמפן עק קעגן געשלעכטלעכן פאַרקער.

אָט וואָס שפּענגלער זאָגט:

„דער אמת׳ער פּריסטער . . . אנטזאגט זיך אין פּרינציפּ צו אַנדערקענען דאָס פּריוואַטע לעבן, געשלעכט, פאַמיליע, די ׳שטוב׳ . . . די פענאָמענאַלע פאָרמען פון אָט דעם צווייטן שטאַנד, וועלכע מיר באַגעגענען ווידער און ווידער, זיינען צעליבאַט, התבודדות, מלחמות מיטן יצר־הרע פון געשלעכט . . . און אַ פאַרהאַס פאַר מוטערשאַפט, וועלכער דריקט זיך אויס אין אָרגיעס און פאַרהייליקטער פּראָסטיטוציע.‟ (78

אָרגיעס און פּראָסטיטוציע זיינען זייער ווייט פון פרישות, פון צניעות, פון אַסקעטיזם. דער הויפּט־שטריך פון דעם גייסטלעכן שטאַנד איז זיין פאַרניינונג פון דעם פאַמיליען־לעבן, פון מוטערשאַפט און פאָטערשאַפט אַלס אַן אנדערקענטע אינסטיטוציע מיט אירע רעכט און פליכטן.

אויגוסט קאָנט ברענגט אַרויס אַט־דעם געדאַנק פּיל דייטלעכער און שאַרפער:

„די אינסטיטוציע פון עקלעזיאַסטישן צעליבאַט . . . האָט מען אַלע מאָל מיט רעכט באַטראַכט פאַר דעם וועזנטלעכן באַזיס פון דער פּריסטנ־טום־דיסציפּלין.״ 79)

דער צעליבאַט פון דער קאַטוילישער קירך האָט אַ קנאַפּע שייכות צו קדושה. דער צוועק פון צעליבאַט איז צו רעדוצירן צום נול־פּונקט די פון־צענטרלויפנדיקע כוחות וועלכע אָפּערירן אין די גלחים׳ישע היימען, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע איינסן. דער צעליבאַט איז מער אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם ווי אַ סאַקראַמענט, ווי אַן עטישער פּיר פון אַן אַסקעטישן כאַראַקטער. די כוונה איז געווען צוזאַמענצוקנעטן די איינצלנע אינדיווידן־גלחים און צו טאַמעווען זייערע עגאָאיסטישע, מחמת מאַטרימאָניע, פליסונגען, צוועקן און תכליתים, צו שאַפן פון זיי איין מאָנאָליטישע, וואויל־געשנורעוועטע אָרגאַניזאַציע, איין פּאָליטישע קערפּערשאַפט. ׳די קירך איז דער קערפּער פון קריסטוסן׳ איז ניט קיין מיסטישע פראַזע. דאָס איז אַ לערע, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן מיט אַ קלאָר־זעעוודיקן, אין דער צוקונפט אַריינדרינגענדיקן, קאָרפּאָראַ־ציאָנעלן אויסזיכט, נעמלעך, אויפצוריכטן איין גרויסן מעכטיקן אָרדן, עפּעס אַזעלכעס וואָס דערמאָנט די ספּאַרטאַנישע קאָנסטיטוציע. אין ספּאַרטאַ האָט מען רעאַליזירט דעם פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט און עלימינירט דעם סעפּאַראַטיזם און יחיד׳ישן פּאַרטיקולאַריזם דורך אַט־דעם אויפטו, זיי האָבן דערקלערט די קינדער פאַר דעם אייגנטום פון שטאַט, פון דער געמיינדע. די קירך האָט זיך ניט געקענט לאָזן גיין אויף דעם ׳אויסגעלאָסענעם׳ וועג, מחמת דעם וואָס דאָס שמעקט צופיל מיט פּאַגאַניזם און האָט אַ פאַרבינדונג מיט דער פּראַקטיק פון ווייבער־קאָמוניזם. . . דעריבער האָט זי אַ קירעווע געטאָן אַן אַ זייט. זי איז געוואָרן מער מחמיר פון ספּאַרטאַ. זי האָט אָנגענומען מער דראַסטישע מיטלען, מיט וועלכע צו ברעכן דעם יצר הרע פון פּערזענלעכן עגאָאיזם, אָבער וועלכע זי האָט אָנגעווענדט בלויז פאַר אירע יחידי סגולה, פאַר אירע בויער און אויפהאַלטער. זי האָט פּראָקלאַמירט דעם צעליבאַט פאַר די עקלעזיאַסטיקער. אויף אַזאַ שטייגער האָט זי דורכגעזעצט איר גראַנדיעזן פּלאַן און האָט אויסגעפורעמט אַזאַ קאָלאָסאַלן מעכאַניזם. זי האָט אויסגעשמידט אַ גיגאַנטישע אָרגאַניזאַציע מיט אַ מורא׳דיקער עשירות, מיט אַ צענטראַליזירטער מאַכט און אַלצבאַזיגנדיקער, אַלצדורכברעכנדיקער השפעה וועלכע זי איבט אויס אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער אַקטי־

וויטעט. דאָס אַלץ האָט די קאַטוילישע קירך געקענט דערגרייכן אַ דאַנק איר אומברחמנות׳דיקער אונטערדריקונג פון מאָנאָגאַמישע, אינדיווידו־אַליסטישע לעבנס־שטייגערס פון די גייסטלעכע, פון דעם פּריסטערטום, וועלכע זיינען געוואָרן, צוליב אָט־די איסורים און חומרות, די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער קירך אַלס אַן אינסטיטוציע.

„עס איז וואַרשיינלעך אַז הילדעבראַנד (גרעגאָרי) . . . האָט קלאָר געזען די אומאויסרעכנבאַרע קאָלאָסאַלע מאַכט, וואָס אָט־די פאַראָרדנונג וועט אַריינלייגן אין די הענט פון דער יעראַרכיע אַלס אַ קערפּערשאַפט . . . צו דעם און בלויז צו דעם (צעליבאַט) האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דאָס וואָס דער קאַטוילישער גלח איז ניט קיין בירגער פון קיין שום לאַנד . . . און וואָס ביי אים פאַרנעמט זיין אָרדן דעם פּלאַץ פון פאַמיליע און לאַנד; און די גדולה, גבורה, גלאָרי און אויבערהערשאַפט פון דער קירך שטעלן צוזאַמען דאָס פאַר וואָס די בעסטע מוחות פון צווישן פּריסטערטום אַרבעטן, לעבן און שטרעבן.״ 80)

פ. ענגעלס שרייבט:

„. . . אָבער דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער צענטער פון פעאָדאַ־ליזם איז געווען די רוימיש־קאַטוילישע קירך. זי האָט פאַראייניקט די גאַנצע פעאָדאַליזירטע מערב־אייראָפּע . . . זי איז געווען דער מאַכט־פולסטער פעאָדאַלער פּריץ, זי האָט געהאַלטן אין איר רשות אַ פולע דריטל פון באָדן פון דער קאַטוילישער וועלט.״ 81)

ווי אַזוי האָט זי עס דערגרייכט? ווי אַזוי איז דער גייסט־שטאַנד געוואָרן אַזוי מעכטיק? ווי אַזוי האָט ער בכלל געקענט ווערן אַ גוט־אָרגאַניזירטער, הויך־פּריווילעגירטער שטאַנד? ער האָט דאָך ניט געהאַט צו זיינע גונסטן די אינסטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום מיט איר באַהעל־פערין ירושה? דער ענטפער איז פּשוט: אַן פּריוואַט־אייגנטום, אַן דעם ירושה־אנשטאַלט איז נאָך לייכטער אויסצובילדן און פאַרפונדעווען אַ פּריווילעגירטן קלאַס.

און איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו אונדזער הויפּט־פּונקט.

דער אומשטאַנד וואָס מאַכט אויטאָריטעט אין אונדזער צייט איז אַן אָביעקט, וועלכער איז ניט טראַנספערירבאַר דורך מיטלען פון ארב און צוואה, שטערט ניט די פּערזאָנען, וועלכע באַזיצן אָט־דעם קאָסטבאַרן אוצר פון מאַכט, צו האָבן זייערע אייגענע עגאָאיסטישע פּניות, כוונות און אינטערעסן, זייערע אייגענע פּריווילעגיעס. און אָט־דער אומשטאַנד שטערט זיי זיכער ניט אין דער אַרבעט פון אויפריכטן אַ ספּעציעלן קלאַס, מער פּינקטלעך, אַן אויבער־קלאַס, נאָך ריכטיקער, אַ ספּעציעלן טיפּ פון

אָרגאַניזאַטאָרן, הגם זייער אָרגאַניזאַטאָרטום איז ניט פון אַ הייכער פּראָבע, ווי מיר וועלן עס דערקלערן ווייטער־צו.

מאַכט־אויטאָריטעט געפינט זיך ניט אין דעם רשות פון אַ יחיד, נייערט פון אַ צאָל אינדיווידן, וועלכע פאָרמירן אַ גוט־איינגעשטעלטע, גלאַט־אַרבטנדיקע יעראַרכישע סיסטעם. ווייטער, די באַרויבונג פון מאַכט־אויטאָריטעט איז נוגע אויך ניט אין איינצעלנעם, נייערט דעם רבים, דעם סך־הכל פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, מינוס די נומעריש אומוויכטיקע מינאָריטעט פון די מאַכט־האָבער. לכן, אַזוי לאַנג ווי מאַכט־אויטאָריטעט איז אין פולן קליאַק, אין קראַפט און זאַפט, מוז זי שאַפן צוויי קלאַסן, וועלכע געפינען זיך אין אַ געוויסער אָפּאָזיציע איינער צום אַנדערן. אָט־די צוויי קלאַסן, אין דער פערזאָן פון זייער מיטגלידערשאַפט, געפינען זיך, אַזוי צו זאָגן, אין זייערע טראַנשייעס, וועלכע זיי האָבן אויסגעגראָבן אויף דעם סאָציאַלן, פּאָליטיש־עקאָנאָמישן שלאַכטפעלד... אויף איין זייט געפינען זיך די הערשער, אויף דער צווייטער — די באַהערשטע. עס איז דאָ אַ קלאַס פון פּאָליטישע שררות און אַ מאַסע פון ׳פּאָליטישע שקלאַפן׳...

נאַטירלעך, דאַרף מען נעמען די ווערטער ׳שלאַכטפעלד׳ בלויז פיגור־ראַטיוו, אָדער, ריכטיקער, אין זעלבן זינען, ווי דער קלאַסן־שלאַכטפעלד ווערט געברויכט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

מיר האָבן באַצייכנט די ׳באַהערשטע׳ אַלס ׳פּאָליטישע שקלאַפן׳. מיר וועלן דאַרפן דערקלערן וואָס מיר מיינען צו זאָגן מיט דעם. וואָס איז אַזוינס אַ ׳פּאָליטישער שקלאַף׳? בכדי צו ענטפערן די פראַגע דאַרפן מיר קודם כל פאַרשטיין וואָס איז אַזוינס אַ שקלאַף. דעם ענין שקלאַ־פעריי און דעם סטאַטוס פון שקלאַף האָבן מיר גאַנץ היפש אַרומגערעדט אין פאַרדעמדיקן קאַפּיטל. דאָך וועלן מיר אײַן־קורצן באַשמועסן עס איבעראַנייס.

י. ק. בלונטשלי שרייבט:

„די ראָמאַנישע יוריסטן אין זייערע רעכט־טעאָריעס האָבן אָנגע־ווענדט דעם אייגנטום־באַגריף צו שקלאַפן מיט אַזאַ גרויזאַמקייט, וואָס איז געווען מערקווירדיק אפילו אין אַלטערטום. זיי האָבן די שקלאַפן פאַרגעשטעלט אַלס וועזנס אָן רעכט, אַלס בלויז קעגנשטאַנדן.״ (82) אַ שקלאַף איז אָן עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פּאַריאַ, אָן אַרויסגעשטויסענער, אַ לא־יבוא־בקהל׳ניק. ער איז באַזיצלאָז אין פולן פשט פון וואָרט. אָן אונטערטאָן, סתם אַ מענטש איז אַ פּאָליטישער פּאַריאַ אונטער דעם קאַפּיטאַליסטיש־ליבעראַלן סיסטעם, און אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער פּאַריאַ אונטער דעם קאָמוניסטישן, פאַשיסטישן אָדער נאַציסטישן רעזשים.

מאַכט־אויטאָריטעט איז די מוטער פון קלאַסן־חילוקים. די אויס־איבונג פון דאָמינאַציע אינסטיטואירט אַקטועל־פּאַקטיש, אין סאָציאַל־פּאָליטישן פּשט פון וואָרט, אַ שטאַנד, אַן אויבער־קלאַס.

די קאָמבינאַציע פון די צוויי ווערטער 'קלאַסן־הערשאַפט', קען מען זאָגן, איז, אין בעסטן פאַל, טויטאָלאָגיע, מחמת יעדע פאָרם און פאַסאַן פון הערשאַפט, שררות, פּריצ'עשאַפט, געוועלטיקונג, וועלכע ווערט פּראַק־טיצירט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, מוז שפּאַלטן די געזעלשאַפט אויף צוויי אומגלייכע טיילן: אַ מינדערהייט, וואָס הערשט, און אַן איבער־וועגנדיקע מערהייט, וועלכע ווערט באַהערשט.

דאָמינאַציע און קלאַסן־דיסטינקציע איז געגליכן צו פייער און ברענען. דאָרטן וואו עס איז דאָ פייער געפינען מיר דעם פּראָצעס פון ברענען. ווי נאָר מיר געפינען הערשאַפט, מוזן מיר געפינען אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז צעטיילט אין קלאַסן, גראַדירט, סטראַטיפיצירט.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דער קאַרדינאַלער פראַגע, וועלכע מיר האָבן געשטעלט צום סוף פון ערשטן קאַפּיטל און צוליב וועלכער אַט־דער צווייטער קאַפּיטל איז געשריבן געוואָרן: איז פאַראַן אַ מעג־לעכקייט אָפּצושאַפן קלאַסן און צו דער אייגענער צייט אויפבאַוואָרן די הויפּט־אַטריבוטן פון מאַכט און שטאַט? ווען מיר זאָגן 'אָפּשאַפן קלאַסן', מיינען מיר אַלערליי קלאַסן, ניט פאַרבייטן איין קלאַס מיט אַן אַנדערן, מיט אַן אַנדער סאָרט פון אַ קלאַס, וועלכער, מחמת דעם וואָס ער איז ניי און ניט גוט אויסגעפּאָרשט, ווערט ניט באַמערקט פון דעם אומוויסנדיקן באַאָבאַכטער. בייטן קלאַסן ווייסן מיר אַז מ'קען. וואָס מיר פרעגן איז צי עס איז מעגלעך צו רעדוצירן צום נול־פּונקט די קלאַסן־דיסטינקציע בכלל, ווען מאַכט בלייבט אומבאַרירט, אומגעמינערט. מיר קענען נאָך טיפער גיין און פרעגן: איז מעגלעך אָפּצושאַפן קלאַסן, בשעת די קאַר־דינאַלע דיפערענציאַציע וואָס שפּאַלט די געזעלשאַפט אין צווייען, אויף אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע, בלייבט אין תוך ווי געווען?

אויף דער פראַגע קען מען געבן בלויז איין ענטפער:

עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך צו באַווייזן אַט־דעם וואונדער. דאָס וואָלט זיין אַזאַ מין משונה'נער נס, וואָס וואָלט זיך געפינען ניט נאָר מחוץ פון דעם „סאָציאַלאָגישן דרך הטבע", נאָר אפילו מחוץ פון דער סאָציאָלאָגישער איבערנאַטור. אפילו אַ סאָציאָלאָגישער כל־יכול וואָלט ניט געקענט צייגן אַזאַ מופת.

מאַכט איז ניט קיין שני־בשני, איז ניט קיין צופעליקע אויסערונג פון דער קלאַסן־צעטיילטער געזעלשאַפט. מאַכט איז דער רוח־החיה פון דער קלאַסן־איינטיילונג פון געגעבענער היסטאָרישער פאָרמאַציע.

מאַכט שטעלט פאַר מיט זיך די דיפערענציאַציע, די שפּאַלטונג אויף הערשער און באַהערשטע, דירעקטירער און דירעקטירטע, אַדמיניסטרירער און אַדמיניסטרירטע.

מ'דאַרף אָבער גוט האַלטן אין זינען, אַז מאַכט־אויטאָריטעט שעפּט ניט אויס, בשום־אופן ניט, דעם עצם מהות פון דער קלאַסן־צעטיילונג, פון דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע, וועלכע געפינט זיך פיל טיפער, איז נאָך מער איינגעלייבט אין דער סאָציאַלער קערפּערשאַפט.

דעם סאַמע יסוד אויף וועלכן סיי די פּאָליטישע און סיי די עקאָנאָמישע דיסטינקציעס ווערן אַרויפגעבויט ליגט אַוועק אָרגאַניזאַציע, וועלכע, ווען זי זאָל זיין אפילו וואָלונטאַריש, וואָלט נאָך אַלץ טראָגן אין זיך אַלע זוימען פון אַ קלאַסן־צעטיילונג. אָבער אַט דעם טעזיס וועלן מיר קלערער מאַכן אַביסל שפּעטער אין אונדזער ווערק. דערוויל ווילן מיר באַגרינדן דעם קלענערן טעזיס, נעמלעך אַז דאָרטן וואו עס איז דאָ מאַכט, מוזן זיין קלאַסן־גראַדאַציעס.

אַזוי ווי איינער קען ניט עלימינירן דעם ברענען־פּראָצעס כל זמן דער פייער וועלכער רופט אים אַרויס איז ניט פאַרלאָשן, אַזוי קען קיינער ניט אָפּשאַפן די קלאַסן־צעטיילונג, כל זמן מאַכט בלייבט אומבאַשעדיקט.

נאָך־מער, אפילו דאָס אָפּשאַפן פון שטאַט און מאַכט־אויטאָריטעט וואָלט ניט זיין בכוח דורכצופירן די אויפגאַבע פון לייזן דעם קלאַסן־פּראָבלעם אין זיין סאָציאַלאָגישן אַספּעקט. אַזוי ווי די אייגנטום־פאַרהעלטנישן זיינען בלויז אַ לעגאַליסטישער אויסדרוק, אַ פאָרם, אַזוי איז אויך מאַכט־אויטאָריטעט. זי איז אַ פּאָליטישע לעגאַליסטישע עקספּרעסיע פון אַ דיפערענציאַציע, וועלכע ליגט פיל טיפער, פון אַט־דער דיפערענציאַציע, וועלכע איז איינגעמויערט אין דער סאַמע סטרוקטור פון אונדזער געזעלשאַפט, נעמלעך, אין איר אָרגאַניזאַציע, אין דער טאַטזאַך וואָס די געזעלשאַפט איז אָרגאַניזירט.

דער אָפּשאַף פון קלאַסן, אין דעם יורידיש־פּאָליטישן פשט פון וואָרט 'אָפּשאַף', מוז אומבאַדינגט און אומפאַרמיידלעך מיינען די פאַרניכטונג פון מאַכט. מאַכט־אויטאָריטעט איז ניט בלויז די קאָנקרעטע פאָרם, דער מאָדוס וויוועגדי פון קלאַסן וועלכע וואוינען לעבנאַנאַנדער, עקזיסטירן אין איין געזעלשאַפט, ווי מאַרקס וויל האָבן, נייערט מאַכט איז דער אורשפּרינגלעכער פּאָליטישער אויסדרוק פון דער פונדאַמענטאַלער דיפערענציאַציע. מאַכט־אויטאָריטעט איז די גאָר־ערשטע מאַניפעסטאַציע פון דער קלאַסן־פאָרמאַציע און קלאַסן־אַרויפקום. מאַכט־אויטאָריטעט

טוט זיך אָן אין דעם מלבוש פון אַ קלאַסן־אונטערשייד. ווי נאָר מאַכט שפּראָצט אַרויס, קומען אויף, אויף דעם פּאָליטישן פעלד, קלאַסן.

און פון וואַנען נעמט זיך מאַכט? מאַכט איז די מוטער פון קלאַסן־צעטיילונג. און ווער איז די מוטער פון מאַכט? אָרגאַניזאַציע. אַזוי אַז די קלאַסן־צעטיילונג איז אַריינגעשטאַמט, אַריינגעוואָרצלט אין דעם סאַמע באָדן פון דער געזעלשאַפט. יעדער אָרגאַניזם, יעדער קערפּער איז גלידער־צעטיילט, און יעדע געזעלשאַפט איז קלאַסן־צעטיילט אַזוי גיך און אַזוי לאַנג ווי זי איז אָרגאַניזירט. ווי נאָר די געזעלשאַפט וויקלט זיך אַרויס פון די נעפּלען פון כאַאָס, ווי נאָר זי פאַרלאָזט דעם מצב פון תהו־ובהו און זי הייבט אָן צו ציילן אירע מעשה־בראשית טעג, אַזוי ווייזן זיך גלייך אַרויס די ׳ויבדל׳ס. ווי נאָר זי ווערט אָרגאַניזירט פיל־וועניק, ווערט זי צעטיילט, ד. ה. זי קריגט גלידער, זי שאַפט אַ יעראַרכיע.

III

מאַכט אַלס אָביעקט פון רעכט

זאָגט מאַקס שטירנער:

„מיין מאַכט איז מיין אייגנטום. מיין מאַכט גיט מיר אייגנטום." 1)

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז די יעניקע, וועלכע באַזיצן מאַכט, זיינען, אַזוי צו זאָגן, „גוטבאַזיצער", אָדער אייגנטימער פון אַ טשיקאַוון מין. די מאָדנעקייט איז אַ פּועל־יוצא פון דער משונה'ער טבע פון די אָביעקטן וועלכע געפינען זיך אין זייער באַזיץ. זייער אייגנטום־רעכט איז חל אויף אַזאַ קאָמפּליצירטן פּראָצעס ווי די עפנטלעכע קראַפט, וועלכע זיי געברויכן און מיט וועלכער זיי שאַפן זיך.

דזשין באָדין אין זיין ווערק „וועגן דער רעפּובליק" שרייבט:

„...דער סואווערענער פּרינץ אָדער פאָלק . . . זיי זיינען די אמת'ע אייגנטימער און באַזיצער . . . באַלעבאַטים און באַזיצער פון דער יוריס־דיקציע און אויטאָריטעט." 2)

אַ הערשער איז אַן אייגנטימער. צו אים געהערט אַ געוויסער עפנטלעכער כוח, אַן עפנטלעכע ענערגיע. ער געברויכט עס און, גאַנץ אָפט, כמעט אַלע מאָל, מיסברויכט עס.

וויליאַם ביילי שרייבט:

„דעם פאַרברעכן פון געשיכטע קען מען קורץ סומירן אין אַ פּאָר ווערטער, — מאַכט־מיסברויך. און עס איז אַ פאַקט פון אוניווערסאַלער דערפאַרונג אַז מאַכט, איבעראַל, רעגירונג־מאַכט, ווערט תמיד מיס־ברויכט." 3) „די זאַך, די עצם זאַך איז אַ מיסברויך!" 4) — שרייט אויס עדמונד בורק. דאָ, אין דעם תחום פון אויטאָריטעט, איז די גרעניץ־ליניע צווישן די צוויי באַגריפן, ברויך און מיסברויך, אַזוי פאַרווירט, אַז מ'קען זי בכלל קוים דורכציען מיט וועלכער עס איז מאָס פון פּרע־ציזקייט.

עס איז געווען אַ צייט ווען מאַכט האָט זיך באַזירט אויסשליסלעך אויף פּאַטרימאָניע. 'אימפּעריום' האָט, דעמאָלט, געמיינט כמעט דאָס אייגענע וואָס פּשוט'עס אייגנטום־רעכט. מאַכט איז דעמאָלט געווען

אונטערגעוואָרפן אונטער דעם געזעץ פון ירושה. און דער אַקט פון איבערגעב איז געווען רעגולירט דורך דעם ציוויל־געזעץ, דורך דעם ציווילן קאָדעקס.

מירן זיך באַמיען פאַנאַנדערצואוויקלען אַט־דעם קנויל פון באַגריפן. מירן אָנהייבן מיט דער פראַגע:

וואָס איז אַזוינס מאַכט? מאַכט איז אַ קאָלעקטיווע ענערגיע. וואָס מיינען מיר צו זאָגן מיט דעם? אַט וואָס: אומעטום וואו מענטשן, אַ געוויסער געזעמל פון אינדיווידן, וואוינען אין נאָענטער שכנה׳שאַפט, וועבן זיי מער אָדער ווייניקער שטענדיקע העפטיקע צווישן־פאַרהעלטענישן. אין אַט־דעם געוועב איז אַלע מאָל דאָ בנמצא אַ קאָלעקטיווע ענערגיע. אַט־דער ענערגיע־שטראָם ווערט גענערירט און געטריבן פון אַלע מיט־גלידער פון דער געגעבענער געמיינשאַפט דורך דעם עצם אַקט פון זייער האַלטן־זיך צוזאַמען, פאַרקערן איינער מיטן אַנדערן. זייער צוזאַמענלעבן און פאַרקערן מאַכן נויטווענדיק די פאַרמירונג און אָנווענדונג פון באַשטימטע שטייגערס פון אַלגעמיינעם אויפפיר.

פרודאָן שרייבט:

„וואָס איז דער מהות פון סאָציאַלער מאַכט? עס איז אַ קאָלעקטיווע קראַפט . . . און קאָלעקטיוויטעטן וועלכע זיינען מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירט אַנטהאַלטן אין זיך אַט־די גבורה, סינטעטישע גבורה.״ 5)

כל־זמן מענטשלעכע אינטעראינדיווידועלע באַציאונגען געפינען זיך אין אַ פרימיטיוון צושטאַנד,איז זייער אוניפאָרמיטעט און איינקלאַנגיקייט, די רעגולאַריטעט און ווידערהאָלבאַרקייט פון זייערע מעשים אָן ענין פון סאָציאַלן אינסטינקט. זייערע אַקציעס גיסן זיך אָפּ ווי פון זיך אַליין אין אַ באַשטימטן פורעם און זיי טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון ראַסע־שבט־דערפאַרונג. אַזעלכע פאַרהעלטענישן קען מען קוים אָנרופן ׳אינטעראינדיווידועלע׳, ווייל זיי זיינען גאָר, באמרת, ריין סאָציאַלע מגע־ומשא־פעדים.

וו. ג. סאָמנער אין זיין ווערק „פאָלקסוועגן״ שרייבט:

„אַלע צום סוף אַדאַפּטירן דעם זעלביקן וועג פאַר דעם זעלביקן צוועק: פאָלגלעך ווערן די דרכים פאַרוואַנדלט אין מנהגים און עס באַקומען זיך מאַסן־דערשיינונגען, אין פאַרבינדונג מיט זיי ווערן אַנט־וויקלט אינסטינקטן.״ 6) „די איינפאָרמיקייט״ — שרייבט מעקייווער — פון דער סאָציאַלער סביבה באַשטימט די אויפפיר־רעגל אַלס אַן איינפאַכע איבערגעבנקייט צו איין לאָיאַליטעט. אַט־די קאָנפאָרמיטעט גיט צו זיכערקייט און סטאַביליטעט צו דעם פרימיטיוון לעבן.״ 7)

אַט־דער אַזוי גערופענער 'אַלגעמיינער ווילן', אַט־די קאָלעקטיווע גבורה, אַט־דער שטאַט־כוח, וועלכער ווערט געשאַפן פון דער סאָציאַלער מער־ענערגיע — וועלכע איז אַ פּועל־יוצא פון דעם ריינעם אַקט פון געזעלשאַפט, — איז אַ פּראָדוקט וואָס באַלאַנגט צו קיינעם ניט באַזונדער. ער איז פאַרקערפּערט אין די מנהגים פון דעם געגעבענעם מענטשלעכן געזעמל. „מנהגים האַלטן דעם שבט־לעבן" — שרייבט ווילסאָן ד. וואַלליס — „אין כמעט דער זעלביקער פאָרם יאָר נאָך יאָר און דור נאָך דור." 8) „מנהגים" — שרייבט באַדין — „אומבאַמערקטערהייט, דאָך מיטן פולן הסכם פון אַלעמען, גייען שטופנווייז אַריבער אין כאַראַקטער פון די מענטשן און מיט דעם פאַרלויף פון צייט ווערן זיי אַ כוח." 9)

אַט־די סאָציאַלע אינטער־רעלאַציעס, מיט זייער פאַנאַנדערוויקלען און צעוואַקסן־זיך, נעמען אויסקוקן אויף אַ מער אויסגעשפּראָכענעם און אַ מער בויגזאַמען אויסדרוק. מיט דער צייט באַקומען זיי אַ קאָנצענטרירטע, אינטענסיפיצירטע פאָרמולירונג אין עפּעס אַ מין סאָרט פון געזעצן, רעגעלן, פאַראָרדנונגען, רעגולאַציעס. ווען זיי דערגרייכן אַט־די מדרגה, און די סאָציאַלע קראַפט ווערט מערקעוודיק, ווערט, אַזוי צו זאָגן, אַנטאַפּבאַר און באַהאַנדלבאַר, מאַניפּולירבאַר, ערשט דעמאָלט גייט זי אַרויס פון רשות הרבים און טרעט אַריין אין רשות היחיד פון פּריוואַטן אייגנטום. דאָס וואָס זי ווערט אָביעקטיוויזירט, מאַכט מעגלעך דעם אַקט פון עקספּראָפּריאַציע. מיט אַנדערע ווערטער, מאַכט ווערט אַן ענין פון געזעצגעבונג, — ניט פון מנהג־אַנעמונג, און געזעצגעבונג פּראַקטיצירן געזעצגעבער, הערשער, אויבערהערשער, יחידים פון אַ באַזונדערן טיפּ מענטשן. „די ערשטע און פּרינציפּאַלע פונקציע פון אויבערהערשאַפט איז אַרויסצוגעבן געזעצן," 10) פאַרזיכערט אונדז באָדין, דער שאַפער פון דער לערע מכוח סואווערעניטעט. עס איז ניט פאַראַן קיין אויבערהערשאַפט אַן געזעצן: די עפנטלעכע קראַפט קען ניט ווערן אַפּראָפּריאירט איידער זי דערגרייכט די שטופע פון לעגיסלאַטור אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם. „די לעגיסלאַטיווע מאַכט" — שרייבט י. ק. בלונטשלי — „איז די מאָראַלע מאַניפעסטאַציע פון דער סואווערעניטעט פון שטאַט." 11) מיט דעם אויפקום פון געזעצגעבונג באַווייזט זיך די סואווערעניטעט (אויבערהערשאַפט), — אין איר פּערזענלעכן פּשט, אין דעם טייטש פון זיין באַהעפט מיט אַ באַשטימטער פיזיקאַלישער פּערזאָן אָדער פּערזאָנען, — און זי פאַרנעמט דעם פעלד פון פּאָליטישער טעטיקייט.

„אַ פּרינץ... וועלכער באַזיצט די אויבערמאַכט איז ניט מחויב אָפּצוגעבן אַ רעכענונג פאַר זיינע טואונגען," 12) אַזוי לערנט אונדז דער גרויסער שטאַט־יוריסט דזשין באָדין. „דער ערשטער סימן פון סואווע־

רעגיטעט איז די אַבסאָלוטע מאַכט און אויטאָריטעט צו באַפעלן אַלע אונטערטאַנען.״ 13) פאַרזיכערט אונדז וואַלטער ראַליי.

אַ סואווערען איז אַ פּאָליטישער אייגנטימער. „אַן ערבלעכע קרוין, אָדער אַן ערבלעכער טראָן . . . האָבן ניט קיין אַנדערע מיינונגפולע דער־קלערונג ווי נאָר דאָס די מענטשהייט ווערט ערבלעכער אייגנטום. צו ירש׳ענען אַ מלוכה מיינט צו קריגן בירושה אַ פאָלק, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין שאָף און רינדער.״ אַט־די באַהויפּטונג, וועלכע טהאָמאַס פּיין האָט געמאַכט, איז ניט פּינקטלעך. דער געוועלטיקער איז ניט דער אייגנ־טימער פון פאָלק, נייערט דער באַלעבאָס פון דער עפנטלעכער קראַפט, וועלכע ווערט פּראָדוצירט פון פאָלק דורך דעם וואָס זיינע מיטגלידער לעבן צוזאַמען און טרעטן אריין אין באַשטימטע באַציאונגען איינער מיט דעם אַנדערן. די ׳עפנטלעכע ענערגיע׳, אָדער לאָמיר געברויכן דעם טערמין, וועלכן רוססאָ נוצט, ׳דער אַלגעמיינער ווילן׳ ווערט באַהאַנדלט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַן אָביעקט, וואָס באַלאַנגט אויסשליסלעך, אויף דעם סמך פון אייגנטום, צו דעם סואווערען, צו דעם הויפּט און זיין פאַמיליע, דינאַסטיע. י. ק. בלונטשלי שרייבט: „רוססאָ (סאָציאַלער קאָנטראַקט (2 ,XI) וואַרפט אָפּ די סואווערעניטעט פון פּרינץ אויף דעם יסוד, וואָס דער ׳אַלגעמיינער ווילן׳ קען באַלאַנגען בלויז צום פאָלק.״ 14) רוססאָ, נאַטירלעך, לייקנט ניט אָפּ דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז פּרינצן, די אויבערהערשער, האָבן אַפּראָפּריאירט די עפנטלעכע קראַפט, וועלכע ער רופט אָן „אַלגעמיינער ווילן״. רוססאָ פרעגט בלויז אָפּ די רעכט־פולקייט, די לעגיטימיטעט פון דעם אַפּראָפּריאַציע־אַקט, ער קען אָבער ניט אָפּפרעגן דעם עצם אַקט, די אַקטואַליטעט פון דעם.

פ. ה. גידדינגס שרייבט:

„ווען די געזעלשאַפט געפינט זיך אין אַ רויען צושטאַנד אָדער איז בלויז שטאַמוויז אָרגאַניזירט, דעמאָלט איז ניטאָ קיין אָפּגעצייכנטע סואווערעניטעט, קיין מאַכט וועלכע אַלע פאַרזאַנען פאָלגן, געוויינטלעך. אַזוי אַרום געפינען מיר ניט קיין סואווערעניטעט ביי די וואַנדערנדיקע גרופּן פון די אויסטראַליער ווילדע: יעדע פאַמיליע איז איזאָלירט, יעדע האָרדע איז אַ לייזע און אַן אומשטאַנדהאַפטיקע קאָאַליציע. וואו די האָרדע ווערט אַ שבט, דאָרטן קען נאָך ניט עקזיסטירן קיין סואווערע־ניטעט. די מאַכט פון הויפּט, הגם קלאָר אָפּגעצייכנט אין צייט פון קריג, ווערט פּליסיק און מטושטש אין צייט פון פרידן; אפילו אין צייט פון קריג מעג זי אויך זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דעם אויטאָריטעט פון אַ ראָט. שבטים פון דעם זעלביקן העלענישן אָפּשטאַם מעגן פאָרמירן אַ מין סאָרט פעדעראַציע, אַ שטענדיקע אָדער אַ צייטווייליקע.״ 15)

ווי מיר האָבן עס קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַ מער אָדער ווייניקער קאָמפּליצירטע פאָרם פון געמיינדע־לעבן פאָדערט זיך אַלס אַ פאָרבאַ־רייטונג צו דעם אַוועקלייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער אויפריכטונג פון דעם סוּאָווערעניטעט בנין. געוויסע פּרעלימינאַרע הכנות זיינען נויטיק בכדי די קאָלעקטיווע ענערגיע, וועלכע עמאַנירט פון דער געמיינשאַפט, זאָל קענען ווערן אַן אָביעקט פון פּריוואַט־אייגנטום־רעכט.

דער באַרימטער קאָדעקס פון די פראַנקן, דאָס זאַליש־רעכט פון דעם פינפטן יאָרהונדערט, לויט וועלכן די טעכטער ווערן אויסגעשלאָסן פון לאַנד־ירושה־קריגן, איז אַנגעוועגדט געוואָרן אַלס אַ באַווייז, אַז די נקבות האָבן ניט קיין ירושה־רעכט אויף דעם טראָן. מחמתביידע פאַלן זיינען ענלעך. לאַנד־באַזיץ און טראָן־פאַרנעמונג האָט מען געהאַלטן אונטער איין רובריק פון אייגנטום־רעכט. די דערקלערונג דערפאַר איז איינפאַך. סוּאָווערעניטעט איז געווען פאַרטונקט און פאַרוויקט אין פאַטרימאָניע. מאַכט איז אויפגעפאַסט און באַהאַנדלט געוואָרן אַלס אַן אַרטיקל פון פּריוואַט־אייגנטום. אַ געוויסע משפּחה, אַ דינאַסטיע האָט עס אַפּראָ־פּריאירט, האָט קונה געווען די קאָמונאַלע ענערגיע, —וועלכע איז באַ־שאַפן געוואָרן פון גאַנצן קהל, פון דעם סך־הכל פון די אינדיווידן און זייערע גרופּירונגען, וועלכע שטעלן צוזאַמען די מדינה, — און האָט עס געהאַלטען פאַר עפּעס וואָס באַלאַנגט צו איר אויסשליסלעך.

טהאָמאַס פּיין שרייבט: „עס איז געווען אַ צייט, ווען קיניגן פלעגן איבערגעבן זייערע קרוינען דורך אַ צוואה געמאַכט אויפן טויטן־בעט, און זיי פלעגן איבערשרייבן פעלקער, פּונקט ווי בהמות פון פעלד,צו דעם נאָכפאָלגער, ווען זיי האָבן באַשטימט.״ 16)

ביישפּילן פון דעם מלוכה־שטייגער געפינען מיר אין מלכים:

„און ער זאָל קומען און זיצן אויף מיין טראָן . . . איך האָב אים באַשטימט צו זיין דער הערשער איבער ישראל און איבער יהודה.״ 17)

דאָס אַלץ באַשטעטיקט די אייגנטום־אידייע בנוגע מאַכט־אויטאָריטעט.

אין דער בריטאַנישער ענציקלאָפּעדיע לייענען מיר: „דאָס זאַלישע געזעץ איז ניט קיין פּאָליטיש־רעכט, עס האָט בשום אופן ניט צו טאָן מיט דעם איבערגעב פון טראָן אין פראַנקרייך, און עס איז אַבסאָלוט פאַלש משער צו זיין, אַז מ׳האָט זיך געשיקט אויף דעם זאַליש געזעץ אין די יאָרן 1316 און 1322 אויסצושליסן די טעכטער פון לואיס דעם 10־טן און פיליפּ דעם 5־טן פון דער טראָן־ירושה. דאָס זאַלישע רעכט איז בעיקר אַ שטראָף־קאָדעקס, וועלכער ווייזט אָן דעם סכום פון קנסים פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס און פאַרלעצונגען, און ער אנטהאַלט, חוץ דעם, איניקע ציווילגעזעצלעכע פאָראָרדנונגען, ווי דהיינו דער באַרימ־

טער קאַפּיטל בנוגע ירושה־רעכט צו פּריוואַט־אייגנטום, וועלכער דער־קלערט אַז טעכטער ירש'ענען ניט קיין לאַנד.״18) „דאָס זאַלישע רעכט״ שרייבט מאָנטעסקיע אין זיין ווערק „דער גייסט פון די געזעצן״ — „זאָגט (טיטל 62) אַז ווען אַ מאַן שטאַרבט און ער לאָזט איבער קינדער, זאָלן די זכרים ירש'ענען דאָס זאַלישע לאַנד אין פאַרצוג צו די נקבות... דאָס וואָרט זאַליש איז אָפּגעלייט פון זאַלאַ, וואָס מיינט אַ הויז... זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער פּאַטרימאָניע בלויז אַ הויז און אַ שטיקל לאַנד אין דער אַרומצוימונג וואָס רינגלט עס אַרום... מיר דאַרפן דאָ בלויז איבערגעבן דעם טיטל פון די אַללאַדיאַלע לענדער פון דעם זאַלישן געזעץ; יענעם באַרימטן טעקסט, פון וועלכן פילע האָבן גערעדט און וועלכן אַזוי ווייניק האָבן געלייענט: טיטל 62, אָפּשניט 6: 'קיין אייך טייל פון דעם זאַלישן לאַנד זאָל ניט אַריבערגיין צו די נקבות, נייערט ער זאָל באַלאַנגען צו די זכרים'... מ'דאַרף זיך ניט איינבילדן, אַז דאָס כסדר'דיקע ירש'ענען פון דעם טראָן אין פראַנקרייך דורך די זכרים האָט געקראָגן זיין אָנהויב אין דעם זאַלישן געזעץ, און דאָך איז עס אַ פּונקט, וועלכער איז זיכער אָן צווייפל. איך באַווייז עס פון פאַרשיידענע קאָדעקסן פון באַרבאַרישע פעלקער. דאָס זאַלישע געזעץ (טיטל 62) און דער געזעץ פון די בורגונדיער (טיטל 1, אָפּט. 3; טיטל 14, אָפּט. 1 און טיטל 51) שליסן אויס טעכטער פון ירושה־נעמען אין לאַנד צוזאַמען מיט זייערע ברידער; זיי האָבן אויך ניט גע'ירשנ'ט דעם טראָן. דער געזעץ פון די וויסגאָטן (בוך IV, טיטל 2, אָפּט. 1), להפך, דערלויבט די טעכטער צו ירש'ענען לאַנד צוזאַמען מיט די ברידער; און די פרויען האָבן געהאַט אַ רעכט צו ירש'ענען די קרוין. ביי די דאָזיקע פעלקער האָבן די רעגולאַציעס פון ציווילן קאָדעקס געהאַט אַן השפעה אויף דעם פּאָליטישן... לויט דעם זאַלישן געזעץ האָבן אַלע ברידער געהאַט אַ גלייכן ירושה־רעכט אין לאַנד, און דאָס אייגענע איז דעקרעטירט דורך דעם געזעץ פון די בורגונדיער און, לכן, אין דעם קיניגרייך פון די פראַנקן און אין דעם קיניגרייך פון די בורגונדיער האָבן אַלע ברידער גע'ירש'נט די קרוין, ווען מיר שליסן אויס אַ פּאָר מאָרדפאַלן און אוזור־פּאַציעס, וועלכע האָבן פּאַסירט ביי די בורגונדיער.״19)

פון אָט־דער לאַנגער ציטאַטע איז קלאָר, אַז די קרוין, ד. ה. די פּאָליטישע מאַכט איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַן איינפאַכער אייגנטום־אַרטיקל. די מאַכט־אויטאָריטעט השגות פאַלן צוזאַמען מיט די אייגנטום־רעכט אויפפאַסונגען. טעות'ן זיינען ניט ווייניקער, אפשר טאַקע מער, אינסטרוקטיוו, ווי אמת'ן. זיי וואַרפן ליכט אויף דעם רעכט־באַוואוסטזיין פון די־יעניקע, וועלכע האָבן באַהויפּטעט, אַז דאָס זאַלישע געזעץ איז

אנגעווענדט געוואָרן אין דעם פרט פון דער קאָנטראָווערסיע מכוח דעם טראָן פון פראַנקרייך, וועלכער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ שטיק פּריוואַט־אייגנטום. די קאָנקרעטע פאַלן פון דער אַפּליקאַציע פון דעם געגעבענעם געזעץ איז אומוועזנטלעך פאַר אונדזער אַרגומענט. וואָס עס איז וויכטיק איז דער פאַקט, אַז אַ געזעץ וועלכעס רעגולירט דאָס ירש׳ענען פון לאַנד איז דופּליצירט געוואָרן דורך דעם געזעץ, וואָס רעגולירט דאָס איבערנעמען דעם טראָן און די קרוין.

מיר קענען צוגעבן אַז דער אייגענער פּאַראַלעליזם גילט פאַר דעם מאַזאַאישן קאָדעקס. די טעכטער האָבן ניט גערשנט מיט די ברידער, 20) און דעריבער געפינען מיר ניט אַז אַ קיניגין זאָל אין איר אייגענעם רעכט באַצירן דעם טראָן פון ישראל. „קיין פרוי באַשטימט מען ניט פאַר אַ מלכות, ווייל עס איז געזאָגט געוואָרן ׳קיניג׳ און ניט קיניגין.״ (ספרי פ. שופטים).

מאַכט, גענומען אַליין־און־פאַר־זיך, איז אַ ספּעציעלע פאָרם פון אייגנטום, אַ פּריווילעגיע אויף וועלכער דער רעכט־סוביעקט מאַכט אַן אָנבאַט. ער אַפּראָפּריאירט די עפנטלעכע קראַפט. די קאָלעקטיווע ענערגיע איז דער אָביעקט פון רעכט. אַ קעגנשטאַנד ווערט אַ שטיק אייגנטום, ווען עס איז דאָ איינער אָדער אַ באַגרענעצטע צאָל פּרעטענ־דענטן זייט־ביי־זייט מיט אַן אומבאַשטימטער צאָל פון בעלנים, וועלכע ווערן אָפּגערוקט אָן אַ זייט דורך די אַנדערקענטע פּרעטענדירער, וועלכע ווערן, אויף אַזאַ אופן, די לעגיטימע אייגנטימער.

י. ג. פיכטע אין זיין ווערק „די וויסנשאַפט פון רעכט״ שרייבט:

„די אינדיווידן פון דער געמיינשאַפט, אַלס פיזיקאַלע פּערזאָנען אין דער חושים־וועלט, באַזיצן אַליין נויטווענדיקערוייז די מאַכט.״ 21)

פּינקטלעכער, זיי זיינען די פּראָדוצירער, די דירעקטע פּראָדוצירער פון מאַכט, פון דער קאָלעקטיווער מער־קראַפט. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט אַז זיי זיינען די באַזיצער פון אָט־דער מער־קראַפט. די קאָלעקטיווע ענערגיע ווערט פּראָדוצירט פון די מיטגלידער פון דער געמיינשאַפט. זיי פּראָדוצירן זי דורך דעם וואָס זיי פונקציאָנירן אַלס אַ ציבור, פאַרנעמען בחברותא אַ באַשטימטן שטח, באַגעגענען זיך מער אָדער ווייניקער אָפט, פאַרקערן איינער מיטן אַנדערן, זעצן אָדורך געוויסע טראַנסאַקציעס און פירן אויס, מיט אַלגעמיינע באַמיאונגען, געוויסע אונטערנעמונגען. דאָס אַלץ שאַפט אַ מין עודף־ענערגיע, אַ סאָציאַל־פּאָליטישע מער־קראַפט.

סיר ראָבערט פילמער אין זיין ווערק „פּאַטריאַרכאַ״ שרייבט:

„אַט־די מאַכט געפינט זיך אוממיטלבאַר אין דעם גאַנצן המון־עם, אַזוי ווי אין איר סוביעקט . . . מאַכט ווערט געגעבן פון דעם קהל, פון דעם רבים צו איין מענטשן אָדער צו מער מענטשן.״ 22)

צי מאַכט ווערט ׳געגעבן׳ אָדער, ריכטיקער, זי ווערט ׳גענומען׳ — דאָס איז אַ קליינע נפקא־מינה. מ׳אַפּראָפּריאירט זי און מ׳באַזיצט זי. אַט־דער עפנטלעכער פלוס־כוח ווערט מאַכט־אויטאָריטעט דורך אַט־דעם אַקט: די הערשער אינסטיטואירן זיך אַלס לעגיטימע בעלנים. זיי עטאַבלירן און באַהויפּטן זייער רעכט אויף אַט־דער מאַכט־אויטאָריטעט. זיי באַוויזן אויסצושליסן אַלע קאָנקורענטן און דיספּוטאַנטן. זיי פאַר־זיכערן די סטאַביליטעט פון זייער אחיזה און חזקה אויף אַט־דעם עפנטלעכן כוח ווי אויף אַן אייגענער אויסשליסלעכער מאָנאָפּאָליע. מיט וועלכע מיטלען זיי דערגרייכן זייער צוועק איז ניט קיין גרויסער אונטער־שייד. אַלץ וואָס עס פאָדערט זיך איז, אַז זיי זאָלן אנדערקענט ווערן פון דער טאָטאַליטעט, מאַיאָריטעט אָדער מינאָריטעט, הגם די לעצטע ווערן געצוואונגען צו געבן, בעל־כרחם, זייער אנדערקענונג. בנוגע אַזאַ דעליקאַטן ענין ווי מאַכט־אויטאָריטעט קען מען ניט מאַכן קיין טיפן חילוק צווישן רעכט און פראַסטער, רויער פויסט־גבורה, ציין־דרוזגעריי.

„דאָס איינאָרדענען עפּעס פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן וואוילשטאַנד געפינט זיך אין רשות פון דעם גאַנצן פאָלק אָדער פון דעם פאָרשטייער פון גאַנצן פאָלק.״ 23) אַזוי לערנט אונדז דער גרעסטער קאַטוילישער פילאָזאָף־טעאָלאָג פון מיטלעלטער, טהאָמאַס פון אקווין, דער מחבר פון דעם ׳סך־הכל פון טעאָלאָגיע״. אָבער דאָס איז בלויז זיין גוטער וואונטש. דאָס איז זיין פּאָליטישער ׳דאַרף זיין׳, עס איז ניט אַ באַשריי־בונג פון דעם וואָס איז געווען. כמעט אין זעלביקן גייסט דריקט זיך אויס טהאָמאַס פיין, דער אַמעריקאַנער פריידענקער און טראַנסענשטירצער.

„לויט איר עצם־טבע קען זי (מאַכט, רעגירונג) ניט זיין דער אייגנ־טום פון איין פּרט מענטש אָדער פון אַ פאַמיליע, נייערט פון דעם גאַנצן קהל, אויף וועמעס הוצאות זי ווערט אויפגעהאַלטן.״ 24)

די צוויי ציטירטע מחברים, וועלכע זיינען אַזוי נאָענט איינער צום צווייטן אין זייערע פּאָליטישע אנשויאונגען, ווי ווייט זיי זיינען איינער פון אַנדערן טעאָלאָגיש, אורטיילן אויף אַ נאַרמאַטיוון אופן. זיי זאָגן אַרויס זייער מיינונג, לויט זייער פּאָליטישער אויפפאַסונג מכוח אַ גוטער און שלעכטער רעגירונג, ווי אַזוי פּאָליטישע אונטערנעמונגען האָבן גע־דאַרפט דורכגעפירט ווערן. זיי באַשרייבן אָבער ניט די פּאָליטישע ווירקלעכקייט ווי זי איז געווען און זי איז אין דער קעגנוואַרט.

מאַכט־אויטאָריטעט איז תמיד געווען, אין אַ געוויסן פשט, אוזור־פירט, איך מיין, פשוט, זי איז געווען עקספּראָפּריאירט. דעם אמת'ן אמת זאָגט אויס פון 'חדר' דווקא דער 'רעאַקציאָנער'. אים איז עס גרינג צו טאָן, ווייל ער נעמט דעם פּאָליטישן 'איז' פאַר דעם 'דאַרף זיין', און ער קריגט זיך ניט מיט דער פּאָליטישערווירקלעכקייט.

„דער קהל קען ניט אויסאיבן אַט־די מאַכט, דעריבער, איז ער געניט זי איבערצוגעבן צו איין מענטשן אָדער צו עטלעכע", 25) אַזוי זאָגט אונדז סיר ראָבערט פילמער. די מעשה איז אָבער אַביסל אַנדערש... אַט־דער 'איין מענטש אָדער עטלעכע' ווארטן גאַרניט ביז קהל וועט זיי איבערגעבן מיטן אייגענעם ווילן די מאַכט. זיי נעמען עס 'ביד חזקה', מיט פּראָסטער נאַקעטער געוואַלדטאַט אָדער מיט כיטרעריי, מיט 'פּסי־כאָלאָגישער' געוואַלדטאַט. אַזוי צי אַזוי, 'מאַכט' ווערט עקספּראָפּרי־אירט, ריכטיקער, די עפּנטלעכע מערקראַפט ווערט עקספּראָפּריאירט און דורך דעם אַקט פון עקספּראָפּריאַציע מאַניפעסטירט זי זיך אַלס 'מאַכט', אַלס אויבערמאַכט.

מיר באַגעגענען דאָ, אין 'פּאָליטישער עקאָנאָמיע', ד. ה. אין פּאָלי־טיק וועלכע ווערט באַטראַכט פון אַ ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, אַ מאָדנעם אומשטאַנד. דער אָביעקט וועלכער איז עפּנטלעכע מערקראַפט, ווערט, מחמת דער אנדערקענונג און רעאַליזירונג פון געוויסע אַנשפּרוכן, מאַכט־אויטאָריטעט. ווען מ'נעמט אַט־דעם אָביעקט, אַט־דעם כוח, די מאַכט, און מ'באַטראַכט עס אויף אַ קאָנקרעטן אופן, זעט מען אַז עס באַשטייט פון אויסטערלישע עלעמענטן, ד. ה. פון מענטשן. יעדער איינער פון די מענטשן האָט געקענט, אין זיין ריי, סוביעקטיוו געגומען, ווערן אָדער זיין אַ קאָנקורענט פון דעם מאַכט־האָבער און בזה־האופן איז דער אינדיווויד, דער אַטאָם פון מאַכט, ניט אַזויפיל אַן אָביעקט פון רעכט ווי אַ סוביעקט פון אָבליגאַציע. אַט־דער טשיקאַווער אומשטאַנד אַנט־פּלעקט אונדז די שוואַכקייט, די ברעקלדיקייט, ניט פון מאַכט־אויטאָרי־טעט, בדרך כלל, נייערט פון יעדן איינצעלנעם פאַל פון באַזיצן און געברויכן אַט־די עפּנטלעכע מערקראַפט. די מעשה איז אַזוי: די באַ־שטאַנדטיילן פון אַט דעם מהות, ריכטיקער, די פּראָדוצירער פון אַט־דער ענערגיע זיינען ניט תמיד פאַרלעסלעך. עס טרעפט אַז זיי צעבונטעווען זיך, זיי רייסן זיך אויף, ברעכן אויס אין אַן אויפשטאַנד. „...דער הערשער באַזיצט מאַכט" — שרייבט טהאָמאַס פון אקווין — „איבער זיינע אונטערטאַנען... און אין פאַל ווען ער פאַרכאַפּט זיי, פּאַסירט אַמאָל, אַז ער פאַרלירט אי זיין מאַכט און אי זיין מעמד." 26) אין אַט־דער שטעלע באַשרייבט שוין דער געהייבענער שרייבער אַן אַקטואַליטעט,

אונטער וועלכער עס ליגט נאָך אַלץ פאַרבאַהאַלטן זייגער אַ וואונטש. די קירך האָט ניט פאַרגונען דער וועלטלעכער מאַכט איר הערשאַפט און האָט אָפט אַריינגעטראָטן מיט איר אין אָן אָפענעם קאָנפליקט. אָבער, יעדנפאַלס, וואָס ער שרייבט אנטשפרעכט דערווירקלעכקייט. עס איז בלויז אַ שאָד וואָס די פאַלן פאַסירן אַזוי זעלטן. אמת, דער הערשער קען פאַרלירן זיין אחיזה פון מאַכט־אויטאָריטעט, זי קען זיך אַרויס־גליטשן פון זיינע שטאַרקע הענט. אָבער אָט־דער ׳טרויעריקער׳ אומ־שטאַנד ענדערט ניט אויף אַ האָר דעם ׳אייגנטום׳־כאַראַקטער פון מאַכט, וועלכן זי ציַיגט אַרויס אויף געוויסע שטופן פון פאָליטישער אנטוויקלונג.

ריטשאַרד הילדרעטה שרייבט: „לכן, אָט־די אידייע פון אייגנ־טום... איז פונקט אַזוי פּייאַק זיך צוצוביגדן צו פּאָליטישער מאַכט ווי צו עפּעס אַן אַנדער זאַך . . . די יעניקע וועלכע האָבן די קוואַליפי־קאַציע פון געבורט, פון אייגנטום, פון פּאַרטיי־פאַרבינדונגען, נעמען גאַנץ גיך קוקן אויף זייער אַמט ווי אויף זייער גרונטאייגנטום פּאָסעסיע.״ 27) אַזוי איז עס. מאַכט, אמת, איז עפּעס כמעט ווי אַ מין אַבסטראַקציע. זי איז דאָך אַן ענערגיע, אַ מערקראַפט, וועלכע ווערט אַפּראָפּריאירט, און זי זעט אויס צו זיין אַזוי נאָענט צו דער גרענעץ פון פיקטיוויטעט, פונדעסטוועגן איז זי משועבד צו דער קאַטעגאָריע פון אייגנטום אַזוי גוט כמעט ווי אַ פּשוט׳ער חומר׳דיקער קעגנשטאַנד. דער אונטערשייד צווישן עקאָנאָמישן איינפאַכן אייגנטום און פּאָליטישן קאָמפּליצירטן אייגנטום באַשטייט אין דעם וואָס אין פּאָליטיק איז דער אָביעקט פון רעכט צו דער זעלביקער צייט אויך אַ סוביעקט פון פאַרפליכטונג. אָבער די אייגענע דערשיינונג האָבן מיר דאָך געזען אין אייגנטום גופא, אין איר אורשפּרינגלעכער מאַניפעסטאַציע אין שקלאַפעריי. דאָרטן איז דאָך געווען דאָס אייגענע, דער אָביעקט פון רעכט איז געווען איינצייטיק אויך דער סוביעקט פון אָבליגאַציע. און אַז מיר זיינען שוין דערגאַנגען צו דעם פונקט דאַרפן מיר תופס־זיין אַז אייגנטום ווערט דאָך געבוירן אין ׳מאַכט׳, און ניט פאַרקערט. פּאָליטישער אייגנטום, ד. ה. מאַכט, איז עלטער און פונדאַמענטאַלער פוןווירטשאַפטלעכן אייגנטום.

און דער אמת איז, אַז יענע מענטשלעכע וועזנס, וועלכע, סוביעקטיוו און אָביעקטיוו, ווערן באַטראַכט אַלס ׳כאַראַקטערן׳, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אין מעמד און באַדינג פון אַ לאַיאַלן אָביעקט פון רעכט, אָט־די טיפן מענטשן ווערן אויסגעשלאָסן, אָדער מ׳ברענגט זיי אום, אָדער מ׳איז זיי מתיר־דם, מ׳שטעלט זיי אויסערן שוץ פון געזעץ, אָדער מ׳איזאָלירט זיי, אָדער פאַרטרייבט זיי, פאַרשפּאַרט זיי אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער תפיסה. די יחידים, וועלכע קענען ניט דינען אַלס לאַקייען, אין

געטרייקייט און איבערגעבנקייט, צו דער פּערזאָן אין וועמעס הענט מאַכט איז קאָנצענטרירט, ווערן אַרויסגעשיקט אָדער פון לאַנד פון לעבן, אָדער פון פאָטערלאַנד, זיי ווערן דערקלערט פאַר 'אינערלעכע שונאים', און אַלס אַזעלכע ווערן זיי באַהאַנדלט פון דער קנאַ־ונוקם'דיקער מאַכט.

אַנדערע יחידים טויגן ניט פאַר דער ראָלע פון רעכט־אָביעקטן פּסיכאָלאָגיש. זיי באַזיצן צופיל זעלבסטווערדע, זיי זיינען ביי זיך פאַר־ריסן. זיי קענען זיך ניט איבערגעבן אין רשות פון הערשער. זיי ווילן זיך ניט אונטערוואַרפן אונטער זיין העגעמאָניע. אַנדערע, ווידער, קענען ניט זיין קיין אָביעקטן פון רעכט סאָציאָלאָגיש. זיי פאַרנעמען אַ צו הויכע פּאָזיציע אין דער סאָציאַלער יעראַרכיע. די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע האַלט פון זיי זייער שטאַרק, אָדער אַ געוויסע באַדייטנדיקע צאָל מענטשן האָבן צו זיי פּאָליטישן צוטרוי. און אָט־דער פאַקט גיט זיי אַ געלעגנ־הייט אַליין צו ווערן בעלנים אויף הערשאַפט. אָט־דער אומשטאַנד מאַכט פון זיי אמת'ע, אַמאָל אויך געפערלעכע, קאָנקורענטן, וועלכע האָבן צייטנווייז די העזה אַרויסצוקומען אָפן און דערקלערן זייער דיסלאָיאַ־ליטעט. זיי בראַנדמאַרקירן דעמאָלט דעם געגעבענעם הערשער אַלס טיראַן, אוזורפּאַטאָר, מאַכט־פאַרכאַפּער. גאַר אַמאָל פאַראייניקן זיי זיך מיט אַנדערע סובווערסיווע עלעמענטן און זיי מאַכן אַ פאַרזוך אַרונטער־צורייסן דעם עטאַבלירטן פּאָליטישן רעזשים, אומשטירצן הדעם 'טראָן' פון פּאָליטישן 'באַלעבאָס'. דאָס אַלץ זיינען געוויינטלעכע פּאָליטישע דערשיינונגען, וועלכע ענדערן ניט דעם עצם מהות פון הער מאַכט־פונקציע און מאַכט־אייגנשאַפט.

סעמועל פאַן פופענדאָרף שרייבט: „אומגעזעצלעכע קערפּערשאַפטן זיינען . . . אַלערליי קאָנפעדעראַציעס צווישן די אונטערטאַנען . . . וועלכע ווערן געוויינטלעך אָנגערופן קאָנספּיראַציעס אָדער פראַקציעס . . . אַמאָל צילעווען זיך אָט־די אַסאָציאירטע פערזאָנען אין הויפּט־פירערשאַפט און וואָלטן וועלן פאַרכאַפּן די רעגירונג אין זייערע אייגענע הענט." (28

וואָס טוען די הערשער דעמאָלט? וועלכע מיטלען נעמען זיי אָן קעגן אָט די 'אומגעזעצלעכע' פאַראייניקונגען? זיי אונטערדריקן, זיי פאַרפאָלגן, זיי באַקעמפן, זיי רודפ'ן עד־חרמה אָט־די ווידערשפעניקע עלעמענטן. אין גריכנלאַנד האָט אָט־די אַקציע פון פאַרשיקן אַ פּאָלי־טישן אָפּאָנענט געהייסן אָסטראַציזם. דעם נאָמען פון דעם, וועמען מ'האָט געוואָלט פאַרטרייבן, פלעגט מען אָנשרייבן אויף אַ מושעל, וועל־כער אין גריכיש רופט זיך אָסטראַקאָן. מאָנטעסקיע זאָגט: „אָסטראַציזם האָט מען אָנגעווענדט בלויז קעגן גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען געווען אַ געפאַר פאַרן שטאָט." (29 די דאָזיקע דראַסטישע מיטלען האָט

מען אַנגעווענדט מיט דער איינציקער כוונה צו באַוואָרענען דאָס אייגנ־טום־רעכט פון די הערשער קעגן די יעניקע וועלכע וואָלטן עס ווען פאַרלעצן.

די לאַגע איז נאָך משונה׳ער. אין פאַל פון אַן ערנסטער סכנה, ווען דאָס אייגנטום־רעכט פון די מאַכט־האַלטער ווערט באַדראָט, דעמאָלט ווענדט מען זיך צום אָביעקט פון רעכט, צו די געטריי געבליבענע, אַז זיי זאָלן העלפן באַהויפּטן דאָס אייגנטום־רעכט פון דעם רעכט־סוביעקט. דער אָביעקט העלפט אַרויס דעם סוביעקט. די לאַיאַלע קאָנסטיטוענטן פון דער עפנטלעכער מער־קראַפט דאַרפן קומען און ראַטעווען די פאַר־זאָגען און אויך, צייטנווייז, די פּריווילעגיעס, די זכיות פון זייערע הערשער, פון די קיניגן, פּרינצן, פּרעזידענטן, קאָמיסאַרן, פירער. אויך אָט־דער שוין גאַר טשיקאַווער אומשטאַנד בייט ניט דעם כאַראַקטער פון דער אינסטיטוציע, שעדיקט ניט כהוא־זה דאָס אייגנטום־רעכט פון די הערשער.

נאָך מאָדנער: אין צייטן פון אומרוהען, וועלכע ווערן פאַראורזאַכט פון דעם אויסבראָך פון אַנטאַגאָניזמען, פון צעפלאַקער פון קנאה־שנאה, פון צעברען פון פּאָליטישע אַמביציעס, אין צייטן פון סכנות, ווען שררות־תאוות שרפ׳ענען, ווען שעבוד־פאַרקניפּונגען ווערן צעשמאָלצן, דעמאָלט באַשטימט דער אָביעקט אַליין, צו אַ געוויסער מאָס און דרגא, זיין שיקזאַל. ער אַליין דאַרף מיט אייגענע כוחות אויסבאַלאַנסירן זיין מערכה.ביידע שטרייטנדיקע צדדים ווערן קעגנזייטיק נייטראַליזירט און דער אָביעקט, אונטער דעם הערמוטער און צורייד פון סוביעקט פון רעכט, דאַרף אַליין אויף אַן אַקטיוון שטייגער באַשליסן צו וועמען ער וויל געהערן, אין וועמענס רשות ער וויל זיך איבערליפערן. דער אָביעקט, דער קעגנשטאַנד, אין אַזעלכע אויסנאַמפאַלן, קריגט לשון און בקול־רם זאָגט ער זיך אַרויס צו גונסטן פון איינעם פון די זיך־קריגנ־דיקע געוועלטיקער. אַזוי אַרום מאַכט ער אַ סוף צו די מחלוקת און רייסע־ריי טאַקע איבער אים אַליין, איבער דאָס רעכט זיך צו פאַרשאַפן מיט אים. אַזעלכע פאַלן הייבן אויף די פראַגע צי איז בכלל דאָ פּאַסיק אַנצואווענדן דעם מאָדוס פון פּריוואַט־אייגנטום. אַזעלכע פּאַסירונגען דעקן אויף ביז הוילער נאַקעטקייט דעם עקסטראַאָרדינאַרן כאַראַקטער פון אָט־דעם אומגעווינטלעכן קעגנשטאַנד. אָבער דאָס האָט ניט קיין ווירקונג אויף דער סובסטאַנץ פון דער דאָזיקער יורידישער דערשיינונג. מאַכט־אויטאָריטעט בלייבט ווי געוועזן אַן אייגנטום־רעכט־אַרטיקל. די פּאָליטישע מער־קראַפט, וועלכע ווערט געשאַפן פון דעם קהל־לעבן, פון דעם פאָלק מיט דעם סך־הכל פון זיינע קלאַסן און אונטערקלאַסן, איז

בלויז אַ ׳זאַך׳, וועלכע עס באַזיצן די הערשער פון דעם געגעבענעם אָגרעגאַט.

ווען צוויי שכנים קריגן זיך איבער אַ גאַנדז אָדער אַ קאַטשקע, אַ ווילדער אָדער אַ פאַרשטוביקטער, צו וועמען זי זאָל געהערן, איינער טענה׳ט: כלו שלי, און דער צווייטער טענה׳ט: כלו שלי, — קען אַמאָל טרעפן אַז דער אייגנטום־רעכט דיספוט זאָל קריגן זיין אנטשיידונג מצד פון דעם עוף אַליין. עס קען אים איינפאַלן אינמיטנדרינען צו געבן אַ שפרייט־אויס זיינע פליגלען, אַ שפרונג איבערן פאַרקן און זיך פאַר־באַהאַלטן אין קאַטוך פון איינעם פון די בעלי־דבר׳ס. גיי קריג זיך, ווען דער עוף איז שוין ביי יענעם און מ׳קען אים פון יענעמס רשות ניט אַרויסקריגן. וואָלט אָבער אַט־דער אַקט, די איניציאַטיוו פון דעם עוף, בייטן זיין סטאַטוס? ניט אויף־אַ־האָר. ער וואָלט נאָך אַלץ בלייבן אַ קעגנשטאַנד אויף וועלכן מ׳מאַכט אַנשפּרוכן פון אַן אייגנטום־רעכט־לעכן כאַראַקטער — און ניט מער.

מ׳קען אויסזעצן און זאָגן: אינו דומה, דער עוף ווייסט דאָך ניט וואָס ער טוט, און ער איז אַריבערגעשפרונגען דעם צוים צופעליק, ניט־וויסנדיק אַז זיין האַנדלונג וועט זיך אָוועקלייגן ווי אַן אַריבערוועג־געוויכט אויף די וואַקלנדיקע וואָגשאָלן פון דער דין־תורה מכוח זיין באַלאַנגענשאַפט צו איין צד אָדער אַ צווייטן. אָבער דאָס פאָלק, די מאַסע גייט אַריבער אויף אַ באַשטימטן צד באַוואוסטזיניק, געוואָר־זייענדיק אַז זיין טעטיקייט וועט ברענגען דעם שטרייט פון די צדדים צו אַן ענד־גילטיקן באַשייד.

דעריבער ווילן מיר ברענגען אַן אַנדער אילוסטראַציע, וועלכע וועט זיך פונקט פאַסן אַהער. מיר ווילן נעמען אַ פאַל פון אַ באַוואוסטזיניקן ראַציאָנאַלן וועזן, וועלכעס איז געגליכן, לויט דעם רוימישן געזעץ צו אַ בהמה, נעמלעך, אַ שקלאַף. אַ מחלוקת ברעכט אויס צווישן די האַרן, און די כוחות זיינען עקוויליברירט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן קענען די שקלאַפן אַליין פסק׳ענען צו וועמען זיי דאַרפן געהערן, ווער עס דאַרף באַלעבאַטעווען איבער זיי. זיי קענען צושטיין צו איינער פון די שטרייטנ־דיקע קליקעס. אָבער אַט־דער אַקט וואָלט נאָך ניט באַוויזן, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין שקלאַפן, אַז זיי זיינען שוין מער ניט קיין אָביעקטן פון רעכט... אפילו פסיכאָלאָגיש באַטראַכט, בלייבן זיי נאָך אַלץ די זעלביקע קנעכט ווי געווען. אַלץ וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן איז בלויז העלפן אויסגעפינען דעם סוביעקט פון רעכט. דאָס און ניט מער. דעם אָביעקטס פּאָזיציע האָט זיך דערביי ניט געענדערט. אמת, ווען זיי וואָלטן באַשליסן אויסצונוצן די זעלטענע געלעגנהייט, וואָס די האַרן

רייסן זיך אַרום, ווערן קעגנזייטיק אָפּגעשוואַכט און גייען אָפּ מיט בלוט; ווען זיי וואָלטן רעוואָלטירן, זיך צעבונטעווען און צערייסן די קייטן פון שיעבוד גאָר אינגאַנצן, דעמאָלט ווען זיי וואָלטן גיין אין זייער דרייסטן און טראָצן אַזוי ווייט, וואָלטן זיי, באמת, אויפהערן צו זיין רעכט־אָביעקטן יורידיש־פּאָליטיש, אין פאַל זייער באַפרייאונג־אונטערנעמונג איז געראָטן, ווערט געקרוינט מיט דערפאָלג, און פּסיכאָלאָגיש אפילו דעמאָלט ווען זיי וואָלטן דורכפאַלן. פּסיכאָלאָגיש איז גענוג ווען זיי גאָרן מיטן גאַנצן האַרצן נאָך באַפרייאונג און שטעלן זיך איין, ביז מסירת־נפש, פאַר זייער אויסלייזונג. אָבער דאָס וואָלט זיין אַ יוצא מן הכלל געשעעניש. מיט דעם רוטין־לעבן וואָלט עס גאָרניט האָבן צו טאָן. בנוהג שבעולם, ווי דער שטייגער איז, בלייבן די מאַסן — מיט דעם אויסשלוס פון אייניקע פּערזאָנען, יחידי סגולה, וועלכע טיילן זיך אַרויס און צייכענען זיך ספּעציעל אויס — מאַסן, אָביעקטן, אויך דעמאָלט ווען זיי באַטייליקן זיך כלומר׳שט אַקטיוו אין רעוואָלוציאָנערע אַקציעס, אין שטרייטן פון קלאַסן אָדער פּאַרטייען איבער מאַכט־פּאַר־כאַפּונג און מאַכט־אויסאיבונג.

מאַכט ווערט אויסגעאיבט פון דער אָדער יענער גרופּע, פון דעם אָדער יענעם קלאַס. לכתחילה הויבט זיך די זאַך אָן אַזוי: די עפּנט־לעכע מער־קראַפט ווערט געברויכט אין אָרנטלעכער ערנסטקייט לטובת דער געמיינשאַפט, צום נוצן פון כלל. אָבער שפּעטער־צו גייט עס אַריבער אין קעגנזאַץ, דער מיסברויך הייבט זיך אָן צו באַהויפּטן. די זעלביקע קראַפט און מער־קראַפט ווערט אָנגעווענדט צום נוצן פון אַ קליינער מינאָריטעט און כנגד דער איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט. די מאַיאָריטעט בלייבט תמיד כמעט כסדר פּאַסיוו, ביז אַן אָפּאָזיציע־מינאָריטעט פאַנגט אָן זיך אויסצוקריסטאַליזירן און זי נעמט עס אויף זיך די שווערע אויפגאַבע אָנצופירן מיט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אומצופרידענער מאַיאָריטעט. און אַט־אַזוי אַרבעט זיך עס כסדר דורך די דורות... מאַכט ווערט געברויכט און דערנאָך מיסברויכט, דערנאָך ווידער געברויכט און דערנאָך ווייטער מיסברויכט.

דער גריכישער היסטאָריקער פּאָליביוס (172—204 פ. ק.) שילדערט דעם ׳חד־גדיא׳ פון דער געשיכטע:

„דאָס פאָלק, אַלס אַן אוממיטלבאַרע אנדערקענונג צו די יעניקע וועלכע האָבן פאַרניכטעט די מאָנאַרכיע, האָבן אויסשליסלעך די דאָזיקע פירער פאַר זייערע גובערנאַטאָרן . . . די־דאָזיקע צום־אָנהייב . . . האָבן געשטעלט דעם טובת־הכלל איבער אַלע אַנדערע פּניות און האָבן אַדמי־ניסטרירט אַלע אַנגעלעגנהייטן, סיי עפנטלעכע און סיי פּריוואַטע, מיט

זאַרגפעלטיקייט און וואַכזאַמקייט. אָבער ווידער דאָס אייגענע, די קינדער פון אָט־די, וועלכע האָבן איבערגענומען די מאַכט . . . פאַרוואַנדלען די אַריסטאָקראַטיע אין אַן אָליגאַרכיע. און זיי אינספּירירן דאָס פאָלק מיט די זעלביקעליידנשאַפטן, פון וועלכע זיי אַליין זיינען געווען באַ־זעסן; דורך וועלכע מיטלען זייער קאַטאַסטראָפע ווערט די אייגענע ווי די פון די טיראַנען.״ 30)

אָט דאָס בילד איז דער ריכטיקער אָפּשפּיגל פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אַלע פעלקער בנוגע זייערע אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן: מאַכט האַלט זיך אויף געוואַלדטאַט, ד. ה. אויף אַ שפע און איבערטרעף פון גבורה. אָט־דער צושטאַנד קען ניט לאַנג אָנהאַלטן. די שטאַרקע ווערן מיט דער צייט שוואַך. דעמאָלט קומען אַנדערע שטאַרקע, וועלכע פאַרנעמען זייער פּלאַץ. די שטאַרקע ווערן שוואַך מחמת אַלטקייט.

באָדין (1596־1530), דער גרויסער אידיש־פראַנצויזישער פּאָליטי־שער דענקער און טאַטע פון דער סאָוועריניטעט־לערע, דריקט־אויס אָט־דעם געדאַנק, מכוח דער אידענטיטעט פון מאַכט און פראָסטער גבורה, אַן צווייזדייטיקייטן:

„דער פאַרשטאַנד אַליין לערנט אונדז אַז רעגירונגען און מלוכות זיינען צוערשט געווען געגרינדעט אויף כוח.״ 31)

דער ענגלישער גרויסער פילאָזאָף יוהם האַלט אויך אַזוי. ער זאָגט בפירוש:

„...די ערשטע אויטאָריטעט איז געווען אָפּגעלייט פון כוח און געוואַלדטאַט.״ 32)

דאָס אייגענע זאָגט בלונטשלי: „דאָס וואָרט אויבערגעוואַלט . . . באַצייכנט אויטאָריטעט.״ 33) אַזוי לערנט אונדז דער דייטשער שטאַט־וויסנשאַפטלער, ‚געוואַלט׳ מיינט בפירוש געוואַלדטאַט, ‚געוועלטיקן׳ מיינט געברויכן ‚געוואַלט׳, פאַרגוואַלטיקן...

אַלעקסאַנדער טשיטשיק אין זיין ווערק „סאָציאַלע עוואָלוציע״ שרייבט: „מענטשלעכע רעגירונגען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך כלי־זין־קראַפט . . . און זיי האַלטן זיך עד־היום דורך דעם זעלביקן מעטאָד.״ 34) פּופּענדאָרף שרייבט: „רעגירונגען האַלטן גרייט געוויסע מאַשינעריע... ווי דהיינו גוטע פעסטונגען און אַ שטענדיקע אַרמיי... אַן עולם קען מען צווינגען צו געהאָרכן איבערהויפּט ווען ער איז ניט באַוואָפנט.״ 35) העגרי בראַוגהאַם אין זיין ווערק „מאָנאַרכישע רעגירונג״ שרייבט: געוואַלדטאַט, אָפּנאַרעריי, גראָדועלע און ליסטיקע פאַרפירעריי, פון איין זייט, און אונטערגעוואָרפנקייט און נאָכגעבעריי צו אַ העכערן און אומ־ווידערשטענדלעכן כוח פון דער צווייטער זייט, דאָס האָט געקענט שאַפן

די עטאַבלירטע רעגירונג.״ 36) צוואַנג, געוואַלדטאַט, באַוואָפנטע גבורה, זיינען געווען די פאַקטאָרן וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן די רעגירונגען און זיי זיינען עס די מאָסרעגעלן וואָס ווערן אָנגעווענדט פון די רעגירונגען קעגן זייערע שונאים, קעגן די וועלכע האָבן געגנוג עזות און ווילנשטאַרקייט אָפּצופרעגן די הייליקע רעכט פון די מאַכט־האָבער, פון דער הערשנדיקער פּערזאָן, קלאַס אָדער גרופּע, קליקע. מיר געפינען מאַכט און שטאַרקייט אויף דער זייט פון די געוועלטיקער, און מאַכט־לאָזיקייט, שוואַכקייט און אָראָפּגעפאַלנקייט־ביי־זיך אויף דער זייט פון די מאַסן.

דזשאָסייא וואַררען, דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער דענקער, שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם תהום וועלכער ליגט צווישן די הערשער און באַהערשטע.

„די רעגירונג איז אַזוי שטאַרק, אַזוי אַבסאָלוט ווי נאָר אַ רעגירונג קען זיין, בשעת אירע מיטגלידער מאַכט מען אַזוי שוואַך און אַזוי אָפּהענגיק פון די עטלעכע וואָס הערשן, ווי נאָר מעגלעך.״ 37)

די מיזעראַבלע מאַסן קריכן אויף אַלע פיר ווי נידערגעשלאָגענע פון ערנפורכט פאַר דער גרויסקייט און הייליקייט פון מאַכט־אויטאָריטעט, הויפּטזעכלעך ווי זי ווערט אָנגעווענדט אין דעם טאָטאַליטאַרישן שטאַט פון קאָמוניזם, פאַשיזם, נאַציזם. אַט־די נעבאַכדיקע ברואים פאַלט גאָר קיינמאָל ניט איין צו פאַרדעכטיקן אַז אויך זיי, דער שטויב פון דער סאָציאַלער ערד, זיינען באַרעכטיקט צו קריגן אַ טייל פון אַט־דער עפּנט־לעכער קראַפט און מער־קראַפט, וועלכע ווערט געשאַפן דורך דעם אַלגעמיינעם אָנשטרענג פון דער געגעבענער געזעלשאַפט.

דער באַזיץ פון געוויסע קעגנשטאַנדן גיט דעם באַזיצער געוויסע מעגלעכקייטן, ער האָט פון זיי געוויסע נוצן. די קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון דער פּאָטענציעלער ניצלעכקייט און דער היקף פון אַקטועלער אוטיליטעט הענגט אָפּ פון דעם אָביעקט וועלכער געפינט זיך אין דעם רשות פון באַזיצער און פון דער פּיאַיקייט פון דעם באַזיצער, וועלכע ער ווייזט אַרויס אין עקספּלואַטירן דעם געגעבענעם אָביעקט. מאַכט־באַזיץ, אין דעם פּרט, איז גלייך צו באַזיץ אין אַלגעמיין, צו אייגנטום־רעכט בנוגע קעגנשטאַנדן. מאַכט גיט גרויסע געלעגנהייטן. די רעאַליזירונג פון אַ מאַכט־אַקט פאַרשאַפט דעם מאַכט־סוביעקט גרויס הנאה, גרויס נחת־רוח.

אַט ווי בערטראַנד ראַסל כאַראַקטעריזירט מאַכט, געברויכנדיק לגבי איר געשמאַק באַגריפן:

„מאַכט איז זיס, און ווייניק מענטשן קענען זיך אָפּזאָגן פון איר מיטן אייגענעם גוטן ווילן. זי שמעקט איבערהויפּט זיס צו די יעניקע ביי וועמען מאַכט ווערט אַ געוואוינהייט, און אַט־די געוואוינהייט עסט זיך אַריין אַמשטאַרקסטן אין די יעניקע, וועלכע רעגירן מיט דער הילף פון שפּיזן.״ [38]

דאָס באַוואוסטזיין אַז די אַרומיקע מענטשן געפינען זיך אין אַ מצב פון שעבוד און אונטערגעוואָרפנקייט, די מעגלעכקייט צו קאָמאַנדעווען, באַפעלן, זיך פאַרשאַפן מיט מענטשן, די מאַניפעסטאַציעס פון שטאַרקן ווילן, וועלכער שטייט, אין זיין קראַפט און אַנגעבלאָזענער גאווה, איבער די ווילנס פון אַנדערע מענטשן און דריקט זיי אַראָפּ ביז צו דר׳ערד — דאָס אַלץ איז ווי געווירץ צום גומען, ווי אַ פאַר׳שיכור׳נדיקער געטראַנק. עס איז דאָ אַ תאווה אַזאַ אין האַרצן פון מענטשן, דאָס איז די מאַכט־געלוסטעניש. טיראַניזירן יענעמס ווילן, ברעכן אים, זיך איזדעקעווען איבער אים — איז אַ מחייה, קיצלט די אייטלקייט אפילו דעמאָלט ווען פון דער טיראַניי־אויסאיבונג קען מען אפילו קיין מאַטעריעלע נוצן ניט ציען, אפילו ווען מ׳קען די דאָזיקע געלעגנהייטן ניט אויסבייטן אויף כסף עובר לסוחר, אויף פעקוניאַרע רעמיונעראַציע. הערשן, שררה׳נען, גדול׳ען זיך, מושל־בכיפה׳נען איז שטאַרקער פון וויין און רייצנדיקער פון פרויען־ליבע. אַט־וואָס עדמונד בוירק, דער באַרימטער ענגלישער אָראַטאָר און שטאַטסמאַן, זאָגט אין זיין ווערק וואָס ווערט פאַרעכנט פאַר זיין חטאות נעורים, אָבער אין וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט פילע אמת׳ן, פון וועלכע ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט ער זיך געוואָלט אָפּטרייסלען.

„פילע פון די גרעסטע טיראַנען, וועגן וועלכע די געשיכטע באַריכטעט, האָבן אָנגעהויבן זייער הערשאַפט אויף אַן אַרנטלעכן שטייגער. דער אמת איז אָבער, אַז די אומנאַטירלעכע מאַכט קאָרופּטריט סיי דאָס האַרץ און סיי דעם פאַרשטאַנד.״ [39]

דזשאאד אין זיין ווערק „מאָדערנע פּאָליטישע טעאָריע״ שרייבט:
„די אויסאיבונג פון מאַכט איבער אַנדערע מענטשן מוז אומפאַרמיידלעך פאַרדאַרבן די בעסט מיינענדיקע נאַטורן.״ [40]

מיר קענען פאַרדאַמען מאַכט־אויסאיבונג פון אַן עטישן שטאַנדפּונק. מיר מעגן זי קריטיקירן אפילו אַרויסגייענדיק פון די גרונטלאַגן פון געזונטער פּאָליטיק, פון באַטראַכטונגען פון פּאָליטישן יושר און ריכטיקער געזעלשאַפט־פירעריי. „עס איז אַן צווייפל ריכטיק״ — שרייבט ריטשאַרד הילדרעטה — „אַז אייגנטום רעכט אויף מאַכט איז אַ מין סאָרט אייגנטום, וועלכער איז שעדלעך פאַר דער געמיינשאַפט, און וועלכן

מ'האָט ניט געדאַרפט דערלויבן צו עקזיסטירן. אָבער דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע אייגנטום־רעכט אויף שקלאַפן, וואָס איז, פונדעסטוועגן, אַזאַ סאָרט אייגנטום וואָס האָט געהאַט זיין עקזיסטענץ כמעט איבעראַל און וועלכער ווערט, אינאַלגעמיין, נאָך אַלץ אנדערקענט." [41]

מיר דענונציאירן די מאַכט־מאָנאָפּאָליע ווי מיר זאָגן זיך אַרויס גלייכ־וויז, פון שטאַנדפּונקט פון ווירטשאַפטלעכער גוט־איינגעאָרדענטקייט קעגן דעם מאָנאָפּאָל פון קאַפּיטאַל, קעגן דער משונה'דיקער דיסטריבוציע פון רייכטימער און גיטער, וועלכע הויקערן־אויף בערג, אויף איין זייט, און גראָבן־אויס טאָלן, אויף דער אַנדער זייט. אָבער אונדזערע אַרויס־זאָגונגען קענען ניט ווירקן אויף־צוריק, אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריין. „די דאָקטרינע מכוח דעם אומ'יושר פון אָנגעזאַמלטן אייגנטום איז געווען דער יסוד פון דער גאַנצער רעליגיעזער מאָראַליטעט." [42] דאָס זאָגט אונדז וויליאַם גאָדווין, דער ענגלישער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער דענקער, דער פאָטער פון פרידלעכן אַנאַרכיזם. מיר דאַרפן בלויז צוגעבן, אַז די פאַרדאַמונג פון טיראַניי, פון דעם „ממשלת־זדון" האָט ניט ווייניקער געדינט אַלס יסוד פאַר דער רעליגיעזער עטיק פון אַלע פעלקער. דער פאַקט בלייבט אָבער אומבאַשטרייטבאַר: מאַכט פאַרשאַפט פאַרגעניגן דעם מאַכט־האָבער. הערשאַפט גיט פרייד און הנאה צו די הערשער מחוץ פון די מאַטעריעלע נוצן און באַפרידיקונגען וועלכע זיי קריגן פון זייערע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס. מיר מעגן זיך זיין שטאַרקע כנגדים פון 'ביטערן טראָפּן', מיר קענען באַווייזן, אַז שיכרות איז אַן אומגליק, אַ רואינירונג פאַר דעם גוף און נשמה פון דעם אַלקאָהאָליקער. אָבער קיינער קען ניט אָפּלייקענען די טאַטזאַך, אַז די טרינקער האָבן הנאה פון דער משקה, מיט וועלכער זיי רייצן זייער גומען און שרפ'ענען אַדורך זייערע געדערעמער, מאָגנס און אינגעווייד, און אַז ביי אייניקע שיכורים איז טרינקען געוואָרן אַ צווייטע נאַטור, הגם אַ פּאַסקודנער פאַרשאָל־טענער הירגל. דאָס אייגענע בנוגע מאַכט־אויטאָריטעט. מאָראַליש איז עס אַ גרויל. אָבער די מאַכט־האָבער און די יעניקע וואָס וואָלטן וועלן ווערן שררות, האָבן פון איר אויסאיבונג גרויס הנאה. זיי חלש'ן זי צו קריגן. זיי גייען פאַר איר אין פייער און אין וואַסער. זיי וועלן באַגיין די שווערסטע פאַרברעכנס אָבי זי אַריינצוקריגן אין די לאַפּעס און ניט אַרויסלאָזן. אמת, מאַכט־אויטאָריטעט, איבערהויפּט ווען זי ווערט דיקטאַטאָריש, פאַרצערט די נשמה, פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ, פאַרגרעבט די געפילן, פאַרטעמפּט דעם שכל, פאַרדאַרבט דעם געוויסן, אויב ער האָט אַזעלכעס פאַרמאָגט, פון מאַכט־האָבער און מאַכט־איבער. מאַכט־איבונג ברענגט אום דעם הערשער מאָראַליש, מיט דער צייט ווערט דער בעסטער

פון זיי אַ פּשוט׳ער טיראַן, אַ חיה־רעה׳דיקער דעספּאָט, אַ רשע מרושע. דאָס אַלץ קען זיך זיין פולשטענדיק ריכטיק, אָבער צום עצם ענין, וועגן פּאָליטיש באַהאַנדלט, האָט עס קיין שייכות ניט.

מיר וועלן נאָך אַ מאָל אויסהערן עדמונד בוירקן:

„אָט אַזוי דערמוטיקט אי דורך ליידנשאַפט און אי דורך אינטערעס צו טרעטן מיט די פיס דעם פאָלקס וואוילשטאַנד, און דורך זיין מעמד, וועלכער הייבט אים אויף העכער הן פון שאַנדע און הן פון פחד, גייט ער זיך אַזוי אַן מיט זיינע שרעקלעכע און איבעראַשנדיקע מעשים תעתועים קעגן דער מענטשהייט.״ 43)

עס זיינען פאַראַן אפילו סאָציאַל־פּאָליטישע סאַדיסטן, אַ קאַטעגאָריע פון נידעריקע נפשות, ביי וועמען פייניקן יענעם, אָנטאָן רשעות, פאַר־אורזאַכן ליידן גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין, אַן קיין מאַטעריעלן נוצן פאַר זיך, — ווערט אַ ברענענדיקע תאווה.

מאַכט־אויטאָריטעט איז אייגנטום פון דער העכסטער קוואַליטעט, הגם זי שטייט אויף אַ גאַר שמאָלן און זיך־וואַקלנדיקן באַזיס. און כל־זמן עס זיינען פאַראַן מאַכט־באַזיצער, אויטאָריטעט־אויסאיבער, וועלן זיין סאָציאַלע אייגנטימער, אין פּאָליטישן טייטש פון וואָרט, און סאָציאַלע קבצנים, די וועלכע זיינען פּאָליטיש רייך ווי די קורח׳ס און די יעניקע וועלכע זיינען פּאָליטישע אביונים, דלפנים. מיט אַנדערע ווערטער, כל־זמן עס איז דאָ אַ פונקציאָנירנדיקע מאַכט, מוז זיין אַ קלאַסן־איינ־טיילונג פון אַזאַ פאָרמאַציע אָדער אַן אַנדערער.

בערטראַנד ראַסל שרייבט:

„איך גלויב ניט, אַז איין שלעכטס קען מען אַזוי אַרום איזאָלירן, אָבער אויב איך וואָלט דאַרפן אָנצייגן אויף איינער פון די גרעסטע רשעות׳ן, וואָלט איך אָנדייטן די אומגלייכהייט פון מאַכט.״ 44)

און אָט־די אומגלייכהייט נערט די פלאַנץ פון קלאַסן־דיסטינקציע.

איצט, נאָך דעם אַלעמען, וועלן מיר זיך אומקערן צו דער קאַרדי־נאַלער פראַגע, וועלכע מיר האָבן ניט אַרויסגעלאָזן פון אויג אויף איין מינוט אין משך פון אונדזער גאַנצן דיסקורס, הגם מיר האָבן זי ניט דערמאָנט. דאָס איז די פראַגע, וועלכע מיר האָבן שוין צוויי מאָל גע־שטעלט און ביידע מאָל געענטפערט מיט אַ פולשטענדיקן לאַ:

„קען מען אָפּשאַפן קלאַסן און לאָזן מאַכט־אויטאָריטעט אין קראַפט?

מיר וועלן אויסברייטערן די פאָרמולירונג פון אָט־דער פראַגע.

דער פלאַן וואָס די סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן לייגן פאַר באַשטייט אין דעם: לאָזן מאַכט־אויטאָריטעט פונקציאָנירן און זי אפילו פאַרשטאַרקן

דורך דעם וואָס זי וועט איבערנעמען אַלעווירטשאַפטלעכע אנגע־לעגנהייטן. אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום־רעכט אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, וועלכע ווערן פאַר׳מלוכה׳ט, און אַזוי אַרום באַזייטיקן די קלאַסן־אונטער־שיידן וואָס עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט. די פראַגע וואָס מיר שטעלן איז: קען אַט־דער פּלאַן געבן די דערוואַרטע רעזולטאַטן, נעמלעך, די אויפריכטונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף קלאַסנלאָזע יסודות?

מיר ענטפערן מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין". בשום אופן ניט. כל־זמן מאַכט עקזיסטירט, מוזן קלאַסן, סאָציאַלע דיפערענציאַציעס, עקזיסטירן.

נאָך מער, כל־זמן אָרגאַניזאַציע איז ניט קיין איבערוואונדענער כוח, מוזן קלאַסן עקזיסטירן.

IV

שטאַנדן, קלאַסן, „טיפּן"

לעאָפּאָלד פאָן וויעזע שרייבט:

„מיר דערקלערן ניט פאַרהעלטענישן דורך קלאַסן, נייערט קלאַסן דורך פאַרהעלטענישן." 1)

מאַרקס שרייבט:

„... דער אומשטאַנד, וואָס די קאַטוילישע קירך אין מיטלאַלטערטום האָט פאַרמירט איר יעראַרכיע פון די בעסטע מוחות פון פאָלק, אומגעאַכט שטאַנד, געבורט אָדער רייכטום, איז געווען איינער פון די הויפּט־מיטלען, וועלכע האָבן פאַרפעסטיקט די הערשאַפט פון פריסט און די אונטער־דריקונג פון די לייאיטעט. וואָס מער אַ הערשנדיקער קלאַס איז פייאיק צו אַסימילירן די עכסט־פּראָמינענטע מענטשן פון אַ באַהערשטן קלאַס, אַלץ סאָלידער און געפערלעכער איז זיין הערשאַפט." 2)

מיר פירן דאָ אַריין אַ נייעם וואָרט, און דאָס איז „טיפּן". וועגן קאַסטעס, שטאַנדן און קלאַסן דאַרף שוין דער לייענער האָבן עפּעס אַ שטיקל השגה. מיר האָבן דעם ענין געשאַנקען, ניט־פיל, אויפמערקזאַמ־קייט אין די פאַרדעמדיקע קאַפּיטלעך. וואָס איז אָבער אַזאַ מין זאַך ווי אַ „טיפּ"? וואָס איז דער אונטערשייד וואָס ליגט צווישן אַ „קלאַס" און אַ „טיפּ"?

בכדי צו ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע, וועלן מיר דאַרפן זיך בעסער פאַנאַנדערקלייבן אין דעם קנויל פון באַגריפן מכוח סאָציאַלע איינטיי־לונגען און אָפּטיילונגען. מיר וועלן מוזן אונטערזוכן און אויסזוכן די אייגנאַרטיקייטן פון יעדער פון אָט־די דריי סאָציאַלע דיפערענציאַציע־פאָרמאַציעס.

איך וועל אָנהייבן מיט דער באַשרייבונג און כאַראַקטעריזירונג פון „שטאַנד", דערנאָך וועלן מיר איבערגיין צום קלאַס און צום „טיפּ".

אַ שטאַנד — אַלץ איז אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער לאַנגער, פיל־רינגלדיקער קייט פון די אבות, אין דעם אַקט פון באַלאַנגען צו אַ קאָרפּאָראַציע פון איידלטום.

דאָס אַריינגיין און אַרויסגיין, אַריינטרעטן און אַרויסטרעטן איז ניט קיין ענין פאַר דעם פּערזענלעכן אָנשטרענג און באַמי. „זיי (די איידל־לייט) האָבן פאַרמירט אַ קלאַס, אין וועלכן קיינער האָט ניט געקענט אַריינטרעטן פון אייגענעם פאַרלאַנג." 3) אַ שטאַנד האַלט אָן אָפּגע־צייכנטע פּאָזיציע. ער פאַרנעמט אַ ספּעציעלן פּלאַץ אין דער געמיינ־שאַפט. דער מעמד איז פאַרזיכערט און פּאַרטיפיצירט דורך לעגאַליסטישע פּריווילעגיעס. די לעצטע זיינען ניט געגעבן געוואָרן צו קיינע אינדי־ווידועלע פּערזאָנען, צו קיינע יחידים פון דער העכערער שיכט. אָט־די פּריווילעגיעס באַלאַנגען צו דער געגעבענער קאָרפּאָראַציע, צו דער טאָטאַ־ליטעט פון אירע מיטגלידער ווען זיי ווערן גענומען צוזאַמען אַלס אַ גאַנצע קערפּערשאַפט. דער איינצעלנער מיטגליד נוצט, געברויכט די געגעבענע פּריווילעגיעס, ער איז אָבער ניט זייער „אייגנטימער". ער האָט ניט קיין רעכט זיי צו „פאַרפרעמדן", זיי אַוועקשענקען, אַוועקגעבן אומזיסט, אָדער פאַרקויפן, איבערגעבן פאַר אַ באַשטימטער קאָמפּענסאַציע. דער טיטול, דער גערב באַלאַנגט צו דער קערפּערשאפט. היללאַר בעלאָק שרייבט: „דער איז געווען אַן איידלמאַן, וועמען דער קיניג האָט פאַראיידלמאַנט, אָדער ווער עס האָט געקענט אָנווייזן אַ יחוס־בריוו פון די הויף־פּריצים." 4) „ערן־טיטולן, עמטער פון צוטרוי, אָדער אַזוינע וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון יוסטיץ און פינאַנ־סיעס, וועלכע די קרוין שענקט פאַר מיליטערישע פאַרדינסטן זיינען אויך אומאָפּפרעמדבאַר." 5) דער הויפּט־אַטריבוט פון איידלטום איז זיין דורכ'ירושה'איבערגעבבאַרע און אומאָפּפרעמדבאַרע קוואַליטעט, וועלכע פאַראיידלמאַנט די בלוט פון דעם טיטל־האַלטער און זיינע יורשים." 6) ספּעציעלע רעכט און באַזונדערע זכיות געניסט דער מיט־גליד פון דער איידלטום־קאָרפּאָראַציע. אָבער די דאָזיקע רעכט און פּרעראָגאַטיוון זיינען ניט זיינע, אין זינען פון אייגנטום. די זכיות באַלאַנגען צו דעם שטאַנד אַלס אַ גאַנצן. איידלטימלעכקייט איז ניט קיין פּריוואַטער ענין. דעריבער קען מען ניט איבערגעבן קיינע טיטולן דורך אַן אָפּמאַך אָדער דורך אַ שטר מכירה. דער איבערגעב ווערט רעגולירט דורך דעם געזעץ און מנהג, און ניט דורך דעם ווילן פון אָפּשטאַרבנדיקן איינצעלנעם מיטגליד. דער טראַנספערענץ־אַקט איז דאָ, אין דער ראַטאַ־ציע פון די דורות, קוים שייך. וואָס מיר זעען איז אָט־דאָס: אַ באַ־שטימטע סומע פון זכיות בייט אירע אוזופּראַקטאָרן. די כאַרטיעס, די זכיות־כתבים, געהערן, אונטער דעם פעאָדאַלן רעזשים, צו דער קאָרפּאָראַציע. דער סימן מובהק פון פעאָדאַליזם איז די אָפּוועזנהייט

פון פּריוואַט־אייגנטום רעכט אויף לאַנד. אַלץ קאָנצענטרירט זיך אַרום פּריוּהאַלטעריי און אינהאַבעריי".

„דאָס וואָרט 'האַלטעריי' שטאַמט, וואַרשיינלעך, פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם, דער באַזיס פון וועלכן איז געווען דאָס וואָס דאָס לאַנד האָט מען 'געהאַלטן'." 7) דער שטאַנדטום, דער איידלטום, קען מען זאָגן, ווייס קוים פון ירושה־קריגן און איבערגעבן. הערצאָגטום איז ניט פאַר־ערבלעך. מחמת ער איז אייגנס. ער איז שטאַנדהאַפטיק, איינסיק, כמעט אומצעטיילבאַר, אומאויפהערלעך, המשכ'דיק. ער בייט בלויז זיינע האַל־טער, זיינע טרעגער. „זיי (די איידל־לייט) זיינען" — שרייבט הערי בראָוגהאַם — „מחמת זייער צושטאַנד פון אַן ערבלעך קלאַס, גיכער גלייך צו איין און דער זעלביקער פּערזאָן,צו איין און דעם זעלביקן אינדיווידו, פון דור צו דור." 8) אַזוי אַרום איז ניט דער טיטל אַ הוספה, אַ צוגאָב צו דעם מענטשן, נאָר, להיפּך, די איינצעלנע פּערזאָן, דער מיטגליד פון דער געגעבענער קאָרפּאָראַציע איז בלויז אַ צולייג, אַ צוטשעפּ צו דעם טיטל.

דער קאַפּיטאַליסטיש־קלאַס. דאָ באַגעגענען מיר זיך מיט אינגאַנצן פאַרשיידענע פאַרהעלטנישן, וועלכע וועבן זיך צווישן דער טאָטאַליטעט און דעם איינצעלנעם. אונטער דעם פעאָדאַליזם איז דער שטאַנד געווען די קאָנקרעטע רעאַליטעט; דער יחיד, דער איינצלנער, איז געווען, אין אַ געוויסן פּרט, בלויז אַן אַבסטראַקציע, אַ טראַנזיטאָרישער, פאַראיבער־גייענדיקער געברויכער פון די קאָרפּאָראַציאָנעלע גיטער, געשאַנקען. אונ־טער דעם קאַפּיטאַליזם איז פונקט פאַרקערט. דער קלאַס אַלס אַזעלכער פאַרמאָגט קוים אַן אייגן עקזיסטענץ. מיר זעען דאָ אַ צאָל יחידים, וועלכע באַזיצן זייערע רעכט און טוען מיט זייער רייכטום, וואָס זיי ווילן נאָר אַליין.

טש. ה. קולי אין זיין ווערק „סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע" שרייבט: „מיט דעם וואוקס פון פרייהייט ווערן די קלאַסן מער און מער אָפן, דאָס מיינט, זיי האַלטן זיך מער אויף די אינדיווידועלע שטריכן און ווייניקער אויף אָפּשטאַם." 9)

ר. מ. מעקייווער שרייבט: „רייכטום איז אַ וויכטיקער קלאַסן־פּרינציפּ, איבערהויפּט אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, וואו רייכ־טום קען ווערן דערוואָרבן פון יחידים דורך געשיקטקייט, אונטערנעמע־רישקייט אָדער ליסטיקייט, אָדער דורך דעם דריי פון פאָרטונעס ראָד און אפילו די קלאַסן זיינען ווייניקער פיקסירט, ווייניקער צוזאַמענגע־קלעפּט ווי אונטער אַנדערע באַדינגונגען." 10)

אונטער דעם אַזוי גערופענעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם זיינען די פּאַרלאַנגען און די קאַפּריזן פון די אינדיווידן אַ געזעץ פאַר זיי און זייערע נחלאות, די נכסים, גיטער זיינען זייערע כמעט אין פולן פשט פון וואָרט. זיי זיינען אייגנטימער. און באמת עס פאָדערט זיך אַ היפּש ביסל ספּעקולאַטיוו באַמיאונג בכדי צו אַנטדעקן די עקזיסטענץ פון אַ איינהייט, פון אַ קלאַסן־אַגרעגאַט אין אַט־די סעפּאַראַטע, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער אַלע שבעה ימים פון פּראָדוקציע און האַנדל, אינדי־ווידן, וועלכע האָבן ניט צווישן זיך קיין שום אַלגעמיינעס, וועלכע זיינען אפילו ניט אָראַנגירט לויט אַ שטרענגן יעראַרכיע־פּלאַן און וועלכע זיינען אינגאַנצן אומאָפּהענגיק איינער פון אַנדערן אין זייערע האַנדלונ־גען, אונטערהאַנדלונגען און טראַנסאַקציעס.

באמת דאַרף מען באַזיצן אַ שטאַרקן סינטעטיזירנדיקן פאַרשטאַנד אום אויפצודעקן אין אַט־די איינצעלנע יחידים אַ קאָמבינירטע, קאָאָרדי־נירטע אוניפיקאַציע, וועלכע איז דורכגענומען מיט אַן אַלגעמיינעם אינ־טערעס, וואָס מאַכט זיך ווירקזאַם אויף צו־להכעיס די שטענדיקע צוויס־טיקייטן, קריגערייען און פיינדשאַפטן וועלכע בושעווען צווישן אַט־די אינדיווידן. אין דער קאַפּיטאַליסטישער גרופּע באַאָבאַכטן מיר מער אַנטאַגאָניזם, צענטריפוגאַלע כוחות און דיווערגענץ אידער סאָלידאַריטעט און קאָאָפּעראַציע. אַלץ וואָס די קאַפּיטאַליסטן פאַרמאָגן אין אַלגעמיין, בשותפות אַלס אַ קלאַס, איז, מעגלעך, זייער שונא. און בשעת זיי שטייען פּנים אל פּנים מיט זייער אַנטאַגאָניסט, זייער קעגנער, ווייזן זיי אַרויס, און דאָס ניט אַלע מאָל, אַ באַגרענעצטע מאָס פון קאָאָרדינירטער אַקציע. די מאַניפעסטאַציע פון זייער אַלגעמיינעם ווילן, די רעאַליזאַציע פון זייערע קאָרפּאָראַציאָנעלע אינטערעסן ווערט דערגרייכט דורך דעם אַנ־שטרענג און באַמי פון עטלעכע איינצעלנע אינדיווידן זייערע, כמעט עפּעס אַ מין שליחי־ציבור, און דאָס פּאַסירט אויך בלויז אונטער אויסנאַם־באַדינגונגען. מאָרריס גינסבערג אין זיין ווערק „שטודיען אין סאָציאָלאָגיע" שרייבט: „עס איז היפּש שווערלעך צו זאָגן פון וואָס איז איינער באַוואוסטזיניק, ווען ער איז קלאַסן־באַוואוסטזיניק." (11) די באַ־הויפּטונג זיינע איז הויפּטזעכלעך ריכטיק בנוגע דעם איינצעלנעם קאַ־פּיטאַליסט, וועלכער איז, אגב, כמעט קיינמאָל ניט קלאַסן־באַוואוסטזיניק. יעדער קאַפּיטאַליסט פּאַרטיידיקט זיינע אייגענע אינטערעסן. ער וועט אָבער ניט מקריב זיין זיינע פּערזענלעכע עגאָאיסטישע קאָנקרעטע אינטע־רעסן אויף דעם אַלטאַר פון די אַבסטראַקטע אינטערעסן פון זיין קלאַס. ווען עס מאַכט זיך אַז אַ קאַפּיטאַליסט אָדער אַ זון פון אַ קאַפּיטאַליסט גיט געלט אָדער שטיצט אויף אַן אַנדער אופן די אַרבעטער־באַוועגונג,

ווערט ער באַטראַכט פון די איבעריקע מיטגלידער פון זיין קלאַס אַלס אידעאַליסט אָדער אַלס אַ 'צעדרייטער', אָבער זיי וועלן קיינמאָל אים ניט צוּוואַרפן די סטיגמא פון אַ „פאַררעטער" פון זיין אייגענעם קלאַס. ביי זיי עקזיסטירן גאַרניט אַזעלכע השגות, ווי קלאַסן־לאָיאַליטעט, וועלכע איז באַרעכטיקט צו פאָדערן קרבנות.

אַ קלאַס איז אַ צאָל אינדיווידן, אַן אָרדן, וועלכער האָט אַריינגעטאָן אַלע זיינע זכיות אין איינצעלנע פּערזאָנען, אין אינדיווידועלע באַזיצער. מיט אַנדערע ווערטער, אַ קלאַס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ שטאַנד, וועלכער האָט זיך בייגעקומען, זיך אַריבערגעוואַקסן, אויסגעהויכט זיין קאָרפּאָראַציאָנעלן גייסט און גובר־געווען זיין אייגענע קערפּערשאַפט־קאָנסטיטוציע. אַ קלאַס האָט צעבראָכן אַלע זיינע אינערלעכע פאַר־קניפּונגען און האָט אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַן פּריוואַט איניציאַטיוו, פּערזענלעכע קוואַליפיקאַציעס, פּערזענלעכע אונטערנעמערישקייט, ריזי־קירונג און מזל־פּרובירונג. י. ק. בלונטשלי אין זיין ווערק „שטאַאַטס־לעהרע" זאָגט אַזוי: „עס טרעפט פון צייט צו צייט, אַז מענטשן פון די נידעריקע קלאַסן הייבן זיך און זייערע פאַמיליעס אויף צו דעם סאָציאַלן ניוואָ פון דער אַריסטאָקראַטיע." 12) וואָס ער האָט געדאַרפט געברויכן איז דעם טערמין 'בורזשואַזיע', דעמאָלט וואָלט זיין באַהויפּטונג זיין ריכטיק. די מיטגלידער פון אַ קלאַס זיינען אומאָפּהענגיק. זיי זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון אַן אַנאַליזע. דאָס הייסט אין תוך גענומען, — הגם דער מאַרקסיסט באַגרייפט עס ניט, און מיינט אַז אַ קלאַס איז אַ סאָציאַלע פאָרמאַציע, און ער באַהאַנדלט דעם קלאַס־פענאָמען אַלס אַ סאָציאַלע דערשיינונג — איז דער קלאַס ניט קודם צו זיין מיטגלידער־שאַפט אין צייט פון אַרויפקום, נייערט, פאַרקערט, די מיטגלידערשאַפט, די איינצעלנע מיטגלידער זיינען קודם. אַ קלאַס איז כמעט אַן אינטער־אינדיווידועלע פאָרמאַציע. מיר זאָגן כמעט, ווייל דאָ פאָדערן זיך רע־זערוואַציעס, וועלכע מיר וועלן באַלד אָנדייטן. די אינדיווידן זיינען אייגנטימער פון זייערע נחלאות. זיי זיינען ניט קיינע אוזופּראַקטאָרן פון די אַקומולירטע גיטער, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט געהערן צום קלאַס אַלס אַ קאָרפּאָראַציע. זיי זיינען, לויט אַלע סימנים, דינים און פּסקים, די באַלעבאַטים. און אויב זיי ווערן באַגרענעצט אין זייערע אייגנטום־רעכט, קומט די באַגרעניצונג ניט פון זייער קלאַס, נייערט פון דעם שטאַט אַלס אַן איבער־קלאַס אינסטיטוציע. די קלאַסן־פאָרמאַציע האָט צו פאַר־דאַנקען איר עקזיסטענץ, אויב און אויף וויפל זי האָט אַ ממשות'דיקע עקזיסטענץ, צו אַ סינטעזיס. זי ווערט באַשאַפן, צו אַ געווויסער מאָס באַוואוסטזיניק, דורך אַן אַקט פון צוזאַמענשמעלצונג פון סעפּאַראַטע

יחידים, אָדער, ריכטיקער, פון סעפּאַראַטע הייזער, פאַמיליעס, פירמעס. אַ קלאַס, מיר קענען זיך קוים איינהאַלטן און ניט אַרויסזאָגן עס, איז אַ 'פיקטיוועׂ פאַראַלגעמיינערונג, אַן אַמאַלגאַם פון פראַגמענטן, אַ צונויפ־שטעל פון חלקים, וועלכע שטויסן זיך צוזאַמען, רייסן זיך אַרום צווישן זיך, אין איין קלאַסן־קאַמבינאַציע. דעם 'טיטל' 'קאַפּיטאַליסט' קען יעדער רייכער מאַן לייכט אַוועקוואַרפן, אָדער דורך דעם וואָס ער פירט שלעכט זיינע געשעפטן אָדער דורך דעם וואָס ער פירט זיך אויף שלעכט, דורך לײדיק־גייערישער הולטעריי. ער איז אַלעמאַל ביכולת צו פאַרלירן זיין 'ערן־טיטול', זיין מעמד אַלס מיטגליד פון אַ העכערן קלאַס. אַ לאָרד קען עס ניט באַוויזן אַן אַן אַקט פון פּאַרלאַמענט. דער אײדלטום אַלס אַן איינהייט, אָדער דער קיניג אַלס זייער אויבער־פאַרשטייער, מוז פון אים צונעמען זיין טיטל. ווי איינער קען ניט פאַרלאָזן זיין ראַסע, אַראָפּוואַרפן זיין הויט, זיך שיידן מיט זיין נאַציאָנאַליטעט־אָפּשטאַם, פונקט אַזוי, מיט דעם אויסנאַם פון פאַלן פון „בלוט־קאָרופּציע", קען ער ניט פּטור־ווערן פון זיין אײדל־געבוירנקייט. ער קען ניט אָפּ'גט'ן זיין אייגענעם שטאַנד. מחמת דער שטאַנד אַלס אַזעלכער איז אַ קאָנקרעטע גאַנצקייט, בשעת דער אינדיווידו איז בלויז אַן עפּעמערע 'פיקציע', וועלכע איז היינט דאָ און מאָרגן ניטאָ. אין אַ קלאַס ווערט די פּאָזיציע וועלכע עס פאַרנעמט דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט באַשטימט פון זיין אייגע־נער פערזענלעכקייט, פיאַיקייטן, פּלוס ירושה געקראָגן פון דער פאַמי־ליע, מאָס פון עשירות. ער, דער יחיד, איז דאָ דער יש, בשעת זיין קלאַס איז כמעט ניט מער ווי אַ וויסנשאַפטלעך פּאָליטישע 'פיקציע'. אַלץ ווענדט זיך אין אים, אין זיין ווילן, זיינע טאַוונגען, זיין אויפפיר, און זייער ווינציק, אויב בכלל עפּעס, אין דער סאָציאַלער קערפּערשאַפט, וועלכע הייסט 'קלאַס'. ער קען נעמען זיינע גיטער און צעגעבן זיי לויט די דיקטאַטן פון זיין שכל, פון זיין געוויסן, אָדער פאַרגעלוסטעגישן, פאַרווילעגישן אָדער צוטשעפּענישן פון זיינע קאַפּריזן. און מער ווי גיטער, אין זיין בחינה פון אַ קאַפּיטאַליסט, באַזיצט ער דאָך ניט. אַלע זיינע זכיות, אַלע זיינע פּריווילעגיעס זיינען אָביעקטיווירט אין קעגנ־שטאַנדן, אין אָביעקטן וועלכע געהערן אין זייער אינגאַנצנקייט אויס־שליסלעך צו אים אַליין. אפילו אין פאַלן ווען ער איז בלויז אַ שותף פון אַ געוויסער פירמע, געהערט דיין טייל צו אים,אַבסאָלוט צו אים און ניט צו קיינעם אויסער אים.

דער קאָדעקס פון האַממוראַבי זאָגט אונדז:

„אויב דער זון איז ניט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, וועלכער איז גענוג האַרב אים אָפּצושניידן פון זונענטום, קען דער פאָטער אים ניט אַרויס־

וואַרפן פון זונענטום.״ 13) און פון זיין חלק אין דער ירושה, בין איך משער. אַזוי איז עס געווען פאַרצייטנס. אַנדערש איז עס איצטער. אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם האָט אַ צוואה פול קראַפט פון דורכפירבאַרקייט. דער קאַפּיטאַליסט מעג, אויב ער וויל, צעשענקען אַלע זיינע גיטער, אָוועקגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן צו אַ פריינט, עס מנדב זיין צו אַ צדקה־אַנשטאַלט, אָדער עס איבערלאָזן פאַר ווייב און קינדער.

אַ קלאַס איז אַן איינהייט, וואָס קוים זי האַלט זיך צוזאַמען. דער עקזיסטירנדיקער פאַרקער האַלט זיך אין די פיר איילן פון דער פאַמיליע. דאָרטן ענדיקט זיך עס יורידיש. טש. ה. קוליי שרייבט: „די באַמיאונג אויפצובאַוואָרן פאַר זיינע קינדער יעטווידע ווירטשאַפטלעכע זאַך, וועלכע אַ פערזאָן האָט זיך אנגעאיינגט, איז דער אייביקער קוואַל פון דער קאַסטע. און אַט־די באַמיאונג פליסט אַרויס פון דער מענטשלעכער נאַטור און דער מאָראַלער איינהייט פון דער פאַמיליע.״ 14) דער ירושה־אַקט ווערט דורכגעפירט אין די גרענעצן פון אַ קליינעם מאָנאָגאַמיש איינגעצוימטן הויזגעזינט. צווישן די פאַמיליעס וועלכע ׳געהערן׳ צו איין און דעם זעלביקן קלאַס איז קוים פאַראַן אַ פאַרבינדונג, וועלכע זאָל ווערן געשפּונען דירעקט און ווערן יורידיש דעטערמינירט. אַלע קאָנטאַקטן זיינען וואָלונטאַרישע אַקטואַליטעטן.

די קאַסטע איז אָפּגעשטעמפּלט מיטן חותם פון קאָלעקטיוויזם, דער קלאַס איז, אַזוי צו זאָגן, פאַמילאַריסטיש. די מאָנאָגאַמישע פאַמיליע איז די רעאַלע איינהייט, זי איז דער פּרעדאָמינירנדיקער פאַקטאָר. געווינטלעך גייט דער פאַרמעגן איבער בירושה אין אַ גלייכער ליניע פון פאָטער צו די קינדער. די אָנגעזאַמלטע מאַסע פון עשירות צירקולירט, ווי דער שטייגער איז, אין די גבולים פון דער געגעבענער פירמע, האַנדלהויז, געשעפט־אונטערנעמונג.

דער קלאַס האָט ניט איבערגעריסן אַלע זיינע באַציאונגען מיט ביאָלאָגיע, מיטן אָפּשטאַם, מיט בלוט־פאַרוואַנדשאַפט. דער זון ירש׳נט ניט נאָר דעם פאָטערס מראה, זיינע שטריכן פון פּרצוף־פנים, נאָר אויך זיינע הייזער, פאַבריק, געוועלבן. די געלטער וואָס ליגן אין די ביינק א. אַ. וו. אין קלאַס זיינען נאָך פאַראַן רעשטלעך, נאָכשלעפּענישן פון דער קאַסטע און שטאַנד־אנגעלעגנהייטן. דער קאַסטע און שטאַנד־גייסט איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטריבן. מ׳קען אפילו, מיט אַ דוחק, זאָגן, אַז אַ קלאַס איז אייגנטלעך אַ שטאַנד אין אַ מיניאַטור, די גרויס פון די ד׳ אמות פון דער מאָנאָגאַמישער משפחה. אַנדריי מאַרואַ שרייבט: „אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע דינאַסטיעס גיבן איבער זייערע פאַ־

מיליע־געשעפטן ווי לאַנד־אַרענדעס." 15) און דער יחיד אַלס אַ פּער־זענלעכקייט שיינט מיט זיין אָפּוועזנהייט. ווייל די מיטלען וועלכע פאַר־זיכערן זיין וואוילשטאַנד זיינען אָביעקטיוויזירט, זיינען פאַרקערפּערט אין קעגנשטאַנדן, וועלכע ליגן מחוץ פון אים און אין ס'רוב פאַלן לעבן זיי אים איבער, זייער געזעצלעכן באַזיצער און אייגנטימער. רייכטום פאַר־שווינדט ניט צוזאַמען מיט דער פאַרדאַרבונג פון די רייכע. די פאַבריק גייט ניט אויס צוזאַמען מיטן פאַבריקאַנט, נייערט זי גייט איבער פון איין דור צו אַ צווייטן. דער קלאַס אַלס אַ סאָציאַלאָגישער אנשטאַלט איז אַרויסגעוואַקסן, ווען באַטראַכט פון אַ געוויסן בליק־ווינקל, פון דעם ריף פון שטאַנד. נאָך דעם שטאַנד פון די איידל־געבוירענע קומט דער קלאַס פון די רייך־געבוירענע. זיכער עס זיינען דאָ רייך־געוואָרענע, אָבער זייערע קינדער, דער צווייטער דור, ווען אַלץ גייט כשורה, וועלן שוין זיין רייך־געבוירענע.

איצט וועלן מיר פרעגן, וואָס איז אַזוינס אַ „טיפּ"?

דער 'טיפּ' האָט זיך געשיידט מיט דער השגה פון געבורט. ער האָט קיין שייכות ניט צום אָפּשטאַם. ער איז אַרויס פון די ביאָלאָגישע ראַמען. זיינע פּרעראָגאַטיוון, זיינע פּריווילעגיעס טראָגט ער מיט זיך. זיינע 'גיטער' זיינען ניט אָביעקטיוויזירט. זיי זיינען ניט דעפּערסאָנאַ־ליזירט. זיי זיינען ניט אָפּגעשיידט פון אים. מחמת אויף אַט־דער שטופע פון אנטוויקלונג ווערט גרויס חשיבות צוגעשריבן ניט צו די קעגנ־שטאַנדן וועלכע זיינען שוין געשאַפן געוואָרן, נייערט צו דעם פּראָצעס פון שאַפן. ניט דאָס 'זיין', נייערט דאָס 'ווערן' פאַרנעמט דעם אויבנאַן, די מזרח־וואַנט. אייגער קען קריגן בירושה רייכטום, עשירות, ד. ה. קריסטאַליזירטן, פאַרגליווערטן אנשטרענג. ער קען אָבער בשום אופן ניט קריגן — סאָציאַל־יורידיש — אַלס אַן אַרב־געשאנק דעם פּראָצעס פון אויפטוערישקייט, אונטערנעמערישקייט, אַ פּראָצעס וועלכער האַלט כסדר אין פליסן, באַוועגן זיך, תמיד באַנייען זיך, אָנהייבנדיק פון בראשית.

אלדזשערנאָן סידניי אין זיין ווערק „דיסקורסיעס וועגן רעגירונג" שרייבט:

„און דאָס וואָלט זיין ניט נאָר אַן אָפּווייך פון שכל־הישר, נייערט אַן עכסט ווילדער פאַרפאַלענער שיגעון פאַר אַ קאָמפּאַניע וואָס פאָרט קיין אינדיע, איבערצוגעבן די לייטונג פון שיף צו דעם זון פון דעם בעסטן נאַוויגאַטאָר אין דער וועלט, אויב דער 'קדיש' פאַרמאָגט ניט די געשיקטקייט וועלכע פאָדערט זיך פאַר אַזאַ באַשעפטיקונג." 16)

קענטעניש, ווירטואָזיטעטן, מומחה׳שאַפטן גייען ניט איבער בירושה. דאָס אייגענע די קענטעניש צו אָרגאַניזירן, דער טאַלאַנט פאַר אָרגאַ־ניזאַטאָרישער טעטיקייט.

אָרגאַניזאַטאָרישקייט איז פאַרפונדעוועט אין דער פּערזענלעכקייט. עס איז אַ כּשרון, אַ פיִאיקייט, וועלכע איז ניט אָביעקטיוויזירט. קיינער קען זי, דעריבער, ניט איבערגעבן בירושה אַלס אַ נחלה. קוואַליפיקאַ־ציעס, באַגאַבטקייטן, ספּעציפיקאַציעס און כּשרונות זיינען אָרגאַניש צונויפגעקניפּט מיט זייערע טרעגער. אָרגאַניזאַטאָרישקייט, אין דער מאָס אין וועלכער זי באַהויפּט זיך דינאַמיש, איז ריין סוביעקטיוו, דאָס מיינט אומלייזמאַכבאַר פאַרבונדן מיט דער געגעבענער פּערזאָן. דאָס איז אַ ספּעציעלע באַשאַנקענקייט, אַ ספּעציעלע אייגנשאַפט. די מעטאָדן, אופנים פון אָפּעראַציע, וועלכע ווערן דערפונדן און אָנגעווענדט פון די אָרגאַניזאַטאָרן, זיי ווערן אַ קנין הרבים און ווערן אָוועקגעלייגט אויף שמירה אין דער שאַצקאַמער וואו אַלדאָס מענטשלעכע וויסן, מלאכות, קונסטן ווערן געהיט. אָבער די ספּעציעלע געשיקטקייט ווי אָנצוּווענדן אָט־די מעטאָדן גלעלונגענערהייט, אָדער, נאָך מער, די פּאָטענציעלע פיִאיקייט צו מאָדיפיצירן די אַלע שטייגערס און אופנים, אָדער אַנטדעקן נייע, וועלכע זאָלן זיין בעסער צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן, אָט־דער כּשרון איז פאַרקערפּערט אין אַ געגעבענער פּערזאָן, און ער איז אומאָפּטיילבאַר. ערבלעכקייט־רעכט איז דאָ גאָר ניט שייך.

אין אַלטערטום, וועלכע האָט ניט געוואוסט פון דער אינסטיטוציע פון פּאַטענטן, פלעגט דער בעל־מלאכה דערפינדער היטן די סעקרעטן פון זיין פאַך, — די אויפטואונגען, די חידושים, די אַרבעט־פאַרשפּאַ־רונגען און מלאכה־אויסבעסערונגען, זייערע קפיצות־הדרכ׳ס, וועלכע ער האָט אַנטדעקט, — דורך דעם וואָס ער פלעגט זיי האַלטן גוט פאַרבאַ־האַלטן אין דער קענטעניש פון זיין אייגן קרייז און פון זיין אייגענער פאַמיליע, קאַסטע אָדער שבט. דאָס זיינען געווען די עזאָטערישע מיסטע־ריעס צו וועלכע קיין חוץ׳ניק האָט ניט געהאַט קיין צוטרעט.

דייוויד א. וועלס שרייבט:

„יעדער פאַך איז געווען ווי־געהעריק אַרומגעצוימט מיט סעקרעטן, און די פּשוט׳סטע מלאכה האָט געהייסן, אויף דער שפּראַך פון די לערנ־יינגלעך אָפּמאַכונגען, ׳אַ קונסט פון מיסטעריע׳.״ 17)

אין גמרא יומא לייענען מיר:

„זיי פון דעם הויז פון גרמא האָבן ניט געלערנט ווי צו באַקן דעם לחם־הפּנים. זיי פון דעם הויז פון אבטינס האָבן ניט געלערנט ווי צו מאַכן קטורת. הוגרס דער זון פון לוי האָט געקענט אַ ספּעציעלע קונסט

פון זינגען, אָבער ער האָט עס קיינעם ניט געוואָלט אויסלערנען. דער זון פון קמצר האָט ניט געוואָלט אויסלערנען די קונסט פון שרייבן.״ 18)

דער גייסטלעכער שטאַנד איז געפורעמט לויט דעם קאַסטע מוסטער. און דער „טיפ״ האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט פון פריסטערטום. בשעת דער העכערער קלאַס איז געשטאַלטעט, אין געוויסע פּרטים, נאָך דער גלייכעניש פון דעם שטאַנד, טראָגט דער טיפ אַ סימילאַריטעט צו דעם הייליקן אָרדן. ער איז אַ פּסיכאָ־סאָציאַלע פאָרמאַציע. דער טיפ איז אינדיווידואַליסטיש און קאָרפּאָראַציאָנעל, אָבער באַין־אופן ניט ׳פאַמי־לאַריסטיש׳.

בכדי צו באַשרייבן ווי־געהעריק די פּאָזיציע און כאַראַקטער פון אַ סאָציאָלאָגישער איינהייט דאַרפן מיר זי באַטראַכטן פון צוויי פונקטן: 1) די פאַרהעלטנישן וועלכע עקזיסטירן צווישן די מיטגלידער פון דער געגעבענער פאָרמאַציע גענומען אין אַן איינצייטיקער פלאַך; 2) די פאַרהעלטנישן וועלכע ווערן געשפּונען צווישן די דורות, די פאָרויס־גייער און נאָכגייער, מיט אַנדערע ווערטער, די קאָנטאַקטן וועלכע ווערן עטאַבלירט צווישן די גענעראַציעס. דער מאָדוס פון די דאָזיקע צוויי־פאַכיקע רעלאַציעס וועט וואַרפן ליכט אויף דעם עצם מהות פון דעם געגעבענעם אַגרעגאַט.

איצט, ווען מיר אונטערזוכן דעם „טיפ״ פון אַט־דעם ווינקל, באַ־אָבאַכטן מיר, צוערשט, אַז ער איז געבויט יעראַרכיש. ער ווייזט אַרויס אַ פונקציאָנירונג, צו אַ געוויסער מאָס, פון אַ סאָציאַלן מעכאַניזם, וועל־כער אָפּערירט אויף דעם יסוד פון אַרבעט־צעטיילונג, וועלכע ווערט אָנגעווענדט צו זיינע קאָנסטיטואירנדיקע טיילן. ער דולדעט ניט קיין שום ׳אַנאַרכיע׳ וועלכע ווערט פאַראורזאַכט פון פּאַראַלעליזם אָדער דופּליקאַציע. בקיצור, ער דערלויבט ניט קיין קאָנקורענץ איז זיינע אייגענע רייען.

וואו געפינען מיר אַט־דעם „טיפ״ אַלס אַ הערשנדיקע גרופּע? דערווייל בלויז אין רוסלאַנד, אין פולער מאָס, אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע, אין אַ ניט־פולער מאָס. באָלשעוויזם, פאַשיזם און נאַציזם זיינען, סאָציאָלאָגיש אויפגעפאַסט, די אידעאָלאָגיע און באַוועגונג פון איין און דעם זעלביקן אויפקומענדיקן „טיפ״.

בנוגע סאָוויעט־רוסלאַנד ברענגט דוראַנטע אַרויס אַזאַ געדאַנק:

„דאָ האָבן די רוסן אַרויסגעבראַכט דעם חילוק צווישן קלאַס און ראַנג. זיי גיבן צו גאַנץ גערן, אַז עס זיינען פאַראַן דיפערענצן פון ראַנג אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד; זיי זאָגן אָבער, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך, ווייל עס מוזן זיין די יעניקע וועלכע פירן און די יעניקע וועלכע גייען

נאָך. אָט־די דיפערענץ, אגב, צווישן ראַנג און קלאַס באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער ווערט דערוואָרבן דורך אָנשטרענג און פליים, בשעת דער לעצטער קען ווערן באַשריבן אַלס ערבלעך אָדער אַלס אַ פאַר'תמיד'יקטער ראַנג."19)

דער טערמין 'ראַנג' וועלכן דוראַנטע געברויכט אין דער געבראַכטער ציטאַטע דערקלערט אונדז דעם ענין זייער ווייניק, פּאַרקערט, עס פאַר־ווירט נאָך. „ראַנג' ווייזט אָן אויף אַ 'העכער' און 'נידעריקער' וואָס עקזיסטירט צווישן די מיטגלידער פון דעם אייגענעם טיפּ. די 'קאָמי־סאַרן' ווערן איינגעטיילט אין ראַנגען. דער 'ראַנג' קען ניט באַצייכענען די סאַמע פאָרמאַציע פון דעם „טיפּ", דעם פאַקט פון דיסטאַנץ, וועלכע טיילט אָפּ די קאָמיסאַרנשאַפט פון דער איינפאַכער אַרבעטערשאַפט אָדער באַפעלקערונג. אויך דער טערמין 'קלאַס', אין ענגן פשט פון וואָרט, וואָלט זיך ניט אינגאַנצן פּאַסן אַלס אַ באַצייכענונג פון דעם נייעם מין הערשער וועלכע זיינען אויפגעקומען אין דעם גן־עדן פון די סאָוויעטן.

וואָס דוראַנטע ווייזט אָן, נעמלעך, דער אונטערשייד צווישן ערבלעכע פריווילעגיעס און אומערבלעכע, איז טאַקע אַ וויכטיקער שטריך. אָבער די באַהויפּטונג, אַז די אָפּוועזנהייט פון ירושה־איבערגעב קען דינען אַלס אָפּהאַלט פאַר דער פאַרמירונג פון אַ סאָציאַלער דיפערענציאַציע, וועלכע איז פיל שטייפער ווי בלויז אַ 'ראַנג', ווי דהיינו דער קאָמיסאַרן־שטאַנד, אָדער אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ — אַזאַ באַהויפּטונג איז לחלוטין גרונטלאָז. די בלויזע אָפּוועזנהייט פון ירושה־רעכט קען בשום־אופן ניט דינען אַלס אַ גאַראַנטיע קעגען דער אויפריכטונג פון אַ פּריווילעגירטער קאָרפּאָראַציע. עס זיינען דאָ דאַטן צו באַשטעטיקן אַ פאַרקערטן טעזיס. מיר האָבן עס אַרומגערעדט אין דעם פאַרדעמדיקן קאַפּיטל.

בלויז אומאָפּהעניקע איינסן זיינען קאַפּאַבל צו קאָנקורירן, ריוואַלירן איינער מיט דעם אַנדערן. די „טיפּן"־פאָרמאַציע איז שטייף־צונויפגע־קנאַטן, סיסטעמאַטיש צונויפגעבונדן. די עלעמענטן וועלכע גייען אַריין אין אָט־דעם קערפּערשאַפט־געבוי זיינען שטרענג דיסציפּלינירט, אַרבעטן לויט אַ פאַרויסדורכגעטראַכטן פּלאַן. אַ „טיפּ" איז, אַזוי צו זאָגן, 'אָרגאַ־ניש' געבויט. דאָס מיינט צו באַהויפּטן אַז דער „טיפּ" פאַראַנשטאַלט אַ שטרענג מעטאָדישע קאָאָרדינאַציע צווישן זיינע מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אין רוים, אין קאָ־עקזיסטענץ, אין מיט־פונקציאָ־נירונג. אָבער די פאַרבינדונג וועלכע פאַרנעמט זיך מיטן נאָכפאָלג פון די דורות איז אינגאַנצן אָפּוועזנד, אויף וויפל זי האָט צו טאָן מיטן יחיד. קיין שום באַוואָרעניש איז ניט געמאַכט פאַר דעם המשך איבער די ביאָלאָגישע ליניעס פון אָפּשטאַם. דער זון, אין פאַל ער באַלאַנגט

צו דעם זעלביקן ׳טיפ׳ ווי זיין פאָטער, דאַרף רעאַליזירן זיין אַפּיליאַציע ניט אַלס רעזולטאַט פון בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, נייערט אויף דעם סמך פון פּערזענלעכע פאַרדינסטן. ער וועט דאַרפן עטאַבלירן זיין ראַנג אין דעם ׳טיפ׳ לויט זיינע קוואַליפיקאַציעס, אויב זיין פאָטער העלפט אים ניט צו, אָדער דער ׳אַלטער׳ איז שוין אויף דעם עולם־האמת.

דער אינדיווידועלער מיטגליד פון דעם „טיפ" אַלס אַזעלכער, ריידנ־דיק סאָציאָלאָגיש, פּאָליטיש־עקאָנאָמיש, האָט ניט קיין נאָכקומענשאַפט. קרובה׳שאַפט האָט גאָרניט צו טאָן מיטן „טיפ". בשעת דער קלאַס, אין די גבולים פון דער פאַמיליע, איז געקייטלט דורך ירושה־רינגלעך, דורך דער ׳שלשלת־היוחסין׳, אין דעם עקאָנאָמישן טייטש פון וואָרט, אַן איבערגעב הן פון עשירות און הן פון דלות. פון דער צווייטער זייט, איז אַ קלאַס אינגאַנצן פריי פון דעם יעראַרכיע־פּרינציפּ. זיינע יחידים זיינען ניט אַריינגעמויערט אין אַ גוט־קאָנסטרוקטירטן בנין. אַ קלאַס באַשטייט פון עלעמענטן וועלכע באַקעמפן איינער דעם אַנדערן. וואָס איז שייך די רוים־דימענזיעס פון אַ קלאַס קען מען זאָגן אַז זיי גלאַנצן מיט זייער ניט פאַראַנענקייט. אין קאָמפּענסאַציע פאַר אָט־דעם חסרון ווייזט דער קלאַס אַרויס אַ שטאַרקע טענדענץ צו אַ צונויפקלעפּונג אין צייט. אין דעם איבערגאַנג פון דור צו דור פילט מען דעם קלאַפּנדיקן פּולס פון אַ קלאַס. דאָס איז זיין שטאַרקער פּונקט. דער זון גייט אין די פוס־טריט פון זיין טאַטן, ווען־מענס שפּורן זיינען קענטיק אויף די גאָלדענע זאַמדן פון עקאָנאָמישן וועג.

דער ׳טיפ׳ איז אַנדערש. דער איינציקער מיטגליד זיינער איז סיי קאָרפּאָראַציאָנעל און סיי אינדיווידואַליסטיש: סאָציאַל־קאָרפּאָראַ־ציאָנעל בנוגע קאָעקזיסטענץ, אינדיווידואַליסטיש־פּערזענלעך בנוגע נאָכפאָלגערשאַפט. אַ מיטגליד פון אַ קלאַס איז פּאַרטיקולאַריסטיש בנוגע זיין קאָעקזיסטענץ, אין דער שייכות צו די איבעריקע מיטגלידער, זיינע צייט־חברים, ער איז ׳פאַמיליאַריסטיש׳ אין באַצוג צו די יעניקע וועלכע פאָלגן אים נאָך ביאָלאָגיש דורך אָפּשטאַם. אַ מיטגליד פון אַ טיפּ איז יעראַרכיש בנוגע די יעניקע וועלכע עקזיסטירן מיט אים אין זעלביקן צייט־אָפּשניט און ער שטייט אינגאַנצן אַליין, פּאַרטיקולאַריסטיש אין באַציאונג צו די יעניקע וועלכע וועלן אים נאָכפאָלגן ביאָלאָגיש דורך אָפּשטאַם.

מיר ריידן די גאַנצע צייט אויסשליסלעך פון שטאַנדפּונקט פון עקאָ־נאָמיע, פּאָליטיק און יוריספּרודענץ. מיר לאָזן אויסן, מחוץ לחשבון, די מענטשלעכע סענטימענטן, פאָטערלעכע שוואַכקייטן, פאַטערנאַליסטישע צוגעבונדנקייטן און פאַוואָריטיזמען.

נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט, איז גרינג צו זען,ערשטנס, אַז אַ טיפּ אונטערשיידט זיך פון אַ קלאַס אין פילע הינזיכטן; צווייטנס, אַז אַט־די אַלע פאָרמאַציעס, וועלכע מיר האָבן באַאָבאַכט און אַביסל באַלויכטן, ציִיגן אַרויס אַ דעפיניטיווע נייגונג אין איין ריכטונג, און דאָס איז צו קלעטערן אַרויפצו, ניט אַראָפּצו, אויף די שטאַפּלען פון לייטער פון געמיינשאַפט־בוימייסטעריי. זיי ווייזן קלאָר אַרויס אַ פאַרטיפונג, ניט אַ פאַרפלאַכונג פון דער סאָציאַלער סטראַטיפיקאַציע. און איך, באַמיענדיק זיך צו זיין פיל־מעגלעך עקסאַקט אין מיינע אויסדרוקן, האָב ניט געוואָלט געברויכן דעם טערמין ‚קלאַס‘ בכדי צו באַצייכענען מיט אים די נייע אויפקומענדיקע סאָציאַלע פאָרמאַציע, וועלכע לאָזט זיך אַנטאַפּן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, פאַשיסטישער איטאַליע און נאַצי־דייטשלאַנד. איך האָב אַריינגעפירט, געווען געצוואונגען עס צו טאָן, אַ נייעם טערמין — „טיפּ".

אָבער עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז סיי אין טאָג־טעגלעכן געשפּרעך און סיי אין אַ וויסנשאַפטלעכער אָפּהאַנדלונג קען מען מיט גרויס באַקוועמלעכקייט געברויכן דעם טערמין „קלאַס" און באַצייכענען מיט אים יעטווידע סאָציאַלע דיפערענציאַציע. הגם דער נייער טערמין גיט מער באַקוועמע פּינקטלעכקייט אפילו דעמאָלט ווען מ׳וואָלט אים נעמען אַלס באַשרייבער פון דער סאָציאַלער סטראַטיפיקאַציע בכלל. ווייל דער חילוק, וועלכער ווערט אויסגעדריקט אין דער פונדאַמענטאַלער פאַנאַנדערשפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט און איר צעפאַלן־ווערן אויף צוויי הויפּט־טיפּן, אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע, ליגט זייער טיף איינ־געגראָבן אין דעם באָדן פון סאָציאָלאָגיע, און מ׳קען אים נאָכשפּירן דורך דער גאַנצער לייִנג און ברייט פון דער סאָציאַלער סטרוקטור ביז צו די סאַמע אָנפאַנגערישע גראַדאַציעס.

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" געברויכט דאָס וואָרט ‚קלאַס‘ (אין זיין באַוואוסטן זאַץ „די געשיכטע פון דער ביז־אַהער עקזיסטירנ־דיקער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף"), ניט אין דעם ספּעציפיש־היסטאָרישן טייטש פון וואָרט „קלאַס", נייערט אין ברייטן אַלגעמיינעם פּשט פון אַ סאָציאַלער דיפערענציאַציע.

דער וואָרט „קלאַס" האָט צוויי טייטשן, אַ איינגערן און אַ ברייטערן. דער איינגער טייטש ציִיגט אָן אויף דעם אונטערשייד צווישן קלאַס, קאַסטע און שטאַנד. דער ברייטער טייטש נעמט זיי אַלעמען אַריין און באַצייכנט זיי מיט איין טערמין, איז כולל אַלע צעטיילונגען פון דער געזעלשאַפט אויף העכערע און נידעריקערע שיכטן און פלאַסטן. אַ קלאַס אין איינגן טייטש פון וואָרט באַצייכנט אַן אָרדן פון אינדיווידן, וועלכע

פאַרנעמען אַ באַזונדערע פּאָזיציע אין דער פּראָדוקציע פון סחורות און אין דער דיסטריבוציע פון פּראָדוקטן, אַ פּאָזיציע וועלכע האַלט זיך אויף פּאַקטישע פאַרהעלטענישן און אונטערשייד פון יורידישע. דער ברייטער טייטש פון וואָרט ,קלאַס', נעמט אַרום יעדע איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט, וועלכע פירט צו קנאה־שנאה, האַס און צוזאַמענשטויסן, אויף איין זייט, און צו בשותפות'דיקער מיטאַרבעטונג, קאָלאַבאָראַציע, אויף דער צווייטער זייט.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע דעם טערמין „טיפּ". ער האָט צוויי פּשטים, אַן איינגן און ברייטן. דעם איינגן טייטש האָבן מיר אַרויסגעבראַכט אין אַט־דעם קאַפּיטל. אין ברייטן פּשט באַצייכנט דער „טיפּ" יעדע יעראַרכיזאַציע, יעדע צעשפּאַלטונג, וואו עס מערקט זיך אַ פירערשאַפט און נאָכפאָלגערשאַפט.

און מ'מעג געברויכן דעם טערמין ,טיפּ' אין ברייטן מיין פון וואָרט. נאָך מער, וואָס, לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך, איז דער אָרגאַניזאַטאָרישער פּרינציפּ דער הויפּט־גורם און הויפּט־אויפטוער אין אַלע סאָציאַלע סטראַטיפיקאַציעס הן אין דער פאַרגאַנגנהייט, הן אין דער קעגנוואַרט און הן, פאַר אַ היפּשן פּעריאָד, אין דער צוקונפט. אַמאָל מאַניפעסטירט ער זיך אָפן, אַמאָל איז ער פאַרהוילן. אָבער ער איז תמיד דאָ און לאָזט זיך פילן אַלס דער ווירקזאַמסטער כוח סיי אין דער סטרוקטור־אויפריכטונג און סיי אין דער פונקציעס־אויספילונג פון דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם אָדער מעכאַניזם.

V

אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע

*עס וואָלט זיכער ניט זיין אויסערן פּלאַץ גלייך ביי דעם אָנהייב פון אַט־דעם קאַפּיטל אָנצוצייגן אַז דער וואָרט 'אָרגאַניזאַטאָר' איז שוין אַ שטיקל זקן. סען־סימאָן (1760—1825), — דער באַרימטער באַגרינדער פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם, דער הויפּט פון דער אַזוי גערופענער אוטאָ־פּיסטישער שול אין סאָציאַליסטישן געדאַנק — אין קאָאָפּעראַציע מיט זיינע תלמידים אויגוסטין טהיערריי און אויגוסט קאָנט, האָט אַרויסגעגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט וועלכע האָט געטראָגן דעם הויכן נאָמען 'אָרגאַניזאַטאָר' (1819). לוירענט האָט דערנאָך באַנייט (1829—1831) די זעלביקע אויסגאַבע. אַט־דער וואָרט 'אָרגאַניזאַטאָר', אַלס נאָמען פון דעם געגעבענעם זשורנאַל, ווייזט אָן קלאָר, אַז דער אמת׳ער צוועק פון סאָציאַליזם, ווי סען־סימאָן און זיינע נאָכפאָלגער האָבן אים אויפגעפאַסט, איז געווען צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט. און בשעת אַט־די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט ווערט געטאָן, גיב איך צו, איז דער תכלית פון סאָציאַליזם אַרויסצורופן צום לעבן אַ נייעם קלאַס — ריכטיקער, אַ טיפּ, ווי איך רוף אַט־די פאַרמאַציע — וועמענס עובדא איז אויפצופאַסן אויף די דריי סאָציאַלע מעכאַניזמען, דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן, און זען, אַז זיי זאָלן פונקציאָנירן ווי־געהעריק.

מיר וועלן געבן דאָס וואָרט דעם סען־סימאָניזם און ער וועט אונדז זאָגן אין זיינע אייגענע ווערטער, ווי ער פאַסט אויף דאָס קלאַסן־פּראָבלעם.

„די מענטשהייט גייט צו אַ נייער טעאָקראַטיע." 1)

„די געזעלשאַפט דאַרף, בכן, צעטיילט ווערן אויף דריי קלאַסן . . . בשעת סיי איבער דעם פאָלק און סיי איבער די וועלטלעכע הערשער וועט אויסאיבן אויבערקאָנטראָל די גייסטיקע מאַכט אָדער די פיזיציס־

---

*) איך וואָלט אָן עצה געבן דעם לייענער זיך צו באַקענען מיט דעם קאַפּיטל "דער 'ערשטער חטא' אין סאָציאָלאָגיע" אין מיין ווערק „די פרוי און די ביבל", זז. 127־152, 1939, ניו־יאָרק.

טישע גייסטלעכע." 2) פּראָדוקציע וועט ווערן דירעקטירט . . . פון אַ ספּעציעלער אינסטיטוציע. דער קאָנטראָל צענטראַל־קאָמיטעט וועט זי רעגולירן." 3)

דער סען־סימאָניזם, הגם פאַרשריען פאַר 'אוטאָפּיסטיש', האָט גערעדט גאַנץ קלאָרע, שוין גאָר ניט קיין 'אוטאָפּיסטישע' דיבורים וועגן דער קלאַסן־סטרוקטור, וועלכע וועט אויפגעריכט ווערן אונטער דעם סאָציאַ־ליזם און לשם דעם איינפיר פון סאָציאַליזם.

דער אמת איז אַז מ'קען גאָרניט געפינען אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישן אָדער אַ סאָציאַלן דענקער בכלל, פון וועלכער עס איז קאָנסעקווענץ, וואָס זאָל ניט האָבן געוואוסט פון דעם פאַקט, אַז אַט־דער טיף פון אָרגאַניזאַטאָרן, אין אַן אַנפּאַנגלעכער פאָרם, עקזיסטירט, פונקציאָנירט און שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אויף דער וויכטיקייט פון אָרגאַניזאַציע בכלל אין דער ספערע הן פון קאָסמישע דערשיינונגען און פּראָצעסן און הן פון מענטשלעכע פּליי־סונגען, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע אַריינגערעכנט, האָט אָנגעצייגט, — און זיך שטאַרק פאַרברייטערט מכוח דעם, — הערבערט ספּענסער. ער האָט אָנגעווענדט אַט־דעם אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ צו וויסעניש איבאַלגע־מיין. ער האָט דעפינירט פילאָזאָפיע אַלס אַ הויך־אָרגאַניזירטע דיס־ציפּלין און וויסנשאַפט אַלס אַ טיילוויז אָרגאַניזירטע.

זאָל ער עס זאָגן דאָ אין זיין אייגענעם לשון:

„וויסעניש פון דעם נידעריקן סאָרט איז אומפאַראייניקט וויסן; וויסנשאַפט איז טיילוויז פאַראייניקט וויסן; פילאָזאָפיע איז אינגאַנצן פאַראייניקט וויסעניש." 4)

וואָס מיינט 'פאַראייניקט'? עס מיינט אָרגאַניזירט, ווי ער אַליין פאַרטייטשט עס:

„ווען מיר זאָגן אַז וויסנשאַפט איז אָרגאַניזירטע וויסעניש, באַגע־גענען מיר דעם אמת אַז אַלדאָס וויסן איז אָרגאַניזירט אין אַ העכערער אָדער נידעריקער מדרגה." 5)

אין זיין ווערק „דערציאונג" (1861) רעקאָמענדירט ספּענסער ניט די מעכאַנישע אַקומולאַציע פון פאַקטן, נייערט די אָרגאַנישע קאָנסטרוקציע פון דאַטן, אַזוי אַז פון שטיקלעך און ברעקלעך פון וויסעניש זאָל זיך שאַפן אַ גאַנצקייט, אַ איינהייט. דעם אייגענעם געדאַנק חזר'ט ער איבער און אונטערשטרייכט אין זיינע פילע עסייען (1858—1885) ווי אויך אין זיין „סאָציאַלע סטאַטיק" (1850). אין זיינע „ערשטע פּרינציפּן" מאַכט ער אַ פאַרזוך צו דערקלערן דורך אַט־דעם אָרגאַניזאַציע־אַגענט די אַנט־וויקלונג פון דער אָרגאַנישער, ניט־אָרגאַנישער און אויבער־אָרגאַנישער

נאַטור. ער דערקלערט דעם אָרגאַניזאַטאָרישן פּרינציפּ פאַר דעם הויפּט־פאַקטאָר פון פּראָגרעס.

אויך הערבאַרט (1776—1841), דער דייטשער פילאָזאָף און פּעדאַגאָג, פאַרדינט מ׳זאָל אים דערמאָנען אין פאַרבינדונג מיט אָט־דער טעמע. זיין דאָקטרינע מכּוח די אַפּערצעפּטיווע מאַסן 6) איז באמת אַ לערע מכּוח די אָרגאַניזירנדיקע עלעמענטן, וועלכע מאַכן זיך ווירקזאַם אין אונדזערע פּסיכאָלאָגישע אַקטיוויטעטן.

„אין דער אַקציע פון יעטווידער אַפּערצעפּטירנדיקער מאַסע . . . געפינען מיר אַ ביישפּיל פון אָרגאַניזאַציע אַלס קעגנזאַץ צו אַסאָצי־אַציע.” 7)

אין וואָס באַשטייט דער קעגנזאַץ? אין דעם: אַסאָציאַציע טיילט ניט אַרויס קיין שטענדיקע אָרגאַניזירער, בשעת אָרגאַניזאַציע טיילט אין דעם אַגרעגאַט אין צוויי אומגלייכע חלקים, אָרגאַניזירער און אָרגאַני־זירטע.

אויך דער באַרימטער פילאָזאָף דייוויד יוהם (1711—1776) אין זיין טעאָריע פון „אידייען־אַסאָציאַציעס” וואַרפט ליכט אויף דעם אָרגאַניזאַ־ציאָנעלן פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין אונדזער פּסיכיק.

מיר וועלן זיכער ניט פאַרפעלן צו דערמאָנען דעם רוסישן עקאָ־נאָמיסט און פילאָזאָף א. א. באָגדאַנאָוו. ער האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט דעם אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ און געשאַפן אַ גאַנצע סיסטעם. ער דעפי־נירט פּראָגרעס אַלס אַ פּראָצעס, וועלכער באַשטייט פון גראַדועלע איבער־גאַנגען פון דאָס כאַאָטישע צו דאָס סיסטעמאַטישע, פון דעם ווייניקער אָרגאַניזירטן צו דעם מער און בעסער אָרגאַניזירטן. ער ווענדט אָן דעם פּרינציפּ, נאָכפאָלגנדיק ספּעצנסערן, צו קולטורעלע אַזוי גוט ווי צו פיזיקאַלע דערשיינונגען. הגם זיין הויפּט געדאַנק איז ווייט ניט אָריגינעל, האָט ער אָבער געשטעלט דעם טראָפּ אַזוי פעסט אויף דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן עלעמענט, ווי קיינער פאַר אים.

מיר וועלן אים לאָזן זיך אויסערן אין קורצע סענטענצן:

„אַלע אינטערעסן פון דער מענטשהייט זיינען פון אַן אָרגאַניזאַצי־אָנעלן כאַראַקטער, היוצא, קען ניט זיין און עס דאַרף ניט זיין קיין אַנדער שטאַנדפּונקט בנוגע לעבן אין דער וועלט.”9)

און עס איז גאַנץ נאַטירלעך וואָס אין זיין „קורס פון דער עקאָ־נאָמישער וויסנשאַפט” האָט ער אָנגעוויזן אויף דער ראָלע, וועלכע דער אָרגאַניזירער שפּילט אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע און דיסטרי־בוציע. אָט וואָס ער זאָגט: „די פונקציע פון דעם פּראָדוקציע־אָרגאַ־ניזירער איז געווען אַ ספּעציעלע פונקציע און זי האָט באַלאַנגט צו אים

אַליין." 10) „די אנטוויקלונג פון פעאָדאַליזם האָט אַרויסגערוקט דעם הויפּט אַלס דעם אומאָפּהענגיקן און ערבלעכן מיליטערישן אָרגאַניזי־רער." 11) „אַ פולקומענע סיסטעם פון אָרגאַניזירער איז געשאַפן און בראש שטייט דער פּאַטריאַרך." 12)

מיר האָבן געקענט ברענגען דאָ גאַנצע בערג פון ציטאַטן־ראיות בכדי צו באַווייזן, אַז אומגעפער אַלע סאָציאַלע פאָרשער האָבן געהאַט וועלכע עס איז פאָרשטעלונג מכוח דעם, אַז דער אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ האָט עקזיסטירט כמעט פון די ששת ימי בראשית אין סאָציאָלאָגיע. געוויינטלעך האָבן ניט אַלע גלייך פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די חשיבות פון אָט־דער טאַטזאַך. ניט פילע האָבן אויפגעפּאַסט די ראָלע פון אָט־דעם טיפּ אַלס הויפּט־פאַראורזאַכער פון דער צעשפּאַלטונג פון אונדזער געזעלשאַפט.

מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַ פּאָר ציטאַטן, וועלכע זיינען אונדז געקומען צו האַנט. מיר זיינען ניט בכוח און האָבן גאָר ניט בדעה אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

דזשיימס האררינגטאָן זאָגט:

„...אויב אַ מאַן אָדער אַן אַרמיי האַלטן אָפּ אַ זיג אָדער שאַפן אַן אימפּעריע, איז עס מער צוליב זייער דיסציפּלין . . . ווי מחמת זייער נאַטירלעכן רייכטום, שיינקייט אָדער שטאַרקייט." 13)

דיסציפּלין מיינט דאָ אָרגאַניזאַציע.

רוססאָ זאָגט:

„איך זע אַ בעל־חי (מענטש), ער איז ניט אַזוי שטאַרק ווי אייניקע און וויניקער אַקטיוו פון אַנדערע, אָבער אַלס אַ גאַנצער איז ער אַ סך בעסער אָרגאַניזירט ווי ווער עס איז." 14) רוססאָ באַגרייפט אַז זיין טריאומף האָט דער מענטש צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס ער איז בעסער אָרגאַניזירט פון די איבעריקע באַשעפענישן.

אָוען, דער ענגלישער פאָטער פון 'אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם', זעט די צוקונפט, דעם איבערגאַנג צו סאָציאַליזם אַלס „דער בייט פון דער אומאָרגאַניזירטער . . . קעגנוואַרט צו דער . . . אָרגאַניזירטער צוקונפט." 15)

הענרי יוז איז אַן אַמעריקאַנער, כמעט פאַרגעסענער סאָציאָלאָג, פאַרגעסן דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ רעאַקציאָנער און האָט זיך איינגעשטעלט פאַר שקלאַפעריי אין זיין קאַמף קעגן דער „שקלאַפישער פרייהייט", וועלכע דער צפון האָט געוואָלט איינפירן. ער איז געווען אַ 'רעאַקציאָנער', אָבער, אפשר, אַ דאַנק זיין רעאַקציאָנערישקייט האָט ער טיפער, ווי ווער אַן אַנדערער, אויפגעפּאַסט דעם עצם מהות פון דער געזעלאַפט־צעשפּאַלטונג.

„סיסטעמען שטעלן צוזאַמען אַן אָרגאַניזאַציע . . . אין יעדער אָרדע־נונג איז פאַראַן אַן איבער אָרדענער." 16) „אַ געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזאַציע." 17) „אָרדענונג איז די עסענץ פון אַן אָרגאַניזאַציע. אין יעדער געזעלשאַפט מוזן זיין אָרדענירער און אָרדענירטע." 18)

ער שאַפט אַ באַרבאַריש וואָרט, אָבער ער דריקט אויס אַ זייער וויכטיקן געדאַנק, אַ פונדאַמענטאַלן געדאַנק.

קאריי אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאַלער וויסנשאַפט", דער־שינען אין 1867, שרייבט:

„די סובאָרדינאַציע פון טיילן צייגט אַן אויף אַ העכער דרגא פון אָרגאַניזאַציע." 19) דורך דער גאַנצער נאַטור זעען מיר, אַז וואָס פּער־פעקטער די אָרגאַניזאַציע . . . אַלץ מער אַבסאָלוט איז די סובאָרדי־נאַציע . . . אַזוי איז עס אויך אין דער געזעלשאַפט." 20)

אַט־וואָס פּרודאָן זאָגט מכוח דעם ענין אָרגאַניזאַציע און סאָציאַ־ליזם:

„אַזוי ווי יוחנן דער טויפער האָט געדרשנט אין דער ווילדערניש, 'טוט תשובה', אַט אַזוי גייען אַרום די סאָציאַליסטן און פּראָקלאַמירן אומעטום אַט־די נייס, וועלכע איז אַלט ווי די וועלט, 'אָרגאַניזירט אַרבעט'." 21)

ספּענסער אין זיין ווערק „פּרינציפּן פון סאָציאָלאָגיע" שרייבט:

„דער בלויזער געזאַמל פון אינדיווידן אין אַ גרופּע קאָנסטיטואירט נאָך ניט קיין געזעלשאַפט. אַ געזעלשאַפט אין סאָציאָלאָגישן פּשט איז פאָרמירט בלויז דעמאָלט, ווען זייט־ביי־זייט מיט לעבנאָנאַנדערקייט, איז פאַראַן קאָאָפּעראַציע . . . אָבער קאָאָפּעראַציע ברענגט צו אָרגאַניזאַ־ציע." 22)

בענדזשאַמין קיד אין זיין ווערק „סאָציאַלע עוואָלוציע" שרייבט:

„זיי, וועלכע פּראָפיטירן פון דעם, זיינען די אָרגאַניזירער, וועלכע האַלטן די מענטשן אין גאַנג." 23)

אַט־וואָס לעסטער פ. וואָרד, דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג, שרייבט:

„דער נאָרמאַלער און נויטווענדיקער פּועל־יוצא פון דעם קאָסמישן געראַנגל איז אָרגאַניזאַציע." 24)

אַ יידישער דענקער וואָלט גערניט זען דעם געראַנגל. ער וואָלט באַאָבאַכטן אַ כסדר'דיקע קאָאָפּעראַציע און אָרגאַניזאַציע אין דעם גאַנצן באַשאַף און באַשטאַנד.

איבערגייענדיק פון קאָסמאָס צו דער געזעלשאַפט זעט ל. פ. וואָרד:

„דער סאָציאַלער מעכאַניזם אַלס אַ גאַנצער קאָנסטיטואירט די סאָציאַלע אָרדענונג. אָרדענונג איז אַ פּראָדוקט פון אָרגאַניזאַציע." 25)

ג. ס. ברעטט אין זיין ווערק „די רעגירונג פון מענטשן״ שרייבט:

„אַלס אַ רעגל איז דאָס לעבן פון אַ קינד ווייניקער אָרגאַניזירט ווי דאָס לעבן פון אַ דערוואַקסענעם, און רייפקייט איז דער פעריאָד פון דער בעסטער אָרגאַניזאַציע.״ 26)

גראַהאַם וואַללאַס אין זיין ווערק „די גרויסע געזעלשאַפט״ שרייבט: „אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין איז בעיקר אַ ווילן־אָרגאַניזאַציע.״ 27) „די גאַנצע לעגיסלאַציע . . . איז . . . אַ טייל פון דער נאַציאָנאַלער געדאַנקען־אָרגאַניזאַציע.״ 28)

דזש. דזש. פינדליי שרייבט: „אין אַ זינען קענען מיר אָנרופן אָרגאַניזאַציע די מאַשינעריע פון קאָרפּאָראַציע־לעבן.״ 29)

פּ. ר. קלאָו שרייבט: „דער סאָציאַלער פאַרשטאַנד איז אַן אַנדער ספּאָנטאַנע אָרגאַניזאַציע־פאָרם.״ 30)

מעקייווער שרייבט: „אָרגאַניזאַציע ווערט דעמאָלט אַנטפּלעקט אַלס . . . די אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשלעכער דעראָבערונג פון דער נאַטור.״ 31) „די געשיכטע פון דעם מענטשן איז איין אַספּעקט פון דער געשיכטע פון אָרגאַניזאַציע־וואוקס.״ 32) דער פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, באַגרענעצן און דירעקטירן די טעטיקייט פון די מיט־גלידער, ווערט אַרויפגעצוואונגען פון די ווילנס, וועלכע שאַפן די אַסאָציאַציע.״ 33)

אַט־וואָס פּ. גידדינגס האָט צו זאָגן מכוח דעם ענין אָרגאַניזאַציע:

„די געזעלשאַפט אָרגאַניזירט זיך פאַר דעם קאָלעקטיוון אָנשטרענג און אויפטו.״ 34) „דער וואָרט ׳געזעלשאַפט׳ מיינט אויך די אינדיווידן . . . וועלכע זיינען פאַראייניקט אָדער אָרגאַניזירט.״ 35) „אָרגאַניזאַציע, אין איר ריי, גיט צו סטאַביליטעט און באַשטימטקייט צו דער סאָציאַלער גרופּע.״ 36) סאָציאַלע סטרוקטור שליסט אַריין ביידע זאַכן, עטנאָגראַפישע גרופּירונג און צוועקמעסיקע אָרגאַניזאַציע.״ 37)

עס איז אינטערעסאַנט צו זען וואָס לענין האָט צו זאָגן מכוח דעם אָרגאַניזאַציע־פּראָבלעם. לענין אַלס דער פירער פון דעם אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ וועט זיכער ניט אונטערשאַצן די וויכטיקייט פון אַט־דער טעטיקייט.

„. . . די אַרבעטער האָבן ניט קיין מורא פאַר אָרגאַניזאַציע . . . דער פּראָלעטאַריאַט סימפּאַטיזירט ניט מיט אַנאַרכיע, און . . . ער שאַצט זייער הויך אָפּ דעם סטימולירנדיקן לאָזונג: ׳אָרגאַניזירט זיך!׳״ 38)

ע. אַרמאַנד שרייבט: „׳אָרגאַניזירט זיך!׳ איז דער גרויסער וואָרט פון דעם סאָציאַליסטישן סיסטעם.״ 39)

דאָס איז דער שם־המפורש פון דעם נייעם אויפקומענדיקן קלאַס. מיט אים וועט ער עס ווייזן די צייכנס און וואונדער. „אָרגאַניזאַציע״ — שרייבט א. ג. וועטהערלי — איז די איינציקע באַדינגונג, אונטער וועלכער דאָס סאָציאַלע לעבן קען עקזיסטירן.״ 40)

ניט נאָר דאָס סאָציאַלע לעבן, דאָס דענקען אפילו קען זיך ניט באַגיין אָן אָרגאַניזאַציע.

טהעאָדאָר ד. לאַגונאַ שרייבט: „פרימיטיווע וויסנשאַפט . . . איז ס׳רוב אַ לייזער פעקל פון דאָגמעס. די היינטיקע וויסנשאַפט איז אָרגאַניזירטע וויסנשאַפט.״ 41)

ט. ר. וויליאַמסאָן שרייבט: „איניקע געזעלשאַפטן זיינען מער קאָמפּליצירט . . . אָבער דער וועזנטלעכער פּרינציפּ איז דער אייגענער, נעמלעך, די אָרגאַניזאַציע פון די אינדיווידן.״ 42)

ע. ר. גראוואוס שרייבט: „דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירן איז געוואָרן אַ היינטצייטיקע נויטווענדיקייט, ווייל בלויז דורך קאָנצענטרירטער אַקציע קען אַ גרופּע אויסדריקן אירע פאַרלאַנגען און באַשיצן אירע אינטערעסן. דער ניט־אָרגאַניזירטער אינדיווידואום איז גאַנץ אָפט אַזוי אומבאַהאָלפן אין אונדזער געזעלשאַפט ווי דער ווילדער וועלכער איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויסן געזעץ.״ 43)

דזש. א. הערטצלער שרייבט: „פרימיטיווע פעלקער האָבן אַמווייניקסטן אַ געוויסע מאָס פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע.״ 44) „וואו נאָר צוויי אָדער דריי מענטשן״ — שרייבט ע. ס. באָגאַרדוס — „קלייבן זיך צונויף פאַר אַ געוויסער צייט, אַנטוויקלט זיך עפּעס אַ מין סאָרט סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע.״ 45) „דער דריילינג״ — שרייבט לעאָפּאָלד פאָן וויעזע — „מאַכט דעם אָנפאַנג פון אָרגאַניזאַציע.״ 46) דאָס מיינט אַז וואו עס זיינען פאַראַן דריי פּערזאָנען, דאָרטן איז שוין פאַראַן דער אָנפאַנג פון אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט.

ס. ה. אַללפּאָרט שרייבט: „קאָאָפּעראַציע, אָרגאַניזאַציע און קאָנטראָל . . . זיינען געוואָרן דער פּאַראָל פון ציוויליזאַציע.״ 49) ראָבערט ה. לאָוי שרייבט: „יעטוועדע מענטשלעכע גרופּע איז אָרגאַניזירט.״ 48) בערנאַרד באָזאַנקוועט אין זיין ווערק „די פילאָזאָפישע טעאָריע פון דעם שטאַט״ שרייבט:

„ובכן האָבן מיר געזען, אַז דער שכל, די געזעלשאַפט און דער שטאַט זיינען אינדענטיש אין זייערע כאַראַקטעריסטיקס מיט דעם וואָס זיי זיינען אָרגאַניזאַציעס . . . און ניט דער שכל און אויך ניט די געמיינשאַפט, אַלס ווירקנדיקע אָרגאַניזאַציעס, קענען דערקלערט ווערן דורך דעם פּרינציפּ פון בלויזער אַסאָציאַציע.״ 49) עס מוז זיין די שפּאַלטונג

צווישן אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטן, בכדי עס זאָלן געשאַפן ווערן אַ פונקציאָנירנדיקע געזעלשאַפט, אַ פונקציאָנירנדיקער פאַרשטאַנד און אַ פונקציאָנירנדיקער שטאַט. מ. ד. וויליאַמס שרייבט: „די פונקציאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון דעם יחיד איז דער שליסל צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט.״ 50) „דער פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע האָט דורכגעדרונגען יעדן צווייג פון מענטשלעכער אַקטיוויטעט.״ 51)

אַט וואָס קויטסקי שרייבט: „איך דערמאָן די טאַקטיקער און אָרגאַניזירער. אַהערצו געהערן ניט נאָר די פּאָליטישע טוער, נאָר אויך די אַרמיי פירער.״ 52)

דער פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַטאָרישקייט דאָמינירט אומעטום, אויף אַלע געביטן.

זשעליעזנאָוו שרייבט: „אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן פון אונדזער צייט באַוויזט זיך דער אונטערנעמער אין דער ראָלע פון דעם פּראָדוקציע־אָרגאַניזירער אויף זיין פאַבריק.״ 53)

די ציטאַטן ווייזן באַשיינפּערלעך אַז דער פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע און די ערשטראַנגיקע חשיבות פון אָרגאַניזאַציע אין דער געזעלשאַפט, אין פּאָליטיק, עקאָנאָמיק און קולטור איז אנדערקענט כמעט פון אַלע סאָציאַלע דענקער. דאָס אַלץ איז געווען און איז גענוג באַוואוסט אַן מיר.

איך וויל בלויז צוגעבן, אַז דער אָרגאַניזאַטאָר, ווען ער וואַקסט אויס און דערגרייכט זיין פולע סטאַטור, קאָנסטיטואירט אַ ספּעציעלן טיפּ אין אונדזער געזעלשאַפט. ער געפינט זיך און זעלבסט־באַשטימט זיך אין סאָציאַלן לעבן, ווען מיר קומען נאָענט צו שטאַט־סאָציאַליזם, אָדער שטאַט־קאַפּיטאַליזם, ווי דהיינו באָלשעוויזם, פאַשיזם אָדער נאַציזם.

אַט וואָס קויטסקי זאָגט אונדז וועגן דער ראָלע וואָס אָרגאַניזאַציע וועט שפּילן אונטער דעם סאָציאַליסטישן רעזשים:

„דאָס פּראָבלעם וואָס מיר דאַרפן לייזן שיקט פאָרויס אינטעליגענץ, דיסציפּלין און טאַלאַנט פאַר אָרגאַניזאַציע. אַט־די זיינען די פּסיכאָלאָגישע יסודות פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.״ 54) „סאָציאַליזם באַצוועקט ניט בלויז קאָלעקטיווע אַפּראָפּריאַציע, נייערט אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט וועלכע איז וועזנטלעך פאַרשידן פון דער, וועלכע עקזיסטירט היינט־צו־טאָג.״ 55)

אַט וואָס עמיל וואַנדערוועלדע האָט צו זאָגן מכוח אַזאַ וויכטיקן פּראָבלעם, ווי אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און אַרבעטער זיכער איז:

„אָרגאַניזאַציע איז דער אינסטרומענט דורך וועלכן דער אַרבעטער וועט זיך עמאַנציפּירן.״ 56)

ראַבערט בלעטשפאַרד, אַן אַלטער ענגלישער סאָציאַליסט, שרייבט:
„ווען אייער עולם וועט פאַרשטיין סאָציאַליזם און וועט וועלן עס איינ־פירן, וועט ניט זיין קיין שוועריקייט מיט פּלענער. איר דאַרפט בלויז שאַפן אַ קאָמיטעט פון אַ צאָל פון אייערע קליגסטע אָרגאַניזירער און אַדמיניסטראַטאָרן, און זאָלן זיי פאָרמולירן די סכעמע.״ 57) „די שווער־סטע און גרעסטע זאַך וואָס איר קענט טאָן איז העלפן אָרגאַניזירן אייער קלאַס אין איין סאָלידער מאַסע.״ 58)

שטאַטיזם, שטאַט־קאַפּיטאַליזם אָדער שטאַט־סאָציאַליזם איז דער גן־עדן התחתון פאַר אַט־די אַספּיראַנטן, פאַר דעם טיפּ פון אָרגאַני־זאַטאָרן. שטאַטיזם, טאָטאַליטאַריזם דערמוטיקט זייער וואוקס, פאַר־שנעלערט זייער קריסטאַליזאַציע. שטאַטיזם באַזייטיקט דעם אייגנטימער־קלאַס. ער מאַכט גרייט דעם וועג פאַר דעם אויפקום פון דעם נייעם טיפּ. שטאַטיזם, אייגנטלעך, איז דער אַנזאָג, איז די גרויסע בשורה פון זיין אַנקום. בשעת ער זידלט, שיט מיט חרמות און זילזולים אויף די קעפּ פון די אייגנטימער, פירט ער אַריין די גרופּע פון סאָציאַלע אָרגאַ־ניזאַטאָרן מיט ברכות און הושענא־געזאַנג. דער נייער טיפּ, וועלכער טריאומפירט אונטער שטאַט־קאָמוניזם־פאַשיזם־נאַציזם, פאַרנעמט די גינציקע פּאָזיציעס, וועלכע אונטער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַלטן דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, די אינדוסטריאַליסטן און פינאַנסיסטן. די פריש־אָנגעקומענע שררות שרייבן אַריין אַ נייעם קאַפּיטל אין די אַנאַלן פון קלאַסן־הערשאַפט.

מיר גיעברויכן דעם טערמין ׳טיפּ׳ בכדי צו באַצייכענען מיט אים די אויפטויכנדיקע סאָציאַלע פאָרמאַציע. דער ניט זייער אַלטער אָבער אָנגענומענער וואָרט ׳קלאַס׳ שיקט זיך ניט פאַר דער דעסקריפּציע פון אַט־דעם ספּעציעלן אַגרעגאַט, פונקט ווי דער וואָרט ׳שטאַנד׳ וואָלט זיך דאָ ניט פּאַסן. נייע פאַרהעלטענישן וועלכע ווערן געשפּונען לויט אַ נייעם מוסטער פאָדערן נייע ווערטער פאַר זייער מער אָדער ווייניקער פּינקטלעכער אָנרופעניש. אַ יש מחברים האָבן גערופן דעם פּראָלעטאַ־ריאַט „דער פערטער שטאַנד״, און אַזוי אַרום האָבן זיי אויפגעאָפּפערט עקסאַקטקייט אויף דעם אַלטאַר פון אַלגעמיינעם געברויך. זיי זיינען בדאי געווען אומפּינקטלעך, אָבי זיי זיינען געווען פּאָפּולער.

פ. לאַסאַל, וועלכער איז ניט געווען אַזאַ מקפּיד אויף וויסנשאַפט־לערער פּרעציזקייט, האָט געברויכט דעם טערמין „פערטער שטאַנד״.

„אַט דער פערטער שטאַנד . . . איז דעריבער אַ טערמין, וועלכער פאַלט צוזאַמען מיט דער מענטשלעכער ראַסע.״ 59)

אויך בלונטשלי געברויכט אַט־דעם אומפּינקטלעכן טערמין: „דער פערטער שטאַנד . . . די גרויסע מאַסע פון די 'האַרעפּאַשניקעס'." (60

שריפטשטעלער וועלכע זיינען געווען מער אַפּגעהיט, גרעסערע דייקנים, האָבן בעסער איינגעפּירט אַ נייעם וואָרט צו באַצייכענען מיט אים די נייע סאָציאַלע סיטואַציע וועלכע די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געשאַפן. אַלטע ווערטער האָבן אַלטע השגות צוגעקלעפּט צו זיי, און זיי קענען לייכט ברענגען צו אַ צעטומלעניש פון די מוחות און אַ צעמישעניש פון די באַגריפן.

אַט וואָס פ. ענגעלס זאָגט: „און דעריבער רופן דעם פּראָלעטאַריאַט „דער פערטער שטאַנד" מיינט צו גיין קעגן דעם גאַנצן גייסט פון דער געשיכטע." (61

קאָמוניזם, מאַרקסיזם זאָגט אונדז צו צו לייזן דאָס קלאַסן־פּראָבלעם. און ער וועט טאָקע לייזן אַט דאָס פּראָבלעם. די פראַגע איז בלויז, ווי אַזוי וועט ער עס טאָן. דאָ שאַדט ניט זיך אַביסל צו פאַרטראַכטן און אַוועקשטעלן דעם רבנ'ישן 'ודוק'...

אַט וואָס מאַרקס אין זיין ווערק „אָרימקייט פון פילאָזאָפיע" שרייבט:

„דאַרפן מיר זיך אַרומטראָגן מיט דעם געדאַנק, אַז נאָך דער איבער־קערעניש פון דער פאַרדעמדיקער געזעלשאַפט וועט אויפגעריכט ווערן אַ נייע קלאַסן־געזעלשאַפט? און אַז אַט־די נייע דאָמינאַציע וועט קולמי־נירן אין אַ נייער פּאָליטישער מאַכט? זיכער ניט. די וועזנטלעכע באַדינגונג פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז דאָס וואָס אַלע קלאַסן וועלן אָפּגעשאַפט ווערן. מיר האָבן געהאַט אַן אַקסאַקטן פּאַראַלעל אין דער פריערדיקער געשיכטע, ווען די וועזנטלעכע באַדינ־גונג פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון דעם דריטן שטאַנד, ד. ה. פון דעם בורזשואַזן אָרדן, איז געווען דער אָפּשאַף פון אַלע שטאַנדן פון דער מלוכה, פון אַלע פאַרשיידענע אָרדנס." (62

מאַרקס זאָגט בפירוש אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן „עקסאַקטן פּאַראַלעל". גאַנץ גוט. אויב דער פּאַראַלעל איז פּינקטלעך, וויסן מיר שוין וואָס עס וועט פּאַסירן. אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן איז אַ בלעטער טאָן די געשיכטע, ד. ה. איבערלייענען דעם קאַפּיטל וועגן דעם אויפקום פון דער בורזשואַזיע און זיך גוט צוקוקן צו דעם ווי די „שטאַנדן" זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווייל דער פּאַראַלעל איז דאָך „עקסאַקט", וועלן מיר וויסן גענוי און פּינקטלעך ווי די קלאַסן וועלן עלימינירט ווערן.

דער שטאַנדן־אָפּשאַף וועט אונדז זאָגן וואָס מאַרקס פאַרשטייט אונ־טערן צוזאָג פון קלאַסן־אָפּשאַף. די געשיכטע וועט זיך ווידערהאָלן, די קלאַסן וועלן באַזייטיקט ווערן אויפן זעלביקן שטייגער ווי די שטאַנדן

זיינען באַזייטיקט געוואָרן. ווי זיינען די שטאַנדן אָפּגעשאַפט געוואָרן? זיי זיינען ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן, זיי זיינען פאַרביטן געוואָרן דורך אַ באַנייטער דיפערענציע־פאָרמאַציע. די ׳שטאַנדן׳ זיינען טראַנספאָרמירט געוואָרן אין ׳קלאַסן׳. און די קלאַסן וועלן פאַרביטן ווערן מיט טיפּן. און דער „פּאַראַלעל וועט זיין עקסאַקט"... די קלאַסן־דיסטינקציעס וועלן אָפּגעמעקט ווערן ווי די שטאַנדן־דיסטינקציעס זיינען אָפּגעווישט געוואָרן, ד. ה. זייער פּלאַץ וועלן פאַרנעמען טיפּן־דיסטינקציעס.

פון שטאַנדן זיינען מיר אַריבער צו קלאַסן און פון די קלאַסן וועלן מיר אַריבערגיין צו טיפּן.

קאָמוניזם ־ באָלשעוויזם פאַרלאַנגט די עלימינאַציע פון פּריוואַט־אייגנטום און די צעשטערונג פון שטאַט. אַ סוף וועט קומען צו דער ממשלה פון די קאַפּיטאַליסטן אין דעם ערשטן פּעריאָד פון קאָמוניזם, אָדער סאָציאַליזם. און אַ מפּלה וועט קומען אויף די אויטאָריטאַריסטן אין דעם צווייטן פּעריאָד, אַזוי פאַרזיכערט אונדז לענין אין זיין ווערק „שטאַט און רעוואָלוציע".

„...די נידעריקע פאַזע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט . . . די פּראָדוקציע מיטלען באַלאַנגען צו דער גאַנצער געזעלשאַפט." 63) „די עקאָנאָמישע באַזע פאַר דער פולשטענדיקער אָפּשטאַרבונג פון שטאַט איז די הויכע שטופע פון דער אַנטוויקלונג פון קאָמוניזם." 64)

וואָס מיינט עס ווען געזאָגט אין מער־ווייניק רעאַליסטישער עברי? דאָס מיינט אַז דעם פּלאַץ פון באַלעבאַטים־קלאַס וועט פאַרנעמען די נייע פאָרמאַציע פון די אָרגאַניזאַטאָרן. דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעם וועט פאַרשאַטענען אַלע איבעריקע פּראָבלעמען פון סאָציאַלן לעבן. דער אָרגאַניזאַטאָר מוז ניט אומבאַדינגט זיין אַן אייגנטימער אָדער אפילו אַ הערשער. ער איז צוערשט און צולעצט אַן אָרגאַניזירער. און אָרגאַניזאַטאָרישקייט אַליין איז גענוג פאַר אים צו פאַרזיכערן זיין ספּעציעל־פּריווילעגירטע, ניט יורידיש, נייערט פאַקטיש, פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט. „די אַבסאָלוטע סובאָרדינאַציע פון דעם יחיד׳ישן ווילן צו דעם סאָציאַליסטישן דירעקטאָר" 65) דאָס איז די ווירקלעכקייט, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, נאַצי־דייטשלאַנד און פאַשיסטיש־איטאַליע.

דער אָרגאַניזאַטאָר קען זיך פאַרגינען אַראָפּצואוואַרפן זיין פלעקנ־רייכע פעל פון אייגנטימער אין דעם ערשטן פּעריאָד פון קאָמוניזם. ער וועט אויך זיך קענען דערלויבן אַראָפּצואוואַרפן זיין צווייטן לבוש, די בגדי־מלכות פון הערשאַפט, אין דעם צווייטן פּעריאָד פון מעסיאַנישן קאָמוניזם... בכלל איז דער צווייטער פּעריאָד שטאַרק ענלעך צו דעם

צווייטן קומען פון קריסטוסן אָדער צום ערשטן אָנקומען פון משיח בן־דויד אין דער יידישער געזינונג... אָבער מיר מאַכן זיך ניט־וויסנדיק פון דעם. מיר נעמען לעגינס בוך 'שטאַט און רעוואָלוציע' ערנסט. מירן בלויז פרעגן: וואָס וועט פּאַסירן ווען דער צווייטער פּעריאָד וועט שוין האָבן אָנגעקומען און דער שטאַט, די מאַכט וועט שוין זיין געֿפּגר'ט? דעמאָלט וועט פּאַסירן אָט־וואָס: דער אָרגאַניזאַטאָר וועט זיך אַנט־פּלעקן אין זיין ריינער געשטאַלט אַלס אַ פּאַרוואַלטער, אַלס אָרגאַני־זאַציאָנעלער שאַלטער־און־וואַלטער, מיט איין וואָרט, אַלס פּאַרוואַלטונג־עקספּערט. אין בעסטן פאַל וואָלט עס פּאַסירן. אָבער עס האַלט נאָך זייער ווייט פון אָט־דער סטאַדיע אין אַנטוויקלונג. דער צוזאָג פון אַ צווייטן פּעריאָד איז פּסעוודאָ־רעליגיעזע קוואַזי־פּראָפעטישע וויזיעס. אָבער ווען די דאָזיקע זעאונגען וואָלטן רעאַליזירט וועדן, וואָלטן זיי מיינען ניט קיין ביאת־הגואל, ניט דעם אַנקום פון סאָציאַלן דערלייזער, נייערט דאָס דערשיינען פון ריינעם אָרגאַניזאַטאָר. ניט 'אייגנטום' און ניט די פונקציע פון 'אונטערדריקונג' זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ. וואָס עס איז וועזנטלעך פאַר אָט־דעם טיפּ איז זיין אומבאַגרעניצטער קאָנטראָל, וועלכן ער איבט אויס איבער דער סאָציאַלער מאַשינעריע, דער מאָנאָפּאָל פון אַלע סאָציאַלע ענינים, וועלכן ער האַלט אין זיינע הענט.

אָרגאַניזאַטאָרשאַפט מיינט פירערשאַפט אין דעם טיפסטן מיין פון וואָרט. אַן אייגנטימער אָדער אַן 'אונטערדריקער' איז אַן אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער איז ניט רייף, איז נאָך ניט בקי אין הלכות אָרגאַניזאַציע. פאַר דער ריינער און פולער מאַניפעסטאַציע פון אָרגאַניזאַטאָרשאַפט פאָדערט זיך, אַלס אַ פּרעלימינאַרע קאָנדיציע, די עלימינאַציע פון אייגנטום, אַלס אַ יורידישע קאַטעגאָריע, און אויך דאָס פאַרבראַקירן פון דער לעגאַליס־טישער אויטאָריטעט. אָט דאָס איז דער עקזאַמען, וועלכן דער סאָצי־אַלער אָרגאַניזאַטאָר וועט דאַרפן אויסהאַלטן. עס איז אַן עקזאַמען, וועלכן די געשיכטע הייסט אים האַלטן. די פראַגע וואָס די געשיכטע שטעלט אים איז צי ער ווייסט ווי אַזוי אַנצוגיין מיט דער אָרגאַניזירונג־אַרבעט און ניט נעמען קיין צופלוכט צו די הויל מעכאַנישע מיטלען וועלכע, לויט זייער כאַראַקטער נאָך, מוזן אַרויסרופן אַ ווידערשטאַנד און אַ דערביטערונג מצד פון די יעניקע וועלכע ווערן באַהאַנדלט מיט אָט־די גראָב־רויע מעטאָדן.

„אין דער ווי־געהעריקער איינאָרדענונג פון עפנטלעכע ענינים זיינען די מאַסן דער טייל, וועלכער איז ניט אַקטיוו. דאָס איז זייער מיסיע: זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט בכדי מ'זאָל זיי דיקטירן, באַאיינפלוסן,

רעפּרעזענטירן, אָרגאַניזירן — אפילו אום אויפצוהערן צו זיין אַ מאַסע אָדער בלויז שטרעבן צו דעם.״ 66)

אין אַט־דעם אמת, וועלכן עס האָט אַרויסגעזאָגט דער שפּאַנישער דענקער אָרטעגאַ אי גאַססעט, ליגט פאַרוויקלט די גאַנצע טראַגישקייט פון אַלע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען. די ׳מאַסן׳, בכדי זיי זאָלן אויפהערן צו זיין ׳מאַסן׳, מוזן אָנקומען צו אַגענטן, צו ׳ענערגעטיקער׳. און די לעצטע ווערן די נייע הערשאַפט־האַלטער, וועלכע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַרויסגעטריבענע, אַראָפּגעוואָרפענע פאַרדעמדיקע געוועלטיקער און פירער. און אין דעם ליגט טאַקע די פּאָזיציע־פאַרפונדעוועטקייט פון די הערשער, פון די אדונים. זיי זיינען כמעט תמיד די אָרגאַניזירער, דערפאַר איז פון זיי אַזוי שווער פּטור צו ווערן.

ווען די אויבערשטע שיכטן, די דערהויבענע קלאַסן וואָלטן גאָרניט טאָן, נאָר בלויז פאַרנעמען זיך מיט דער מאָרודנער עבודת־פרך פון אונטערדריקן די נידעריקע מאַסן, דעמאָלט וואָלטן זיי געהאַט כרות־ימים, אַ קורץ און פאַר׳צרה׳דיק לעבן. די ׳אונטערדריקער׳, כל־זמן די ׳אונטערדריקונג׳ איז אַ פאַקט, ווערן אויסגעקליבן פון צווישן די אונטערדריקטע אַליין. אַלץ וואָס די ׳שררות׳ טוען איז ׳אָרגאַניזירן׳, דירעקטירן די „אונטערדריקונג״־אַקטיוויטעטן. אַזוי אַז אפילו אין דעם פאַל באַשטייט זייער פונקציע בלויז אין אָרגאַניזאַציע, דירעקטאָרשאַפט. חוץ דעם איז דער עצם באַגריף פון אונטערדריקונג, באַדרענגונג קוים באַרעכטיקט אין אָנווענדונג צו די קלאַסן־פאַרהעלטענישן פון אונדזער צייט. נאַקעטע, הוילע דריקונג קען מען געפינען דאָרטן, וואו איין שבט, ציבור אָדער פאָלק אונטערריאָכט, פאַר אַ קורצן פעריאָד פון צייט, אַ צווייטן. און עס פאַסירט גאַנץ אָפט, היסטאָריש געקוקט אויף די זאַכן, אַז די באַזיגטע שטייען אויף און וואַרפן אַראָפּ דעם יאָך פון זייערע באַדרענגער, און באַפרייען זיך.

די כסדר׳דיקע, אומאונטערבראָכענע קלאַסן־צעשפּאַלטונג און די הערשאַפט פון דעם דערהייבענעם מיעוט איבער דער אונטן־ליגנדיקער מערהייט קענען ניט דערקלערט ווערן מיט פשוט׳ער ׳אונטערדריקונג׳. דאָ קומען מיר פנים אל פנים מיט אַ הערשאַפט וואָס נעמט אָן אין פאַרשיידענע עפּאָכן פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען, וועלכע קליידן זיך אין פאַרשיידענע לעגאַליסטישע לבושים, זיי בלייבן אָבער וועזנטלעך די אייגענע, טראָץ זייערע פילפאַרביקע פאַרשלייערונגען און פאַרפּוצונגען. אַזאַ אוניווערסאַלע דערשיינונג קען מען ניט אַריינפּרעסן אין דער אַלטער פאַרדאַרטער פאָרמולע פון ׳באַדרענגונג׳. וואָס הייסט עס, די מאַסן זיינען

באַדרענגט, אונטערדריקט? פאַרוואָס זאָל אַ מאַיאָריטעט זיך לאָזן טרעטן אונטער די פיס פון אַ מינאָריטעט? פאַרוואָס דולדן די ברייטע און שווערע מאַסן די נומעריש־נישטיקע העכערע קלאַסן? פאַרוואָס שפּייזן די צאָלרייכע קבצנים די צאָלאָרימע נגידים מיט זייער פלייש און בלוט? איבּ מ׳וועט וועלן ענטפערן: דערפאַר ווייל די מאַסן זיינען אומוויסנדיק, אומבאַוואוסטזיניק, און די הערשער נאַרן זיי אָפּ, פאַרפירן זיי; וואָלט איך ענטפערן צוריק מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס לאָזן זיי, אַז מ׳זאָל זיי „אָפּנאַרן״? בכלל איז אָפּנאַרעריי אַ צו שוואַכער, אַ צו וואַקלדיקער פּעדעסטאַל, אַז מ׳זאָל אויף אים קענען אויפריכטן די קאָלאָסאָלע גע־ביידע פון דער גאַנצער אינערלעכער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט. רמאָות איז צו דין און שלאַבעריק, אַז עס זאָל קענען דינען אַלס פונדאַ־מענט פאַר דעם מאַסיוון בנין פון דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. מ׳טאָר ניט פאַרגעסן, אַז די קלאַסן־צעטיילונג איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, און אַזאַ דערשיינונג פאָדערט אַ מער סאָלידע, אַ טיפערע דערקלערונג. באַשווינדלונג, באַטרוג איז אַ פּסיכאָלאָגישער ׳אידעאַ־ליסטישער׳ מהות און ער איז צו פליסיק און צערינעוודיק פאַר דער חשוב׳ער ראָל אַלס דערקלערער פון די אַקטואַליטעטן פון קלאַסן־עקס־פּלואַטאַציע. פאַרוואָס זאָלן די מאַסן זיך לאָזן אַזוי לייכט פאַרפירן פון דער צווייפלהאַפטער שיינריידעריי און פראָבלעמאַטישע טעאָריעס, וועלכע עס אַנטוויקלען פאַר זיי די אויפקומענדיקע הערשער־קלאַסן? און די זאַך איז נאָך מער קשה, וואָס אַט־דער ׳שווינדל׳ גייט דאָך אָן פאַר יאָרן און יאָרן. די מאַסן ווערן דאָך ׳אָפּגענאַרט׳ ניט דאָס ערשטע מאָל, נייערט מסתמא שוין צום פערטן מאָל. און פאַרוואָס כאַפּן זיי זיך ניט, אַז די ׳הערשער׳ ווילן זיי פאַרדרייען די קעפּ, פאַרדרייען די ציין, פאַר־בלענדן די אויגן און, דערנאָך, אויסליידיקן זייערע קעשענעס? פאַרוואָס גייט זיך אָן דער זעלביקער תמימות־שפּיל, מיט לייכטע וואַריאַציעס, שוין הונדערטער און טויזנטער יאָרן, און די מאַסן פאַלט גאָר ניט איין אָפּצו־שטעלן די אַקטיאָרן, אַראָפּצושלעפּן דעם פאַרהאַנג און פאַרמאַכן אַט־דעם ׳נאַראָנים־טעאַטער׳?

צו מיין פאַרשטאַנד איז די לערע מכוח דער ׳אָפּנאַרעריי׳, די טענה אַז די מאַסן ווערן כסדר אָפּגענאַרט, דער ערגסטער אָפּנאַר, וועלכן מ׳האָט ווען עס איז פאַרשפּרייט צווישן די ניט־סאָפיסטיצירטע, ניט־איבעריקס־איבערגעשפּיצטע האַלבע־אינטעליגענטן. די אָרגאַנישע און פונקציאָנעלע חסרונות פון אונדזער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער איינ־שטעלונג קען מען ניט אָוועקמאַכן מיט אַזאַ נאַאיווער טעאָריע ווי „אָפּ־נאַרעריי״, פאַרפירעריי.

בכלל דאַרף מען פאַרשטיין, אַז ווען דעם הערשנדיקן קלאַס ווערט שוין געגעבן דער עפּיטעט פון 'באַדריקער', עקספּלואַטאַטאָר, און די צונעמעניש ווערט פּאָפּולער, האַלט מען דעמאָלט ביי אַ סוף־פּסוק פון אַ געשיכטלעכער פּרשה. אַזעלכע אָנרופעניש קלעפּן זיך צו אַ קלאַס בשעת דער לעצטער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אונטערגאַנג, פון זקנ'ישער חולשה. דער פאַקט אַליין וואָס אַ געוועלטיקנדיקער קלאַס ווערט בראַנדמאַרקירט, ניט פון יחידים דענקער, נייערט פון אַ באַ־דייטנדיקער צאָל מענטשן אַלס עקספּלואַטאַטאָר־אוזורפּאַטאָר, באַווייזט באַשיינפּערלעך, אַז אַט־דער קלאַס איז שוין מער ניט דאָס וואָס ער דאַרף זיין, אַז ער פּילט שוין מער ניט אויס זיין היסטאָרישע אויפגאַבע. מיט איין וואָרט, עס ציגט אַז דער אָנהויב פון זיין סוף איז שוין נאָענט.

מיר וועלן קלאָר מאַכן אונדזער געדאַנק, ווען מיר וועלן נעמען אַלס אילוסטראַציע די שייכות'ן צווישן די פּריצים און די פּויערים.

אַט ווי אַלעקסיס דע טאָקעוויל מאָלט אונדז די פּריצים־פּויערים־פאַרהעלטנישן אין זיין ווערק „דער צושטאַנד אין פראַנקרייך פאַר דער רעוואָלוציע":

„אונטער דעם פּאַרציִיטיקן פעאָדאַלן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט האָט דער גוט־באַזיצער, ווען ער האָט פאַרמאָגט וויכטיקע רעכט, צו דער אייגענער צייט אויך געהאַט זייער שווערע פליכטן. ער איז געווען אַ מחוייב צו העלפן די אָרימעלייט וועלכע האָבן זיך געפונען אויף זיינע פּאָסעסיעס. דעם לעצטן שפּור פון אַט־דער אייראָפּייאישער געזעצ־געבונג קענען מיר געפינען אין דעם פּרייסישן קאָדעקס פון 1795, וועלכער זאָגט, 'דער גוט־באַזיצער דאַרף אַכטונג־געבן אויף די אומ־פאַרמעגלעכע פּויערים, אַז זייערע קינדער זאָלן קריגן אַ דערציאונג. עס איז זיין פליכט צו באַזאָרגן אויף וויפל ער קען נאָר מיט חיונה־מיטלען אַלע דידאָזיקע וואָסאָלן וועלכע באַזיצן ניט קיין לאַנד. אויב איינער פון זיי איז אין נויט, מוז ער קומען צו זיין הילף'." 67)

ווען לייב־אייגנטום איז געוואָרן אָפּגעשאַפט אין פּרייסן נאָך די מפּלות פון 1806 און 1807, און מיט דעם די פליכטן פון די פּריצים צו באַזאָרגן זייערע וואָסאָלן אין צייט פון נויט, קראַנקייט, אַלטקייט, האָבן די פּויערים געשיקט אַ פּעטיציע צום קיניג און געבעטן אים, אַז מ'זאָל זיי לאָזן בלייבן לייב־אייגענע, מחמת אויב ניט, טאָ ווער וועט אויף זיי אַכטונג געבן ווען זיי זיינען אין אַן עת־צרה." 68)

די פונקציעס פון די העכערע קלאַסן באַשטייען אין אָרגאַניזירונג־אַרבעט. אין דעם מאָמענט ווען זיי נעמען פאַרנאַכלעסיקן זייערע היסטאָ־רישע אָבליגאַציעס, נעמט מען זיי זידלען און אָנרופן מיט צונעמענישן,

מ׳סטיגמאַטיזירט זיי אַלס ליידיקגייער און גאַרנישטן, הולטייעס און טויגע־ניכטסן, בלוטזויגער און עקספּלואַטאַטאָרן, און מ׳צווינגט זיי צו פאַרלאָזן די היסטאָרישע בינע.

אָט־וואָס טהאָמאַס קאַרלייל זאָגט, און עס איז ריכטיק:

„זעלנעריי, פּאָליציי און ריכטער־אַרבעט, קירכן־בויאונג, ניין, אמת׳ע רעגירונג און פירונג, דאָס אַלץ האָבן ווירקלעך געטאָן די לאַנד־באַזיצער אין קאָמפּענסאַציע פאַר דעם לאַנד.״ 69)

מיר׳ן ציטירן נאָך אַ מאָל טאָקעווילן:

„די איידל־לייט האָבן געהאַט פילע שווערע התחייבות׳ן, זיי האָבן געהאַט פילע וואַגיקע רעכט; אָבער זיי האָבן געהאַלטן אָרדענונג, זיי האָבן אַדמיניסטרירט גערעכטיקייט, האָבן געזען דערצו אַז דאָס געזעץ זאָל אויסגעפירט ווערן, זיי האָבן געהאָלפן די שוואַכע, זיי האָבן געפירט די עסקים פון דער געמיינשאַפט. אין פּראָפּאָרציע ווי דער איידל־שטאַנד האָט אויפגעהערט צו טאָן אָט־די אַלע זאַכן, האָט די לאַסט פון זייערע פּריווילעגיעס גענומען אויסזען באַדריקנדיק און זייער עקזיסטענץ איז געוואָרן אַן אַנאַמאַליע.״ 70)

דאָס אייגענע באַשטעטיקט פ. ענגעלס:

„דאָ זיינען מיר פאַרנומען בלויז מיט דער פעסטשטעלונג פון דער טאַטזאַך, אַז די אויסאיבונגען פון אַ סאָציאַלער פונקציע האָט אומעטום געדינט אַלס דער באַזיס פון פּאָליטישער איבערהערשאַפט; און, נאָכמער, אַז פּאָליטישע איבערהערשאַפט האָט זיך געהאַלטן אַ געוויסע לאַנגע צייט בלויז דעמאָלט ווען זי האָט אויסגעפילט אירע סאָציאַלע פונקציעס.״ 71)

אַניט וואָלט דאָך דער געזעלשאַפטלעכער לעבן געווען אַ פּשוט׳ער דולהויז.

אָט וואָס אָרטעגאַ אי גאַססעט שרייבט:

„דער איידלטום, אַ קלאַס צו פאַרהערלעכן פאַר זיין קוראַזש, זיין באַגאַבטקייט פאַר פירערשאַפט, זיין חוש פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקייט . . . אָבער מיט אַלע די דאָזיקע מעלות . . . האָבן זיי ניט דערפונדן קיין פּול־ווער . . . זיי האָבן דערלויבט די בורזשואַזיע . . . צו אוטיליזירן פּולווער און אויטאָמאַטיש צו געווינען דעם קריג קעגן די שטרייטנדיקע איידל־לייט.״ 72)

די מעשה מיט דעם פּולווער איז טשיקאַווע. פילע היסטאָריקער דערלויבן זיך צו געבן אָט־די דערקלערונג פאַר דעם דורכפאַל פון דעם איידלטום. די בורזשואַזיע האָט דערפונדן פּולווער און מיט אָט־דעם

נייעם געווער האָבן זיי געמאַכט אַ סוף צום רייטערטום, און דאָס איז געווען דער גמר פון דעם איידלשטאַנד.

די וואָס געברויכן אָט־די אינטערפּרעטאַציע פאַר אַזאַ וויכטיקער דערשיינונג, פאַר דעם אַראָפּזינק פון דעם אידלטום און אַרויפשטייג פון בורזשואַזן קלאַס, פילן ניט אַז זיי מאַכן אַ מעטאָדאָלאָגישן טעות: זיי דערקלערן אַ סאָציאַלע דערשיינונג מיט אַ טעכנישן אויפטו, אַ דערפינדונג וואָס ליגט אויף גאָר אַן אַנדער געביט. אַ סאָציאַלע דערשיינונג פאָדערט אַ סאָציאַלע דערקלערונג. האָט דען די בורזשואַזיע אַלס אַזעלכע, אַלס אַ קלאַס, געמאַכט די דערפינדונג? דער מענטשלעכער זשעני האָט דאָך עס געטאָן. און פאַרוואָס האָט דער איידלטום ניט אויסגענוצט די נייע דערפינדונג, ווי ער האָט געטאָן מיט טויזנטער אַנדערע דערפינדונגען, און דערלאָזט אַז די בורזשואַזיע זאָל עס אוטי־ליזירן?

די איינציקע ראַציאָנאַלע דערקלערונג וועלכע מ'קען געבן פאַר אָט־דעם איבערבייט פון הערשער־קלאַסן איז דאָס, וואָס קלאַסן לעבן ניט אייביק. זיי דערגרייכן אין אַ געוויסער צייט אַ פּונקט פון כוחות־אויס־שעפּונג. קלאַסן, ווי אינדיווידן, זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער דער פאַרצערנדיקער ווירקונג פון אַלטקייט און שוואַכקייט. קיין זאַך, אַ טעכנישע דערפינדונג אוודאי ניט, קען ניט צעברעכן די גדולה און גבורה פון אַ הערשנדיקן קלאַס, סיידן זיקנה און חולשה, די לאַסט פון יאָרן בויגט אים אַראָפּ ביז צו דער ערד. אַלטקייט ווערט געוויינטלעך באַגלייט מיט אַ געוויסער מאָס פון פאַרהאַרטעוועטקייט, פאַרקנאַכנטקייט, מאַנגל פון אַדאַפּטיביליטעט צו די נייע און כסדר וואַקסנדיקע כוחות און זיך־אַנדערשענדיקע אומשטענדן. הערשנדיקע קלאַסן ווערן ניט באַזייטיקט דערפאַר וואָס זיי זיינען בעלי־עבירות, ׳עקספּלואַטאַטאָרן׳, עקספּראָפּריאַטאָרן, אוזורפּאַטאָרן און די איבעריקע טיטולן און כיבודים מיט וועלכע זיי ווערן באַשאַנקען, מיט גרויס פּזרנות, פון די וואולגאַרע בראַשור־שרייבער און גאַסן פּלוידער־זעק. זיי ווערן באַזיי־טיקט דערפאַר, וואָס זיי ווערן אַלט און שוואַך. קלאַסן, ווי אַלע באַ־שעפעניש, גייען דעם אויסגעטראָטענעם וועג, פון וויג צום גרוב.

דער געוואַלט, וועלכן עס הייבט אויף די „איניציאַטיווע מינאָריטעט״ און וועלכן עס כאַפּט אונטער און צעטראָגט אויף טעלערלעך דער בריי־טער עולם, אַז די העכערע קלאַסן זיינען פּאַראַזיטן, זאָגט עדות אַז דער העכערער מעמד געפינט זיך שוין אין אַ צושטאַנד פון פאַנאַנדערפאַלן, אַז ער האַלט שוין ביי ׳עושה־שלום׳, אַז ער גרייט זיך שוין איבער־צופעקלען זיך אויפן היסטאָרישן ׳עולם־האמת׳. דער הערשנדיקער

קלאַס, ווי יעדער קערפּער, נוצט אויס זיין גאַנצן זאַפּאַס פון קרעאַטיווער ענערגיע. ער שעפּט אויס זיינע כוחות־רעסורסן. און דערנאָך איז ער שוין מער ניט אימשטאַנד צו לייזן די פּאַרוויקלטע פּראָבלעמען וואָס דער אייביק־נייער, אייביק־פרישער לעבן שטעלט אַרויס. און אין אַזאַ צייט פאַרטראַכט זיך די געמיינשאַפט גאַנץ ערנסט איבער דער פראַגע פון פאַרמירן אַ נייע גרופּע פון פירנדיקע גייסטער.

ל. טראָצקי אין זיין ווערק „די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציע" דריקט עס אויס קורץ און שאַרף:

„עס איז גאַנץ אַנדערש, ווען די זון פון דער אַלטער געזעלשאַפט נעמט זיך לסוף נויגן צו מערב. די פּריווילעגירטע קלאַסן ווערן איצט אַנדערע, פון אָרגאַניזירער פון נאַציאָנאַלן לעבן ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַראַזיטישן געוויקס. ווי נאָר זיי פאַרלירן זייערע פירנדיקע פונקציעס, פאַרלירן זיי אויך דעם באַוואוסטזיין פון זייער שליחות און דעם גלויבן אין זייערע כוחות." 73)

די אַלטע הערשער ווערן באַזייטיקט, די נייע אָנקומער און אויפקומער ווערן אָוועקגעשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט אין דער האָפענונג אַז די פנים־חדשות וועלן האַנדלען מער אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער נייער צייט, וועלן אַרויסווייזן אַ בעסערע און גרינטלעכערע פאַרשטענדעניש פאַר די נייע הצטרכות'ן — וועלן וויסן ווי אַזוי זיי צו באַפרידיקן. מיט אַנדערע ווערטער, נייע פירער ווערן 'געזאַלבט', ווערן אָוועקגעזעצט אויבנאָן, אין דער האָפענונג אַז זיי וועלן איינפירן אַ נייע אָרדענונג, אַ נייעם איינשטעל, ד. ה. וועלן שאַפן נייע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע — פון אויסצייכנונג און 'עקספּלואַטאַציע'.

באָלשעוויזם־קאָמוניזם קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זיין דעסטרוקטיווע קריטיק אַזוי גוט ווי זיינע קאָנסטרוקטיווע פּלענער, אויף דער פּריוואַט־אייגנטום־אינסטיטוציע, וועלכע איז בלויז אַ לעגאַליסטישע פאָרם. די עלימינאַציע פון פּריוואַט־אייגנטום־רעכט אויף די פּראָדוקציע־מיטלען איז אין דער וואולגאַר־מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג גלייכקרעפטיק ווי די אויסוואָרצלונג פון קלאַסן־דיסטינקציעס און גרופּן־איינטיילונגען בכלל. דער באָלשעוויק, דער וואולגאַרער מאַרקסיסט, איגנאָרירט די סטראַטיפיקאַטארישע אימפּליקאַציעס פון אָרגאַניזאַציע. איז עס בלויז אַ פּראָדוקט פון ניט־דורכגעטראַכטקייט? איז עס אַ פּועל־יוצא פון אַ מין היסח־הדעת אָדער אַ קוצר־המשיג? ניין, בשום אופן ניט. דער וואולגאַר־מאַרקסיזם טוט עס מיט אַ כיוון. ער פאַרטונקלט די טיפע און שווערע פּראָבלעם פון קלאַסן־דיפערענציאַציע אָנשטאָט זי צו באַלויכטן און דערקלערן ווי־געהעריק. דער וואולגאַר־מאַרקסיזם,

דער באָלשעוויזם, איז די אויסדריקלעכע אידעאָלאָגיע פון דעם אָרגאַני־זאַטאָרן־טיפּ. דעריבער פאַרנעמען זיך די וואולגאַר־מאַרקסיסטן, מיט אַזאַ חשק און תאווה, מיט זידלערייען און טאַדלערייען אויף דעם חשבון פון די פּרינציפּן און פּראַקטיקעס פון פּריוואַט־אייגנטום. זיי ווילן דאַדורך איינריידן דעם עולם־גולם, אַז פּריוואַט־אייגנטום־רעכט אַנטהאַלט אין זיך אַלע חסרונות און פעלערן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן־עקאָנאָמישן איינשטעל. לויט דער באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישער לערע איז פּריוואַט־אייגנטום דער שורש־דבר פון אַלע צרות און, פאָלגלעך, די באַזייטיקונג פון פּריוואַט־אייגנטום און די איינפירונג פון שטאַט־אייגנטום איז גלייך צו דעם איינשטעל פון אַ פולקומענעם סיסטעם, וואו סאָלידאַריטעט וועט הערשן און גרופּן־איינטיילונגען וועלן ווערן אָפּגעלעבטע און איבער־געלעבטע אַנאַכראָניזמען, אַ זאַך פון דער פאַרקלונגענער פאַרגאַנגנהייט.

אויגוסט בעבעל שרייבט:

„אין דער סאָציאַליסטישער אַדמיניסטראַציע זיינען ניטאָ קיין אַנגע־שטעלטע, קיין אויבערשטע, קיין באַדרענגונג. אַלע זיינען גלייך און האָבן גלייכע רעכט.״ 74) פרייהייט און גלייכהייט וועלן דעמאָלט ניט זיין קיין פוסטע און וואַלוועלע פראַזן, נייערט וועלן האָבן אַ מיין.״ 75)

אָבער אַזאַ צושטאַנד קענען מיר דערגרייכן דורך דער אַקציע פון אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום און איבערגעבן אַלעווירטשאַפטלעכע אַנגע־לעגנהייטן אין רשות פון דעם שטאַט מיט זיין מחנה באַאַמטע, גרויע ביוראָקראַטן אָדער רויטע קאָמיסאַרן.

איצט לאָמיר הערן וואָס דער אַזוי גערופענער פרייהייטלעכער סאָצי־אַליסט האָט צו זאָגן וועגן דעם אַזוי גערופענעם אויטאָריטאַרן־סאָציאַליסט.

אין לאַנדאַנער „פרייהייט״ לייענען מיר:

„סאָציאַליזם וועט איינפירן צוואַנג־אַרבעט פאַר אַלע געזונטע מיט־גלידער פון דער געמיינשאַפט, אָדער, ריכטיקער, פון דעם שטאַט . . . אָרגאַניזאַציע מוז זיין אָדער געצוואונגען אָדער פריי. אויב געצוואונגען, דעמאָלט האָט איר דעם מיליטערישן גייסט מיט אַלע זיינע באַגלייטנ־דיקע בייזן; אויב פריי, דעמאָלט האָט מען דעם אַנאַרכיסטישן גייסט מיט אַלע זיינע מעלות טובות וועלכע אַנטשטייען ווען די שטריק, וואָס בינדן די אינדיווידועלע איניציאַטיווע, ווערן באַזייטיקט.״ 76)

פון דער געבראַכטער ציטאַטע איז צו זען, אַז דער אַזוי־גערופענער פרייהייטלעכער סאָציאַליסט, — וועלכער איז ניט ווייניקער וואולגאַר ווי זיין קרוב דער אויטאָריטאַרער סאָציאַליסט, — מיינט אַז די באַזיי־טיקונג פון מאַכט איז בכוח אויפצוריכטן די אַזוי־גערופענע „פרייע געזעלשאַפט״.

דער 'פרייהייטלעכער' וואולגאַר סאָציאַליזם נערט די פאַלשע השגה אַז אַלע צרות און רשעות'ן ליגן אין דער קליפה וועלכע הייסט מאַכט־אויטאָריטעט. און ווי נאָר אונדז גיט זיך איין צו פאַרניכטן מאַכט־אויטאָריטעט, אַזוי גיך ווערן מיר געהאָלפן. אַלע סאָציאַלע רעטענישן וועלן זיך אויפלייזן, אַלע פלאָנטערס און קאַלטנס וועלן זיך פאַנאַנדער־פלעכטן עפּעס ווי פון זיך אַליין. דער וואולגאַריסט וויל ניט זען די הויפּט־פראַגע פון אונדזער צייט. ער וויל ניט באַנעמען די קאַרדינאַלע פּראָבלעם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — אָרגאַניזאַציע. און דעריבער טראַגט ער זיך אַרום און שפּילט זיך מיט דער האָפענונג, אַז מ'קען פאַרטיק ווערן מיט אַלע פעלערן פון דער געזעלשאַפט דורך דעם איינפיר פון בלויז אַט־דעם תיקון, אַט־דער רעפאָרם: דעם אָפּשאַף פון מאַכט.

דער אָפּשאַף פון פּאָליטישער מאַכט־אויטאָריטעט, ווען אַזאַ רעפאָרם וואָלט ווערן דורכגעפירט, וואָלט עס מיינען אין ווירקלעכן געזעלשאַפט־לעכן לעבן בלויז אין זאַך, און דאָס איז די איינפירונג, אַנשטאָט פון מאַכט, פון אַ שטרענגערער, העכערער אַגענטור. דאָס אַלץ.

דער לעגאַליסטישער פאָרמאַליזם פון דער הייגטיקער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט הענגט, אַזוי צו זאָגן, אין דער לופטן. פּאָליטישע מאַכט־אויטאָריטעט אונטער דעם ליבעראַל־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים האָט ניט קיין טיפע וואָרצלען אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן באָדן און, דעריבער, קען זי ניט זיין קיין גרויסע בעל־פּעולה'ניצע. דער אָרגאַני־זאַטאָר שטרעבט, — אין די מאָמענטן ווען זיין פאַנטאַזיע צעהיצט זיך, זיין דרייסט נעמט זידן, זיין וויזיע קריגט פליגלען — אָפּצושאַפן די ניט־געענוג־ווירקזאַמע מאַכט און איינפירן אין איר פּלאַץ אַ העכערע דיסציפּלין, וועלכע וואָלט זיך באַזירן אויף דער שטאַטיסטישער, אָדער קאָמונאַלער, מאָנאָפּאָליע פון די עקאָנאָמישע מיטלען.

וואולגאַר־סאָציאַליזם שפּייזט מיט אַ כיוון די שעדלעכע און גרונט־לאָזע אילוזיעס, אַז אַלע פעלערן און שלעכטסן פון אונדזער סאָציאַלן איינשטעל נעסטן אין די צוויי לעגאַליסטישע עקספּרעסיעס פון דעם היינטיקן סדר־העולם: איין עקספּרעסיע הייסט אייגנטום און זי געפינט זיך אין דעם תחום פון עקאָנאָמיק; די צווייטע הייסט מאַכט־אויטאָריטעט און זי איז סיטואירט אין דער ספּערע פון פּאָליטיק. לויט דעם וואולגאַר־סאָציאַליזם קומט אויס אַז די רעפאָרמירונג אָדער רעוואָלוציאָניזירונג פון אַט־די צוויי אויסדרוקן, — דורכגעזעצט אויף אַמאָל, מיט איין טראַסק, ווי דער וואולגאַר־'אַנאַרכיסט' וויל האָבן, אָדער גראַדועל, פּאַוואָלינקעס, אין משך פון צוויי פּעריאָדן פון קאָמוניזם, ווי דער באָלשעוויק וויל האָבן — איז גענוג בכדי איינצופירן די ימות־המשיח פון גלייכהייט און פרייהייט.

דער ביטערער אָדער ניכטערער אמת איז, אַז אַ ריכטיקער אויס־בעסער פון אונדזער סאָציאַלן סיסטעם וואָלט זיך גאָר וועגדן אָן די אַנדערשונגען, וועלכע וועלן דורכגעזעצט אין דער עצם־סטרוקטור פון אונדזער געמיינשאַפט. דער רעמאַנט פון די לעגאַליסטישע נאָרמעס, — וועלכע זיינען בלויז צעקרימטע רעפלעקסיעס פון די אומרעגולאַריטעטן פון דעם סאָציאַלן מעכאַניזם און זיין פעלערהאַפטער פונקציאָנירונג, — קען ווייניק וואָס אויפטאָן ממשות׳דיקעס. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָב־לעמען זיינען דער שתי וערב פון דעם סאָציאַלן געוועב. די לעגאַלע באַ־בלימלונגען, — צי דאָס איז עקאָנאָמישע מאַכט וועלכע הייסט אייגנטום, צי דאָס איז פּאָליטישע מאַכט וועלכע הייסט אויטאָריטעט, — זיינען בלויז פּאראַיבערגייענדיקע מאַניפעסטאַציעס פון דער אָרגאַניזאַטאָרישער מאָנאָ־פּאָליע.

אָרגאַניזאַטאָרישקייט שיקט פאָרויס אַ געוויסע קאָמבינאַציע פון ווילן און פאַרשטאַנד, פון אינטעלעקטועלע און וואָלונטאַרע אייגנשאַפטן. ניט יעדער אינדיווידואום איז באַשאָנקען מיט אָט־די פייאיקייטן אין דער זעלבער מאָס. די אָרגאַניזאַטאָרן זיינען דער איידלשטאַנד פון אונדזער געזעל־שאַפט. מיט דעם וואוקס פון געזעלנשאַפטלעכקייט, סטאַביליטעט, ווערט דער סאָציאַלער עסקן די ערשט־נוצלעכע און נויטיקע פּערזאָן, אָן וועלכער מיר קענען זיך ניט באַגיין. די קאָרפּאָראַציע פון אָט־די ׳סאָציאַלע טוער׳ דירעקטירט און גיט־אַכטונג אויף דער אויספילונג פון אַלע סאָציאַל־נויטווענדיקע פונקציעס פון דער געגעבענער געמיינשאַפט. און די ׳אָרגאַניזאַטאָרן׳ ווערן, דעריבער, באַטראַכט פאַר די זיילן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. זיי זיינען עס די אמת׳ע פירער און לייטער, די אמת׳ע ׳ראשי־הקהל׳.

ווי טיפּזיניק, הגם בילדלעך, דריקט זיך אויס פּרודאָן:

„...די מענטשהייט זעגלט פאָרויס...אונטער דער אויפזיכט פון פּריסטער, פילאָזאָפן, רעדנער, עקאָנאָמיסטן, און אונדזער אַרומשווימען איז אייביק.״ 77)

אונדזער געמיינשאַפט לאָזט זיך פאַרגלייכן צו אַ שיף וואָס שווימט כסדר אַרום איבער די וואַסערן פון לעבן. אויף דער שיף ווערן מיר געבוירן, האָדעווען מיר אונדזערע קינדער, לעבן, עלטערן זיך און שטאַרבן. מיר געפינען זיך כסדר אויף די ימים, תמיד נאָענט צום שויס פון די ברויזנדיקע עלעמענטן. און עס איז, דעריבער, גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער באַרוף פון שיפער זאָל ווערן ביי אונדז פאַררעכנט פאַר די עכסט בכבוד׳יקע באַשעפטיקונג. ביי אונדז איז די שיפער־מלאכה דער וויכטיקסטער, העכסט אָפּגעשאַצטער פאַך. וואָס קען זיך

גלייכן צו דאָס רודערן, קירעווען די ים־ראוי׳דיקע שיף און פירן זי איבער ים׳ען און אָקעאַנען! די קאַפּיטאַנען, ווי עס באַדאַרף צו זיין, פאַרנעמען דעם העכסטן ראַנג אין אונדזער יעראַרכיע. מיר באַטראַכטן זיי פאַר אונדזערע גדולים און מנהיגים, השגחה־עליונה פּערזענלעכקייטן. אַזוי איז עס געווען, אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס זיין, ווייל אַזוי מוז עס זיין, אַזוי לאַנג ביז יעדער איינער פון אונדז, אָן אויסנאַם, וועט ניט דורכשטודירן כדבעי די תורה פון נאַוויגאַציע, וועט זיך ניט אויסלערנען צו נאַוויגירן די שיף פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, צו נעמען און האַלטן דעם ריכטיקן קורס צווישן סיצילע און כאַריבדע, צווישן די פאַררעטערישע פעלזנשטיינער, קעסלגריבער און ריפן. אין פאַל מיר וועלן ניט באַהערשן אַט־די נויטיקע קונסט, וועלן מיר תמיד פאַרבלייבן אָפּהענגיק פון אונדזערע קאַפּיטאַנען סיי אין אינדוסטריע און סיי אין פּאָליטישער אַקטיוויטעט. בקיצור, מיר וועלן מוזן אָנקומען צו די חסדים פון אַ הערשער־קלאַס, פון אַ קאָמאַנדירנדיקער, לייטנדיקער גרופּע. און עס איז גאַרניט אַזאַ גרויסער חילוק, צי דער שיפסקאַפּיטאַן וועט באַהויפּטן אַז ער איז דער פּריוואַטער אָדער קאָרפּאָראַציאָנעלער אייגנטימער פון דער געגעבענער שיף, אָדער ער וועט זאָגן, אַז ער איז בלויז אַ גראַדואירטער, דיפּלאָמירטער נאַוויגאַטאָר מיט ספּעציעלע פּרעראָגאַטיוון, אָבער לחלוטין אָן טיטולן און ערן־אָנרופעניש. ער וועט באַזיצן סיי ווי סיי אַלע רעכט אויב ניט יורידיש, דען פאַקטיש. אָן אים און דער קאַפּיטאַנען־קאָרפּאָראַציע וועט אונדזער שיף, מיט די קאָסטבאַרע סחורות וואָס זי פירט, מיט אונדזערע לעבנס און די לעבנס פון אַלע די וואָס זיינען אונדז טייער, וועלכע מיר האָבן איר אָנפאַרטרויט, חו״ש זינקען צום אָפּגרונט פון דעם דעקלאַזן אָקעאַן אָדער ווערן אַ שפּילצייג פון די שטורעמס און געוויטערס פון קנאה־שנאה, קאָנפליקטן, וועלכע בושעווען כסדר איבער דער אויבערפלאַך פון סאָציאַלן לעבן.

מיר וועלן זיך אומקערן צו דער באַטראַכטונג פון וואולגאַר־סאָציאַליזם, מאַרקסיזם.

מיר וועלן אויסהערן וואָס ענגעלס האָט צו זאָגן:

„אין יאָר 1816 דערקלערט ער (סען־סימאָן) אַז פּאָליטיק איז די וויסנשאַפט פון פּראָדוקציע און ער זאָגט פאָרויס, אַז עקאָנאָמיק וועט אין זיך איינגאַנצן איינזאַפּן פּאָליטיק. דאָס וויסן, אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיינען דער באַזיס פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס, באַוויזט זיך דאָ אין עמבריאָ. דאָך וואָס עס איז שוין דאָ קלאָר אַרויסגעבראַכט איז דער געדאַנק מכוח דער צוקונפטיקער פאַרוואַלטונג פון דער פּאָלי־

טישער הערשאַפט איבער מענטשן אין אַן אַדמיניסטראַציע פון קעגנשטאַנדן און אַ דירעקטירונג פון פּראָדוקציע־פּראָצעסן — דאָס מיינט צו זאָגן, 'די אָפּשאַפונג פון שטאַט', מכוח וואָס מ'האָט דאָ אַנומלט געמאַכט אַזויפיל טומל." [78] „די געזעלשאַפט ביז איצט, וועלכע באַזירט זיך אויף קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, נויטיקט זיך אין אַ שטאַט. דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ באַזונדער קלאַס, וועלכער איז צייטווייליק דער עקספּלואַטירנדיקער קלאַס, אַן אָרגאַניזאַציע פאַר דעם צוועק פון ניט־דערלאָזן דאָס אַריינמישן זיך פון דרויסן אין די עקזיסטירנדיקע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, און, דעריבער, ספּעציעל פאַר דעם צוועק פון האַלטן מיט געוואַלד די עקספּלואַטירטע קלאַסן אין די קאָנדיציעס פון באַדרענגונג, וועלכע אַנטשפּרעכן דעם פּראָדוקציע־אופן (שקלאַפעריי, לייב־אייגנטום, לוין־אַרבעט). דער שטאַט איז געווען דער אָפיציעלער פאַרשטעהער פון דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצער; דאָס אויפנעמען זי צוזאַמען אין איין זיכטבאַרער פאַרקערפּערונג. אָבער ער איז עס געווען בלויז אויף־אַזויפיל, אויף־וויפיל ער איז געווען דער שטאַט פון דעם יעניקן קלאַס, וועלכער רעפּרעזענטירט, אין דער געגעבענער צייט, די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע; אין אַלטערטום־צייטן איז עס געווען דער שטאַט פון די שקלאַפן־פאַרמאָגנדיקע בירגער; אין דעם מיטלאַלטער — די פעאָדאַלע פּריצים; אין אונדזער צייט — די בורזשואַזיע. ווען לסוף ער ווערט דער ריכטיקער רעפּרעזענטאַנט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, דעמאָלט ווערט ער איבעריק." [79]

אָט־די טיראַדע וואָלט קלינגען גאַנץ נאַאיוו, ווען עס וואָלט שוין ניט געקלונגען צו־נאַאיוו, איבער דער 'נאַטור פון תמימות'. און צוליב אָט־דער צו גרויסער דאָזע פון נאַאיווקייט רופט זי אַרויס אַ חשד, אַז, אפשר, ליגט דאָ פאַרבאַהאַלטן אויפן סאַמע דעק אַ היפּשע מאָס פון ליסטיקייט.

לאָמיר הערן מיט קאָפּ וואָס ענגעלס זאָגט. ער באַהויפּטעט אַז דער שטאַט ווערט „דער ריכטיקער רעפּרעזענטאַנט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט" דורך דעם וואָס ער עקספּראָפּריאירט אַלץ וואָס ביז־אַהער האָט באַלאַנגט צו דער געזעלשאַפט, ד. ה. צו די מיטגלידער פון דער געגעבענער פּאָליטיש־קאָלעקטיווער קערפּערשאַפט. ענגעלס הייבט אָן מיט דער גרונדלאַגע און צוזאָג אַז פּאָליטיק וועט ווערן פאַרשלונגען פון דער עקאָנאָמיק. ער ענדיקט אָבער מיט דעם סאַמע פאַרקערטן טעזיס, נעמלעך, אַז פּאָליטיק וועט איינשלינגען די עקאָנאָמיק, ד. ה. דער שטאַט נעמט איבער דיווירטשאַפט. וואַנדערוועלדע דריקט עס אויס נאָך מער דייטלעך־קשה'דיק: „איך אונטערדריק דעם שטאַט דורך דעם וואָס

איך אידענטיפיציר אים מיט אַלע סאָציאַלע אַקטיוויטעטן." 80) ווי גע־פעלט אייך אַזאַ משונה אונטערדריקונג! דער שטאַט, אַ פּאָליטישע אינסטיטוציע, קאָנטראָלירט, באַזיצט און פאַרוואַלט די אינדוסטריע. אין אַזאַ פאַל, ווער שלינגט וועמען איין, עקאָנאָמיק די פּאָליטיק אָדער פאַר־קערט? יעדער בר־דעת וועט ענטפערן אַז אונטער אַזוינע אומשטענדן שלינגט די פּאָליטיק איין די עקאָנאָמיק, ד. ה. עקאָנאָמיק הערט אויף צו זיין פשוט'עווירטשאַפט, זי ווערט פון איצט אָן און ווייטער אַן ענין פון דער מלוכה, זי ווערט אַ פּאָליטישע אונטערנעמונג.

געאָרג פּלעכאַנאָוו שרייבט:

„דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם . . . בשעת ער דער־קלערט דעם היסטאָרישן אַרויפקום פון דעם שטאַט, באַווייזט ער, אין דעם סאַמע אורשפּרונג, די באַדינגונגען פון דער צוקונפטיקער פאַר־שווינדונג פון דעם שטאַט." 81)

עס איז טשיקאַווע צו זען ווי אַזוי דער שטאַט פאַרשווינדט בשעת ער ווערט גאָר גרעסער און מעכטיקער, בשעת ער גייט גאָר אַריבער פון ליבעראַליזם צו דיקטאַטור, פון דעמאָקראַטיזם צו טאָטאַליטאַריזם. ווען די פאַבריקן, די וואַרשטאַטן, די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואָלטן געוואָרן די צענטערס פון פּאָליטישע אַקטיוויטעטן, לויט דעם אומפּראַקטישן פּלאַן, וועלכן עס לייגן פאָר די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן אָדער סתם סינדיקאַליסטן, דעמאָלט וואָלט מען געקענט צולאָזן, מיט היפּשע רעזערוואַציעס, דעם געדאַנק אַז עקאָנאָמיק גייט באמת נעמען אויפן בוקסיר פּאָליטיק. אָבער ענגעלס זאָגט דאָך אונדז, און דאָס איז דער מאַרקסיסטישער פּלאַן, אַז דער שטאַט וועט מאָנאָפּאָליזירן אַלע אינדוסטריעלע פונקציעס. איז עס דען ניט קלאָר אַז אין אַזאַ פאַל וועט פּאָליטיק, אַט־דער גיגאַנטישער טאָטאַליטאַרער שטאַט, אַראָפּשלינ־גען די עקאָנאָמיק און קירעווען זי לויט זיינע פּאָליטישע באַדערפענישן און מדינה'שע אויפפאַסונגען, אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס.

מיר וועלן ברענגען נאָך אַ ציטאַטע פון ענגעלסן:

„אַזוי גיך ווי עס איז שוין מער ניטאָ קיין סאָציאַלער קלאַס, וועלכן מ'דאַרף האַלטן אין שיעבוד, אַזוי גיך ווי קלאַסן־הערשאַפט און דער אינדיווידועלער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וועלכער האַלט זיך אויף דער פּראָדוקציע־אַנאַרכיע מיט די צוזאַמענשטויסן און עקסצעסן, וועלכע קומען אַרויס פון דעם, זיינען באַזייטיקט, בלייבט ניט איבער קיין זאַך וואָס אונטערצודריקן, און אַ ספּעציעלער רעפּרעסיווער כוח, דער שטאַט, איז מער ניט נויטיק." 82)

עס איז אַזוי קלאָר, אַז עס קען גאָר קלערער ניט געבן! אַזוי ווי דער אינדיווידו בלייבט אָן אַ טראָפּן פון פּערזענלעכער איניציאַטיווע, וועלכע ענגעלס רופט אַ ‚קאַמף פאַר עקזיסטענץ‘, אַזוי ווי די פּראָדוק־ציע־אַנאַרכיע איז אָפּגעשאַפט און אַלע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן זיינען מאָנאָפּאָליזירט פון שטאַט און זיינע פאַרטרעטער, דער גייער טיף פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַאַמטע, „בלייבט שוין גאָר ניט איבער וואָס אונטערצודריקן“. נאַטירלעך, די אַרבעט פון אונטערדריקונג איז דורכ־געפירט אַזוי פולשטענדיק, אַז עס איז שוין מער ניטאָ ‚קיין שטאָך אַרבעט‘ אויף אָט־דעם געביט. דער שטאַט האָט שוין אַרויסגעשטויסן דעם אינדיווידו. ער האָט פאַרנומען אַלע פּאָזיציעס פון דעם יחיד, אַזוי אַז דער איינצעלנער קען זיך אַ ריר ניט טאָן, ניט עסן, ניט טרינקען ניט קליידן זיך, ניט שוכן זיך, ניט לייגן זיך שלאָפן, ניט אויפשטיין, ניט קריגן קיין דירה — אָן דעם שטאַט, וועלכער ווערט אי אַלמעכטיק און אי אומעטום־זייענדיק.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז שוין טאַקע באמת גאָר ניט געבליבן פאַר דער ‚אונטערדריקונג‘ וואָס צו טאָן... וואָס פאַר אַ אידייע! ניט ווילנדיק האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פ. ענגעלס איז דער גרעסטער סאַרקאַסט פון דער גאַנצער וואולגאַר־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור!

די פאַשיסטן, די נאַציס פאַררייידן, לכל־הפּחות, ניט די ציין, זיי קומען אַרויס מיט קלאָרע דיבורים, זיי קאָקעטירן ניט מיט וואולגאַר־אַנאַרכיסטישער פּראָזעאָלאָגיע צוליב דעמאַגאָגישע צוועקן.

„דער עטישער שטאַט פון פאַשיזם איז, נאַטירלעך, ניט מער דער אַגנאָסטישער שטאַט פון דעם אַלטמאָדישן ליבעראַליזם.“ 83) ביידע, סיי פאַשיזם און סיי נאַציאָנאַליזם, באַטראַכטן דעם שטאַט אַלס דעם יסוד פון אַלע רעכט און דעם קוואַל פון אַלע ווערטן אין די אינדיווידן, וועלכע שטעלן אים צונויף.“ 84)

אויך פ. לאַסאַל איז געווען פיל ערנסטער און מער אויסגעשפּראָכן אײדער מאַרקס און ענגעלס מכוח דעם פּראָבלעם פון דעם שטאַט.

„עס איז דער שטאַט וועלכער האָט די עובדא צו פאַרפולקומען אָט־די אַנטוויקלונג פון פרייהייט און פון דער מענטשן־ראַסע צו פריי־הייט. דער שטאַט איז אָט־די פאַראייניקונג פון אינדיווידן אין אַ מאָראַ־לישן צוזאַמענשטעל, אַ פאַראייניקונג, וועלכע פאַרגרעסערט אויף אַ מיליאָן־מאָל די כּוחות פון אַלע אינדיווידן, וועלכע ווערן אַריינגענומען אין אָט־דעם פאַרבאַנד.“ 85)

לאַסאַל באַגרייפט גאַנץ גוט אַז שטאַט־סאָציאַליזם אָדער שטאַט־קאַפּיטאַליזם קען בשום אופן ניט פירן צום אָפּשאַף אָדער אָפּשוואַך פון

שטאַט, נייערט, פונקט להפך, צו דער פאַרשטאַרקונג און אויסברייטערונג פון די שטאַט־פונקציעס, וועלכע נעמען אַריין אַלע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס, אַלע אַנגעלעגנהייטן, אַלע צרכי־ציבור פון קאָמונאַלן לעבן, אָן אויסנאַם.

מיר וועלן נאָך אַ מאָל הערן וואָס פ. ענגעלס האָט צו זאָגן:

„דער ערשטער אַקט דורך וועלכן דער שטאַט ווערט באמת דער פאַרשטייער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט — דאָס איבערנעמען די פּראָדוקציע־מיטלען אין נאָמען פון געזעלשאַפט — איז צו דער זעלבער צייט זיין לעצטער אומאָפּהענגיקער אַקט אַלס אַ שטאַט. דאָס שטאַט־אַריינמישן־זיך אין די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן ווערט, אין איין תחום נאָכן אַנדערן, איבעריק און דערנאָך פאַרשווינדט ער איינגאַנצן ווי פון זיך אַליין.‟ 86)

אַזוי, אפשר, קען עס אויסזען, ווען מ׳קוקט אויף דעם אויבערפלעכלעך. באמת אָבער פאַרשווינדט ניט דער שטאַט, נייערט די געזעלשאַפט, און דעריבער הערט ער אויף זיך אַריינצומישן. ער האָט ניט אין וואָס זיך צו מישן. ער האָט זיך שוין אַזוי אַריינגעמישט, אויסגעמישט, אַלץ איבערגעמישט און פאַרמישט, אַז עס איז שוין מער ניטאָ וואָס צו מישן און אין וואָס זיך צו מישן. ווען דער שטאַט נעמט איבער די אינדוסטריע, באַזיצט און קאָנטראָלירט די גאַנצעווירטשאַפט, — איז וואו קען ער זיך נאָך מישן?! וואו זיינען דאָ פרייע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וועלכע שטייען מחוץ פון שטאַט, אַז מ׳זאָל קענען ריידן וועגן דעם שטאַטס אַריינמישן זיך אין פרעמדע ענינים? אַלע עסקים זיינען שוין, ברוך השם, זיינע אייגענע.

ענגעלס אין זיין שרייבן, אין די שטעלן, איז אַזוי נאַאיוו, אַז עס נעמט אָזש אָן אַ חשק צו פאַרדעכטיקן אים אין ניט־פאַרשטעלטן הומאָריזם...

נאָך דעם ווי דער גזלן האָט ביי דעם רייזנדן צוגענומען אַלץ וואָס דער לעצטער האָט פאַרמאָגט, פאַרזיכערט אים ענגעלס, מיט אַן ערנסטער מינע פון אַ שטערנזעער און צוקונפט־פאַרויסזאָגער, אַז מער וועט אים דער רויבער ניט ראַבירן, און דער רויבער וועט ווערן אויס רויבער, און דער רייזנדער קען זיך פילן רואיק און פריי, זיכער און גליקלעך אין גזלנ׳ס אַנוועזנהייט, ווייל דער ערשטער וועט אים שוין מער ניט באַ׳גזל׳ען. נאַטירלעך, וועט ער עס שוין מער ניט טאָן, ווייל ביי דעם באַרויבטן איז גאָרניט געבליבן, וואָס מ׳זאָל קענען צונעמען ביי אים, אויסער זיין נשמה.

נאָך אַ ציטאַטע פון ענגעלסן, וועלכער איז דער קלאַסיק־וואולגאַריזאַטאָר פון דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם און שטאַטיזם:

„דער שטאַט, בכן, האָט ניט עקזיסטירט פון אַלער אייביקייט. עס זיינען געווען געזעלשאַפטן אָן אים, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום באַגריף פון אַ שטאַט אַדער אָן אַנדער עפנטלעכער מאַכט. אויף אַ געוויסער שטופע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכע איז נויטווענדיקערוויז געווען באַגלייט מיט אַ קלאַסן־צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט, איז דער שטאַט געוואָרן דער אומפאַרמיידלעכער פּועל־יוצא פון אָט־דער צעטיילונג. איצטער דערנענטערן מיר זיך גאַנץ־שנעל צו אַן אַנטוויקלונג־שטופע אין פּראָדוקציע, אויף וועלכער די עקזיסטענץ פון קלאַסן האָט ניט נאָר אויפגעהערט צו זיין אַ נויטווענדיקייט, נייערט איז געוואָרן פּאָזיטיוו אַ שטער פאַר דער פּראָדוקציע. פאַלגלעך, וועלן די־דאָזיקע אַזוי אומבאַדינגט מוזן אומקומען ווי זיי זיינען אַמאָל אויפגעקומען. דער שטאַט מוז אומפאַרמיידלעך אומקומען מיט זיי. די געזעלשאַפט, וועלכע וועט אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אויף אַ באַזיס פון אַ פרייער און גלייכער אַסאָציאַציע פון פּראָדוצירער, וועט אַריבערטראָגן די שטאַט־מאַשינעריע אַהין וואוהין זי באַלאַנגט: אין דעם מוזיי פון אַנטיקן, ביי דער זייט פון שפּין־רעדל און בראָנזענער האַק.״ 87)

וואָס פאַר אַ באַצויבערנדיקע פּאַנאָראַמע פ. ענגעלס וויקלט פאַנאַנדער פאַר אונדזערע בלינקנדיקע אויגן! אָבער אויב מיר וועלן זיך ניט שרעקן פאַר אַ חילול־הקודש און מיר וועלן דורכאַנאַליזירן קריטיש זיינע באַהויפּטונגען, וועלן מיר אין זיין פּראָפעטישער וויזיע דערזען אָט־וואָס:

דער אָרגאַניזאַטאָרן טיפּ וועט פאַרוואַרפן, אין דער צוקונפט, די אַלט־מאָדישע מאַשינעריע פון דעם ׳אַלט־פרענקישן׳ שטאַט. נייע צייטן — נייע פויגלען! נייע פויגלען — נייע לידער! נייע פויגלען — נייע פאַסטקעס, נאַטירלעך, נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע אויף דעם באַזיס פון שטאַט־אייגנטום, וואָס מיינט אַז דער אָרגאַניזאַטאָרישער טיפּ וועט האָבן צו זיין דינסט אַלע פּראָדוקציע־מיטלען און אַלע דיסטריבוציע־אַגענטורן, וועט ער זיכער זיך נויטיקן אין אַ נייער מאַשינעריע. די אַלטע מכשירים און געצייג פון שטאַט וועלן מער ניט קענען דינען זיינע גרויסע און ברייטע צוועקן.

מיט אַנדערע ווערטער, די אינדוסטריע און קאָמערץ זיינען צענטראַליזירט און שטאַטיזירט. די פאַרוואַלטונג איז יעראַרכיזירט אויף דעם העכסטן גראַד. די לעצטע שפּורן פון קאָנקורענץ צווישן די אייגענע

מיטגלידער זיינען אָפּגעמעקט. די מעגלעכקייט זיך אַריינצומישן אין די ווירטשאַפטלעכע אנגעלעגנהייטן מצד פון דער מאַסע פון די קליין־אייגנטום־באַלעבאַטימלעך, וועלכע אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם שטעלן צוזאַמען די מאַיאָריטעט פון די עקאָנאָמישע סוביעקטן, איז לחלוטין אויסגעשלאָסן. אונטער אָט־די נייע אומשטענדן וועט דער אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ זיך פילן בכוח צו אינסטאַלירן נייע פּאָליטישע מאַשינען, וועלכע וואָלטן זיך געפינען אין הסכם מיט די נייע באַדינגונגען. דער נייער הערשנדיקער טיפּ וועט זיין אימשטאַנד צו מאַכן זיין ווילן עפעקטיוו און זיינע אינטערעסן פאַר דעם געזעץ פון דעם לאַנד, פאַר דעם אומפאַרלעצלעכן געזעץ פון דעם גאַנצן געזעלשאַפט־היקף. ער וועט אָרויפצווינגען זיינע פּאַראָרדנונגען און דעקרעטן, דיקטאַטן און 'פּריקאַזן' דורך נייע מיטלען. דאָס הייסט, ער וועט אָנווענדן דעם עקאָנאָמישן דרוק. ער וועט נויטן און צווינגען עקאָנאָמיש די ווידערשפּעניקנדיקע אינדיווידן. די לעצטע וועלן מוזן זיין לאָיאַל צו אים, אַניט וועלן זיי בלייבן אָן אַ ביסן ברויט, אָן אַ שוך, אָן אַ קלייד און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

און דער פאַרגלייך מיט דער בראַנזענער האַק איז, פּשוט, נביא'יש. האָבן דען די האַלצהעקער אויפגעהערט צו ממית'ן די בעלי־בתים חשובים פון די וועלדער, האָבן דען די האַלץ־שוחטים און קצבים אויפגעהערט צו קוילען בוימער, שינדן זייער פעל, טרייבערן זיי, טשעשען זיי און און מאַכן פון זיי שיינע ריינע באַלקנס זינט דער בראָנזענער האַק, דער אַלט־מאָדישער האַלץ־חלף, איז אָפּגעשיקט געוואָרן בכבוד גדול אין מוזיי אַריין? טויזנט מאָל ניין. אלא וואָס דען, נייע כלי־משחית, נייע געווערקציג, מער בעל־פּעולה'דיקע האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די אַלטמאָדישע, וועלכע מ'האָט באַזייטיקט ניט דערפאַר וואָס מ'האָט געשאַנעוועט די בוימער און די וועלדער... דאָס בוימער־האַקן גייט אָן אויף אַ נייעם, מער ווירקזאַמען, בעסערע רעזולטאַטן־געבנדיקן אופן.

דאָס אייגענע בנוגע דער פּאָליטישער סטרוקטור...

און איצט אָן אנמערקונג מכוח דעם, אַז אַ „פרייע און גלייכע אַסאָציאַציע פון פּראָדוצירער" וועט געשאַפן ווערן. ווי נאָר דער שטאַט נעמט איבער די אינדוסטריע און פאַרוואַלט די ווירשטאַפט, אָרגאַניזירט ער די באַלעבאַטישקייט אויף זיין מלוכה'שן שטייגער. אַזוי אַרום פאַרמירט ער ניט קיין אַסאָציאַציע, נייערט טאַקע אַן אָרגאַניזאַציע. אַן אַסאָציאַציע וועט פאַר אים ניט טויגן. דאָ וועט זיין אַן אייזערנע אָרגאַניזאַציע מיט דער טיפער צעשפּאַלטונג אויף אָרגאַניזירער און אָרגאַניזירטע.

אָט וואָס הערבערט ספּענסער זאָגט:

„אזוי צי אזוי, פראָדוקציע מוז ווערן רעגולירט; און די רעגולאַ־טאָרן, אַזוי איז שוין די טבע פון דער זאַך, מוזן שטענדיק זיין אַ קליינער קלאַס אין פאַרגלייך מיט די ווירקלעכע פראָדוצירער.״ 88)

אַנדערש קען עס ניט געמאָלט זיין. עס מוזן זיין מער זעלנער ווי אָפיצערן, ווייל איין אָפיצער קען אינסטרוקטירן, טרענירן, מושטירן אַ היפּשע צאָל זעלנער. עס מוזן זיין מער חסידים ווי רביים. עס מוזן זיין מער אַרבעטער ווי אויפזעער. ווייל איין אויפזעער קען אַכטונג געבן אויף פילע אַרבעטער. און עס וואָלט זיין דער גרעסטער אַבסורד ווען מ׳שטעלט אַן פילע אויפזעער, אַז זיי זאָלן האַלטן אַן אויג אויף איין אַרבעטער. אָבער דאָס מוז פירן צו דעם, אַז די געזעלשאַפט זאָל זיין אַ צעשפּאָלטענע, אַן איינגעטיילטע אין צוויי טיפּן.

מערערע באַטייליקן זיך דירעקט אין פראָדוקציע־פּראָצעס אוז. דערי־בער, זיינען זיי בלויז פּשוט׳ע פראָדוצירער, בשעת די ווייניקערערע באַטייליקן זיך אינדירעקט אין דעם פראָדוקציע־פּראָצעס און, דעריבער, זיינען זיי די וויכטיקע דירעקטאָרן. מיט אַנדערע ווערטער, די מינדער־הייט אָרגאַניזירט, די מערהייט ווערט אָרגאַניזירט.

די אינערלעכע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז די געשיכטע פון אַ געראַנגל פאַר אָרגאַניזאַציע. זעלבסט־אָרגאַניזאַציע איז דער קבר פון סאָציאָלאָגיע אַלס אַ סאָציאַלע פיזיק און די וויגעלע פון אינטער־אינדיווידואַלאָגיע און אינטער־קלאַסאָלאָגיע אַלס סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע.

ב

מינדערהייט און מערהייט

I

דער וואוקס פון דער דיפערענציאַציע

ווען דער פּאָליטאָ־עקאָנאָמישער פּראָטעקציאָניזם ווערט אָנגעווענדט אויף דעם גאַנצן שטח פון דער ווירטשאַפט, זאָגט אָט־די פּראָטעקציע עדות, אַז די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע סיסטעם איז לאָ־עליכמ׳דיק. זי איז שוואַך. זי איז ניט „בקו־הבריאה״. ווערט דער אייגענער פּראָטעקציאָניזם אָנגעווענדט בלויז אין איין צווייג פון אינדוסטריע און האנדל, איז עס א באַווייז, אַז יענער צווייג איז אויף צרות, קען ניט שטיין אויף די אייגענע פיס, אז מ׳דאַרף אים אונטערלענען, ׳פּראָטעקטירן׳. ווי אַללען ר. פּוט דריקט זיך אויס: „לעגאלע פּראָטעקציע איז א צודעק פאר חולשה. וואָס גרעסער די מאָס פון דער געפאָדערטער פּראָטעקציע, אלץ גרעסער איז די צוגעגעבענע שוואכקייט.״ 1) ווען די אינדוסטריע איז ניט בכוח זיך צו האַלטן מיט די אינערלעכע אייגענע כוחות, מוז זי, נעבאך, אָנקומען צו אויסערלעכע אגענטורן, אז זיי זאָלן זי שטיצן, געבן איר א חיזוק אין דער פאָרם פון הייכע טאַריפן, אימפּאָרט־שטייער וכדומה שטאַרקונג־מיטלען. א. דע לאוויסאן שרייבט: ׳פּראָטעקציע, בדרך כלל, איז א מלוכה־אינטערווענציע פאַר דער באַשיצונג פון די אינדוסטריעס, וועלכע ווערן באַדראָט פון אויסלענדישער קאָנקורענץ.״ 2) וו. דזש. גרעגאָרי זאָגט: „פּראָטעקציע... מיינט, געוויינטלעך, עפנטלעכע הילף אדער שוץ צו היימישע מאנופאַקטוריסטן בכדי צו באַשירעמען זיי פון די פארלוסטן, וועלכע זיי וואָלטן ליידן פון דער קאָנקורענץ פון די אויסלענדישע פאַבריקאַנטן פון דעם זעלביקן ארטיקל.״ 3)

מיר ווייסן מיט וועלכע כוונות און צוליב וועלכע צוועקן פּראָטעקציאָניזם ווערט איינגעפירט און פּראַקטיצירט. איצט ווען מיר פרעגן: ווען ווערט פּראָטעקציאָניזם פארוואָרפן? דאָס אָפּזאָגן זיך פון פּראָטעקציאָניזם זאָגט אונדז אָן בקול רם און בפה מלא אז די אינדוסטריע איז שוין, ברוך השם, געגעזן געוואָרן, אז זי איז פריש און געזונט. דזשאהן ב. קראָזיער שרייבט: „ענגלאנד... האָט איצט ניט געהאַט וואָס מורא צו

האָבן פאַר די אויסלענדישע קאָנקורענטן, און זי האָט געעפנט אירע טויערן נאָסטעוזש פאַר אַלע נאַציאָנען, און האָט זיי איינגעלאַדן אַריינצוקומען." 4) כל־זמן ענגלאַנד האָט זיך געשפּירט שטאַרקער פון אַלע אַנדערע פעלקער, אירע קאָנקורענטן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַלן מאַרק, האָט זי ניט אויפגעריכט קיינע סחורה־שטייער ווענט, דער טאַריף איז געווען טריפה. זי האָט אים ניט באַדאַרפט. אירע האָפנס זיינען געווען פראַנק און פריי, אָפן פאַר סחורות, וועלכע מ'האָט אַריבערגעבראַכט פון אירע קאָלאָניעס, דאָמיניאָנען, אדער אַנדערע טיילן פון דער וועלט, וואָס זיינען געווען פרעמד דער ענגלישער אימפּעריע. די סחורות האָבן גע־מעגט אַריינקומען, זיך אויסלייגן אויף די יאַרידן אָן קיינע שטערונגען אדער חומרות. דייוויד וו. וועלס זאָגט אונדז: „פרייער האנדל אלס אַן עקאָנאָמישער פּרינציפּ איז א דירעקטער קאָפּויר צו דער... פּראָטעקציע־סיסטעם." 5). „די לערע מכוח פרייען האַנדל האַלט אַז... עס איז בעסער, ווען עס זיינען ניטאָ קיינע באַגרענעצונגען בנוגע דעם אויסטויש פון אַרטיקלען און טואונגען הן צווישן יחידים און הן צווישן געמיינ־דעס." 6) גרויס בריטאַניע האָט געפּריידיקט און פּראַקטיצירט דעם פּרינ־ציפּ פון פרייען מסחר. פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? קיין הומאַניסטישע טעמים זיינען דאָך דאָ גאָר ניט שייך. „האַנדלשאַפט איז ניט קיין ברי־דערשאַפט". געשעפט האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט ליבעראַליסטישער סענטימענטאַליטעט און אַנדערע מאָראַלע חששים און קווינקלענישן. און מיט וואָס דערקלערט זיך טאַקע די אמאָליקע בריטישע פריי־מסחר לערע און הנהגה? דער ענטפער איז אַז „קאבדעניזם", „מאנטשעסטע־ריזם", ווי די פריי־מסחר דאָקטרינעס האָבן זיך גערופן, איז געווען אָנגענומען מחמת דעם, ווי יעדער עקאָנאָמיסט וועט מודה־זיין, וואָס ענגלישער מסחר און ענגלישע אינדוסטריע איז אין יענע 'חסד־נעורים'־טעג געשטאַנען איבער דעם דערגרייך פון פרעמדער קאָנקורענץ. דזש. פּ. ריס שרייבט: „דאָס לאַנד האָט גענומען ווערן פולשטענדיק אינ־דוסטריאַליזירט אין א וועלט, אין וועלכער אַגריקולטור איז נאָך געווען דאָמינירנדיק. צו ענדערן דעם באַלאַנץ אין גרויס־בריטאַניע לטובת די מאַנופאַקטוריסטן האָט אויסגעזען צו זיין זייער פאַרלאַנגענסווערט, אויב דער אָפּזעץ וואָלט ווערן אַמבעסטן פאַרזיכערט דורך דעם צונעם פון זייערע אַגריקולטור־פּראָדוקטן." 7) און עס איז געווען א „יצא הפסדו בשכרו", די פאַרלוסטן, וואָס ענגלאַנד האָט געקענטליידן פון דעם פרייען האַנדל אויף איר אינערלעכן נאַציאָנאַלן מאַרק, זיינען לייכט אַריבערגעוואויגן געוואָרן פון די פאַרדינסטן, וועלכע זי האָט געמאַכט אויף דעם אויסערלעכן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק. אַזוי אַז ענגלאַנד האָט

ניט נאָר גאָרניט דערלייגט צו איר „קאָמערציעלן ליבעראַליזם", נאָר זי האָט היפש פאַרדינט פון דעם. ה. נ. ברייִלספאָרד שרייבט: „אַזוי לאַנג ווי די בריטישע אינדוסטריע האָט געהאַלטן איר גינציקע פּאָזיציע פון אַ פּיאָנער אין דער מעכאַנישער פּראָדוקציע, האָט זי זיך געקענט דער־לויבן צו פּריידיקן און פּראַקטיצירן פרייען האַנדל. זי האָט געגלויבט אַז זי קען פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן, מחמת אירע סחורות זיינען געווען די וואָלוועלסטע און די בעסטע, צו דער גאַנצער וועלט אָן דער הילף פון אַ פּריווילעגיע, פּראָטעקציע אָדער מאָנאָפּאָל. אָבער ווי נאָר קאָנ־קורענטן, אויסגעשטאַטע גלייך פון אָנהייב מיט דער עכסט מאָדערנער טעכניק, זיינען אַרויף אויפן מאַרק צו קאָנקורירן מיט אירע אינדוסט־ריעס, וועלכע זיינען געווען באַלעסטיקט מיט אַ גלאָררייכער פאַרגאַנ־גענהייט, האָט איינגנטום גלייך גענומען פאָדערן פאַרמאַכטע מאַרקן." 8)

יעדער שוואַכלינג, יעדער שוואַכער רינג אין דער קייט פון דער עקאָנאָמישער אונטערנעמונג, וואָס קען ניט אויסהאַלטן דעם דרוק פון אויסלענדישע קאָנקורענטן, וועלכע לייגן פאַר דעם זעלביקן אַרטיקל און, אַמאָל, אפילו פון אַ העכערער קוואַליטעט פאַר אַ נידעריקערן מקח, — שרייט מיט באַנומענע קולות און בעט זיך רחמים מ'זאָל אים געבן פּאָליטאָ־עקאָנאָמישע הילף — און ער קריגט עס. ווי אַלעקסאַנדער האַמילטאָן זאָגט: „אַנצוהאַלטן, צווישן די נאָר־וואָס עטאַבלירטע אינ־דוסטריעס פון איין לאַנד און די רייפע עטאַבלירונגען פון אַן אַנדער לאַנד, אַ קאָנקורענץ אויף גלייכע יסודות... איז... אוממעגלעך אָן דער אוי־סעראָרדענטלעכער הילף און פּראָטעקציע פון דער רעגירונג." 9) „פּראָ־טעקטיווע אָפּצאָלונגען גיבן אַ מעגלעכקייט צו די נאַציאָנאַלע אינדוס־טריאַליסטן צו באַזיגן אַלע זייערע פרעמדלענדישע קאָנקורענטן. די פּאַסיקייט פון אַזאַ סאָרט דערמוטיקונג פאָדערט ניט אַז מ'זאָל זיך לאַנג דאַרפן אויף איר אָפּשטעלן." 10). „און ווען עס וואָלט פּאַסירט, אַז די גאַנצע וועלט וואָלט אָנגענומען מאַרגן דעם פּרינציפּ פון פרייען האַנדל, וואָלטן נוצן געהאַט פון דעם בלויז די שטאַרקע נאַציאָנען, בשעת די שוואַכע וואָלטן צעדריקט געוואָרן וואָס אמגיכסטן, זיי וואָלטן אויסגעזויגן געוואָרן ביז טרוקן פון זייערע שטאַרקע קאָנקורענטן." 11) און מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע פאַרוואָס אַלע הינטערשטעליקע, אומאַנט־וויקלטע לענדער ווענדן אָן דעם פּראָטעקציאָניזם אַלס שוץ־מיטל. אין אויסנאַם־פאַלן מוזן אים אָנווענדן דווקא די הייך־אַנטוויקלטע לענדער. זיי האָבן אויפגעהייבן זייערע לעבנס־סטאַנדאַרטן און זייער לוין־סקאַלע און, היוצא, דעם פּראָדוקציע־קאָסט איבער דעם אינטערנאַציאָנאַלן דורכ־שניט און זיי זיינען, דעריבער, געצוואונגען זיך אַרומצוצאַמלען מיט

אימפאָרט־שטייער צוימען בכדי זיך צו פאַרהיטן קעגן די אינוואַזיעס פון די אַרטיקלען־וואַנדאַלן. ד. דזש. האַרימאַן שרייבט: „אַזוי ווי עס זיינען ניט געווען קיינע טאַריפן זיי אָפּצוהאַלטן, האָבן אויסלענדישע פעלקער, בפועל־ממש, ארייגעגאָסן אין אונדז זייערע פּראָדוקטן... אין אַזעלכע קוואַנטיטעטן און פאַר אַזעלכע פרייזן אַז אונדזער פאָלק האָט ניט געקענט קאָנקורירן מיט זיי... אונדזערע מאַרקן זיינען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט חוץ־לאַרצ'דיקע פּראָדוקטן." 12) דזש. גרונצעל שרייבט: „די פּראָטעקטיווע מאָסרעגלען זיינען אַ מיטל ווי אַזוי צו קאָנסאָלידירן און יוניפיצירן אַ לאַנד אין דעם עקאָנאָמישן זינען, און מאַכן עס פייאיק אָפּצוטרייבן די געפאַרן פון דרויסן." 13) דעם ענין פּראָטעקציאָניזם און פרייען האַנדל האָבן מיר ארומגערעדט אַזוי ברייטלעך בכדי מיר זאָלן עס קענען געברויכן אלס אַן אילוסטראַציע. דאָס דאַרף אונדז דינען אלס אַ קלאָר־מאַכונג־מיטל פאַר די שייכות'ן וואָס עקזיסטירן צווישן די רייכע קלאַסן און נידעריקע מאַסן.

קלאַסן־פּראָטעקציאָניזם, ניט ווייניקער ווי עקאָנאָמישער פּראָטעקציאָניזם, איז אַ סימן דלות, אַ באַווייז אַז די קאָמאַנדירנדיקע גרופּע איז אין דער בחינה פון אַ חלש. דאָס באַווייזט אַז זי טויג נאָך ניט, אַז זי איז ניט רייף פאַר איר היסטאָרישער עובדא פון אַ הערשנדיקן אגרעגאַט. קלאַסן־פּראָטעקציאָניזם דערציילט אונדז אַז די שררות־גרופּע איז ניט בכוח זיך צו באַהויפּטן אלס אַ הערשערין, אַז זי ווייסט ניט ווי אַנצוגיין מיט איר אַרבעט, ווי אַזוי צו האַלטן אין צוים און קלעם די ווידערשפּעניקע נידעריקע שיכטן, און זי איז געצוואונגען, דעריבער, אַנצוגעמען דיסציפּלינאַרע מאָסרעגלען, זיך באַנוצן מיט קינסטלעכע פּאַרטיידיקונג־מיטלען. קלאַסן־פּראָטעקציאָניזם ציינט אַז פאַר דער זיכערקייט און וואוילשטאַנד פון דעם גאַנצן קהל מוז מען אויפריכטן, איבער דער גאַנצער לענג פון די קלאַסן־גרענעצן, יורידישע באַריערן, לעגאַליסטישע פּאַרטיפיקאַציעס.

די אַזוי גערופענע „אויסדערוויילטע מינאָריטעט", די 'עליטע', די אויבערשטע גרופּע איז פאַרפונדעוועט אין דער דיפערענציאַציע, וועלכע דער ציבור אַנטוויקלט. דער נוסח פון דער סטרוקטור פון דעם אויבערשטן קלאַס, די ראַם פון זיין קאָנסטיטוציע־בילד אַזוי גוט ווי די פּאָזיציע וועלכע ער פאַרנעמט, דאָס אַלץ ווענדט זיך אָן דער רייפקייט־דרגא פון דער סאָציאָלאָגישער דיפערענציאַציע און איר מאַניפעסטאַציע. ווען די דיפערענציאַציע איז ניט דערוואַקסן, 'ליגט נאָך אין די ווינדעלעך', דעמאָלט איז די פּאָזיציע פון דעם אויבערשטן קלאַס ניט זיכער. קוים וואָס ער האַלט זיך אין די הייכן. צו סטאַביליזירן אָט־דעם מעמד, צו

פאַרהיטן אים פון אומאַנגענעמע פּאַסירונגען, ווערן אַנגענומען דראַסטישע מיטלען פון א ספּעציפיש יורידישן כאַראַקטער. אַט־די יורידישע מאָס־רעגעלן רוף איך אָן „סאָציאַלאָגישער פּראָטעקציאָניזם״.

לאָמיר נעמען אלס ביישפּיל די קאַסטעס־אינסטיטוציע. וואו איז די ראַציאָנאַלע דערקלערונג און געוויסנלעכע פאַרענטפערונג פאַר די־דאָזיקע חומרות און גזירות, וועלכע זעען אויס צו זיין אזוי אוממענטשלעך? וואָס איז דער שכל פון דעם שטרענגען פאַרבאָט, וועלכער אסר׳ט כמעט יעדן מגע־ומשא־האָבן צווישן איין סעגמענט פון דער באַפעלקערונג און דעם צווייטן? נאָך אלעמען זיינען דאָך מענטשלעכע ברואים פאַררעכנט פאַר נאַרמאַלע וועזנס, און זיי זיינען מחוייב צו האַנדלען אלס אזעלכע. זיי דאַרפן אַרויסווייזן סיי אין זייערע לעבנסשטייגערס און סיי אין זייערע געזעלשאַפט־פירונגען כאָטש־בּי א מינימום פון ראַציאָנאַליזם „אַלץ וואָס עקזיסטירט, עקזיסטירט פאַר וועלכן עס איז תכלית.״ 14) און דאָס איז ריכטיק, אָן צווייפל, אויך בנוגע סאָציאַלע אנשטאַלטן, איינפירונגען, אויפפירונגען, שטייגערס, מנהגים מוזן האָבן אין זייער באַזיס א מינימאַלע שכל׳דיקייט, מוזן זיך געפינען „אין איינקלאַנג מיטן שכל.״ 15)

דער טעם פאַר דעם קאַסטעס־אַנשטאַלט ליגט אין דעם פאַקט, וואָס דער אויפבוי, דער אויבערשטער שטאָק פון דעם סאָציאַלן בנין, איז געווען צו וואַקלדיק פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל. זיינע לאָקאַטאָרן האָבן זיך ניט געפילט זיכער דאָרטן אויבן איבער דעם אַנגענומענעם ניוואָ. זיי האָבן זיך געפונען באמת, אָדער זיי האָט זיך אויסגעדוכט, — וואָס איז דאָס אייגענע — אין א סכנה. זיי האָבן מורא געהאַט זיי זאָלן זיך ניט אַראָפּקולימען, אדער מ׳זאָל זיי ניט אַראָפּשליידערן. די אויבערשטע איינוואוינער, „די אויסדערוויילטע״, זיינען עס די יעניקע, וועלכע דעטערמינירן דעם מאָדוס וויוועגדי, די לעבנס־אופנים, פון דער גאַנצער געמיינשאַפט. זיי גיבן עס אַרויס די געזעצן פון מאָראַלן און פּאָליטישן אויפפיר. מחמת מ׳מוז זיי נויטיק האָבן. אָן זיי קען זיך די געזעלשאַפט ניט באַגיין. אָן זיי איז ניטאָ ווער עס זאָל דערפילן ווי־געהעריק די פונקציעס פון דער געגעבענער סאָציאַלער, אינטער־אינדיווידועלער און צווישן־גרופּן אָרגאַניזאַציע. און זייערע טואונגען זיינען פון גרויסן נוצן, אין א היפשער מאָס, פאַר דער טאָטאַליטעט פון דעם פאָלק, די דעק־שיכטן, די קעלער־וואוינער ניט אויסגעשלאָסן. אפילו אזא פייער־שפּייענדיקער וואולקאַן־רעוואָלוציאָנער ווי מיכאַיל באַקונין האָט געמוזט צוגעבן אז „דאָס (די קאַסטעס־סיסטעם) איז געווען דער איינציק מעגלעכער וועג צו דערציען די מענטשלעכע ראַסע... קיין מינאָריטעט וואָלט ניט געקענט זיין אזוי מאַכטפול אז

זי זאָל קענען ארויפצווינגען אזעלכע גרויסע קרבנות אויף די מאַסן, ווען אין די מאַסן אליין וואָלט ניט געווען א שווינדלדיק־ספּאָנטאַנע באַוועגונג, וועלכע האָט זיי געשטופּט צו דער זיך־פּאָרטזעצנדיקער זעלבסט־אויפּאָפּערונג.״ 16) אָט־די זעלבסט־אויפּאָפּערונג האָט זיך, סוף־כל־סוף, באַצאָלט. עס האָט געלוינט די מאַסן צו זיין געהאָרכזאַם. מחמת די האַרן, אונטער די געגעבענע היסטאָרישע אומשטענדן, זיינען געווען זייערע בעלי־טובות, זייערע בענעפאקטאָרן. די מאַסן קענען זיך בשום אופן ועניין ניט באַגיין אָן די קלאָרע דירעקטיוון וועלכע עס גיבן זיי זייערע פירער. די אויבערשטע גרופּע איז דער קאָפּ פון דעם גאַנצן קהל. זי איז דער זויער־טויג וועלכער מאַכט, אז די געמיינדע זאָל שטייגן, אויסוואקסן, זיך מערן, גרעסערן, געדייען. און דעריבער איז די געזעלשאפט אזוי אָפּער־וויליק ווען עס קומט בייצושטייערן וויפל־נאָר מעגלעך, צוצוטראָגן צו דעם וואוילשטאַנד־פאָנד וואָס גייט צו דעקן די הוצאות פון קולטיווירונג, אויפהאַלטונג און פלעגונג פון דעם אָנפירנדיקן מיעוט. די געזעלשאפט האָט מורא אָנצורירן די זיכערקייט און פארזיכערטקייט פון דעם אויבערשטן שיכט. זי וועט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּשטעלן, ווען עס האנדלט זיך וועגן אָט־דעם אלץ־אריבערוועגנדיקן צוועק, נעמלעך, די אויסהאַל־טונג און אויסשטאַטונג פון דעם דאָמינירנדיקן קלאַס. מחמת פון דעם הענגט אָפּ די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער געמיינשאפט אלס אזעלכער. פאַר דער געמיינדע איז עס א פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין.

ובכן, אין נויטווענדיקייט־פאַלן, ווערט פאָרמירט א קאַסטע. אירע אריינגאַנגען און ארויסגאנגען ווערן פאַרריגלט מיט אייזערנע פאַרבאָטן. זיי ווערן וואַכזאַם אָפּגעהיט קעגן די דרויסנדיקע ארייַנדרינגונגען און אינערלעכע ארויסטרעטונגען. דער דיקער געוועב פון טאַבוס, וועלכער רינגלט אַרום די קאַסטע, ווערט געוועבט לטובת־הכלל, פאַר דעם וואויל און גוט פון דער גאַנצער געמיינדע, ווי דער וואויל־און־גוט ווערט אויס־געטייטשט פון די אָנפירנדיקע מוחות פון דער געגעבענער געמיינדע, וועלכע געפינט זיך אין ספּעציעלע אומשטאנדן. די מזרח־ציוויליזאציע, אין א יש לענדער, איז געווען אויפגעריכט אויף דעם קאַסטעס־פונדאַמענט. אָט־דער פונדאַמענט איז ניט אוועקגעלייגט געוואָרן פון אוזורפּירער און באַזיגער מיט סאַדיסטישע אימפּולסן. דער דאָזיקער יסוד־אוועקלייג האָט זיין באַרעכטיקונג אין א „מוז״. ער איז א דיקטאַט פון א נויט־ווענדיקייט, ער איז איינער פון די בעל־כרחא׳עס פון סאָציאַלן לעבן. אויגוסט קאָנט זאָגט מיט קלאָרקייט: „די אוניווערסאַליטעט און הארט־נעקיקייט פון דער קאַסטעס־סיסטעם זיינען גענוגענדיקע צייגענישן פון איר צוגעפּאַסטקייט צו מענטשלעכע הצטרחותן אין איר צייט, אומגעאַכט

די אומבאַקוועמלעכקייטן וואָס זי האָט אנטהאלטן... דער פאַרלוסט פון פילע דערפינדונגען, איידער אָט־די פּרעווענטיווע קאַסטעס־אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן, האָבן אנגעדייט איר באַדערפעניש.״ 17)

בלויז דער נאַאיווער געדאַנק, דער וואולגאַר־ראַדיקאַליזם, דער פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנאַריזם, זעט אין דער מענטשהייט־געשיכטע גאָרניט אויסער באַריכטן וועגן אן ענדלאָזער סעריע פון גרוילטאָטן, מעשים תעתועים, אין וועלכע עס זיינען שולדיק די רשעים, די הערשנדיקע קלאַסן.

אינדיע און אנדערע לענדער האָבן איינגעפּירט די סיסטעם פון קאַסטעס, ווייל זיי האָבן טיף געפילט די באַדערפעניש אין אַזאַ אַנשטאַלט. אָן דעם דאָזיקן מוסד האָבן זיי ניט געקענט מאַכן קיין פאָרשריט, סאָציאָלאָגיש גערעדט. אָט־די אינסטיטוציע זעט אויס אין אונדזערע אויגן צו זיין אַנטי־סאָציאַל. אָבער דאָס מיינט אורטיילן אויבערפלעכלעך, ניט פאַרשטיין יענע צייט און ניט באַגרייפן יענע סאָציאַלע לאַגע. קעגן אַזעלכע אורטייל־פאַסונגען ווערן מיר געוואָרנט אין די פּרקי אבות: „משפט ניט דיין חבר ביז דו קומסט ניט צו זיין אָרט״. דער אַנזאָג איז חל אויך אויף דאָס אורטיילן מכוח אינסטיטוציעס. בכדי צו משפטן זיי דאַרף מען קומען צו זייער פּלאַץ און זייער צייט, אין היסטאָרישן פּשט. פאַר די אָריענטאַלע ראשית׳דיקע קאָמונאַליטעט־פאַראיינען איז דער קאַסטעס־אנשטאַלט געווען ניט ווייניקער וויכטיק, קאָנדוציוו צו פּראָגרעס און גראַדועלער אנטוויקלונג ווי פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, צו זאָגן דאָס מינדסטע, די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס מיט זייערע גאַראַנטיעס פון ציוויל־רעכט און פרייהייטן, וועלכע ווערן גאַראַנטירט דורך דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט און דער קאָנסטיטוציע.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע דער פאַרמירונג פון די שטאַנדן. כל־זמן די סאָציאַלאָגישע צווישן־גרופּע סטרוקטור איז ניט געווען גענוג סאָלידיפיצירט, אירע פונדאַמענטן זיינען ניט געווען גענוג טיף איינגעגראָבן אין די פעלזנשטיינער־שיכטן פון געמיינדע־לעבן, — האָבן אירע אויבערשטע עטאַזשן געמוזט אָנקומען צו אן אונטערשפּאַר מצד פון די מירמלשטיינערנע קאָלאָנעס פון געזעץ. אירע אָרקן און הויכע גאַלערייעס האָט מען געמוזט אונטערלענען מיט יורידישע פּרע־ראָגאַטיוון. דער הערשער־קלאַס איז נאָך געווען א שוואַך קינד און מ׳האָט אים געוויקלט און געטוליעט אין זיידענע לעגאַליטעט וויקעלעך און שנורן. מ׳האָט אים געמוזט האַלטן וואַרים אין שויס פון יוריספּרו־דענץ. ווי ווינדהאם ליואיס זאָגט: „די קינסטלעכע מחיצות, וועלכע אָן

אַריסטאָקראַטישע קאַסטע איז געצוואונגען אָפּצוהיטן, ווערן אויפגעריכט מיט דעם מיין צו פאַרשטאַרקן די דיפערענץ, וואָס איז ניט ווירקלעך. דערפאַר וואָס זיי זיינען פון זעלביקן מאַטעריאַל ווי זייערע משרתים, דעריבער דאַרפן זיי האָבן די אויסשליסלעכקייט־דיסציפּלין.״ 18) עס זיינען דאָ ציטן, ווען די אינטעראינדיווידועלע און צווישן־גרופּן־אָרגאַני־זאַציע איז ניט בכוח צו סעגרעגירן אַ קרעפּטיקע אויבערשטע גרופּע, וועלכע זאָל זיין געניג קאָמפּעטענט „צו באַשטיין איר אייגן שטעטל״, צו באַהויפּטן איר מעמד. אַ העכערער קלאַס, וואָס איז ניט אימשטאַנד צו שטיין און גיין אויף זיינע אייגענע פיס, מוז, נעבאַך, אָנקומען צו יורי־דישע קוליעס אויף וועלכע ער הינקט ארום איבער די סאָציאַלע וועגן און שטעגן. לכן, ווען די שעה שלאָגט און אַ דערוואַקסענער קלאַס טרעט ארויף אויף דער אוואַנסצענע פון דער געשיכטע, איז די ערשטע זאַך וואָס ער טוט — אַראָפּצוואַרפן פון זיך זיינע קינדער־קליידער פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס, זיך צו באַפרייען פון די שנורן און קנופּן, וועלכע פּענטען אים, לאָזן אים ניט זיך באַוועגן פריי. אַט־דער קלאַס פאַרמולירט נייע פּרינציפּן. ער לייגט אוועק נייע גרונטלאַגן. ער פאָדערט „פּריוואַטע איניציאַטיווע״, „פרייהייט פון קאָמפּעטיציע״, „אומפאַרלעצ־לעכע רעכט פון פּריוואַט אייגנטום״.

אַט ווי ספּענסער כאַראַקטעריזירט די ליבעראַלע סיסטעם פון אינ־דוסטריע:

„די אינדוסטריעלע רעגולאַציעס פאַרלירן זייער צוואַנג־כאַראַקטער גלייכצייטיק ווי מיר שטייגן פון נידעריקע צו העכערע געזעלשאַפט־טיפּן. די הײַנטצייטיקע אינדוסטריע־סיסטעם איז אַזאַ אונטער וועלכער צווינג־לעכקייט דערנענטערט זיך צום מינימום.״ 19)

אויף אונדזער לשון וואָלט עס הייסן, אַז די אַלטמאָדישע מעטאָדן פון קינסטלעכן פּראָטעקציאָניזם פאַרלירן זייער ווערט און, דעריבער, ווערן זיי אָפּגעשאַפט. אַ נייע, מער זאַפטיקע דיפערענציאַציע טויכט אויף. די פּולבלוטיקע אַקטואַליטעט פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דער אנעמישער לעגאַליטעט.

ג. מאַלינאָרי שרייבט:

„אַט דער נאַטירלעכער איידלטום... וועלכער באַזירט זיך אויף זיין פאַרדינסטן־דערהייבנקייט און אויף דער גרויסקייט פון זיינע אויפטו־אונגען — וועט ניט דאַרפן מאַכן אַן אָנשטעל פון גדול׳דיקע פּרעטענזיעס און פאַרעלטערטע טיטולן בכדי צו קריגן עפנטלעכע אָנערקענונג.״ 20)

מעכטיקע כוחות, רעאַלע נוצן דערהייבן און דערהייכן דעם אויבערשטן קלאַס. גבורה, ניט מיליטערישע, ניט קיין פיזישע, נייערט סאָציאַל־

אָרגאַניזאַציאָנאַלע, שטיצט אונטער די האַרן־גרופּע. אינדוסטריעלע מאַכט, עקאָנאָמישע אומבאַזיגבאַרקייט שטאַרקן די הענט פון אָט־דעם אָנפירנדיקן קלאַס. אָט־דער אויבערשטער שיכט פאַרנעמט זיך ניט מיט פּסיכאָלאָגישע אָביעקטן, תפילות און תחנונים, ווי די גלחים, די גייסטלעכע פּריצים האָבן געטאָן, ער פאַרנעמט זיך אויך ניט מיט די שטות׳עררייען פון קאַרניוואַלן, באַלן, באַנקעטן, געיעגן, פּראַצעסיעס וכדומה קלאַמפּערשט מיליטערישע פּאַראַדן, ווי די גוטבאַזיצער, די וועלטלעכע פּריצים פּלעגן טאָן. ניין, ניט דאָס. ער קעמפט טאַקע באמת אויף דעם שלאַכטפעלד פון פּראָדוקציע און דיסטריבוציע. דער נייער דירעקטירנדיקער קלאַס פירט איין נייע מעטאָדן ווי אַזוי צו באַקעמפן מיט דערפּאָלג די פיינטלעכע אויסערלעכע וועלט. ער פירט איין די מאַשין, די קראַפט פון דאַמף און עלעקטריציטעט. מיט זיין קאָמערציעלן פּלאַט אַקערט ער און בראַ־נעוועט די ימים און אָקעאַנען און ער פאַרזייט דאָרטן די זוימען פון אינטערקאָנטינענטאַלן האַנדל. ער באַזיגט דיסטאַנץ. ער טאַמעוועט רוים, ער צוימט איין די צייט. ער שפּאַרט איין לעבנס־ענערגיע. ער פירט די געמיינשאַפט צו נייע הייכן פון הצלחה און ברכה. ער זאַמלט אָן אוצרות־קורח. זיין רייכטום און פּאָמפּ לאָזט ווייט הינטער זיך די עשירות און גלאַנץ פון דעם איידלשטאַנד. און דאָס אַלץ האָט ער באַוויזן אויפצוטאָן אָן דער הילף פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

די אויבערהאַרן־גרופּע אָדער די אויסדערוויילטע מינאָריטעט בלייבט אַלעמאָל די אייגענע דורך אַלע צייטן און פּיבערונגען פון אונדזער ציווי־ליזאַציע, ווען מ׳קוקט אויף איר היסטאָריש־סאָציאָלאָגיש. זי איז אַן אַנדערע און פאַרשיידן אין יעדער עפּאָכע, ווען מ׳נעמט זי, אַזוי צו זאָגן, פיזיאָלאָגיש. דאָס מיינט אַז איר פּערסאָנאַל ווערט יעדעס מאָל צונויפ־געשטעלט פונדאַסניי, — אין הסכם מיט די ענדערונגען, פּעריאָדן און אָנגענומענע מאָדוסן פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן — פון פאַר־שיידנאַרטיקע פראַגמענטן און שטיקלעך פון די פאַר דעם־עקזיסטירנדיקע און פונקציאָנירנדיקע גרופּירונגען מיט א צומיש פון פרישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך נאָר־ וואָס ארויפגעהייבן פון סאַמע דעק פון דער געזעלשאַפט.

אָט־די עליט־מינאָריטעט מאַכט אָדורך, אין אונדזער צייט און אונטער אונדזערע אויגן, א יסורים׳דיקן טראַנספאָרמאַציע־פּראָצעס, וועלכער רופט ארויס אַ שפּאַלטונג אין אירע רייען. איין טייל פון דעם הערשנ־דיקן מיעוט איז פאַר דעם, אַז מ׳זאָל אָננעמען א נייעם פּלאַן, לויט וועלכן אונדזערע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן וואָלטן באַהאַנדלט ווערן אויפן יסוד פון פּאָליטיק. דער אַנדער טייל באַשטייט אויף דעם, אַז מ׳זאָל פאַרטזעצן

די עקזיסטירנדיקע סעפּאַראַציע פון די דאָזיקע צוויי תחומים און דיס־ציפּלינען, מיט דער אויסגעשפּראָכענער טענדענץ צו געשטאַלטיקן די פּאָליטישע טעטיקייטן מער און מער לויט דעם עקאָנאָמישן פאַסאָן.

די סאָציאָלאָגישע דיפערענציאַציע ווערט רונדער און מער קאָמפּלי־צירט. אָן אַלט־נייע סאָציאַלע פאָרמאַציע נעמט זיך באַהויפּטן, דערהויבט זיך צו ערשט־ראַנגיקער חשיבות און זי מאַכט אַנשפּרוכן אויף פירער־שאַפט.

ה. ג. ברייללספּארד שרייבט:

„ובכן דער אינערלעכער געפעכט אין דער קאָמפּעטיציע סיסטעם, צווישן אירע צוויי קארדינאַלע פּרינציפּן פון קאָמפּעטיציע און אָרגאַני־זאַציע, האַלט זיך ביי ענדיקן צו גונסטן פון אָרגאַניזאַציע.״ 21)

די אויפקומענדיקע געזעלשאַפט־באַלעבאַטים שטייען אויף דעם העכסטן טרעפּל פון דעם דיפערענציאַציע־לייטער. זיי אוטיליזירן אַלע פאַרדעם־דורכגעמאַכטע גראַדאַציע־שטאַפּלען. זיי פּרובירן, אין איין וועג אָדער אין אַנדערן, איבערצופורעמען די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער קעגנוואַרטיקער צייט. אַנדערע האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די אַזוי־גערופענע „אַרבעטער־פּאַרטייען״, אַנדערע האָבן זיך פאַרפונדעוועט אין די פאַך־פאַראיינען. אָט־די צוויי פּראַקציעס קאָנסטיטואירן אָן אויפ־טויכנדיקע פּראַצע־פּריצעשאַפט, אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזירער־שאַפט.

דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַטאָר פּלייסט זיך צו רעדוצירן צו נול די חשיבות, אָדער אינגאַנצן פאַרניכטן, פון דער פּריוואַט־אייגנטום־רעכט אינסטיטוציע בנוגע די פּראָדוקציע מיטלען און געצייג.

בערנאַרד שאָ זאָגט אין זיין דעבאַטע מיט טשעסטערטאָן:

„איך וויל פאַרניכטן אייגנטום בכדי באַזיץ און געניוס זאָלן קענען דערהייבן ווערן צום העכסטן פּונקט אין יעטוועדער אַקציע פון דער געמיינדע, דאָס, דענק איך, איז זייער פּשוט.״ 22)

עס איז ניט אַזוי פּשוט ווי ער מיינט.

דער סוביעקטיווער מאָטיוו פון יחיד, דעם מיטגליד פון קלאַס, איז אינגאַנצן אַנדערש ווי דער אָביעקטיווער מאָטיוו פון קלאַס אַלס אַ גאַנצן. פּריוואַט־אייגנטום איז געווען אַמאָל אַ גרויסע הילף פאַר דער הערשנ־דיקער מינאָריטעט, איצטער איז ער געוואָרן אַ שטער. דער פּריוואַט־אייגנטום־אַנשטאַלט, וועלכער איז געווען די שטאַרקסטע פעסטונג פון דעם האַרן־מיעוט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט ווערט איצט אַ קוואַל פון שוואַכקייט, אַ שטרויכלונג שטיין פאַר דער פירנדיקער מינדערהייט אין איר נייעם גלגול פון פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנאַלער מאַניפעסטאַציע.

דעם פּלאַץ פון פּריוואַט־אייגנטום דאַרף, לויט די אויפפאַסונגען פון די נייע באַלעבאַטים, פאַרנעמען דאָס שטאַט־אייגנטום־רעכט אויף אַלע קאַפּיטאַל־גיטער.

א. באַלפור זאָגט:

„די געמיינדע אָדער שטאַט דאַרף איבערנעמען אַלע פּראָדוקציע־מיטלען... דאָס איז סאָציאַליזם, און מער קיין זאַך ניט.״ 23)

ווען אַט־דער שריט ווערט געמאַכט, דעמאָלט דעמאָנסטרירט די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע האַרן־גרופּע דעם איבערגאַנג פון „פּראָפּריעטאַריזם״ צו „אָרגאַניזאַטאָריזם״, פון אייגנטום, אַלס יסוד פאַר הערשאַפט, צו אָרגאַניזאַציע. דאָס באַדייט אַן איבערגאַנג פון עקאָנאָמיק צו פּאָליטאָ־עקאָנאָמיק. די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן האָבן בדעה צו פאַרוואַלטן די עקאָנאָמישע אָנגעלעגנהייטן לויט דער מאָניסטישער איינ־ווילנדיקער מעטאָדאָלאָגיע וועלכע פּאָליטיק ווענדט אָן.*) זיי וועלן באַהאַנדלען ווירטשאַפט־ענינים, פּראָדוקציע און דיסטריבוציע ווי אַ נאַציאָנאַל־מאָנאָפּאָליזירטע פּאָליטישע אָדער מיליטערישע אונטערנעמונג.

ווי הערבערט ספּענסער שרייבט:

„עס איז פשוט אַ ציווילע רעגלאַמענטאַציע וועלכע איז פּאַראַלעל מיט דער מיליטערישער רעגלאַמענטאַציע; און עס עטאַבלירט אַן איינדוסטריעלע סובאָרדינאַציע פּאַראַלעל מיט דער מיליטערישער סובאָרדינאַציע.״ 24)

דער דאָזיקער איבערגאַנג וואָלט דערמאָנען די ניט־אומענלעכע רעפאָרם וועלכע מ׳האָט דורכגעפירט, בשעת דער פאַרדעמדיקער היסטאָרישער עפּאָכע, בנוגע דעם אינהאַלט פון דער מאַכט־אויטאָריטעט קאָנצעפּציע. מאַכט־אויטאָריטעט האָט דענסטמאָלט אָפּגעוואָרפן איר פּאַטרימאָנישע באַציאונג, וועלכע איז געווען צוגעקניפּט צו די אינדיווידועלע הערשער און זייערע פאַמיליעס, דינאַסטיעס און האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון דער סאָווערעניטעט, וועלכע געהערט צו דעם פאָלק אַלס אַ גאַנצן. בזה־האופן האָט מאַכט פאַרביטן דעם ענגען פּריוואַט־אייגנטום באַזיס אויף דעם ברייטן יסוד פון הערשאַפט. זי האָט עטאַבלירט איר פּאָליטישע גבורה ניט אויף דעם זיך־צעשיטנדיקן זאַמד פון ׳דאָמיניום׳, נייערט אויף דעם פעסטן פעלזנשטיין פון ׳אימפּעריום׳.

עדוארד קאַרפּענטער שרייבט:

„אין דער היינטיקער געזעלשאַפט פאַרהאַלט דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס דעם וואוקס פון פאָלק. אַט־דער קלאַס צוזאַמען מיט זיינע געזעצן

*) Abba Gordin, Communism Unmasked, pp. 145-168.

און אינסטיטוציעס שטעלט פאַר מיט זיך די פּלעוועלעס, וועלכע מ׳דאַרף אָפּוואַרפן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט אָפּגעוואָרפן די פּלעוועלעס פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע אין איר צייט.״ 25)

די טראַנזיציע פון פעאָדאַליזם צו אַבסאָלוטיזם, אין איניקע לענדער, און דורך דעם אַבסאָלוטיזם צו רעפּובליקאַניזם האָט געבראַכט מיט זיך די באַפרייאונג פון פּאָליטיק פון אונטער דעם יאָך פון די עקאָנאָמישע השגות און איבערבלייבענישן. עס איז גלייכצייטיק דורכגעפירט געוואָרן די צעשיידונג פון אָט־די צוויי תחומים, דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן. די דורכזעצונג פון דער דאָזיקער רעפאָרם איז א צייגעניש פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס. זי איז א סימן פון וואוקס און ספּעציאַליזאַציע. בשעת די רעפאָרם, וועלכע עס פּלאַנעווען די פּאָליטאָ־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן וואָלט באַדייטן די פולשטענדיקע אונטעריאָכונג פון עקאָנאָמיק דורך פּאָליטיק און דאָס ברענגען צוזאַמען אָט־די צוויי דיסציפּלינען. אַזוי אַרום וואָלט דער סעפּאַראַציע־אַקט, וועלכער איז געווען אין קראַפט אַ היפּשע ביסל צייט און האָט ניט ווייניק בייגעטראָגן צום פאָרטשריט פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע, אינגאַנצן אַנולירט געוואָרן.

דער פּאָליטישער פעאָדאַליזם האָט אָפּגעלעבט זיין צייט און איז אַריבערגעוואַקסן געוואָרן פּאָליטיש. דער עקאָנאָמישער פעאָדאַליזם, אויב די איצטיקע סיסטעם איז א מין פעאָדאַליזם, דאַרף זיך אויך אַריבערלעבן עקאָנאָמיש, אַריבערוואַקסן זיך אַליין און דורכמאַכן דעם פּראָצעס פון אַן עקאָנאָמישן אַבסאָלוטיזם, אין איניקע לענדער, און אַריבערגיין פון אינדוסטריעלן פעאָדאַליזם צו אַן אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע, אין אַנדערע לענדער. אָבער דיווירטשאַפט טאָר ניט, אויף איין מינוט ניט, פאַרלאָזן איר באַדן פון עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וועלכע מוזן טראָגן אויף זיך בהכרח א באַלעבאַטישן שטעמפּל, אַן אייגנטום־חותם. בלויז אונטער אָט־דעם באַדינג וואָלט די עקאָנאָמישע רעפאָרם געקענט זיין אַזוי פּראָגרעסיוו, היסטאָריש טריי צו איר אייגנאַרטיקער פאָרם, ווי די פּאָליטישע רעפאָרם איז געווען.

עס איז דאָ אַן אַלטערנאַטיווע אַנטוויקלונג־ליניע. איך וועל זי פּרובירן אָנצייכענען:

די פּריוואַט־אייגנטום אינסטיטוציע ווערט יורידיש ניט באַרירט. אָבער פאַקטיש ווערט זי געטריבן אויף אַרויפצו. דער איבערגאַנג ווערט געלענקט פון איינצל־אייגנטום צו שותפות׳דיקן אייגנטום, פון אינדיווידועלן באַזיץ צום אינטעראינדיווידועלן. דער אינדיווידועלער באַשטאַנדטייל פון דער אינדוסטריעלער אדער קאָמערציעלער איינהייט וואָלט בלייבן אומגעשעדיקט יורידיש, אבער עקאָנאָמיש־פאַקטיש וואָלט ער פאַרלירן

זיין חשיבות. דאָס מיינט אז די נאַציאָנאַל־ווירטשאפט וואָלט ניט געוואָרן סאָציאַליזירט, נייערט אינטער־אינדיווידואַליזירט. וואָס מיינט סאָציאַ־ליזירט? דאָס איז דאָס אייגענע וואָס פּאָליטיצירט. די ווירטשאפט־אונטערנעמונגען וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע אַנגעלע־גנהייטן. סאָציאַליזירן, וואָס מיינט פאַרגעזעלשאפטלעכן, עקאָנאָמיק קען מען ניט, פשוט, דערפאַר וואָס מיר פאַרמאָגן ניט קיין געזעלשאפט, וועלכע זאָל פונקציאָנירן אָן א שטאָט. פאַרגעזעלשאפטלעכן אונטער די געגעבענע אומשטענדן מוז באַדייטן איין זאַך און דאָס איז פאַר׳מלוכה׳נען, שטאַטיזירן. ׳סאָציאַליזם׳ אונטער די געגעבענע אומשטענדן איז א פאַרפירעריש ווערטל, ווייל אין דערווירקלעכקייט וועט זיך באַקומען ניט קיין סאָציאַליזם, ניט קיין געזעלשאפטלעכער פיר און געזעלשאפטלעכער אייגנטום, נייערט א טאָטאַליטאַרער מלוכה־רעזשים, ניט קיין געזעלשאפטלעכע, נייערט א מלוכה־קאָנטראָלירטע ווירטשאפט. בכדי מ׳זאָל קענען סאָציאַליזירן די באַלעבאָטישקייט וואָלט מען מוזן פאַר דעם, אלס תנאי קודם למעשה, שאַפן אַ שטאָטלאָזע געזעלשאפט, און דאָס איז אן אונטערנעמונג וואָס עס האָלט נאָך היפש־ווייטלעך פון איר דורכפירונג.

וואָס מיר קענען אָבער יע טאָן איז אינטעראינדיווידואַליזירן די ווירטשאפט. דאָס וואָלט מיינען בויען די עקאָנאָמיק אויף אויסשליסלעכע שותפות־יסודות, ווי די אָקציאָנערן געזעלשאפטן ווערן געבויט און ווי בכלל קאָמפּאַניעס ווערן פאַרמירט און געפירט. אינטעראינדיווידואַליזירן די ווירטשאפט מיינט סיסטעמאַטיזירן, ראַציאָנאַליזירן*) זי און דאָך ניט ארויסרייסן זי פון איר עקאָנאָמישן באָדן, ניט אָפּוואַרפן די עקאָנאָמישע מעטאָדן. אינטעראינדיווידואַליזאציע וואָלט אָפּהיטן דעם יחיד׳ס חלק ווי קליין און אומוויכטיק ער זאָל ניט זיין. אזוי ארום וואָלטן די עקאָ־נאָמישע צעלן ניט פאַרלירן זייער אידענטיטעט אין דעם ווירטשאפט־לעכן פילצעליקן אָרגאַניזם. אַזאַ פּלאַן פון באַלעבאָטישקייט־איבערבוי וואָלט אָנפאַנגען מיט די אינערלעך־נאַציאָנאַלע און אַל־נאַציאָנאַלע טראַסטן און אריבערגיין צו אינטערנאַציאָנאַלע קאָמבינאַציעס און קאַרטעלן. די פונקציעס וואָלטן זיין צענטראַליזירט, די אקציעס, די אייגנטום־חלקים פון די יחידים וואָלטן געווען דעצענטראַליזירט. אזא געזעלשאפט וואָלט זיין ניט קיין קהל, נייערט א „געזעלשאפט״, א פאַרבאַנד פון א באַשטימ־טער צאָל יחידים, א פאַרבאַנד פון אייגנטימער, א „פאַראיין פון עגאָאיסטן״. אויף אזא שטייגער וואָלט די עקאָנאָמיק געוואָרן אָרגאַניזירט. די נאָכ־

*) Ibid., pp. 152-164; 195-208.

פראַגע און אָנבאָט וואָלט מען געקענט האלטן אין א באלאַנץ, אין א גלייכגעוויכט, אויף וויפל עס לאָזט זיך נאָר. אָבער דער אַנטוויקלונג־קורס וואָלט די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגיין פון די עקאָנאָמישע רעלסן. דיווירטשאַפט וואָלט פלעגן אירע אינערלעכע כוחות, קולטיווירן אירע אויטאָנאָמישע וואוקס־פּראָצעסן. זי וואָלט ניט דערלויבן איר שכן, דעם גבר, דעם פּאָליטישן פאַקטאָר צו אָקופּירן איר גאַנצן תחום, צו אוזורפּירן אירע פונקציעס און אָפּשאַפן איר עקאָנאָמישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דער אינדוסטריעלער בלוטשטראָם וואָלט אָנגיין מיט זיינע צירקולאציעס אומגעשטערט ווערנדיק געטריבן פון אינערלעכע פאַקטאָרן פון עקאָנאָמישער עוואָלוציע.

אַזאַ רעפאָרם וואָלט געקענט דורכגעפירט ווערן פון דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַטאָרן־גרופּע. אָט־די גרופּע איז אינגאנצן אַנטי־פּראָטעקציאָניסטיש. זי דאַרף האָבן זייער ווייניק פּאָליטישע „פּראָטעקציע" פאַר אירע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פּלענער, וועלכע זי קען דורכזעצן דערפאָלגרייך. זי איז קעגן אינערלעכן פּראָטעקציאָניזם עקאָנאָמיש מחמת דעם, וואָס זי דאַרף ניט אָנקומען צום סאָציאָלאָגישן פּראָטעקציאָניזם. איר גאנג־פאָרויס איז פאַמעלעך — באמת צו פּאַוואָלינקע פאַר די אומגעדולדיקע וועלכע האָבן העלטער צו זען א שנעלע שטיקל־אַרבעט ווי א גוטע שטיקל ארבעט — דערפאַר אָבער גייט זי מיט א זיכערן טריט און שטייפן טראָט. זי פאַרמאָגט המשך. זי טרייבט דעם עקאָנאָמישן צוג איבער די אלטע, גוט־אויסגעפּרובירטע, פאַרלעסלעכע רעלסן. זי באַנייט אירע פּראָצעסן און מעטאָדן, זי רעוואָלוציאָניזירט אירע וועגן און מיטלען, אָבער זי טוט דאָס אלץ אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן. וועגן טעכניק און דערפינדונגען קען מען ניט ריידן אין טערמינען פון קאָנסערוואַטיזם. זיי זיינען דינאַמיש און רעוואָלוציאָנער. די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן־גרופּע גייט פאָרויס אָבער זי האלט זיך אין איין ריכטונג. זי ווענדט ניט אָן אין עקאָנאָמיק די אינגאנצן־פרעמדע און טיילווייז־אַנטאַגאָניסטישע מעטאָדן פון פּאָליטיק.

אנדערש דענקט און האנדלט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַטאָרן גרופּע פון דעם מאַרקסיסטישן חדר. זי אנדערקענט דעם פּרינציפּ פון עוואָלוציאָנערער רעוואָלוציע און רעוואָלוציאָנערער עוואָלוציע, אבער זי דענקט (די קאָמיסארן־גרופּע אין סאָוויעט־רוסלאנד) אין טערמינען פון „דיאַלעקטיק", פון קורס־בייטונג, ריכטונג־טוישונג, קאזשעלקעס־מאכונג פון א נעגאציאָנאַלן און נעגאציע־נעגאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דעריבער איז זי דערפאַר אז מ'זאָל צווינגען די ווירטשאַפט צו מאַכן א נייע קאַריערע, א פּאָליטישע קאַריערע. די פּאָליטאָ־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן־גרופּע

(קאָמוניסטן, פאַשיסטן, נאַציס) ווילן אַז די עקאָנאָמיק זאָל פאַרשלונגען ווערן פון פּאָליטיק, אַז די ווירטשאַפט זאָל אינגאַנצן אַרונטערפאַלן אונ־טער דעם רשות און שליטה פון דעם שטאַט, וועלכער ווערט דורך דעם אַ טאָטאַליטאַרער שטאַט. זייער עקאָנאָמישער אינערלעכער פּראָטעק־ציאָניזם איז אַ פּועל־יוצא פון דעם פאַקט, וואָס זיי קאָנסטיטואירן אַ נייע סאָציאַלע פאָרמאַציע און אַלס אויפקומענדיקע און ערשט־אָנקומענדיקע נויטיקן זיי זיך זייער שטאַרק אין דעם סאָציאָלאָגישן פּראָטעקציאָניזם, וועלכער נעמט אָן ביי זיי די פאָרם פון אַ דיקטאַטור. עקאָנאָמיש זיינען זיי, די אויפקומענדיקע שררות, וואָרצל־לאָז. זיי האָבן ניט קיין שום אחיזה אין אייגנטום־באָדן. זיי האָבן ניט קיין חזקה אויף דער ווירט־שאַפט. זייער גבורה ליגט אין פּאָליטישער אָרגאַניזאַטאָרישקייט, און זיי פאַרהאַלטן זיך פיינטלעך צו די עקאָנאָמישע כאַראַקטעריסטיקס פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. אונדזער באַלעבאַטישקייט, דאָס מוז מען גוט תופס־זיין, איז, באמת, ניט „סאָציאַל" און ניט „נאַציאָנאַל", נייערט אויס־שליסלעך אַן אינטעראינדיווידועלע און אַן אינטער־קלאַסן עקאָנאָמיק, וועלכע איז אריינגעפּאַסט אין אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער ראַם, וועלכע הייסט שטאַט.

מיט אַנדערע ווערטער, די עקאָנאָמיש־אָרגאַניזאַטאָרישע גרופּע באַ־שטייט פון אייגנטימער. זייערע אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס וואַקסן פּאַראַלעל און אין פּראָפּאָרציע, הגם זייער עלאַסטיש אויסגעצויגענער, מיט דעם וואוקס פון זייערע גיטער, באַזיצטימער, בשעת די גרופּע פון די פּאָליטאָ־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן (קאָמוניסטן, פאַשיסטן, נאַציס) פאַרמאָגן ניט, פון פאַרדעם, קיין פאַראַנקערונג אין דער עקאָנאָמיק. זיי באַזיצן ניט קיינע רייכטימער אויף וועלכע זיי וואָלטן זיך געקענט שטיצן. זיי מוזן אָנקומען צו יורידישע, לעגיסלאַטיווע פּראָטעקטיווע מאָסרעגעלן, בכדי צו פאַרפעסטיקן דורך אָט־די קינסטלעכע פּאָליטישע מיטלען זייערע נאָר־וואָס דערגרייכטע פּאָזיציעס.

אָבער מ'דאַרף באַגרייפן, אויב מ'וויל באמת פאַרשטיין וואָס עס קומט פאָר, אַז דאָ פאַלקערט אַ מחלוקת צווישן צוויי פּראַקציעס פון דעם הערשנדיקן מיעוט. די הערשאַפט־פּאָזיציע פון מיעוט באַדראָט קיינער ניט. אַזוי צי אַזוי, צי אין פּראַקציע צי די צווייטע וועט זיגן, בלייבט דער מיעוט ביי זיין ראָלע און פונקציע, ווייל ביידע פּראַקציעס געהערן, היסטאָריש באַטראַכט, צו דעם זעלביקן מיעוט. עס איז אַ קריג צווישן די מיעוט־מיטגלידער צווישן זיך. מיט די מערהייט־מיטגלידער האָט עס ניט וואָס צו טאָן דירעקט. אַזוי ווי די גרויסע רעפאָרם אין דער פּאָלי־טישער ספערע, וועלכע מ'האָט דורכגעפירט בערך אַ הונדערט יאָר

צוריק, האָט ניט געשאַדט דער אַנפירנדיקער מינדערהייט. דער עליט פון דער געזעלשאַפט, פונקט אַזוי איצטער, די אויבערהאַרן־מינאָריטעט האָט גאָרניט צו פאַרלירן און גאָר אַ סך צו געווינען פון דעם פונדאַמענטאַלן רעזשים, וועלכן מ׳קלייבט זיך צו מאַכן אין דעם עקאָנאָמישן בנין. מחמת דורך אַ־דער רעפאָרם אדער רעוואָלוציע — ווי איינער וויל קען ער עס רופן — גרייט דער הערשנדיקער מיעוט זיך צו אַ באַדן, לייגט אוועק אַ טיפן פונדאַמענט אויף וועלכן ער גייט אויפריכטן נייע טורעמס פון הערשאַפט און גדולה, וועלכע האַלטן אָן, אין תוך געזומען, זייער שטענדיקן אומאיבערגעריסענעם היסטאָרישן המשך, אַ דאַנק דעם וואָס דער הערשנדיקער מיעוט איז אַ קאָנטינואיטעט דורך אַלע פאַזן און פערטורבאַציעס פון דער געשיכטע.

הערבערט ספענסער שרייבט:

„אונטער אַזעלכע אומשטענדן... מוז ארויפשטייגן אַ נייע אַריסטאָקראַטיע... וועלכע ווען זי וועט ווערן קאָנסאָלידירט, וואָלט פאַרמאָגן אַ מאַכט וואָס וואָלט ווייט אריבערשטייגן די מאַכט פון וועלכער עס איז אַריסטאָקראַטיע פון דער פאַרגאַנגנהייט.״ 26)

די קאָלאָסאָליזאַציע און קאָמפּליקאַציע, די פאַרגרעסערונג און פאַרוויקלונג פון די עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן וואָלטן מאַכן די עקזיסטענץ פון אַן אויבערהאַרן־מיעוט פון אַ נייעם שניט אַ נויטווענדיקייט, אָן וועלכער די געהעריקע פונקציאָנירונג פון דער קאָמונאַלער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק קען ניט פאָרקומען.

מיר וועלן ציטירן ווייטער ספענסערן:

„נויטווענדיקערווייז מוז מען אָנקומען צו אַ ברייט־דורכגעאַרבעטער אַדמיניסטראַציע־קערפּערשאַפט — רעגולאַטאָרן פון קליינע גרופן, וועלכע זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער העכערע רעגולאַטאָרן און אַזוי ווייטער דורך נאָכאַנאַנדיקע זיך־הייבנדיקע שטופן ביז מ׳קומט צו אַ צענטראַלער אויטאָריטעט, וועלכע קאָאָרדינירט די פילפאַכיקע אַקטיוויטעטן פון דער געזעלשאַפט.״ 27)

ספּענסער רעדט וועגן דעם ווי די פאַר׳מלוכה׳טע ווירטשאַפט וועט פונקציאָנירן. אָבער דאָ איז פאַראַן נאָך עפּעס. דער סאַמע איינשטעל פון אַזאַ טאָטאַליטאַרער סיסטעם פאָדערט, אַלס אַ פאָרויסשיקונג, די אויסקריסטאַליזירונג פון אַ שטאַרקער הערשאַפט־גרופּע, וועלכע דער הערשנדיקער מיעוט, וועלכער עקזיסטירט אין פאָרטזעצונג דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וועט פון זיך ארויסטיילן. ענדערונגען פון אַזאַ פאַרנעם, טיפקייט און גרינטלעכקייט ווי עס פּלאַנירן די פּאָליטאָעקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן קענען ניט דורכגעזעצט ווערן אויף אַ פריד־

לעכן אופן, אויף א בנעימות׳דיקן שטייגער, אזוי זאָגן אונדז די באַריכטן פון דער פאַרגאנגענהייט, וועלכע זיינען די אָנצייגער פון דעם קורס וואָס די געשעענישן וועלן נעמען אין דער נאָענטער צוקונפט... אָט־די שינויים, אלס א כלל, געהערן ניט צו דעם מין פרי, וועלכע ווערט רייף היסטאָריש אויף דעם סאָציאַלן בוים און שפּעט אין האַרבסט, ווען זי איז שוין היפּש־ווייכלעך, פאַלט זי אַראָפּ פון זיך אליין אין שויס פון אקטואַליטעט. אין ס׳רוב פאַלן, א גאָר גרויסע צאָל פּרעצעדענטן זאָגט עדות מכוח דעם, ווערן אָט־די וויט־דערגרייכנדיקע מאָדיפיקאַציעס דורכגעזעצט מיט קולות וברקים, מיט וואולקאַנישע ערופּציעס, פייער און לאַווע־אַרויס־שפּייאונגען, קאטאקליזמישע ערדציטערנישן. אָט־די דאָזיקע בדק־הבית ארבעטונגען ווערן דורכגעפירט אין מיטן פון פאַרביטערטע קריגערייען, פאַרצווייפלטע רייסערייען פון קעגנגעזעצטע אינטערעסן. וואו עס קומט פאַר אַ קאַמף, דאָרטן מוזן זיין צדדים, וועלכע האַנדלען ווי שונאים. אָבער די פיינטשאפט, די שנאה און רציחה, איז בלויז למראית־עין. דער בירגער־קריג איז קיינמאָל ניט קיין קריג קעגן דער מינאָריטעט־הערשאפט אלס אזעלכער. דאָס געפעכט איז אן אויגן־פאַרבלענדעניש, ווען מ׳באַטראַכט עס פילאָזאָפיש־סאָציאָלאָגיש. דאָס איז א פאַטאַמאָרגאַנאַ פון סאָציאַלן מדבר־לעבן, א מיראזש וועלכער נארט אָפּ און פאַרפירט די תמימים. בקיצור עס איז ניט קיין קאמף פון דער מערהייט קעגן דער הערשער־מינדערהייט, נייערט א קאמף אין די גבולים פון דער מינדערהייט, א קאמף וועלכער האָט צו טאָן מיט דער באַשטימונג פון דעם פּערסאָנאַל, וואָס דאַרף קאָנסטיטואירן דעם הערשער־מיעוט, אָבער בשום אופן ווענין ניט קיין קאַמף קעגן דעם פּרינציפּ און פּראַקטיק פון דער הערשער־מינאָריטעט. נאָטירלעך, בכדי צו באַגרייפן די רעוואָלוציאָנערע טאַטן אין זייער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו מוז מען איגנאָרירן, צו א געוויסער מאָס, דעם אויבערפלעכלעכן פּשט פון די דיבורים וועלכע באַגלייטן יענע טאַטן. אן אגיטאַציע־פּסוק מוז פאַרטייטשט ווערן על־פּי רמז און דרוש, קיינמאָל ניט על־פּי פּשוטן פּשט, אויב מ׳וויל פאַרשטיין וואָס ער מיינט אונדז צו לאָזן הערן.

נאַאיוויזם זעט קיין זאַך ניט אויסער דעם ציפערבלאַט און די ווייזערס וועלכע באַוועגן זיך און ציינן אָן די צייכנס פון דער צייט, אזוי דורכמאכנדיק איין איבערדריי נאָך דעם צווייטן. נאַאיוויזם זעט ניט דעם סאָציאָלאָגישן מעכאַניזם פון דעם פּאָליטישן זייגער. נאַאיוויזם זעט וויכטיקע רעוואָלוציעס, גרויסע איבערקערענישן, טיף־גייענדיקע שינויים, ווייל, באמת איז לא דובים ולא יער, עס הויבט זיך ניט אָן. אַלע שינויים רירן ניט אָן דעם תוך פון דער געזעלשאפט, דעם הויפּט־פּרינציפּ אירן.

די איבערקערענישן בייטן בלויז די הערשנדיקע קלאַסן זיי לאָזן אָבער איבער אומגעריירט דעם הערשנדיקן מיעוט, וועלכער אין פאַרשיידענע צייטן טיילט ארויס פון זיך פאַרשיידענע הערשאַפט־גרופּירונגען. די שפּאַלטונג אויף דער מערהייט און מינדערהייט, די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף א מאַיאָריטעט וואָס ווערט באַהערשט, אָרגאַניזירט אויף אזא אדער אַן אנדער אופן, און אַ מינאָריטעט וואָס הערשט, אָרגאַניזירט — דאָס ענדערט זיך ניט. רעוואָלוציעס, פּאָליטישע, סאָציאַלע ווי מ׳זאָל זיי ניט אנרופן, האָבן אויף דעם דאָזיקן פונדאַמענטאלן פּרינציפּ פון מיעוט־הערשאַפט קיין שום שליטה ניט. זיי גייען אים פאַרביי און האָבן ניט די לייכסטע כוונה אים צו פאַרטשעפּען. רעוואָלוציעס זיינען אינערלעכע דערשיינונגען, זיי פאַראורזאכן מאָלעקולאַרע איבערשטעלונגען פון די באַשטאַנדטיילן פון הערשער־מיעוט, זיי קענען אים קיינמאָל ניט, אין קיין פאַל ניט, באַזייטיקן.

דער פּאָליטיש עקאָנאָמישער נאַאיוויזם האָט זיין וואָרצל אין סאָציאָלאָגישן נאַאיוויזם, וועלכער קען בשום אופן ניט באַנעמען די ריכטיקע פאַרהעלטענישן וועלכע עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט צווישן דער מערהייט און מינדערהייט. דער נאַאיוויסט, ווען ער זעט אז דער הערשנדיקער מיעוט שפּאַלט זיך, נעמט קעמפן קעגן זיך אליין, מיינט ער אז דאָס איז א קאַמף פון דער מערהייט קעגן דער הערשאַפט פון דער מינדערהייט און אז אָט־אָט וועט די דאָזיקע הערשאַפט אָפּגעשאַפט ווערן. און ווען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע גייט אַריבער און דער מיעוט־הערשאַפט פּרינציפּ און האַנדלונג בלייבן מיינט ער אז דאָ איז פאַרגעקומען עפּעס א פאַרווירעניש פון א צופעליקן כאַראַקטער, ווי דהיינו א פאַרראַט־אַקט מצד פון די אָנפירער וכדומה מכשולים פון אַן עפּיזאָדישן כאַראַקטער. ער איז ניט תופס אז ער האָט געמאכט א טעות מכוח דעם עצם כאַראַקטער פון דער דערשיינונג, ער האָט ניט אָפּגעשאצט ווי געהעריק די איינגעפונדעוועטקייט פון דעם מיעוט־הערשאַפט יסוד, וואָס קיינע אויפטרייסלונגען און אומוואַלצונגען קענען אים ניט באַאיינפלוסן, ווייל זיי האָבן מיט אים אלס א פּרינציפּ גאַרניט וואָס צו טאָן.

לאָמיר געבן דאָס וואָרט צו די נאַאיוויסטן, די סאָציאַלע תמימים:

„אַ ביטערער געפעכט איבער דער צעטיילונג פון די פּראָצע־פּראָדוקטן קומט פאָר צווישן די עקספּלואַטירנדיקע אייגנטום־קלאַסן אויף איין זייט און דעם עקספּלואַטירטן באַזיצלאָזן קלאַס אויף דער צווייטער.“ 28)

דאָס איז אַ באַשרייבונג וועלכע עס גיט אונדז א סאָציאַליסטישע פּראַגראַם. נאַאיוויזם זעט אין געראַנגל, וועלכער קומט פאָר צווישן אַן אלטער און נייער פאָרמאציע וואָס געפינען זיך ביידע אין דעם אייגענעם

הערשנדיקן מיעוט, א קאמף צווישן די נידעריקע מאַסן און די הייכע קלאַסן מיט אלע שאַנסן פאר ניצחון, אויף דער זייט פון די דעק־איינוואוינער און אלע פון מפלה אויף דער זייט פון דער קאַמאַנדירנדיקער אויבערשטער גרופע. אָבער אַט־דאָס בילד איז אזוי ווייט פון דער סאָציאַ־לער ווירקלעכקייט ווי אן אַריענטאַלער חלום פון אן אקצידענטאלן וואָר.

אַט־וואָס מיכאיל באַקונין שרייבט:

„די זאַך באווייזט זיך אין א פאַרשיידענעם ליכט, ווען די שקלאַפן ווערן פרייע און אומאָפהענגיקע ארבעטער; ווען די באַוועגונג איז גיכער פון אונטן־ארויף ווי פאַרקערט, און אזוי ארום נעמען זיך צייגן אינגאנצן נייע פאַדערונגען.״ (29

דורך אלע באַקונינס שריפטן קלינגט ווי א גלאָק דער לייטמאָטיוו: „פון אונטן ארויף!״ באַקונין און זיינגלייכן האָבן מיט דעם זעלביקן דער־פאַלג און שכל־הישר געמעגט באַפעלן די וואַסערן אין די טייכן צו פליסן ארויפשטראָם. באַקונין פאַרגעסט איין „קליינִיקייט״ און דאָס איז דער „אומוויכטיקער״ אומשטאנד, וואָס ער אליין, בכבודו ובעצמו, ער און די ענלעכע צו אים אידעאַלאָגן, וועלכע שרייען ביז הייזעריק ווערן מכוח דעם היילִיקן „פון אונטן ארויף״, שטייען שוין גאַרניט אונטן, נאָר דווקא, עפּעס ווי אויף־צו־להכעיס, אויבן, אייניקע עקאָנאָמיש־פּאָליטיש און אלע אידעאָלאָגיש. און אויב אזוי פאַלט ער דאָך אריין אין אן אויפרייסנדיקן ווידערשפרוך. אַט־דער ווידערשפרוך עקספּלאָדירט די גילטיקייט פון זיין באַפעל. באַקונין האָט געהערט צום רוסישן איידלשטאַנד און ער איז עס דער יעניקער וועלכער הייסט אז דער סאָציאַלער פּראָגרעס זאָל גיין פון „אונטן ארויף״. דאָס איז די איראָניע. אפילו דער רוף צו פליסן „פון אונטן ארויף״ און ניט „פון אויבן אַראָפּ״ קומט אויך ניט פון אונטן, נייערט פון אויבן, פליסט „פון אויבן אַראָפּ״.

אגב וועלן מיר שוין אָנווייזן אויף אן ענלעכן טעות. פוריען האָט זיך שטאַרק געגלוסט צו באַזייטיקן די עקאָנאָמישע מיטלריינגעלעך, וועלכע האָבן זיך אריינגעפלאָכטן צווישן דעם פּראָדוצענט און קאָנסומענט. ער האָט פאַרגעסן בלויז איין דעטאַל און דאָס איז, אז ער און זיינע שריפטן וועגן דעם ענין קאָאָפּעראַציע זיינען דאָך אויך בלויז פאַרמיטלער, די אייגענע מיטלרינגען וועלכע ער פאַרדאַמט. זיין פאַרזוך צו עטאַבלירן א פאַרבינדונג צווישן דעם פּראָדוצירער און דעם געברויכער איז ניט אומענלעך צו אלע פאַרדעמדיקע פּרוואוון, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן אויף פאַרשיידנאַרטיקע אופנים. דער פּראָדו־צענט און קאָנסומענט האָבן זיך געשיידט, זיך דערווייטערט איינער פון אַנדערן. זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט ווערן איין אחד, איין פּערזאָן. עס

איז בלויז א פראַגע מכוח דעם נוסח, סטיל, אופן פון פאַרמיטלונג. אבער די פאַרמיטלונג אלס אזעלכע קען קיין מוטער־בן־אדם ניט אַפּשאַפן, סיידן די עקאָנאָמישע ציוויליזאציע זאָל צעבראָכן ווערן און די ווירטשאפט זאָל זיך אומקערן צו איר גאָר־פּאַרצייטיקן פרימיטיוון צושטאַנד.

דער נאַאיוויסט מיינט אז די רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען פון אונדזער צייט, מחמת דעם וואס זיי זיינען געווען און זיינען נאָך עד־היום פּאָפּולער צווישן א געוויסן טייל פון די מאַסן, ווערן אָנגעפירט און דורכגעפירט מיט דער כוונה אויפצוהייבן דעם נידעריקן מצב פון די אונטערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

„די באָזיצלאָזע קעמפן אַלעמאָל קעגן דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם און זיי באַמיען זיך אלעמאָל צו עטאבלירן א נייעם און בעסערן סדר. די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג אין דער געזעלשאַפט האָט זיי געבראַכט ארעמקייט, עקספּלואטאציע, באַדרענגונג און ליידן, בשעת די נייע אָרדע־נונג זאָגט זיי צו צו ברענגען עפּעס א פאַרבעסערונג אין דער צוקונפט.״ (30

דער ציטירטער מחבר איז איינגעהאַלטן. ער רעדט בלויז וועגן „עפּעס אַ פאַרבעסערונג״ און ניט וועגן „ביאת־גואל״ ווי עס איז אָנגענומען צו ריידן אין דער ראַדיקאַלעכן־ליטעראַטור. ער איז אָבער פאָרט אַ נאַאיוויסט, ווייל ער מיינט אז די באָזיצלאָזע, אָן דער לייטונג פון א העכערן קלאַס, קעמפן קעגן דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם. דער אמת איז, אַז אָן דעם אָנדייט פון די „לייטנדיקע גייסטער״ ווייסן זיי אפילו ניט אז עס איז דאָ בנמצא אזא מין זאך ווי א באשטימטע אָרדע־נונג, וועלכע מ׳קען ענדערן, קעגן וועלכער מ׳קען קעמפן. אדער, ריכטי־קער, זיי ווייסן און פילן גאנץ גוט אז די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג, דער גרונטשטריך פון וועלכער איז די מינאָריטעט־הערשאַפט, איז א פונ־דאַמענטאל סאָציאָלאָגישע קאַטעגאָריע וועלכע מ׳קען ניט אַפּשאַפן און קעמפן קעגן איר איז נוצלאָז און אומזיניק. זיי באַטייליקן זיך אין אָט דעם קאַמף בלויז אונטער דער אינסטיגאַציע פון א געוויסן טייל פון פּראָספּעקטיוו־הערשנדיקן קלאַס, וועלכער רעדט זיי איין און רעדט זיי איבער און שלעפּט זיי אריין אין א קאַמף, וועלכער איז ניט אינגאנצן זייערער. ווייל די מאַסן וואָלטן געווען באמת פאראינטערעסירט אין א קאַמף וועלכער וואָלט געקענט האָבן אלס רעזולטאט פון זיג די אומ־שטירצונג פון דער „עקזיסטירנדיקער אָרדענונג״ אלס א גאַנצער און ניט בלויז אַן איבערשיכטונג פון פּערסאָנאַל, אַן איבערארבייט פון די הערשנ־דיקע קלאַסן. אָבער דאָס איז א אוטאָפּיע פון ריינסטן וואַסער, דאָס וואָלט מיינען אוועקשטעלן די גאַנצע געזעלשאַפט מיט די קאָפּ אַראָפּ און די פיס ארויף.

דער נאַאיוויסט פאַרמאָגט ניט קיין היסטאָריש־סאָציאָלאָגישן בליק אויף סאָציאַלע, רעוואָלוציאָנערע אדער רעפאָרמאַטאָרישע זאַכן. ער אינ־טערפּרעטירט די מאַנעוורעס, וועלכע עס פירן צווישן זיך די קעגנ־ווערטיקע הערשער מיט די וואָס ווילן און וועלן ווערן הערשער, אלס א קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר דער באַזייטיקונג פון די קריוודעס און נגישות פון וועלכע עס ליידן די אונטערשטע שיכטן. אין זיין נאַאיוויס־טישער פאַנטאַזיע מאָלט ער זיך אָפּ די מאַסן אלס די רעסורספולע אַגענטן אין די אונטערנעמונגען פון סאָציאַלן איבערבוי. אַט־די פּאַטעטישע פאַרשטעלונגען האָבן א קנאַפּע שייכות צו דער פּראַזאַאישער ווירקלעכ־קייט, סיידן אַט־די איינבילדונגען און די פּלאַפּלעריי, וועלכע דריקט זיי אויס, ווערן אָנגעהאַלטן מיט דער כוונה צו פאַרדרייען די קעפּ און צעטומלען די געהירנס פון די מאַסן־מענטשן.

ניקאָלאַי בערדאַיעוו, דער געוועזענער רוסישער מאַרקסיסט וועל־כער איז געוואָרן אַן אפיקורס אין מאַרקסנטום, שרייבט:

„דער גלויבן אין דער גלאָררייכער צוקונפט, דער ענדגילטיקער טריאומף פון לאָגאָס און פאַרשטאַנד, וועלכער קומט נאָך דער פינצטער־ניש און איראַציאָנאַליטעט פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן פּראָצעס, האָט דערוויַיל פּראָדוצירט פאַרדאָרבנקייט און אומרעכט.״ 31)

עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס מיר האָבן געקראָגן פאַר־קערטע רעזולטאַטן. נאַאיווע און פאַלשע ריידערייען און באַוועגעכצן האָבן קיין גוטס ניט געקענט ברענגען.

אלפרעד ריימאָנד דזשאָהן אין זיין ווערק „סאָציאַליזם, זיין שטאַר־קייט, שוואכקייט, פּראָבלעמען און צוקונפט״ שרייבט:

„דאָס פאָלק ווערט אומגעדולדיק מיט אַט־די אומקאָנסעקווענצן אין גערעכטיקייט... סאָציאַליזם איז א באַוועגונג צווישן די ארבעטער־קלאַסן צו פּרובירן מתקן־זיין אַט־דאָס גרויסע אומרעכט.״ 32)

„דאָס פאָלק ווערט אומגעדולדיק״... דאָס פאָלק אלס א גאַנצעס איז כסדר און תמיד פּאַסיוו. עס האָט גענוג געדולד. וואָס־וואָס קיין געדולד פעלט דעם פאָלק זיכער ניט, הלוואי האָט עס אזוי פיל שכל, וויפל עס האָט אויסדויער. אויב עמיצער ווערט אומגעדולדיק איז עס דער צוקונפט־הערשער. ער רייסט זיך צו דער הערשאַפט־פּאָזיציע. ער וויל זיך אָנשליסן אָן דעם געוועלטיקער־מיעוט, און עס ברענט אונטער זיינע פיס...

„דער אידעאַל פון א קיניגרייך פון גערעכטיקייט, ליבע און שלום, ווען ער איז איינמאָל געגעבן צו דער מענטשן־ראַסע וועט קיין זאַך ניט קענען פאַרניכטן דעם וואונטש צו רעאַליזירן אים.״ 33)

דאָס איז ריכטיק. דער אידעאַל פון „לתקן עולם במלכות שדי״ וועט קיינמאָל ניט אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל פון דעם מענטשלעכן האַרצן. — אָבער דער דאָזיקער אידעאַל איז פאָרמולירט געוואָרן אַלס אַן עטיש־רעליגיעזער אידעאַל, ניט אַלס אַ פּאָליטישע באַשטרעבונג. פּאָליטיק אַלס אַ דיסציפּלין איז צופיל פאַרדאָרבן, צו וואָכעדיק און סאָציאַל־וואוכערדיק און מאַרוויכערדיק אַז זי זאָל זיך קענען צורירן צו אַ דער־הייבענעם אידעאַל און אים ניט מטמא זיין, אים ניט פאַרשמוציקן, אַריינ־שלעפּן אין זומפּ. מיט אַנדערע ווערטער, דער רעאַל־פּאָליטיקער, דער מאַסן־פירער און דעמאַגאָג ווען ער רעדט וועגן אַזאַ הייכן אידעאַל זיינען מיר זיכער, אַז ער מיינט ניט קיין איין וואָרט פון וואָס ער זאָגט. ער מיסברויכט אַ דערהייבענע באַשטרעבונג, וועלכע געפינט איר פּאַסיקן פּלאַץ בלויז אין מזרח־וואַנט פון די רעליגיעזע פּראָפעטישע אַספּיראַציעס. אין די טריפהנע מיילער פון די פּאָליטישע שווינדלער קלינגט עס ווי אַ איראָניע און אַ חילול הקודש.

הערמאַן קוטטנער שרייבט:

„הינטער דעם אויפשטאַנד קעגן דעם מאַמאָן־קולט שטייט דער דערהייבענער אידעאַל... סאָציאַליזם ציגט אַרויס אַן אידעאַליזם... וועלכער דערהייבט זיך אין פילע סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן ביז צו מאַר־טירערטום.״ (34

נאַאיוויזם הערט זיך צו צו די פוסטע שיינע בלומען־ווערטער פון דעם דעמאַגאָג־אַגיטאַטאָר, זעט אָבער ניט די שלאַנגען פון ליסטיקייט, וועלכע פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער זיי. און וואָס איז שייך מאַרטירערטום דאַרף מען האַלטן אין זינען אַז מיר באַהאַנדלען די פראַגע פון שטאַנד־פּונקט פון קלאַסן, און ניט פון שטאַנדפּונקט פון יחידים. דער יחיד איז צייטנווייז געצוונגען אומסאָפּיסטיצירט אַז ער זאָל ניט באַנעמען ווי אַזוי דער סאָציאַלער מעכאַניזם פונקציאָנירט. ער וועט ערשט עפענען די אויגן מיט יאָרן שפּעטער, און דעמאָלט וועט שוין זיין פאַר אים צו־שפּעט חרטה צו האָבן. נאָך מער וואָס טיפער פאַרשטאַנען קומט די זאַך פאַר אַזוי: דער יחיד, דער אידעאַליסט, איז זיך מקריב לטובת זיין קלאַס. דער לעצטער זייענדיק אַן אָנפירער־קלאַס פערסאָניפיצירט אין זיך און מיט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט, וועלכע מוז אָנקומען פאַר איר אייגענער רעאַליזאַציע, צו אַ רעפּרעזענטאַציע אָדער פערסאָניפיקאַציע. און קרי־טיציסטיש טיף פאַרשטאַנען איז אפילו די פראַזעאָלאָגיע, די לאָקרעץ־זיסע ריידעריי פון די נאַאיוויסטן באַרעכטיקט. זיי טוען דאָך דאָס אַלץ מיט דער כוונה אויפצוריכטן אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס. און דאָס אַליין די שאַפונג פון אַ יונגן הערשער־קלאַס איז אַן ׳אידעאַלער׳ אויפטו.

וואלטער ראטהענוי אין זיין ווערק „די נייע געזעלשאפט" שרייבט:

„די אָפּשאַפונג פון דער סקאַנדאַליעזער פאַרשקלאַפונג פון ברודער דורך ברודער, פון אַט־דעם מערב׳דיקן מיסברויך, וועלכער איז דער באַזיס פון אונדזער ציוויליזאַציע, ווי שקלאַפעריי איז געווען דער יסוד פון אלטערטום." 35)

דער ציטירטער מחבר וויל ניט פארשטיין אזא עלעמענטאַרן אמת, אז א „מיסברויכונג" וואלט קיינמאָל ניט געקענט דינען אלס א באַזיס פאַר אַ ציוויליזאציע. א ציוויליזאציע פאָדערט פאר איר פונדאַמענט עפּעס אזעלכעס, וואָס איז האפטיקער, שטייפער ווי בלויז באטרוג און מיסברויך. אָבער דעם נאַאיוויזם אַרט עס ניט. נאַאיוויזם וועט ניט גיין און ברעכן זיך דעם קאָפּ בכדי פאַנאַנדערצושיפרירן די סאָציאלע באַוועגונגען פון אונדזער צייט און פון פארדעמדיקע צייטן. דעם נאַאיוויסט פאַלט גאָר ניט איין אז מ׳דאַרף אויסגעפינען די סתרי־תורה, די רזין־דרזין, וועלכע געפינען זיך אין די וויזיעס און פראָפעצייאונגען פון די פאַלשע נביאים און אמת׳ע פאָליטיקער. ער מיינט טאַקע אז די פּאָליטאַ־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן „גייט אין לעבן" אָפּצושאַפן „די סקאַנדאַליעזע פאַרשקלאפונג פון ברודער דורך ברודער". און די טשיקאַווסטע זאך אין דעם אלעם איז דאָס וואָס מיט דער נאַאיוויטעט־פארבלענדעניש זיינען ׳געשלאָגן׳ ניט נאָר די אָנהענגער און פריידיקער פון סאָציאַליזם־קאָמוניזם, נאָר אויך, און אפשר אין א גרעסערער מאָס, זיינע קעגנער.

מיר וועלן ציטירן אזא ידען אין הלכות סאָציאָלאָגיע, ווי הערבערט ספּענסער:

„דער סאָציאַליסט פרעגט ניט וואָס מוז פּאַסירן אויב, דור נאָך דור, וועט דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד פון די אונטערשטע שיכטן אויפגע־הייבן ווערן אויף דעם חשבון פון וואוילשטאנד־אַראָפּלאָז פון די אויבערשטע שיכטן... א פּאַלק וואָס... וועט אָפּשאַפן דאָס נאַטירלעכע פאַרהעל־טעניש צווישן אויפטואונגען און באַלוינונגען, וועט איינקורצן זיך אליין אומברענגען." 36)

וואָס פאר א נאַאיוון ׳בלבול׳ ער מאכט אויף דעם שטאַט־סאָציאליזם. אַט־די ׳געפערלעכע׳ כוונות פון אויפהייבן דעם מצב פון די מאַסן אויף דעם חשבון פון די הויכע קלאַסן זיינען זייער ווייט פון שטאַט־מאַנאָפּאָ־ליסטישן געדאנק. ספּענסער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון דער אגיטאציע ליטעראטור, פון דער גאַסן־שרייעריי און דעמאַגאָגישער שמירעריי, וועל־כע איז באַשטימט פאר דעם מאַסן־געברויך. די זאך ווערט נאָך מער קשה, ווען מ׳זעט, אז דער זעלביקער ספּענסער, אין אַנדערע פלעצער פון זיינע שריפטן, ווייסט שוין דווקא יע די אמת׳ע כוונה פון שטאַט־

סאָציאַליזם, פון קאָמוניזם און ער באַנעמט גאַנץ גוט אז דער קאָמוניסט־שטאַטיסט גייט שאַפן א נייע אריסטאָקראַטיע, הגם ער ׳זינגט׳ אזוי שיין מכוח דעם אָפּשאַף פון קלאַסן. די האָניק און ביימל־טריפנדיקע פראַזע־אָלאָגיע ווערט געברויכט אידער מ׳קריגט אריין אין די לאַפּעס די מאַכט, בשעת דער געראַנגל פאר אויטאָריטעט גייט אָן. ווי נאָר דער געפּעכט איז פאַראיבער און דער ניצחון געזיכערט, דעמאָלט נעמט דער ׳קאָמוניסט׳ ריידן גאָר אנדערע דיבורים. אין דעם מאָמענט ווערט ער שוין דער רעאַליסטישסטער רעאַל־פּאָליטיקער.

אָבער יעדער מאָל נאָך דעם קריג, ווען די ווערבאַלע רויך־שירמעס זיינען שוין צעריסן אויף שטיקער, קומט דער געבענטשטער נאַאיוויזם ארויס צום עולם און מיט א פרומער מינע דערקלערט ער דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט ניט פאַרווירקלעכט די דערהייבענע באַשטרעבונגען און ניט דערגרייכט די וואַגזאַמע צילן פון גלייכהייט און פרייהייט, מיט דעם באַדויערווערטן פאַקט, וואָס די מאַסן האָט מען אָפּגענאַרט. ווער האָט זיי אָפּגענאַרט? די פאַלשע פירער, וועלכע האָבן זיך ׳איבערגעבוירן׳, וועלכע זיינען קאַליע געוואָרן, האָבן זיך אנטאַרטעט, און מיט די נאַרישע רייד און שטותע׳וואַטע דערקלערונגען איז דער נאַאיוויזם יוצא פאר זיך און פאר יענעם. און ער גייט זיך ווייטער זיין גאַנג, ווי קיינמאָל גאָרניט. אבי עס איז דאָ וועמען צו באַשולדיקן פּערזענלעך. דאַרף מען דען מער?! דאָס איז דער וועג וועלכן טראָצקי איז געגאַנגען אין דערקלערנדיק דעם ׳דורכפאַל׳ פון דער רוסישער רעוואָלוציע... סטאַלין האָט אַלץ פאַרדאָרבן. ווען טראָצקי וואָלט פירן, וואָלט ער אריינפירן דאָס לאַנד אין גן־עדן אריין, ער וואָלט שאַפן אין רוסלאַנד א קלאַסן־לאָזע געזעלשאַפט כדת מאַרקס און לענין. און די אייגענע רייד פלעגט ריידן מאַריא ספּירידאָנאָוונא קעגן לענינען און טראָצקין, וועלכע זיינען ׳פאַרדאָרבן׳ געוואָרן פון דער מאַכט, ווען מ׳לאָזט איר פירן די רעוואָלוציע לויט אירע השגות וואָלט זי האַלטן אַלע הבטחות און אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע, פאַרשקלאַפונג און קלאַסן און הערשאַפט, און וואָס ניט.

אָט וואָס וויליאַם ענגליש וואַלינג שרייבט:

„...עס איז אַלעמאָל די ארבעטער־אריסטאָקראַטיע וועלכע וועט זיכער פאַראַטן אין דער צוקונפט.״ (37

אפילו דער נאַאיוויסט איז קיינמאָל ניט געוועזן אזוי בלינד אז ער זאָל איגנאָרירן ניט זען די ווירקלעכקייט, די פאַסט־רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט. די רעטעניש האָט געפאָדערט, האָט געמאָנט א דערקלערונג. דער ׳תיקון׳ האָט גערופט, ער האָט געמאַטערט דעם געוויסן און אינטריגירט דעם פאַרשטאַנד: סטייטש, וואָס האָט דאָ פּאַסירט?! ווי אזוי

קען מען פאַרשטיין די משונה דערשיינונג, וואָס די הערשנדיקע מינ־דערהייט, אין אַ נייער געשטאַלט, האָט פון דער איבערקערעניש ניט נאָר ניט געליטן אין איר הערשאַפט־קאַריערע, נאָר פאַרקערט זי איז נאָך דערהייבן געוואָרן, זי איז עולה־לגדולה געווען. נאָך דעם קורצן פּעריאָד פון „שטורם און דראַנג" האָט זי באַוויזן אַרויפצוקלעטערן אַ פּאָר שטאַפּ־לען העכער אויפן לייטער פון מאַכט־איבונג און האָט זיך דערוואָרבן נאָך מער „מאה" און מער „דעה", מער מאַטעריעלע רייכטימער און מער השפּעה.

און דער נאַאיווער ענטפער איז געווען: די אַרבעטער־אַריסטאָ־קראַטיע האָט פאַרראַטן, די רעוואָלוציאָנערע פירער האָבן זיך אַרויס־געשטעלט צו זיין „פאַרפירער".

גוסטאַוו לע באָן אין זיין ווערק „די פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם" שרייבט:

„קענען מיר האָפן, אַז מיט דעם פּראָגרעס פון ציוויליזאַציע וועט דער קלאַסן־געפעכט שוואַכער ווערן? פּונקט פאַרקערט, אַלץ איז נוטה אָנצודייטן, אַז עס וועט ווערן נאָך מער אינטענסיוו ווי עס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. צוויי טעמים זיינען דאָ פאַר דעם: דער ערשטער איז די טיפערע צעטיילונג צווישן די קלאַסן, דער צווייטער איז די מאַכט, וואָס די נייע מעטאָדן פון אַסאָציאַציע גיבן צו די פאַרשיידענע קלאַסן מיט וועלכע צו פאַרטיידיקן זייערע פאָדערונגען." 38)

איך בין אין פולן הסכם מיט לע־באָנען בנוגע זיין באַהויפּטונג אַז די קלאַסן־שפּאַלטונג אין אונדזער געזעלשאַפט ווערט וואָס ווייטער אַלץ טיפער. איך טייל אָבער ניט זיין פּעסימיסטישע באַהויפּטונג מכוח דער פאַרביטערונג פון דעם קלאַסן־קאַמף. די טיפקייט פון דער צעשפּאַלטונג וועט האָבן, לויט מיין השגה, אַ באַרואיקענדיקע ווירקונג. אָט־די תהום־טיפקייט שליסט אַבסאָלוט אויס די מעגלעכקייט פון אַריבערצוּוואַרפן אַ בריק איבער דעם דאָזיקן סאָציאַלן אָפּגרונט. ווען די מאַסן וועלן בעסער פאַרשטיין זייער פּאָזיציע, וועלן זיי נעמען אַרויסווייזן אַ קליגערע און רואיקערע, מער אַריינגעטראַכטע און בר־דעת׳דיקע באַציאונג צו די העכערע שיכטן. די מפּלות, די אַנטוישונגען, נידערלאַגעס, וועלכע ווערן רעקאָרדירט אין דער געשיכטע, זיינען דער בעסטער קילשטאָק פאַר די היצקעפּ און אויפהעצער.

דער נאַאיוויזם קען ניט שלום מאַכן מיט אָט־די דיסאילוזירנדיקע אַקטואַליטעטן, און ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון זיי. ער גייט זיך אָן מיט זיין ברייען און איבערקייען די אַלטע רעוואָלוציאָנערע פראַזן, וועלכע ער פרישט אַביסל אָפּ, וואַרימט זיי אונטער אויף דאָס ניי אין אייוון

פון סאָציאַלע לײדנשאַפטן. איבעראַנײס און װידער אַמאָל רופט ער די „אָפּגענאַרטע״ מאַסן צו גײן שטורעמען, מיט נײער אַנטשלאָסנקײט און נײעם מסירת־נפש, די נאַר־װאָס אױפגעריכטע און פאַרטײפיצירטע ציטאַדעלן פון די ניט־לאַנג צוריק אױפגעקומענע פּריצים. און װי קײנמאָל גאָרניט זאָגט ער װידער אַמאָל צו די מאַסן, אַז הײנטיקס מאָל װעט אַט־יענער אומגליק, װאָס הײסט פּאַרראַט, ניט פּאַסירן, אַז דאָס מאָל װעלן זײ שױן אַנלערנען זײערע האַרן, זיך אָפּרעכענען מיט זײערע הערשער... און אָפּשאַפן אינגאַנצן די הערשאַפט פון דער מינדערהײט... דער אמת איז, אַז זײ רעכענען זיך טאַקע אָפּ מיט די מיטגלידער פון דעם באַשטימטן העכערן קלאַס, אָבער די מינדערהײט־הערשאַפט פאַרלירט פון דעם גאָרניט. דער רעװאָלוציאָנער װינט רײסט אַראָפּ די פאַרגעלבטע, פאַרװעלקטע בלעטער פון בױם, דער בױם פאַרלירט פון דעם גאָרניט. דער אַנקומענדיקער פרילינג ברענגט מיט זיך א נײע באַבלעטערונג...

אַלע רעפאָרמען װערן דורכגעזעצט פון א הערשער־מינאָריטעט. די תיקונים, װי די רעװאָלוציעס, װערן אײנגעפירט פון דעם אױבערשטן קלאַס, װעלכער געהערט צו דעם אָנפירנדיקן מיעוט. אַזױ איז עס. עס איז סאָציאָלאָגישער שיקזאַל. יעדע באַװעגונג, װעלכע איז געשאַפן געװאָרן מיט דעם אױסגעשפּראָכענעם צװעק צו ענדערן אַט־דעם מצב פון דער דיפערענציאַנעלער צעטײלונג אױף א מאַיאָריטעט און מינאָריטעט, האָט דערגרײכט בלױז אײן זאַך און דאָס איז די פאַרטײפונג, פאַרפעסטיקונג פון אַט־דער דיפערענציאַנאַלער צעטײלונג. נאָך יעדער דערפאָלגרײכער רעװאָלוציע איז דער הערשנדיקער מיעוט געװאָרן מער תקיף, מער פאַרזיכערט אין זײן שררות.

אָט װאָס לאַזינסקי שרײבט:

„די געשיכטע פון דער מענטשהײט איז אײן לאַנגע אומאיבערגעריסענע קײט פון שקרים, געװאַלדטאַטן און אָפּנאַרערײ. זי איז א ברודיקער בלאָטיקער שטראָם פון די עכסט קלײנלעכע געפילן און נידעריקע אימפּולסן, היפּאָקריטישע פאַרזיכערונגען און אָפּנאַרנדיקע לאָזונגען, עס איז אָן ענדלאָזע, ביז צום עקלען, טראַגי־קאָמעדיע אין װעלכער די ראָלע פון דעם לײדנדיקן האָבן געשפּילט די שקלאַפן פון האַנט־אַרבעט.״ (39

ער איז גערעכט און דאָך אינגאַנצן אומגערעכט. די מעשה מיט די שקרים איז אַזױ: בלױז יענער ליגן באַזיצט א מאַגנעטישע צוצי־קראַפט, בלױז יענער שקר פאַרמאָגט אַן אומװידערשטענדלעכן מאַסן־רוף, װעלכער װערט דערצײלט פון „ליגנער״ מיט דער פולער ערנסטקײט װעלכע עס פאַרדינט אַן ערשט־ראַנגיקער אמת. אָפּנאַרערײ, בכדי צו זײן באמת

ווירקזאם אויף א ברייטן סאָציאלן מאַסשטאַב, מוז זיך טוב׳לען ש״י טבילות אין זעלבסט־אָפּנאַרעריי, אין זעלבסט־רמאות.

גוסטאוו לע באָן שרייבט:

„די מאַגישע אימפּעריע פון די ליגנערישע ווערטער איז ניט א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. די פאָלקס־נשמה האָט זיך געענדערט, אָבער זיינע גלויבערייען זיינען אזוי פאַלש ווי זיי זיינען תמיד געווען און די ווערטער וועלכע באהערשן זיי זיינען שטענדיק אזוי פארפירעריש.״ 40)

„די מאַגישע אימפּעריע״ ווערט ניט געשאַפן פון איינפאכע „ליגנערישע ווערטער״, נייערט פון פּראָפּעטישע ווערטער, פון נביאות־זאָגונגען מכוח דעם קיניגרייך פון הימל, דעם מלכות שדי וואָס איז אזוי נאָענט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. אָט־די בשורה־טובה אָנזאָגונגען, אָט־די יעוואַנגעלישע אָראַקל־שפּרוכן נעמען געפאנגען די פאַנטאַזיע פון די מאַסן, פון „עמך״, וועלכע זיינען טיף־רעליגיעז געשטימט. די צרה איז וואָס די דעמאַגאָגן מיסברויכן די רעליגיעזע שטימונגען און זעאונגען. דער אומגליק איז וואָס דידאַקטישע צוויי דיסציפּלינען וועלכע מ׳דארף האַלטן באזונדער, ווערן צונויפגעמישט. וואָס באקומט זיך פון דעם? א דיסקרעדיטיזאַציע פון אמת׳ער געזונטער רעליגיע. צוליב וועמען? ניט צוליב די באמת רעליגיעזע מענטשן און נאַטורן, נייערט צוליב די דעמאַגאָגן, די פאַלשע נביאים, די בשורות־טובות־אָנזאָגער, די יעוואנגעליסטן. זיי מיסברויכן רעליגיעזע עקזאַלטאַציע, רעליגיעזן שוואונג. אָט־די „אַפּאָסטאָלן״, פון פאַרצייטנס און פון אונדזער צייט, נעמען רעליגיע אין איר ריינסטער אנטפּלעקונג פון נבואה און שלעפּן זי אריין אין בלאָטע און בלוט פון פּאָליטישער אמביציע.*) בזה־האופן האָבן זיי פאר׳דבר־אחר׳ט דעם רעליגיעזן וואָרט, פאַרלייזיקט דעם רעליגיעזן טרוים, פאַרברודיקט דעם רעליגיעזן עקסטאַז, פאַרגרעבט דעם רעליגיעזן כלות־הנפש נאָך שלימות, פאר׳חזיר׳ט דעם הייליקן דראַנג נאָך פּערפעקציע. רעליגיע האָט צוגעזאָגט און געגעבן פּסיכאָלאָגיש־קאָנטעמפּלאַטיוון וואוילשטאנד און גייסטיקן גליק. זיי האָבן אָבער געוואָלט עס אויסבייטן אויף א „מאַטעריעלן״, א גוטן־טאָג־לעבן. זיי האָבן פארקויפט די בכורה פון רעליגיע פאר א טאָפּ לינדזן וועלכן זיי האָבן בלויז געזען אין חלום...

די נאַאיוויסטן, בשעת זיי רופן די מאַסן אומצושטירצן דעם רעזשים פון דער מינאָריטעט־הערשאפט, ריידן באמת איין די מאַסן אז זיי זאָלן זיך אָנשטרענגען און אויפהייבן דעם פּעדעסטאַל, אויף וועלכן די קאָמאַנ־

*) Abba Gordin, "Instead of a Program," Clarion, October, 1932, New York.

דירנדיקע מינאָריטעט שטייט, נאָך העכער, אזוי אז די הערשער זאָלן קענען קריגן א ווייטערן בליק און ברייטערן אויסזיכט און, ממילא, וועלן זיי זיין אימשטאנד בעסער אָנצוגיין מיט די געזעלשאפט־אָנגעלעגנהייטן. זיי וועלן קענען מער פאָרויסזען און, פאָלגלעך, מער פּאָרהיטן, באַוואָרענען, געבן דירעקטיוון פון א העכערער קוואַליטעט.

ווייטער, די יעניקע ווייניקע נאַאיוויסטן, וועלכע מיינען טאָקע, אָביעקטיוו, וואָס זיי זאָגן, און, אין זייער איינזייטיקייט און אינטעלעקטועלער באַגרענעצטקייט, ווילן טאָקע דורכפירן זייערע פּלענער און פאַרשפּרעכונגען, זיינען איינפאַך געוויס, א סכנה פאַר אונדזער ציוויליזאַציע. זיי שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזירטער געמיינשאַפט. מיט זייערע חסיד־שוטה׳דיקע אויפטואונגען קענען זיי רואינירן ביזן סאַמע יסוד דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן בנין. אזוי ארום ווערן זיי, אָביעקטיוו־באַטראַכט די אויסגעשפּראָכענע שונאים פון אָט־די מאַסן, וועלכע זיי וואָלטן וועלן באַגליקן. דער איינציקער טרייסט אין אזא פאַל פון איבערגעטריבענעם און שלעכט־אָנגעווענדטן נאַאיוון פאַנאַטיזם איז דאָס, וואָס די דאָזיקע נאַאיוויסטן, די סאָציאַל־יעוואַנגעליסטן, וועלכע נעמען טויט־ערנסט זייערע בשורות טובות און זיינען אומקאָמפּראָמיסלעך אין זייערע אונטערנעמונגען — וועלן קיינמאָל ניט קריגן קיין גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט. זייערע אולטרא־רעוואָלוציאָנערע פּלענער און גאולה־וישועה׳דיקע פּראָיעקטן זיינען פאַרמשפט צו א דורכפאַל. זייערע שטימען וועלן בלייבן שטימען וואָס רופן אין דער ווילדערניש פון אינדיפערענטיזם, און עס איז דאָ א צידוק־הדין דערביי. די געשיכטע איז גערעכט און איר משפט איז גערעכט. מחמת אביעקטיוו אויפגעפאַסט, אומגעאַכט זייערע פּראָגרעסיווע כוונות און ראַדיקאַלע פּראָזעלאָגיע, זיינען זיי רעאַקציאָנערע בעלי־חלומות, רעטראָגראַדישע וויזיאָנערן.

דער וועג וועלכער פירט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פאָרויס גייט דורך אַן אַנטוויקלונג־פּראָצעס, ניט דורך א פאַנאַנדערפאַל. דער וואויל־שטאַנד, די געדייאונג פון דער געזעלשאַפט, פון דער געמיינדע, אלס א גאַנצער פאָדערט א טיפערע ארייננשניידונג פון דער סאָציאָלאָגישער די־פערענציאַציע, און ניט איר אָפּמעקונג אָדער אויספלאַכונג. אין וואָס די געמיינשאַפט נויטיקט זיך איז א שטייפערע סעגרעגאַציע און א פולערע קריסטאַליזאַציע פון דער הערשנדיקער אויבערשטער מינאָריטעט, און באַאין־אופן ניט איר עלימינאַציע.

II

דעמאָקראַטיזאַציע־אַריסטאָקראַטיזאַציע

ארטהור דזשיימס טאָדד אין זיין ווערק „סאָציאַלער פּראָגרעס״, שרייבט:

„פירערשאפט איז אומפארמיידלעך אָנגעשריבן אין דער נאַטור פון דעם מענטשן ווי ער עקזיסטירט איצט; און אַריסטאָקראַטיע און גראַדאַציעס זיינען גלייכוויז אומפארמידלעך... די איינציקע אויבן־קלאַסן, וועלכע די פּראָגרעסיווע ציוויליזאציע קען טאָלערירן זיינען מענער און פרויען פון א הויכער מענטאַלער פייאיקייט, וועלכע פאַרמאָגן צו דער אייגענער צייט א סאָציאַלע וויזיע און א חוש פאר סאָציאלער סאָלידאַריטעט.״ 1)

קיין אנדערע מינים פון אויבן־קלאַסן אויסער די, וועלכע באַשטייען פון יחידים פון א העכערער פון דורכשניט באַגאַבטקייט, האָבן קיינמאָל ניט עקזיסטירט, ניט געקענט עקזיסטירן. פאַר זייער צייט און די באַשטימטע סאָציאלע פאָרמען זיינען זיי אלעמאָל געווען ווי אָנגעמאָסטן, דאָס מיינט, פּראָגרעסיוו, א ניט וואָלט זיי די געזעלשאפט ניט געדולדעט. אָבער די אויבן־קלאַסן זיינען בלויז היסטאָרישע, פאַרבייגייענדיקע מאָני־פעסטאַציעס פון דעם שטענדיקן פירער־מיעוט. פירערשאפט און מינ־דערהייט זיינען סינאָנימען.

די איניציאַטיווע מינאָריטעט, ווען מ׳קוקט אויף איר פון אן אלגעמיין־געשיכטלעכן ווינקל, איז ממשיך איר אנטוויקלונג אָן אַן איבעררייס. זי איז איינע און דיזעלביקע דורך אלע צייטן, אלע פעלקער און שבטים. זי מאַרשירט פאָרויס אויפן שליאַך פון גרענעצלאָזן פּראָגרעס. אָבער אויך די אביסל אינערטישע מאַיאָריטעט שטייט ניט אויף איין אָרט. זי רוקט זיך, שלעפּט זיך נאָך נאָך אירע פירער. אמת, זי האלט זיך אביסל פון דער ווייטנס, א געוויסע דיסטאַנץ ליגט צווישן דער פירערשאפט־מינדערהייט און געפירערשאפט־מאַיאָריטעט. אָט־די דיסטאַנץ איז דעפי־ניטיוו באַשטימט פאַר יעדער היסטאָרישער עפּאָכע. אין פאַל דער מרחק,

דער אינטערוואַל ווערט צו גרויס, דעמאָלט ווערן די קאָמוניקאַציע ליניעס געשטעלט אין א געפאַר איבערגעריסן צו ווערן. דעמאָלט וואָלט זיך שאַפן אן אומגעזונטע סיטואַציע. א דעגענעראַציע פון די מאַסן וואָלט קומען צום אויסדרוק. און דאָס וואָלט פאַרגעפּערלעכן די פּאָזיציע פון די אויבערשטע קלאַסן. די געדייאונג פון דעם אויבן איז אבסאָלוט אוממעג־לעך אָן דער פאַרזיכערטער געזונטער, רעלאַטיוו היסטאָריש גענומען, עקזיסטענץ פון די נידעריקע שיכטן. די לעצטע פאָרמירן דעם פונ־דאַמענט אויף וועלכן עס האלט זיך די גאַנצע אויבערשטע ארופבויעכץ. דער פּראָצעס פון פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג איז ניט באַגרענעצט מיט איין סעקציע פון דער געמיינשאַפט, נייערט זי נעמט אריין דעם סך־הכל פון דער געזעלשאַפט, בלויז א שמאָלער דעקאַדענטישער זוים ווערט אויס־געלאָזט. ווי נאָר די העכערע שיכטן פאַרלאָזן א פּאָזיציע וועלכע זיי האָבן געהאַלטן, אזוי שנעל גיבן זיך אָהין א וואָרף די מאַסן. זיי פאַרבעמען אַלע ליידיק־געוואָרענע פּלעצער. מיר באַאָבאַכטן אָן אַל־דימענסיאָנאַלן וואוקס, אן אלגעמיינעם אויסבעסער, אן אלגעמיינעם צופלוס פון כוחות.

קייר האַרדי שרייבט:

„די פליכט פון די שטאַרקע איז ניט צו האַלטן די שוואַכע אין שיעבוד, נייערט זיי צו העלפן זיך אויפהייבן אין דער מענטשהייט־סקאַלע.״ 2)

דער ציטירטער מחבר מיינט צו זאָגן, אז אזוי וועט עס זיין אין דער צוקונפט. דער טיפער אמת איז, אַז היסטאָריש איז אַט־די פליכט תמיד דערפילט געוואָרן מצד פון דער שטאַרקער מינאָריטעט. איבער דער ברייטער אויבערפלאַך פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן שפּרייט זיך א שפע פון דערלייכטערונגען. אמת, דער צענטער פון די פּאַרשנעלערטע טעטיקייטן, וועלכע שעפן זיך אויס אין דער אקציע פון קאָמפּליצירן די סאָציאַלע סטרוקטור און אויפהייבן די קוואַליטעט פון סאָציאַלן בוי־שטאָף, איז טאַקע לאָקאַליזירט, ער געפינט זיך אין מחנה־כהונה, אין דער עזרה פון דער אונטערנעמערישער אויפטועדיקער מינדערהייט. אָבער מיר געפינען ראַדיוסן פון פולסירנדיקער קאָנסטרוקטיווער ענערגיע, וועל־כע עמאַנירט פון דעם דאָזיקן קניפּל־פּונקט, פון דעם סאָציאַלן „צרורא דלעילא״, אויסגעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען. זיי דערגייען צו די סאמע ווייטסטע און נידעריקסטע רעגיאָנען:

„די ריכטיקע שטאַרקייט פון א הערשנדיקן קלאַס ליגט... אין דער אידענטיטעט פון זיינע קלאַסן־אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט אלס א גאַנצער.״ 3)

איינע פון די הויפּט פונקציעס פון אַן אויבערשטער גרופּע איז צו באַהילפיק זיין די מאַסן אין פאַרנעמען די פּאָזיציעס, וועלכע די עליט האָט עוואַקואירט, וועלכע זי האָט אַריבערגעוואַקסן סאָציאָלאָגיש.

מ. ל. סקאָדדער שרייבט:

„די מאַכט וועלכע די מאַסן באַזיצן איז בלויז אַ פּיזישע. קראַפט אָן אינטעליגענץ־פירערשאַפט איז ניט מער ווי די גבורה פון אַזויפיל חיות.״ 4)

„מאַכט״ און „מאַסע״ זיינען אַנטאָנימען, קעגנגעזעצטע באַגריפן. די מאַסן אַלס מאַסן איידער זיי ווערן אָרגאַניזירט זיינען אינגאַנצן אומבאַהאָלפן. נאָך דעם ווי זיי ווערן אָרגאַניזירט זיינען זיי נאָך אומבאַהאָלפענער. מחמת זיי געפינען זיך שוין אין רשות און אונטער דער שליטה פון זייערע אָרגאַניזירער. (זע אבא גאָרדין, „אידישער וועלט־באַנעם״, זז. 47־43). די „סאָציאָלאָגישע אַרמיי״, ניט אומענלעך צו אַלע מאַרשירנדיקע אַרמייען, איז איינגעטיילט אין אַן אַוואַנגאַרד, אַן אַרמיי־מאַסע און אַן אַריערגאַרד. דער ענערגעטישער מיעוט שטעלט צוזאַמען דעם אַוואַנגאַרד, די עכסט פאַרויסגעשריטענע קאָלאָנעס אויף דעם ציוויליזאַציע־פעלד. די אַביסל זיך אונטערפּוילנדיקע מאַיאָריטעט קאָנסטיטואירט דעם אַרמיי־קערפּער, און דעם אַריערגאַרד שטעלן צוזאַמען די נאָכשלעפּער, די יעניקע וואָס בלאָנקען זיך אַרום. ווי נאָר די פראָנט־ליניע ווערט אַריבערגעפירט צו נייע מער אַרויסגערוקטע פּאָזיציעס, אַזוי גיך גיט זיך אַ שטופּ פאָרויס די גאַנצע אַרמיי. זי פאַרלירט ניט דעם קאָנטאַקט מיט איר אַוואַנגאַרד. דער עלאַסטישער אינטערוואַל, וועלכער ליגט צווישן זיי און שאַפט די יעראַרכישע דיסטאַנץ, וועלכע וואַקסט מיט יעדן היסטאָרישן צוג און איבערציצו נייע פּאָסטנס, — קען זיך ציען און אויסציען בלויז ביז צו אַ געוויסער מאָס: עס איז אַ גבול ווייטער פון וועלכן זיין עלאַסטיציטעט קען ניט אַרבעטן, ער קען זיך ניט אויסשפּרייטן און אויסדינען צופיל אָן צו שטעלן אין סכנה די קאָמוניקאַציע־באַדינגונג וועלכע צירקולירט צווישן חלוץ און מאסף, צווישן קאָפּ, קערפּער און עק. די אומדערמידלעך אַדוואַנסירנדיקע ראַדיקאַלע מינאָריטעט דערמוטיקט מיט וואָרט און ביישפּיל, און אַמאָל שלעפּט זי כמעט ווי איבערגעוואַלד, נעמט אויפן בוקסיר, די זיכער־שפּרייזנדיקע אָבער פּאַמעלעך זיך־באַוועגנדיקע קאָנסערוואַטיווע מאַיאָריטעט.

דער פילאָזאָף־סאָציאָלאָג גאַבריעל טאַרד שרייבט:

„יעדע זאַך, אפילו דער גאַנג צו גלייכהייט ווערט דורכגעפירט דורך אימיטאַציע און טאַקע אימיטאַציע פון די העכערע קלאַסן. איידער פּאַ־

ליטישע און סאָציאַלע גלייכהייט צווישן אַלע קלאַסן פון דער געזעל־שאַפט איז געוואָרן מעגלעך אָדער בלויז באַגרייפלעך, האָט מען זי געמוזט עטאַבלירן אויף אַ קלײנעם מאַסשטאַב אין איינעם פון זיי. נו, האָט מען עס געזוכט פאַרקומענדיק אין סאַמע אויבן." 5)

טאַרד רעדט פון דעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט. מיר באַהאַנדלען דאָ אַלע פראַגן פון שטאַנדפּונקט פון מערהייט און מינדערהייט פאַרהעל־טענישן. אַט־די שטעלונג אונדזערע וואַרפט פיל ליכט אויף אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען. זי ציִיגט אונדז דאָס שטענדיקע אין דאָס זיך־ענדערנדיקע. די קלאַסן זיינען בלויז אַ מאַניפעסטאַציע פון דעם מינ־דערהייט־פּרינציפּ.

די פירנדיקע מינאָריטעט פירט די מאַיאָריטעט, זי פירט זי אויך בלומרשט צו „גלייכהייט". דאָס מיינט בלויז אַז די מינדערהייט באַזעצט די מערהייט, — נאָך לאַנגע וויכוחים און איבערריידענישן און טאַקע געשלעגן און בירגער־קריגערייען — אויף די „גיטער" וועלכע זי האָט אַזוי אייפערזיכטיק אָפּגעהיט און געהאַלטן אויסשליסלעך פאַר זיך און קיינעם צו זיי נאָענט ניט צוגעלאָזן אין דעם פאַרדעמדיקן היסטאָרישן פּעריאָד.

זשאָרעס שרייבט:

„יענע גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען, וועלכע הייסן רעוואָלוציעס, קענען ניט, אָדער ריכטיקער קענען שוין מער ניט, דורכגעפירט ווערן פון אַ מינאָריטעט. אַ רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט ווי אינטעליגענט און ענערגעטיש זי זאָל ניט זיין, איז ניט בכוח, אין היינטיקע געזעל־שאַפטן, אַמווייניקסטן, צו מאַכן אַ רעוואָלוציע. די קאָאָפּעראַציע און צו־געהעריקייט פון דער מערהייט, און אומגעהויער גרויסער מערהייט, איז נויטיק." 6)

זשאָרעס קוואַליפיצירט זיין טענה מיט דעם „שוין ניט מער", „אין אונדזערע געזעלשאַפטן אַמווייניקסטן". עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך געפינען אונטער דער אילוזיע, אַז די סאָציאַלע ענינים אין אונדזער צייט זיינען פונדאַמענטאַל פאַרשיידן פון דעם וואָס זיי זיינען געווען אין די פאַרגאַנגענע צייטן. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אינגאַנצן ניט ריכטיק. עס האָט אַפּנים ווי איינער וואָלט באַהויפּטן, אַז די לופט וועלכע מיר אָטעמען און דאָס וואָס מיר טרינקען האָט זיך וועזנטלעך געענ־דערט אונטער דער ווירקונג פון דער מאָדערנער צייט, אונטער דער השפּעה פון דעם כל־יכול „פּראָגרעס". אויב אָבער זשאָרעס האָט גע־מיינט צו זאָגן בלויז, אַז די מינדערהייט דאַרף אָנקומען צו דער מערהייט וועלכע זי פירט, איז מדריך און מנהיג, דעמאָלט האָט ער אונדז געלאָזט

הערן א זאַך, וואָס אלע וויסן. ער האָט אַנטוויקלט א געדאַנק וועלכער איז א קנין הרבים. מ׳דאַרף בלויז צוגעבן צו זיינע רייד, אז אַט־די נויטווענדיקע קאָאָפּעראַציע בשעת א רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד מוז ניט זיין פון א לאַנגער דויערהאַפטיקייט. זי מוז אויך ניט זיין אינגאַנצן וואָלונ־טאַריש, געגעבן מרצון, אין פולן פשט פון וואָרט „רצון״. מחמת די מינ־דערהייט צווינגט באמת אַרויף איר ווילן אויף דער מערהייט. זי צווינגט די מערהייט אי פסיכאָלאָגיש אי פיזיש, עקאָנאָמיש־פּאָליטיש. די מער־הייט איז קאָנסערוואַטיוו, פלעגמאַטיש. די מינדערהייט מינטערט זי, וועקט זי, שלעפּט זי אַרויס פון אירע רוטין־וועגן, שאַבלאָן־שטייגערס, פון אירע טראָפּאַרעט־איינגעלעבטקייטן און סטערעאָטיפּישע איינגעוואוינט־קייטן.

די פראַגע פון די שייכות׳ן צווישן דער מינדערהייט און מערהייט איז די אייגענע פראַגע וועלכע מיר האָבן באַהאַנדלט אין בוך „סאָציאַלע אָבערגלויבעריי און קריטיציזם״ אין קאַפּיטל „אַריסטאָקראַטיע און דעמאָ־קראַטיע״ (זז. 49־241).

דער געוויינלעכער ניט־געשולטער פּאָליטישער אדער סאָציאָלער באַאָבאַכטער זעט בלויז איין זייט פון דער מטבע, איין מאָמענט פון דעם צווייפּאָליקן פּראָצעס. לעצטנס ווערט אַזויפיל גערעדט מכוח דעמאָ־קראַטיזאַציע. מ׳פאַרגעסט אָבער אינגאַנצן אַז אַ פּראָצעס פון אַריס־טאָקראַטיזאַיציע מוז זי אַלעמאָל פאַרויסגיין און נאָכגיין. נייע עפּאָכן, נייע עטאַפּן פון עוואָלוציע אדער רעוואָלוציע הייבן זיך ניט אָן מיט א דעמאָקראַטיזם, נייערט מיט אַן אַריסטאָקראַטיזם. דעמאָקראַטיש איז דער סוף פּסוק, דער אָנהויב פּסוק איז אַלעמאָל אַריסטאָקראַטיש.

אָט וואָס ראָסס שרייבט:

„היינטצייטיקע דעמאָקראַטיע, בשעת זי פאַרוואָרפט די פּריווילעגירטע אָרדענונגען און די אויטאָריטאַטיווע ריכטונג, אונטערשאַצט אבער ניט די אויסגעפּרובירטע און ווערטפולסטע און אנטזאגט זיך ניט פון זייער אָנפירערשאַפט.״ 7)

זיין באַהויפּטונג איז ריכטיק, אָבער צו אויבערפלעכלעך. די מעשה איז דאָך אַזוי, אז די דעמאָקראַטיע אלס אַזעלכע ווערט דאָך איינגעפירט, געפירט און אויפגעהאַלטן פון אַן אַריסטאָקראַטיע. די לאַגע איז אַזאַ:

די דעמאָקראַטיזאַציע הן פון וויסנשאַפט, קונסט און הן פון שטאַטס־מאַנשאַפט פאַרנעמט א היפּשן שטח פון מענטשלעכע פּלייסונגען. דער אויפטו ווערט געוויינטלעך צעטראָגן אויף טעלערלעך, פּראָקלאַמירט מיט פּויקן און צימבלען אלס דער טריאומף פון די מאַסן און פון די פאַר־געסענע מענטשן אין די גאַסן. דער אמת איז, אז אָט־די ביסל דעמאָ־

קראַטיזאַציע וואָס מ'קריגט אויפן שפּיץ מעסער האָבן מיר צו פאַר־דאַנקען דעם פּראָצעס פון אַריסטאָקראַטיזאַציע, וועלכע די נאַאיוויטעט האָט שוין דערקלערט פאַר טויט און באַגראָבן, אָבער וועלכע האָט זיך, באמת, אויפגעהויבן איבער דעם פאַרדעמדיקן ניווא און האָט, דעריבער, איבערגעלאָזן הינטער זיך אַ וואַקאַנטן תחום פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע צו פאַרנעמען. די אַריסטאָקראַטיזאַציע ווערט דערהייבן און דערהעכערט איבער אירע פאַרדעמדיקע שטופּן דורך אַ פּראָצעס פון קאָמפּליקאַציע, און זי פילט זיך בעל־צדקה'דיק. זי שענקט אַוועק אַ פּאָר טראָפּנס פון איר כוס־של־ברכה, וועלכער גיסט זיך איבער. זי איז פּריוויגיביק. זי איז מנדב אַ היפּש ביסל נוצלעכע, בשום אופן ניט קאָסטבאַרע, אָביעקטן צו די יעניקע, וועלכע בעטן און זיינען נצרכ'ס. מער ווי דאָס, זי לאָזט זיי מיינען און זיך איינריידן אַז זיי האָבן די געשאַנקען ניט געקראָגן בתורת נדבה, נייערט זיי האָבן זיי דעראָבערט, גענומען אַלס רויב אין אַ זיג־רייכער מלחמה. אַט־דער אַקט פון פאַרהוילענער פּרייגיביקייט, פון גלענ־צענדיקער פאַרבלענדענדיקער פּזרנות וועלכע די אַריסטאָקראַטיזאַציע פּראַקטיצירט, ווערט אָנגערופן, אויף נאַאיוו־לשון, דעמאָקראַטיזאַציע. באמת איז עס ניט מער ווי אַ מין סאָציאָלאָגישע צדקה־געבונג, אַן אינטער־קלאַס פילאַנטראָפּיע.

לאַסקי שרייבט:

„דער ארגומענט פאַר דעמאָקראַטיע ווערט אויפגעבויט אויף דער השערה אַז אין איר אַפּוועזנהייט ווערן איניקע מענטשן די געוועלטיק פון אנדערע.‟ 8)

דעמאָקראַטיע קען בשום אופן ניט דורכפירן אַט־די עובדא וואָס לאַסקי גיט איר, נעמלעך, ניט דערלאָזן אַז איניקע מענטשן זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין געוועלטיקע פאַר אנדערע מענטשן. מענטשן בלייבן מכשירים, אינסטרומענטאַליטעטן, קלאַפּערגעצייג אונטער אַ דעמאָקראַ־טישן רעזשים ניט ווייניקער ווי אונטער אַן אַריסטאָקראַטישן. בלויז דער מעטאָד פון דער אָפּעראַציע איז אַן אנדערער.

דער טערמין דעמאָקראַטיזאַציע, ווי ס'רוב אַזעלכע און ענלעכע טערמינען און קאָנצעפּטן, איז ניט פּינקטלעך, איז איינזייטיק. ער טראָגט אין זיך, אין דעם במסתרים פון זיין אינטערפּרעטאַציע, זיין אייגענע פאַרניינונג. דעמאָקראַטיזאַציע מוז בהכרח אָנקומען צו די חסדים פון אַ דעמאָקראַטיזאַטאָר, וועלכער איז אַן אַריסטאָקראַט פון דער אָדער אַן אַנדערער וואַריאַיטעט. דעמאָקראַטיזאַציע איז, געוויינטלעך, אַ צוריק־קער־פּונקט, ניט קיין ארויסגאַנג־פּונקט.

דעם בעסטן ביישפּיל פאַר דער פאַרשטענדעניש פון די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן פון דעמאָקראַטיזאַציע און אַריסטאָקראַטיזאַציע קען אונדז ליפערן די פּאָפּולאַריזאַציע פון דער וויסנשאַפט. די פאַראייבפאַכונג און פאַרטיפונג פון דער וויסנשאַפט קומען גאָר צוזאַמען, זיי זיינען באמת צוויי אנטפלעקונגען פון איין דערשיינונג. די הינטערשטע רעדער יאָגן זיך נאָך די פאָדערשטע. זיי קענען זיי ניט כאַפּן בלויז דערפאַר וואָס סיי די פאָדערשטע און סיי די הינטערשטע האַלטן אין באַוועגן זיך פאַרויס. ווען די פאָדערשטע וואָלטן זיך אָפּשטעלן, וואָלטן די הינטערשטע זיי גלייך דעריאָגט. זיי שטעלן זיך אָבער ניט אָפּ — און די באַוועגונג פון וואָגן ווערט אזוי ארום פאַרזיכערט. אַלגעמיינע צוואַנג־בילדונג ווערט איינגעפירט. אַנאַלפאַבעטיזם ווערט בזה־האופן אָפּגעשאַפט. אַלע קענען לייענען און אונטערשרייבן זייער נאָמען. מער ווי דאָס, עלעמענטארע בילדונג, אפילו מיטעלע, ווערט צוגענגלעך פאַר אַלעמען. דער נאַאיוויסט מיינט אַז אויף דעם אופן וועט אומגעשטירצט ווערן די מחיצה צווישן דעם למדן און דעם עם־הארץ. ער וואָלט געווען גערעכט ווען דער „למדנים־שטאַנד" וואָלט שטיין און וואַרטן ביז די עם־הארצים וועלן זיי אָניאָגן אין קענטעניש, אין חריפות און בקיאות. די לומדים שטייען אָבער ניט, זיי גייען פאַרויס. די וויסנשאַפט שטייט ניט אויף איין פּלאַץ פאַרגליווערט. זי ווערט מיט יעדן טאָג מער קאָמפּליצירט, און דער אָפּגרונט צווישן וויסנהייט און אומוויסנהייט ווערט ניט געמינערט אין זיין טיפקייט און ברייטקייט. מ'פאָפּולאַריזירט אַלטע טעאָריעס און נייע קאָפּ־ברעכנדיקע מער פאַרוויקלטע טעאָריעס קומען אויף. און פּאָפּולאַריזאַציע וועט קיינמאָל ניט אַראָפּשלעפּן די וויסנשאַפט אין גאַס אריין.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע פּאָליטיק אַלס א וויסנשאַפט און א קונסט. אַדמיניסטראַטיווע ענינים, קענען מיט דער צייט, ווערן צוגענג־לעך צו די ברייטע מאַסן. אָבער דאָס וועט פאַסירן בלויז נאָך דעם ווי מ'וועט שוין האָבן „דערפונען און אינסטאַלירט" נייע „סאָציאַלע אַפּאַראַטן". אָבער אין אָט־דעם פאַל איז עס זיכער, אַז אַריסטאָקראַטיזאַציע, אַלס א פּרעלימינאַרע הכנה אדער הכשרה, איז שוין אריבערגעגאַנגען אין א העכערן תחום. זי האָט פאַרלאָזן דאָס פלאַך־לאַנד פון אַדמיניסטראַציע ממש און האָט זיך באַזעצט אויף די בערג פון קרעאַטיווער און אינוועג־טיוועך אקטיוויטעט, פון וועלכער עס וועלן אָפּהענגען די אַדמיניסטראַטיוו־עקזעקוטיווע טואונגען, דער גאַנצער פּאָליטישער „עבודת־פרך" אדער „שטוב־ארבעט"... אונטער אַזעלכע אומשטענדן ווערט אַריסטאָקראַטיזם נתעלה, דערהייבן, ניט דערנידעריקט. ער פאַרנעמט זיך מיט אויס־טראַכטן, איינפירן און אכטונג־געבן אויף דער פּאָליטישער מאַשינעריע,

אויף די אינסטרומענטאַליטעטן וועלכע גיבן דער דעמאָקראַטיע א מעג־לעכקייט צו פונקציאָנירן. ווען מ׳גיט די מאַסן די יוריסדיקציע און דיס־קרעציע איבער די נידעריקע ספערן פון דער מלוכה־באַמיאונג דעמאָלט ווערט אַריסטאָקראַטיזם ניט אָפּגעשאַפט נייערט אַריבערגעפירט אין די העכערע ספערן. בכדי א מעטאָד, א פּראָצעס, א דיסציפּלין, אדער א גאַנצער אַקטיוויטעט־פעלד, זאָל ווערן „דעמאָקראַטיזירט״, זאָל אריין „אין שוסטער גאַס״ מוז עס פאַר דעם פערפעקטירט ווערן, צו א געוויסער מאָס, עס מוז געמאכט ווערן אזוי גוט און אומאיבערפירבאַר אז יעדער ניט־פאַכמאַן זאָל עס קענען אַנווענדן און ניט שעדיקן עס און אליין ניט געשעדיקט ווערן. און אַט־די „פאַראיינפאַכונגען״, אַט־די אויפטואונ־גען זיינען אקטן פון מער „אַריסטאָקראַטיזאציע״ פון דער מאַשינעריע.

קאַרל מארקס שרייבט:

„מאַנופאַקטור האָט געשאַפן די מאַשינעריע דורך דער פאַרמיטלונג פון וועלכער די היינטיקע אינדוסטריע האָט אָפּגעשאַפן האַנטאַרבעט.״ 9)

לאזינסקי זאָגט ארויס דעם אייגענעם געדאַנק פיל בולט׳ער און שאַרפער:

„די מאַשינעריע איז דער גורם צו דער דעפּראָפעסיאָנאַליזאציע פון די אַרבעטער.״ 10)

אַט־די באַהויפּטונג אז די מאַשין האָט געשעדיקט דעם פּרינציפּ פון אַרבעט־צעטיילונג און פאַכנקוואַליפיקאַציע, האָט פאַרקאַסירט דעם אומן־יד, דעם האַנט־אַרבעטער, דעם מלאכה־קינסטלער, דעם ווירטואָז, דאַרף מען נעמען מיט מער ווי איין גראַן זאַלץ. מ׳דאַרף דעם דאָזיקן טעזיס פאַרשטיין אזוי: דער בעל־מלאכה האָט געכאַפּט א פּסק פון דער מאַשין, וועלכע האָט אים פאַרדרענגט, צו אַ געוויסן גראַד, פון פּראָדוקציע־תּחום, וועלכן זי וויל און וועט אליין פאַרנעמען. די נידעריקע שטופע פון אומנות־יד, פון מומחה׳שאַפט און געשיקטקייט, וועלכע דער מייסטער האָט ארויס־געוויזן, איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער מאַשין, אין דעם גאַנצן, האַלבן אָדער פערטל־אויטאָמאַט, און, דעריבער, ווערט דער הייך־קוואַלי־פיצירטער מלאכה־קענער ארויסגעשטויסן. אָבער דאָס מיינט בשום־אופן ניט אז די מלאכה־קינסטלעריי ווערט בכלל באַזייטיקט. די אמת׳ע אומנות־יד, די ריכטיקע קוואַליפיקאַציע ווערט טראַנספערירט צו א הע־כערער ספערע, וועלכע פאָדערט גרויס געשיקטקייט, ווירטואָזיטעט און דאָס איז די ספערע פון דערפינדן, צוטראַכטן און אויסבעסערן אַט־די ראָבאָטס. די ספּעציאַליטעט ווערט אַריבערגעטראָגן אין דעם תּחום פון געבוירן, מגדל־זיין און „דערציען״ אַט־די מעטאַלענע שקלאַפן וועגן

וועלכע אַריסטאָטעל האָט נביאות געזאָגט, אַז זיי וועלן עס זיין די יעניקע וועלכע וועלן אָפּשאַפן שקלאַפעריי.

יאָהאַן יאַקאָבי שרייבט:

„מיר געפינען ביי אַריסטאָטעלן אַ מערקווירדיקע שטעלע... ער זאָגט, אַז ווען עס וואָלטן געווען לעבעדיקע אינסטרומענטן (אויטאָמאָטן) וועלכע וואָלטן געווען פייאיק צו טאָן די אַרבעט וועלכע ווערט געטאָן פון די שקלאַפן... וואָלטן מיר זיך נויטיקן ניט אין די אַרבעטער און ניט אין די האַרן פון די שקלאַפן.״ 11)

אין אַריסטאָטעלס געדאַנק ליגט אַ פונדאַמענטאַלער טעות. ער מישט צוזאַמען טעכניק מיט סאָציאָלאָגיע. דאָס טאָר מען ניט טאָן. קיין סאָציאָלאָגישע פּראָבלעם קען ניט ווערן פאַרענטפערט מיט אַ טעכנישער ליזונג. די צוויי פאַרנעמען סעפּאַראַטע תחומים, און זיי קערן זיך ווינציק אָן. די דערפינדונג פון ראָבאָטס וואָלט ניט האָבן קיין גרויסע ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט וואָס איז שייך דער שפּאַלטונג אויף האַרן און שקלאַפן. מחמת די „שקלאַפן״ וואָלט מען געהאַלטן באַשעפטיקט מיט דער פּראָדוקציע, צונויפשטעל, אַכטונגגעבונג אויף די אויטאָמאָטן, בשעת די האַרן וואָלטן זיך פאַרנעמען מיט אַכטונג־געבן אויף די שקלאַפן און מיט דעם דערפינדן, איבערפורעמען אָט־די מעטאַלענע גולמס, די דינער פון מענטשן, און מיט דעם אָנשרייבן פאַר זיי די שם־המפורש׳ס. אין דער נאַטור זייבען דאָך פאַראַן ראָבאָטס ווי די ווינטן, די וואַסערן א. א. וו. און פונדעסטוועגן האָט מען געהאַלטן „שקלאַפן״, וועלכע האָבן אַקטואַלי־זירט און אוטיליזירט די נאַטור־כוחות און נאַטור־פאַקטאָרן. האָט מען דאָך די אייגענע „שקלאַפן״ געקענט געברויכן פאַר דער אַקטואַליזירונג און אוטיליזירונג פון דער טעכניק־ראָבאָטס־אַרמיי. עס קען מיט דער צייט פּאַסירן, אַז די באַהאַנדלונג פון די שטאָט־אינסטיטוציעס און סיטואַציעס וועט ווערן אַ רשות־הרבים. זי וועט איבערגעגעבן ווערן אין דער קאָמ־פּעטענץ־ספערע פון יעדן נאָרמאַלן דורכשניטלעך־אַנטוויקלטן בירגער. דאָס וואָלט, אָבער, מיינען אַז דער שווערפונקט פון פּאָליטישער אַקטיווי־טעט האָט זיך אַריבערגעצויגן פון דער ספערע פון דער אָנגעווענדעטער פּאָליטיק אין דער סטראַטאָספערע פון טעאָרעטישער און ספּעקולאַטיווער פּאָליטיק־וויסנשאַפט, וואו מ׳איז זיך מתעסק מיט דער באַאַרבעטונג פון נייע מעטאָדן, מיט דער אַנטדעקונג פון נייע דרכים, וועלכע מאַכן צו־געננגלעך און לייכט די אָפּפאַרטיקונג פון די שטאָט־אָנגעלעגנהייטן. דער־פאַר טאַקע וואָס אָט־די פונקציע־דערפילונג ווערט לייכט און צוטריטלעך פאַר יעדן, פאַרלירט זי איר חשיבות און באַדייט, ווייל חשיבות איז תמיד כמעט דאָס אייגענע וואָס עקסקלוסיוויטעט.

די אַפּוזיציאָנהייט, אין מענטשלעכע טעטיקייטן, פון דעם עלעמענט פון שאַנס־ריזיקע, אָדער אויסגעצייכנטקייט, אויסשליסלעכקייט מאכט זיי וואַ־כעדיק, שפּל׳דיק, שוה־לכל־נפש׳דיק. אַן די געווירצן און נעגעלעך פון דיסטינקציע, וועלכע אליין פאַר׳בשמים׳ען אַלע מענטשלעכע פלייסונ־גען און באַמיאונגען, בלייבן אַלע טוואונגען אַן רייץ, אַן טעם און ריח, געשמאַקלאָז ווי ניכטערע שפּייעכץ. מיט איין וואָרט, ווי נאָר אַן אַקטי־וויטעט ווערט וואולגאַר, מאַסאָווע, פאַרלירט זי איר אַנזען, איר הדרת־פּנים. געשיקטע, קוואַליפיצירטע אַרבעט איז ניט באַזיגט געוואָרן פון אומקוואַליפיצירטער אַרבעט, נייערט, פאַרקערט, פון סופּער קוואַליפיציר־טער אַנשטרענגונג, וועלכע ווערט אַנגעווענדט אין דער שעפערישער באַ־מיאונג פון דערפינדן מאַשינען. אַט־דער פּראַצעס אַנטמוטיקט קוואַליפי־קאַציע אין די נידעריקע ספערן, אָבער ער דערמוטיקט דערפאַר, אין די העכערע ספערן, ער סטימולירט דעקסטעריטעט, הייכע קוואַליפיקאַציע, צוטראַכטעריי, אויפטועריקייט. די עלימינאַציע פון די פעלערן, וועלכע אַרבעט־צעטיילונג פאַראורזאַכט, די רפואה פאַר אַט־דער מכה, געפינען מיר אין דער ברייטערער פאַנאַנדערוויקלונג און טיפערער אינטענסי־פיקאַציע פון אַט־דעם זעלביקן פּראַצעס פון אַרבעט־צעטיילונג. מיר ווערן פּטור פון די דאָזיקע פּגעים און פּגם׳ס דורך דעם וואָס מיר פירן אַריבער די זעלביקע אַרבעט־צעטיילונג גאָר אויף נייע רעלסן, אָדער הייבן זי אויף צו אומפאַרדעמדערגרייכטע הייכן. אַט־די סובלימאַציע גיט אונדז אַ מעגלעכקייט איבערצוליפערן די נידעריק־סיטואירטע רעגיאָנען פון מענ־טשלעכן אַנשטרענג צו פּשוטער אומספּעציאַליזירטער און אומצעטיילטער אַרבעט.

ניקאָלעס מוריי באַטלער שרייבט:

„דעמאָקראַטיע מוז זיך אַליין באַזאָרגן מיט איר אייגענער פּאָליע און קיינע איז ניט בעסער און מער עפעקטיוו ווי אַן אַריסטאָקראַטיע פון אינטעלעקט און אויפטו, וועלכע ווערט רעקרוטירט פון יעדן טייל פון אונדזער דעמאָקראַטישן לעבן.״ 12)

דעמאָקראַטיזאַציע אין יעדן פעלד פון מענטשלעכן באַמי איז בלויז דער וואַסער־שפּור און שליאַד וועלכע לאָזן איבער נאָך זיך די גרויסע אָקרענטן פון אַריסטאָקראַטיזאַציע בשעת זיי שווימען אין די ימים און בלאָזן פון זיך גדלות און פאַרריסנקייט, רייטנדיק אויף די זיך־וויגנדיקע און שוימענדיקע כוואַליעס פון פּראָגרעס און פאָרטשריט.

III

די שפּאַלטונג

אויף די פּרימיטיווע אַנטוויקלונג־שטופן פון דער פּאָליטישער קערפּערשאַפט זיינען מוסקל־קראַפט און די „ידים" געווען די גרויסע תקיפים. אַזאַ רעזשים, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אויף כוואַטסקער בראַווקייט, אויף גראָבער גבורה, איז ניט געווען שווער איבערצוקערן. און די ניסיונות זיך צו פאַרמעסטן מיט דער־דאָזיקער באַרבאַרישער סופּעריאָריטעט איז געווען שווער ביייצושטיין. די צוגעשמידטע האָבן זיך געוואָלט אַראָפּרייסן פון דער קייט פון אָדערן און קנאָכנביינער. פאַלן פון מרידות זיינען געווען ניט דער אויסנאַם, נייערט, גאַנץ אָפט, די עצם אויפפיר־רעגל פון די אונטערדריקטע אינדיווידן. און דעריבער זיינען די מאַכט־האָבער פון יענע פּאַרצייטיקע צייטן געווען תמיד אויף דער וואַך. זיי האָבן ניט געטרויט זייערע משועבדים. זיי זיינען געווען וואַכזאַם און קנאַ־ונוקם׳דיק. געהאָרכזאַמע אונטערטעניקייט האָט מען געדאַרפט אַרויסרייסן פון די באַזיגטע מיט שטיקער לייב פון זייערע קערפּערס, מיט שטיקער גייסט פון זייער זעל און ווילן. מ׳האָט געצאַפּט פון זיי נאָכגעביקייט מיט זייער דם־התמצית. דער נידערגעשלאָגענער האָט געמוזט אָפּגיין מיט בלוט. מ׳האָט געמוזט כסדר פאָכען איבער זיין קאָפּ מיטן שווערד, בכדי אים צו האַלטן אין א מצב פון רואיקייט און פאָלגערישקייט.

מאַכט־אויטאָריטעט הייבט אָן מיט מוסקולאַטור און נאַקעטער ברוטאַליטעט. אָבער דאָרט בלייבט זי ניט שטיין, דאָס איז איר אָנהייב, ניט איר סוף. פירערשאַפט טויכט אויף. דערנאָך, אין דעם לאַנגן קורס פון דער געדולדיקער געשיכטע, ווערט זי ספּעציאַליזירט. די זשוואווע מינדערהייט באַהערשט די גרויסע קונסט פון פּאָליטישן קאָנטראָל. זי ווערט אַן עקספּערטין. זי אַנטוויקלט א גאַנצע טעכניק ווי אזוי צו באַהאַנדלען די אַראָפּגעזונקענע גרופּן און ווי אזוי צו מאַניפּולירן די נחות־דרגא׳דיקע אינדיווידן. סאָציאַלע הערשאַפט טיילט זיך אָפּ פון מיליטערישער סטראַטעגיע, זי אַרבעט אויס איר אייגענע טאַקטיק. דער פירער

הערט אויף צו זיין א שלעגער, א מענטשן־קיילער. ער ווערט א מילדער מומחה אין הלכות געזעלשאַפט־פאַרוואַלטונג. פירערשאַפט נאָך פילע יאָרהונדערטער פון איבונג און טרענירונג איז געוואָרן א קוואַליפיצירטער פאַך. ער איז מאָנאָפּאָליזירט. ער ווערט געהאַלטן אין עקסקלוסיוון באַזיצטום פון דער איניציאַטיווער מינאָריטעט. אלס א באַרעכטיקונג פאַר אַט־דער חזקה אויף דעם מנהיגות־פאַך דינט איר דער אויסרייד, אז זי איז די איינציקע וועלכע האָט דערפירט אַט־די פירערשאַפט פּראַקטיק צו א ראַפינירטער קונסט און א גוט־באַאַרבעטער טעכנאָלאָגיע. זי אליין ווייסט ווי אָנצוגיין מיט די דאָזיקע פרעציזע אינסטרומענטן פון פאַרוואַלטונג.

פירערשאַפט מאכט אדורך א לאַנגע סעריע פון טראַנספאָרמאַציעס. מיט יעדן איבערגאַנג ווערט זי מער אויפטועריש, מער פעולה׳דיק. דער סאָציאַלער אינצידענט גראַוויטירט צו דעם פּרעצעדענט און, שפּעטער־צו, מנהג. מנהג־הרגל ווערט א צווייטע נאַטור. אין משך פון דעם פּעריאָד פון זיין פּרעקאַרישער עקזיסטענץ האָט דער באַלעבאַטעווענדיקער מיעוט באַוויזן צו דערגרייכן צוויי צוועקן: 1) די באַאַרבעטונג פון די מעטאָדן פון דער דערפאָלגרייכער דירעקטאָרשאַפט; 2) די ווינדיקאַציע פון דעם טיטל — וועלכער איז לכתחילה געווען א בלויזע אוזורפּאַציע — פון סאָציאַלן דירעקטאָר וועלכן ער טראָגט מיט זעלבסט־ווערדע.

ארום די מעטאָדן פון סאָציאַלער פאַרוואַלטונג, זייער רעלאַטיווער גילטיקייט, זיך אויסגעטוּיגטקייט, צוגעפּאַסטקייט צו די געגעבענע קאָנדיציעס, — וועלכע האַלטן אין איין בייטן זיך, באַוועגן זיך מיט דעם פליסיקן שטראָם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, — בושעוועט א פאַרצווייפלטער קריג. אַט־דער קריג איז אַן אינערלעכער קריג, א ברודער געראַנגל.

אַט וואָס ווערנער זאָמבראָט שרייבט:

„לויט גיזאָן ׳פאַרמירט דער געפעכט פון קלאַס קעגן קלאַס דעם אינהאַלט פון דער היינטצייטיקער געשיכטע׳ אדער ווי ער זאָגט אין אן אַנדער פלאַץ, ׳די מאָדערנע אייראָפּע איז אויפגעוואַקסן פון די געפעכטן פון די פאַרשיידענע קלאַסן איינער קעגן אנדערן׳... די נייע געשיכטע־אויפפאַסונג האָט מען אָנגעווענדט צו די סאָציאַלע קאַמפן פון דער צייט.״ 1)

דער היסטאָריקער גיזאָ איז אפשר געווען דער ערשטער, וועלכער האָט גענומען באַטראַכטן געשיכטע און זי דערקלערן אין ליכט פון קלאַסן־געראַנגלעניש. נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען פילע סאָציאַלע שרייבער, ביז די קלאַסן־קאַמף־אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטע איז אָנגעקומען צו

די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער.*) די לעצטע האָבן אויפגעכאַפּט די קלאַסן־קאַמף־לערע ווי אן אבן־טוב.

דער אמת איז אבער, אז אַט דער קלאַסנקאַמף איז אן אויבער־פלעכלעכע דערשיינונג, מער אַפּדוכט ווי ווירקלעכקייט. ווען מ׳באַטראַכט די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אלס א גאַנצער פון דעם שטאַנדפּונקט פון די פאַרהעלטענישן פון דער מינדערהייט און מערהייט, דערזעט מען די רעקאָרדירטע געשיכטע אין גאָר א נייעם ליכט: די שפּאַלטונג אין די רייען פון דער פירנדיקער מינדערהייט דאָס איז דער פּענאָמען וועל־כער שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער געשטאַלטיקונג פון די אינער־לעכע געזעלשאַפטלעכע מערכות און ניט דער קאַמף, וועלכער קומט פאָר צווישן די קלאַסן און מאַסן. די שפּאַלטונג איז א פועל־יוצא פון דעם פאַקט, וואָס יעדע ראַדיקאַלע ענדערונג פון דער אַנגעווענדטער פאַרוואַל־טונג־מעטאָדאָלאָגיע רופט ארויס, אלס אַ באַגלייט, אן איבערשיכטונג פון פּערסאָנאַל אין דער דירעקטירנדיקער מינאָריטעט. די זקנים פון סאָ־ציאלן „אויבערשטן ראַט” שטעלן זיך ארויס צו זיין צו אַלטמאָדיש. זיי זיינען ניט אַדעקוואַט פאר די נייע אויפגאַבן. זיי זיינען ניט אימשטאנד צו באַהאַנדלען ווי געהעריק די אויפקומענדיקע קאָניונקטורן, די פאַר־פּלאָנטערטע סיטואַציעס. די אלטע תרח׳ס זיינען שלאַבעריק, שוואַך און קראַנק. זיי קענען ניט נאָכהאַלטן דעם פאַרסירטן מאַרש פון געשעענישן. זיי דארפן אַנגעבן אין דעמיסיע. זיי ווילן אבער ניט רעזיגנירן. און מ׳שמייסט זיי ארויס אַן צופיל צערעמאָניעס. מ׳וואַרפט ארויס די עבר־ובטל׳ניקעס פון זייערע פּאָסטנס. מ׳רופט אריין נייע כוחות, פרישע בלוטן, פערזאָנען וואָס זיינען פול מיט קוראַזש, וואָס זיינען בויגזאַם און וואגזאַם און טויגן זיך, דעריבער, בעסער אויס אלס דערפילער פון די פונקציעס פון געזעלשאַפט־מנהיגות. זיי זיינען יונג און שטאַרק. זיי קענען טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכע, הגם אנגענעמע, לאַסט, וועלכע די „סאָציאַלע גבאות” לייגט ארויף אויף זייערע פּלייצעס. דער געזעל־שאַפטלעכער פּראָגראַם צייגט אָן, אין דעם דאָזיקן פּרט, א גראַדליניקן מאַרשרוט. ער צייכנט אָן אן ארויפגייענדיקן פּאַס. ער האָט ניט קיין פּלאַץ פאר דער אַקראָבאַטיק פון דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק, מיט וועלכער עס האָט, לכתחילה, געפלירטעוועט פּרודאָן און, דערנאָך, מאַרקס, וועלכער האָט זיך אין איר שיער אויף אן אמת ניט פאַרליבט.

מ. מ. באָבער שרייבט:

---

*) אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם, זז. 75־73.

מאַרקס האָט אויפגעוואָרפן פּרודאָנען, אַז ער קאָמענדיאַנטעוועט מיט ווידערשפּרוכן און מאַרקס רופט אָן אַזעלכע אויפפירונגען „וויסנשאַפט־לעכער שאַרלאַטאַניזם". מאַרקס איז געווען מער קריטיש צו אַנדערע ווי צו זיך אַליין און ענגעלסן." 2)

קיין מענטש קען ניט זיין אַזוי קריטיש צו זיך ווי צו יענעם. דער רבי מעג און ביי זיך איז יעדערער אַ רבי. דער פאַרענטפער פאַר דעם אַלגעמיינעם חטא פון פּרודאָנען און מאַרקסן געפינט זיך אין דעם צו־שטאַנד פון „קלאַסן־קאַמף". דער עלעמענט פון געראַנגל, וועלכער דרינגט אַדורך די מאָדיפיקאַציעס, וואָס ווערן דורכגעפירט אין דער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט־הנהלה צוזאַמען מיט די איבערטאַשונגען פון דער פירערשאַפט, אָט דער געפעכט נערט און ניאַנטשעט די אילוזיע, אַז דער קורס פון דער געשיכטע גייט דורך דעם דיאַלעקטישן פּלפּול פון דער באַיאָונג, פאַרניינונג און פאַרניינונג פון דער פאַרניינונג. דער קאַמף קומט פאַר בלויז אויף דער אויבערפלאַך פון געמיינשאַפט־לעבן, ער שאַפט אָבער דעם אָפּטישן אויסדוכט אַז די געשיכטע שפּרינגט קדוש פאַר דער „הייליקער" היסטאָרישער דרייאייניקייט פון טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעז.

מירן געבן דאָס וואָרט מאַרקסן אַליין:

„די מיסטיפיקאַציע, וועלכע די דיאַלעקטיק ליידט אין העגעלס הענט, האָט אים בשום אופן ניט געשטערט צו זיין דער ערשטער צו פּרע־זענטירן איר אַלגעמיינע פאָרם אויף אַ פאַרשטענדלעכן און שכל'דיקן אופן." 3) „פּראָלעטאַריאַט און רייכטום זיינען אָן אַנטי־טעזיס. אַלס אַזעלכע שטעלן זיי צוזאַמען אַ גאַנצעס... פּריוואַט אייגנטום איז די פּאָזיטיווע זייט פון דעם אַנטי־טעזיס. דער פּראָלעטאַריאַט... איז מחויב אָפּצושאַפן זיך צוזאַמען מיט פּריוואַט־אייגנטום, זיין באַדינגטן אַנטי־טעזיס." 4)

מירן אויך געבן דאָס וואָרט לעניגען, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז זייער וויניקע צווישן די מאַרקסיסטן האָבן די דיאַלעקטיק באַנומען ווי געהעריק:

„די דיאַליקטיק, ווי דער טערמין ווערט געברויכט פון מאַרקסן אין הסכם מיט העגעלן... איז אַן אַנטוויקלונג, וועלכע ווידערהאָלט, כביכול, די שוין דורכגעגאַנגענע שטופן, אָבער ווידערהאָלט זיי אויף אַ פאַרשיי־דענעם וועג, אויף אַ העכערער פלאַך (נעגאַציע פון נעגאַציע), אַן אַנט־וויקלונג, אַזוי צו זאָגן, אין ספּיראַל, ניט אין אַ גלייכער ליניע." 5)

מירן אויך אויסהערן פּלעכאַנאָוון:

„העגל זאָגט: 'דער ווידערשפּרוך פירט פאָרויס'. אין דעם קלאַסן־

קאַמף געפינט די וויסנשאַפט אַן אויפפּאַלנדיקע באַשטעטיקונג פון דער־דאָזיקער דיאַלעקטישער אויפפאַסונג." 6)

א. פּרעד באָוק שרייבט:

„העגעלס לאָגיק איז פון מארקסן און ענגעלסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טעמפּאָראַלן פּראָצעס, וועלכער באַהערשט דאָס לעבן פון די פּעל־קער... זאַכן באַוועגן זיך אין אַ צירקל, אדער אפשר זאָלן מיר זאָגן, אין א ספּיראַלן קורס וואָס פירט פאָרויס." 7)

איך קען בשום אופן ניט זען די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין אַט דעם פאַנטאַסטישן ליכט. איך זע ניט קיין ספּיראַלן. אַלץ וואָס איך באַאָבאַכט איז א צייכענונג פון גלייכע און קרומע ליניעס. די פאַר־פּלאָנטערונגען, די סתירות און זייערע אויפלייזונגען און פארפרידענונגען, אין סינטעטישע קאָמבינאַציעס, זיינען, צו מיין פאַרשטאַנד, אילוזאָריש, אָפּדוכטעניש אָן אַן אחיזה אין היסטאָריש־ממשות׳דיקער רעאַליטעט. די אנטוויקלונג איז א גראַדע. די איינע און איינציקע מינאָריטעט הערשט אין אלע צייטן, אין אלע דורות, ביי אלע פעלקער, אונטער אלע אומ־שטענדן אָן קיינע סובסטאַנציאַנאַלע שינויים. אמת, עס וויטערט, כלומרשט אַ קאַמף. אבער אין תוך גענומען איז ער א פּועל־יוצא, אַן אַנטפּלעקונג פון א שפּאַלטונג, וועלכע קומט פאָר פון צייט צו צייט אין די רייען פון דער הערשנדיקער מינדערהייט. אָבער די שפּאַלטונג שעדיקט ניט, ריט ניט אָן דעם יסוד פון דעם געוועלטיקער־מיעוט. ער בלייבט נאָך אַלעמען, דער אייגענער וואָס פאַר דער שפּאַלטונג, בנוגע זיינע הויפּט־שטריכן, זיין עצם מהות. די קעמפנדיקע צדדים קומען, נאָך א קורצן פעריאָד פון ארומרייסעניש, צו א פאַרשטענדעניש. זיי שליסן זייערע רייען פון־דאָס־ניי און גייען אָן מיט זייער היסטאָרישער אַרבעט פון פירן און „עקספּלואַטירן" די מערהייט.

די אָנפירנדיקע מינדערהייט ווערט צעשפּאַלטן אויף צוויי לאַגערן. די ווילדע אינסטינקטן פון דעם קריגער שרייען אריבער און פארטויבן דעם שטילן קול פון שכל־הישר. בלוט גיסט זיך. בלוט באַפאַרבט א בלייכן אָנעמישן מחלוקת־אָביעקט. אייגענע דערקענען ניט, קלאַמפּערשט, אייגענע. א ברודער־קריג ברעכט אויס, עס איז אַן אינערלעכער גע־פעכט, ווי עס פאַסירט אין דעם לעבן פון א יחיד ווען א תאווה־כוואַליע גיט זיך א הייב אויף און וויל אים פאַרשלינגען. דער פאַקט פון געשלעג, פון רייסערייעניש צייגט נאָך ניט אז מיר האָבן צו טאָן מיט צוויי אינגאַנצן סעפּאַראַטע קערפּערשאַפטן. אין איין און דעם זעלביקן קער־פּער, אין איין פּערזענלעכקייט בושעוועט אויך גאַנץ אָפט א קאַמף. די הערשנדיקע מינדערהייט קעמפט מיט נעגל און ציין קעגן זיך אליין, אין

העלפט קריגט זיך מיט דער צווייטער. עס איז דער אַנפירנדיקער אַריסטאָקראַטישער מיעוט אליין וועלכער הורג׳ט זיך פאַר די אינגנאַ־וואַציעס, פאַר די חידושים־איפטואונגען, פאַר די רעפאָרם־אונטערנע־מונגען, פאַר די רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן.

אַט וואָס גאבריעל טארד שרייבט:

„דעם שיינבאַרן פּאַראַדאָקס מעג מען מיט זיכערקייט ארויסברענגען און דאָס איז, אז די ריכטיקע הכנה־ארבעט צו גונסטן פון דער היינט־צייטיקער גלייכהייט האָבן דורכגעפירט אין דער פאַרגאַנגענהייט ניט די מיטל־קלאסן נייערט טאַקע דער אידלשטאנד.״ 8)

טארד באצייכנט אַט־די דערשיינונגען פון צעשפּאַלטונג אלס פּאַראַ־דאָקסאַל. באמת, ווען מ׳קוקט אויף אַט־דעם משונה׳ם אויפפיר פון דעם אַנפירנדיקן מיעוט זעט ער אויס צו זיין, פון א פאָרמאַל־לאַגישן שטאנד־פונקט באַטראַכט, אַן אבסורד, א באַליידיקונג פון דעם מענטשלעכן פאַר־שטאַנד. אָבער ווען די מאָדנע האַנדלונג פון דעם אַנפירער־מיעוט ווערט אונטערזוכט סאָציאָלאָגיש, זעט מען איין, אז אַט־דער טשיקאווער פיר ווערט דיקטירט פון א באַפעלנדיקער נויטווענדיקייט און א פיקח׳דיקער צוועקמעסיקייט. וואָס קומט דאָ פאָר? צוליב וואָס נעמט די מינדערהייט און צערייסט זיך אויף צווייען, און איין העלפט העצט אויף די מאַסן קעגן דער צווייטער, אזוי אז מ׳זאָל זיך ממיתן, דורס־זיין? דער ענטפער איז: די־דאָזיקע אויסטערלישע פּאַנטאָמימע, אַט־די אומבאגרייפלעכע מאַנעווערס ווערן אונטערנומען און זייער געשיקט דורכגעפירט מיט דער אונטערבאַוואוסטזיניקער כוונה צו מאַכן די מאַיאָריטעט בלינד, זיי זאָלן ניט זען און ניט פאַרשטיין די טואונגען פון דער מינדערהייט. די־דאָזיקע בלינדקייט דינט אלס די זיכערסטע שירמע קעגן דערזען די אקטואַליטעטן, וואָס קומען פאָר אויף דער געשיכטלעכער ארענע. די מאַסן טאָרן ניט וויסן וואָס שטייט אין סאָציאַל־היסטאָרישן קאָן. די מערהייט דאַרפן ניט האָבן די לייכסטע פאַרשטעלונג מכוח דעם וואָס עס וועט ארויס־קומען פון דעם דאָזיקן הארמידער, דעם קריג־כאַאָס און געפעכט־געפיל־דער. די דורכשניט־מענטשן וויסן ניט דעם „סאָציאַלן חשבון״, וואָס זיי גיבן אין קרבנות און וואָס זיי קריגן אין בענעפיטן. אַט־די צעשפּלי־טערונג פון די רייען פון דער הערשנדיקער מינאָריטעט נעמט אָן די פאָרם פון א בירגער־קריג, וועלכער שאַפט די אילוזיע, דעם סאָציאַלן מיטאָס אז קאַמף אויף לעבן און טויט גייט אָן צווישן דער באַהערשטער מאַיאָריטעט און הערשנדיקער מינאָריטעט. און די דאָזיקע פיקציע און איינרעדעניש איז זייער וויכטיק צו שאַפן. זי איז א הילף ווען עס קומט צו רעגיסטרירן און מאָביליזירן די סימפּאַטיעס און אָפּערגרייטקייט

פון די פּשוטע מענטשן פון אַ גאַנץ וואָך פאַר די פּראָיעקטירטע רעפאָרמען און סאָציאַל־אַרכיטעקטאָנישע חידושים.

אַט וואָס הינדמאַן און וו. מאָריס שרייבן בשותפות:

„מיר זאָגן נאָך אַמאָל דאָס איז אַ קלאַסן־קריג: מיר ווייסן עס; מיר גרייטן זיך דערצו. מיר פרייען זיך וואָס עס האַלט שוין נאָענט דער־ביי... מיר טרעטן ניט צוריק פון דעם אומפאַרמיידלעכן געפעכט... פאַר אַ זאַך ווי אונדזערע אַנטזאַגן מיר זיך צו אַנערקענען שוועריקייטן; מיט אַזאַ נויט אַרום אונדז, קענען מיר זיך ניט אָװעקשטעלן און חשבונען די כוחות; מיט אַזאַ צוקונפט פאַר אונדז וועלן מיר קיינמאָל ניט ציילן די קעפּ פון די קרבנות.״ 9)

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן ווער זיינען עס אַט־די צוויי קעמפער, צו וועלכן קלאַס געהערן זיי? זיינען זיי צוויי אָרימע פאַר׳חושכ׳טע אַר־בעטער? ניין, זיי ביידע געהערן צו די מיטלקלאַסן, צו די פאַרמעגלעכע שיכטן. און זיי רייצן עס אויף די אַרבעטער און רופן זיי צו באַקעמפן רייכטום. און די צוויי זיינען ניט קיין אויסנאַם. אַט־די אַלע „קעמפער אידעאָלאָגן״ געהערן צו די העכערע קלאַסן און זיי באַקעמפן זייערע אייגענע „ברידער״. דער קריג בושעוועט, אין איבערגאַנג־צייטן, אין די רייען פון דער דירעקטירנדיקער מינדערהייט. דער ברודער־געשלעג ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן, ער לאָזט זיי זיך ניט קאָנ־צענטרירן אויף די פונדאַמענטאַלע איבעראַנדערשונגען וועלכע מ׳דאַרף אײַנקורצן דורכפירן און וועלכע וועלן זיך אַרויסשטעלן צו זיין אַן אומ־געהויער שווערע לאַסט וואָס די מאַסן וועלן מוזן שלעפּן אויף זייערע אינדערייען־געבויגענע רוקנס. דורך אַט־דעם מיטל פון געשלעג, פון גע־מאַכטן „אַנטאַגאָניזם״, געווינט די פירער־מינדערהייט דעם אומבאַדינגטן צוטרוי און פּאָזיטיווע שטיצע פון די מאַסן, בשעת זיי פירן אַדורך די פּלאַנירטע אינאָוואַציעס. אונטער געוויינטלעכע באַדינגונגען וואָלטן די הערשער זיי ניט געקענט דורכפירן. די מאַסן וואָלטן זיך בריקעווען, וואָלטן פּראָטעסטירן, וואָלטן בשום אופן ניט שלום־מאַכן מיט די ניי־אויסגעטראַכטע הכבדות און משאות. די מאַסן, אַלס אַ כלל, זיינען קאָנ־סערוואַטיוו. זיי פילן זיך אויפצונעמען נייסן. זיי וואָלטן באַקעמפן די ראַדיקאַלע פּראָיעקטן, זיי וואָלטן אַרויסגעוויזן, אויב ניט אַן אַקטיוון איז אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, זיי וואָלטן סאַבאָטירן אַלע נייע צוטראַכטונגען. און אַזאַ פיינטלעכע באַציאונג מצד פון די דעק־פּלאַסטן אין דער געזעל־שאַפט וואָלט דערשטיקן אין דער קנאָספּע יעדע ראַדיקאַלע אַקציע. לכן האָבן מיר דאָ אַ סטראַטעגישן שפּיל אַן וועלכן עס וואָלט געווען שווער, און אפשר טאַקע אוממעגלעך, דורכצופירן די ראַדיקאַלע פּלענער.

דער קריג גייט אַן צווישן די גראַדאַציעס, וועלכע פאַלגן איינע נאָך דער אַנדערער אין היסטאָרישן המשך אָבער געפינען זיך ביידע אין די גבולים פון דער אייגענער דירעקטירנדיקער מינאָריטעט. עס איז אַ קאָנטראַ־ווערסיע, וועלכע גייט אַריבער אין אַ קאַמף. דער וויכוח ווערט געפירט מכוח די ווירקזאַמסטע מעטאָדן, וועלכע די קליינע אין צאָל, אָבער גרויסע אין חשיבות, מינאָריטעט דאַרף אָנווענדן ווען זי באַהאַנדלט די גאָר גרויסע אין צאָל און קליינע אין געוויכט מאַיאָריטעט.

מיכאיל באַקונין שרייבט:

„אין אלע שטורמישע סצענעס פון דער געשיכטע פון אלע לענדער וואו די פאָלקס־מאַסן, צעהיצט ביז צו שגעון, פאַרניכטן זיך קעגנזייטיק, געפינט איר אלעמאָל, הינטער די מאַסן, די אַגיטאַטאָרן און די אָנפירער וועלכע געהערן צו די פּריווילעגירטע קלאַסן. די אָפיצערן, די אדל־לייט, די פריסטער, די בורזשואַן." 9)

באַקונין איז פולשטענדיק גערעכט אין זיין אָבזערוואַציע. ער זאָגט עס אָבער מיט כעס און שנאה, וועלכע לאָזן אים ניט פאַרשטיין די דערשיינונג אין איר פולן היקף. זיכער טוען עס די העכערע קלאַסן, וועלכע פירן אָן מיטביידן, סיי מיט די רעוואָלוציאָנערע און סיי מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעטן פון דער געזעלשאַפט. באַקונין אבער מיינט אַז בלויז די קאָנטער־רעוואָלוציעס ווערן דירעקטירט פון די אדל־לייט, פריסטער... מיטגלידער פון די העכערע שיכטן. „דעם העלפאַנט האָט ער ניט באַמערקט". און ער אליין, דער ארכי־רעוואָלוציאָנער, ווער איז ער? און ווער זיינען כמעט אלע באַרימטע רעוואָלוציאָנערן? ווער זיינען די אידעאָלאָגן פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם אויב ניט קינדער פון די העכערע קלאַסן אדער שטאַנדן?!

דער אינערלעכער קריג וועלכער צעפלאַקערט זיך אין די רייען פון דער הערשער־מינדערהייט איז אַ טייל פון דער היסטאָרישער דראַמע. דער דאָזיקער גערמאַנגל איז דער בעסטער 'שפיצל' פון דער סטראַטעגיע וועלכע ווערט אָנגעווענדט מיט זיכערן דערפאָלג אין דער אינטער־קלאַסן טאַקטיק.

העווערעט דין מאַרטין אין זיין ווערק „אַ זיי געזונט צו רעוואָ־לוציע", שרייבט:

„מעגלעך אַז דער קאָנפליקט צווישן דער ציוויליזירטער מינאָריטעט און דעם המון־עם איז די גרויסע פּראָבלעם וועלכע די געשיכטע ברענגט פאַר פאַר אונדזער דור." 10)

די באַהויפּטונג אנטהאַלט צוויי אומפּינקטלעכקייטן: ערשטנס, אַט־דער קאָנפליקט איז אַזוי אַלט ווי דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן בכלל;

אונדזער דור, די געשיכטע פון דער מאָדערנער צייט האָט אין דעם פּרט גאָר קיין נייס ניט אויפגעטאָן; צוויטנס, דער קאָנפליקט איז ניט אַ צוזאַמענשטויס פון דער מינדערהייט מיט דער מערהייט; אַזעלכע קאָליזיעס זיינען אַ פּראָדוקט פון פּאַרבלענדעניש. זיי קומען קיינמאָל ניט פאָר. בכדי די מאַיאָריטעט זאָל אַרויסטרעטן קעגן דער מינאָריטעט מוז די מינאָריטעט אַליין זיך צעשפּאַלטן. דאָס הייסט אַ מינאָריטעט מוז פאַר דעם אויפרייצן, אַגיטירן די מאַיאָריטעט, און געבן איר די נויטיקע אינס־טרוקציעס און דירעקטיוון ווי אַזוי צו באַקעמפן די מינאָריטעט. אַזוי אַרום באַקומט זיך תמיד אַ קאַמף פון דער מינאָריטעט קעגן זיך אַליין. אין דעם דאָזיקן קאַמף פּרובירט זי אויסצונוצן די מיטגלידער פון דער באַהערשטער מאַיאָריטעט. אבער די דיקטירטע מאַיאָריטעט אַלס אַזעלכע קעמפט קיינמאָל ניט קעגן דער דיקטירנדיקער מינאָריטעט אַלס אַזעל־כער.

„מחמת דער קלאַסן־קאַמף איז, אין זיינע אָפענע פאַזן, אַ קענטיקער סימפּטאָם פון דער אומצוגעפּאַסטקייט פון דער געזעלשאַפט צו איר סביבה, ער באַווייזט אַז די אינטערעסן פון פאַרשיידענע סעקציעס פון דער געזעלשאַפט זיינען קעגנגעזעצט און זיי זיינען געצוואונגען צו ציען די געזעל־שאַפטלעכע אַנטוויקלונג אין פאַרשיידענע ריכטונגען." 11)

מיר וועלן בלויז צוגעבן אַז די סעקציעס געפינען זיך באמת אין איין און דערזעלביקער פירענדיקער מינדערהייט. דער מנהיג׳ישער מיעוט פירט אָן אַ קאַמף קעגן זיך אַליין, קעגן זיינע אייגענע אָפּגעשטאַנענע מיטגלידער, וועמען ער באַהאַנדלט אַלס קלאַסן־פיינט און ער פאַראייניקט זיך פאַר אַ קורצער צייט מיט זיינע אמת׳ע קלאַסן־שונאים, די מאַסן, ער מאַכט אַן אָנשטעל, בשעת מעשה, אַז ער באַטראַכט זיי און גייט זיי באַהאַנדלען ווי בוזים־פריינט.

אָט וואָס זשאַרעס שרייבט:

„די קלעריקאַלן און אַדל־לייט זיינען געווען צעטיילט צווישן זיך און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס זיינען געווען פּריווילעגיעס, וועלכע די פּריווילעגירטע אַליין האָבן ניט פאַרטיידיקט. זיי זיינען געווען אין צווייפל בנוגע זייערע רעכט און זייער מאַכט." 12)

זיי זיינען געווען צעטיילט. מער ווי דאָס, זיי האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך. ניט נאָר האָבן זיי ניט פאַרטיידיקט זייערע פּאָזיציעס, זייערע פּריווילעגיעס, אַ טייל פון זיי האָבן אַליין אָנגעפירט מיט דעם אָנגריף אויף זייערע פּאָזיציעס און זייערע פּריווילעגיעס. אָט־דער פאַקט פון זייער צעריסנקייט האָט זיי אָפּגעשוואַכט, האָט זיי געבראַכן פון אינע־ווייניק. זיי צווייפלען אין דער גערעכטיקייט פון זייער פאַרטיידיקונג־

קריג. זיי גלויבן ניט אין זייער אייגענער מאכט, וועלכע גליטשט זיך, באמת, ארויס פון זייערע הענט. זשאָרעס רעדט פון יענעם טייל פון דער פריווילעגירטער מינדערהייט, וועלכע פאַרבלייבט אין דער אלטער מחנה. מ׳דאַרף צוגעבן צום בילד דעם הויפּט־כאַראַקטעריסטישן שטריך און דאָס איז אז א טייל פארלאָזט, כלומרשט, דעם אייגענעם לאגער פון דער מינדערהייט און גייט און שליסט א יד־אחת מיט דער מערהייט. און אָט־דער פאַקט צעטומלט די מוחות פון די פאַרבליבענע. זיי ווייסן ניט ווי אזוי צו קעמפן קעגן זייערע אייגענע כלומרשטע רענעגאַטן. מהרסיך ומחריביך ממך יצאו...

מאַרקס און ענגעלס אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" שרייבן:

„אַזוי ווי אין א פארדעמדיקן פעריאָד איז א טייל פון אדלשטאנד אריבערגעגאנגען צו דער בורזשואזיע, פונקט אזוי איצט גייט א טייל פון דער בורזשואזיע אריבער צו דעם פראָלעטאַריאַט." (13

אָט־דער טייל שפּילט די פירנדיקע ראָלע אין דער אזוי־גערופענער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. דעם קאַמף קעגן דעם אדלשטאנד האָבן געלייטעט געבוירענע אדל־לייט און דעם קאַמף קעגן דעם מיטלקלאַס פירן מיטגלידער פון מיטלקלאַס. אָט־די פּרעמדע, העטעראָגענעטישע עלעמענטן זיינען די נשמה פון דער גאַנצער באַוועגונג, הגם דער קערפּער ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון אמת הארעפּאָשנע חלקים. זיי זיינען אין גענעראַל שטאַב, בשעת די ארבעטער זיינען די פשוט׳ע זעלנער אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער ארמיי. אָבער דאָס איז ניט קיין נייס. דאָס איז א פונדאַמענטאַלער פּונקט פון די תכסיסי־מלחמה וועלכע די הערשער מינדערהייט ארבעט אויס. זיי קעמפן קעגן זיך און מיט דעם מאכן זיי כמעט אוממעגלעך צו פאַרשטיין דעם ווייטן צוועק פון קאַמף, וועלכער פאַרפאַלגט באמת איין זאך און דאָס איז די **פאַרפעסטיקונג** פון די פּאָזיציעס פון דער מינדערהייט.

מאַרקס אין זיין ווענדונג צו דער קאָמוניסטישער ליגע שרייבט:

„אזוי איז עס געווען אין דער פארגאנגענהייט און אזוי וועט עס זיין אין דער צוקונפט... אין די צוקונפטיקע בלוטיקע צוזאַמענשטוי־סונגען... די ארבעטער דורך זייער מוט, אנטשלאָסנקייט און זעלבסט־אויפאָפּערונג וועלן בילדן דעם הויפּט־כוח אין דער **דעראָבערונג פון** זיג." (14

אויב דעם הויפּט־כוח אין אן ארמיי בילדן די סאָלדאטן און ניט דער קאָמאַנדיר־שטאַב, דער אָפיצערן־קאָרפּוס. אבער די פראגע איז דאָך ניט וועגן הויפּט־כוח בשעת׳ן געשלעג, נייערט וועגן הויפּט־כוח בשעת עס קומט צו טיילן דעם רויב. מארקס זעט די געשיכטע ווי א דועל, צוויי

כוחות שטויסן זיך צוזאַמען. מאַרקס איז אַ דואַליסט. לויט מיין פאַר־שטיין נאָך איז די געשיכטע מאַניכעיש. דער קאַמף איז ניט קיין אינטער־קלאַסן דערשיינונג, נייערט אַן אינטראַ־קלאַס פענאָמען. די מינדערהיים אַליין קעמפט כלומרשט קעגן זיך אַליין. דער אַנפירנדיקער כוח אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַן אחד, דאָס איז דער זעלבסטדער־ווילטער מיעוט, וועלכער שפּאַלט זיך פון צייט צו צייט און אויף אַזאַן אופן דערלייכטערט ער דעם מאַנאַטאָן פון דעם געשיכטלעכן רעציטאַטיוו פון געשעענישן. אין אַט־דעם פּראַקציעס־קאַמף, אין דעם בירגער־קריג, דעם קריג פון די מיטגלידער פון דעם הערשנדיקן מיעוט צווישן זיך, שפּילן געוויסע טיילן פון המון־עם די ראָלע פון די בראַווסטע קעמפער, איבערגעבנסטע מאַרטירער. און אַט־די ראָלע זייערע גיט זיי באמת אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצוכאַפּן אַלס יחידים אין דעם מחנה כהונה פון דער מינאָריטעט. זיי פאָרן אַהין אַריין רייטנדיק אויף דעם אייזל פון זייער אייגענער קורצזיכטיקייט. זיי מיינען אַז מיט זיי גייט אַהין, אין פּריווי־לעגירטן לאַגער, אַריין די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. זיי באַגרייפן ניט אַז אַלץ וואָס פּאַסירט איז אַז זיי ווערן אָפּגעטיילט פון דער מערהייט און צוגערעכנט צו דער פירנדיקער מינדערהייט. זיי אַליין נעמען פון היינט אָן טיילן דעם שיקזאַל פון די „גליקלעכע ווייניקע".

די קלאַסן־ליניעס וועלכע ווערן געצויגן און געצייכנט פון דעם היסטאָרישן עוואָלוציע־פּראָצעס זיינען אַזוי גלייך ווי סטרונעס. די געשיכטע וויזט ניט אַרויס קיינע נייגונגען, קיינע חולשות צו נעגאַציעס, צו אַן אַריבערגאַנג אין אַ ווידערשפּרוך, אין אַ קעגנזאַץ. די געשיכטע בייט ניט איר קורס. זי פאַרניכטעט ניט אירע אייגענע מעשים און אויפ־טואונגען. זי פרעגט זיך ניט אָפּ. זי פאַרלייקנט זיך ניט. זי איז די אייגענע אין דער קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און אין דער צוקונפט. מיט איין וואָרט, די געשיכטע ענדערט זיך ניט אין אירע הויפּט־טענדענצן. זי זעצט פאָרט איר אידענטיטעט. זי איז אויסגעהאַלטן. דורך דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער געשיכטע זעען מיר ווי די געזעלשאַפט איז צעשפּאַלטן אויף צוויי אומגלייכע חלקים. איין טייל שטעלט פאָר מיט זיך די ענערגעטישע, אימפּולסיווע, שעפערישע מינאָריטעט און דער צווייטער טייל באַשטייט פון אַן אינערטישער, אימיטאַטיווער, פלעגמאַ־טישער מאַיאָריטעט.

ב. וויט שרייבט:

„דער מענטש — פויל ווי ער איז און איז אַלעמאָל געווען; ער איז אַ געבוירענער ליידיקגייער אין ענינים פון פאַרשטאַנד." 15)

ניט אַלע מענטשן זיינען פּוילאַקעס, אפשר דער דורכשניט מענטש איז אַזוי. און בכדי מיר זאָלן קענען באַצייכענען אַ געוויסן טיפּ מענטשן אַלס אַ פּוילן, דאַרף דאָך זיין אַן אַנדער סאָרט מענטש וועלכער איז פלייסיק, וועלכער זידט און קאָכט מיט ענערגיע. עס איז באמת פאַראַן אַ מיעוט מענטשן, וועלכע קענען ניט רוען, וועלכע ווערן געטריבן פון אַ קרעאַטיוון אימפּעט, פון אַן אייביקער נייגעריקייט.

די מינאָריטעט פירט, די מאַיאָריטעט פאָלגט נאָך אומגערן. די אָנפירנדיקע מינאָריטעט גייט אַדורך אַ לאַנגע קייט פון איבערגעשטאַל־טונגען. אבער די דאָזיקע טראַנספאָרמאַציעס, אָן אויסנאַם, האָבן איין טענדענץ און דאָס איז דער אויפהייב פון דעם סטאַטוס פון דער מינאָ־ריטעט, די אַמעליאָראַציע פון איר סטרוקטור און די ארויפשרויפונג פון אירע קוואַליפיקאַציעס. אין געוויסע פּעריאָדן, ווען די קומולאַטיוו־טראַנספאָרמאַטיווע פּאָטענציאַליטעטן דערגרייכן זייער איבערזעטיקונג, פּונקט, דעמאָלט נעמט די לייטנדיקע מינאָריטעט און צעשפּאַלט זיך מיט דער כוונה דורכצוזעצן אירע אַספּיראַציעס, דורכפירן אירע באַשטרעבונ־גען, רעאַליזירן אירע אָביעקטיוון, פאַרווירקלעכן אירע גראַנדיעזע אַמבי־ציעס.

די דאָזיקע שפּאַלטונג־דערשיינונג ווערט ניט ריכטיק אויפגעפאַסט פון ס׳רוב באַאָבאַכטער, סיי ראַדיקאַלן־רעוואָלוציאָנערן סיי אַנטי־ראַדי־קאַלן.

אָט וואָס גוסטאַוו לעבאָן שרייבט:

„די נייע באַרבאַרן שטעלן אין געפאַר ניט נאָר די באַזיצטימער פון עשירות, נייערט אונדזער סאַמע ציוויליזאַציע, וועלכע זעט אויס ביי זיי צו זיין בלויז די היטערין פון לוקסוס און אַ נוצלאָזע קאָמפּלי־קאַציע.״ 16)

זיינע פחדים און חששות זיינען גרונטלאָז. עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן נאַאיוויסטן: יענע וועלכע נעמען אויף די ׳הייליקע זאַך׳ און יענע וועלכע זיינען קעגן דער „זאַך״, ווייל זי איז אַן ׳אומהייליקע זאַך׳. דער צד השוה שבהם איז וואָס זיי הייבן גאָרניט אָן צו באַגרייפן די אימפּלי־קאַציעס פון די איבערגאַנג־ענדערונגען, ענדערונגען וועלכע באַרירן אויך די קאַנטיגענטן פון דער מערהייט. בלויז דער איניציאַטאָר פון אָט־די שינויים איז דער ענערגעטישער מיעוט.

נאָך דעם מיינונג־ארויסזאָג פון ׳רעכטס׳ וועלן מיר ברענגען אַ באַ־הויפּטונג פון אַ נאַאיוויסט פון ׳לינקס׳:

א. מ. סיימאָנס שרייבט:

„איצטער זיינען מיר געקומען אָפּנעמען א חשבון פון אייער באַלע־באַטישקייט־פירונג לויט אייער אייגענער פּראָבע פון בוכהאַלטעריע, און לויט אָט־דער פּראָבע זייט איר דורכגעפאַלן. איצטער וועלן מיר צונעמען פון אייך אי דעם פאַרמעגן און אי די פאַרוואַלטונג מיט דער מאַשי־נעריע.״ 17)

ווער רעדט עס אַזעלכע האַרבע דיבורים צו קאַפּיטאַל? זיכער ניט דער ארבעטער. דאָס רעדט דער נייער אָנקומענדיקער באַלעבאָס, וועלכער וואָלט וועלן פּטור ווערן פון אַלטן באַלעבאָס. די אָנפירנדיקע מינאָריטעט איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם בדק־הבית וועלכער ווערט געמאכט אין דער סאָציאַלער געביידע. אזוי האָט זיך עס געפירט, פירט זיך און וועט זיך פירן אין דער געשיכטע כל־זמן די געזעלשאַפט וועט באַשטיין פון מענטשלעכע וועזנס און אזוי לאנג ווי זי וועט פונקציאָנירן, ד. ה. וועט ווייטער שרייבן איר ספר הזכרונות מיט פאַרלויפיקע גע־שעענישן אויף די שטיקער פאַרמענט פון אינטעראינדיווידועלע, אינטער־קלאַסן און אינטער־גרופּן פאַרהעלטענישן.

מיר וועלן אריבערגיין פון דעם כלל אוניווערסאַלער געשיכטע און צוקומען צום פּרט—אונדזער עפּאָכע:

די איניציאַטיווע מינאָריטעט — אין דער געשטאַלט פון די עקאָנאָ־מישע אונטערנעמער, גרויסע געשעפטסלייט, און פּאַרטיי־בויער, פּאָליטישע אונטערנעמער, פירער — האָט דערגרייכט א הייכע פּאַזע פון אנטוויק־לונג, נעמלעך, די שטופּע פון פינאַנץ קאַפּיטאַל אין עקאָנאָמיק און אימ־פּעריע־שטאַט אין פּאָליטיק. איצטער נעמט זי אינטענסיפיצירן איר איינפלוס. זי פאַנגט אָן צו באַטראַכטן זיך אלס אזעלכע וואָס איז אין א פּאָזיציע און האָט די יכולת צו רעוואָלוציאָניזירן די פּראָדוקציע און די דיסטריבוציע. ווי אזוי? דורך דעם מעטאָד פון אוועקשטעלן אין צענ־טער פון אירע אָרגאַניזאַטאָרישע באַמיאונגען אָדער דעם נאַציאָנאַל־טראַסט פּרינציפּ אדער דעם נאַציאָנאַל־שטאַט־פּרינציפּ. דער ערשטער דרך וועט געברויכט מיט גרויס דערפאָלג אויף א קליינעם מאסשטאַב אין דער אינדוסטריע און קאָמערץ. דער צווייטער דרך איז העכסט דער־פאָלגרייך אוטיליזירט געוואָרן אין דער פאַרדעמדיקער עפּאָכע אויף דעם געביט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט.

מאַקס ביער שרייבט:

„סאָציאַליזם... באשטייט פון א קערפּערשאַפט פון דאָקטרינעס און לערנונגען, וועלכע צייגן אָן און דערמוטיקן א פּראָצעס פון געזעלשאַפט־איבערבוי אויף דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלן אייגנטום פון די מאַטע־ריעלע פּראָדוקציע־מיטלען און קאָמונאַלע פאַרהעלטענישן צווישן זיי.״ 18)

ראָבערט בלעטשפאָרד שרייבט:

„פּראַקטישער סאָציאַליזם... איז א מין נאַציאָנאַלע סכעמע פון קאָאָ־פּעראַציע וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון שטאַט.״ 19)

לכן איז סאָציאַליזם הויפּטזעכלעך א פּאָליטישער ענין, א שטאַט־אונטערנעמונג, וועלכע עס ווילן דורכפירן פּאָליטישע טוער. דאָס מיינט מיט אנדערע ווערטער אזוי: דער פּאָליטישער פליגל פון דער איניציאַ־טיווער מינאָריטעט דערזעענדיק זיינע געווינסן אין אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט, פילט זיך גענוג הייך־קוואַליפיצירט פאַר דער וואַגזאַמער רעפאָרם. דער פּאָליטישער סעקטאר פון דעם אָנפירנדיקן מיעוט וויל, פּראָסט און פשוט, נעמען מעטאָדן און פּרינציפּן וועלכע מ׳האָט אויסגעפּרובירט און אָנגעווענדט פאר יאָרן נאָכאַנאַנד אין דער ספערע פון פּאָליטיק און אַפּליצירן אין דעם פעלד פון עקאָנאָמיק. סאָציאַליזם איז א פאַרזוך צו פּאָליטיצירן די ווירטשאַפט, פאַרוואַנדלען די עקאָנאָמיק אין א פּאָליטישער דיסציפּלין, פאַרוואַלטן די ווירטשאַפט לויט דעם מוס־טער פון רעגירונג־אַדמיניסטראַציע. די רעפאָרמאַטאָרישע ארבעט הן אין דער ריכטונג פון שטאַטיזאַציע און הן אין דער צווייטער ריכטונג פון טראַסטיפיקאַציע ווערט געטאָן פון דעם אָנפירנדיקן מיעוט, וועלכער שטרעבט צו האַנדלען אלס אן איינהייט. די איינהייט אידייע קען ווערן רעאַ־ליזירט אויף איינעם פון די צוויי אופנים, אָדער דורך דער פאַרמירונג פון א פּאָליטיש יעראַרכיזירטער קערפּערשאַפט, אָדער דורך דער אויספורעמונג פון א פינאַנציעל־גראַדירטן אגרעגאַט. דער צוועק איןביידע פאַלן איז איינער און דאָס איז אריינבעמען אין א שטאַרקערער האַנט די אינדו־סטריעלע און קאָמערציעלע אקטיוויטעטן פון דער געמיינשאַפט, אקטי־וויטעטן וועלכע ווערן געפירט אין ס׳רוב פאַלן, נאָך אלץ לויט מער־ווייניקער אינדיווידואַליסטישע ליניעס, הגם זיי ווערן כסדר געהאַלטן אין שאָטן פון דאַמאקלס שווערד וואָס הייסט מלוכה־אינטערווענציע. אָט־דער וואָגזאַמער פאַרזוך, אין זיין צווייפאַכיקן אַספּעקט, פון שטאַטי־זאַציע אדער טראַסטיפיקאַציע פון אינדוסטריע און קאָמערץ, איז אַן אומאָפּשלאָגבאַרער באַווייז אז די עקספּאַנסיע־אַפּעטיטן פון דער איניציאַ־טיווער מינאָריטעט זיינען אויסגעוואַקסן און אז זי האָט בדעה ארונטערצו־קריגן אונטער איר אויסשליסלעכן קאָנטראָל אלע פּראָדוקטיווע און דיס־טריבוטיווע פליסונגען פון דער געמיינשאַפט. דעם קאָנטראָל וועט זי אויסאיבן אָדער דורך לעגיסלאַטיווע מיטלען אָדער דורך פינאַנציעלע מאַניפּולאַציעס, אדער אויף א פּאָליטישן שטייגער אדער אויף א ריין־עקאָנאָמישן אופן.

קאַרל מאַרקס שרייבט:

„די סתירות, וועלכע זיינען איינגעגעסן אין דער באַוועגונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איבן אויס אַן אויפפאַלנדיקע ווירקונג אויף דער פּראַקטישער בורזשואַזיע אין די ענדערונגען פון דעם פּעריאָדישן ציקל, דורך וועלכן די מאָדערנע אינדוסטריע גייט אַדורך און דער קרוינענדיקער פּונקט פון וועלכע איז דער אוניווערסאַלער קריזיס. אַט־דער קריזיס דערנענטערט זיך ווידער אַמאָל, הגם ער געפינט זיך נאָך דערווייל אין זיין צוגרייט־שטופע; און דורך דער אוניווערסאַליטעט פון זיין טעאַטער און דער אינטענסיטעט פון זיין אַקציע וועט ער אַריינקלאַפּן די דיאַלעקטיק אין די קעפּ...״ 20)

די פּעריאָדישע ציקלען אַזוי גוט ווי די קריזיסן ווייזן בלויז איין זאַך און דאָס איז אַז פּראָדוקציע און דיסטריבוציע זיינען ניט גוט צונויפגעקניפּט. זיי זיינען ניט אָרגאַניזירט, ווי־באַדאַרף־צו־זיין. די קריזיסן קענען אונדז די דיאַלעקטישע תורה ניט אַריינקלאַפּן אין קאָפּ. די פּעריאָדישע דעפּרעסיעס דייטן ניט אָן אויף דער אָנוועזנהייט פון אַ נעגאַציע־טענדענץ, אונטער וועלכער דער עוואָלוציע פּראָצעס פון געשיכטע איז קלאָמפּערשט אונטערגעוואָרפן. די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט זאָגן ניט עדות מכוח דעם אָנוואַקס פון נייע סאָציאַלע כוחות וואָלכע וואָלטן זיך שטעלן אין אַ באמת׳ן קעגנזאַץ צו דער פּירנדיקער מינאָריטעט. די סתירות ווערן געלייזט סאָציאָלאָגיש פון אינעווייניק, דער הערשנדיקער מיעוט לייזט זיי. ער וועט ניט אַריינרופן די מאַיאָריטעט אַז זי זאָל עס טאָן פאַר אים. די ווידערשפּרוכן זיינען פון אַן איבערפלעכלעכן ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, זיי רירן ניט אָן די יסודות פון דער געזעלשאַפט־סטרוקטור און די פּרינציפּן פון געזעלשאַפט פירונג און אָרגאַניזירונג.

עדוואַרד קעלי שרייבט:

„די קאָמפּעטעטיווע סיסטעם... איז פאַרדאַמט געוואָרן פון אַלע געשעפטסלייט, וועמענס מיינונגען די געשעפטסוועלט מוז רעספּעקטירן, מחמת דעם וואָס זי מיינט אָן אַ שיעור אַרבעט פאַר דער מאַיאָריטעט פון דער ראַסע און נוצלאָזע הוצאה פאַר אַלעמען, אָן צו פאַרזיכערן גליק צו וועמען עס איז, איך אַנטוואָג זיך צוצוגעבן.״ 21)

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אין איר איצטיקער פאָרם ווערט פאַרדאַמט פון די קאַפּיטאַליסטן אַליין, ניט מיט ווערטער, נייערט דורך טאָטן וועלכע זיי זעצן פאָרט טאָג־טעגלעך. אָבער אין די פאַרזוכן צו עלימינירן קאָנקורענץ און עטאַבלירן אַ נייע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָרדענונג ווייזט זיך ניט דער אונטערגאַנג פון קאָנטראָלירנדיקן מיעוט, נייערט אַ

ווידערגעבורט פון דעם אייגענעם מיעוט וועלכער קומט צו זיין אַנט־פּלעקונג אין א נייער געשטאַלט, אדער פון עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַטאָרן, אָדער פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע וועלן און ווילן דורכפירן זייערע דורות־אַלטע דירעקטאָריעלע פונקציעס. זיי וועלן איצטער טאָן עס אויף א פיל גרעסערן מאַסשטאַב. זיי וועלן ארויסטרעטן און זיך באַהויפּטן אַלס א שטייף צונויפגעבונדענער, פינאַנציעל אדער פּאָליטיש, מיעוט. זיי ווילן ניט מער און קענען ניט מער זיין לייזע אינדיווידן, וועלכע האַנדלען אויף זייער אייגענעם חשבון, אמאָל פאַרדינענדיק און אמאָל פאַרלירענדיק, ווי דער פאַל איז געווען אונטער די ראשית׳דיקע סטאַדיעס פון קאַפּיטאַליזם, ווען „יעדער אינדיוויד" פלעגט „זאָרגן פאַר זיך אליין מיט דער ענדלאָזער געפאַר פון נויט, אָרימקייט און טויט." 22)

פון וואַנענט קומט דאָ אריין די דיאלעקטיק? וואו איז דאָ פאַראַן דער אַנטי־טעזיס? וואו זעט מען דאָ דעם היסטאָרישן וועבשטול וועל־כער זאָל שטיין און וועבן זיין סאָציאַלן געוואַנט אויף א דיאַלעקטישן שטייגער, שיפלענדיק די פעדים פון טעזיס צום אנטי־טעזיס און דערנאָך ברענגען זיי צוזאמען דורך א פּראָצעס פון שלום־מאכונג, וועלכע דער העכערער סינטעז דאַרף עס דערפירן צו רעאַליזאציע?!

אלעקסאנדער גאָלדענוויזער שרייבט:

„קאַרל מארקס וועלכער האָט אין זיין יוגנט אריינגעזאַפּט אין זיך העגעלס דיאלעקטישע טרילאָגיע — טעזיס, אנטי־טעזיס און סינטעזיס — האָט צוגעלייגט צו דעם קאָנצעפּט פון גראַדועלער ענדערונג דעם קאָנ־צעפּט פון קאַטאַקליזם אדער פון רעוואָלוציאָנערער ענדערונג." 23)

דזש. פּ. הערקער שרייבט:

„ענגעלס... ווייזט אָן, אז עס זיינען דאָ דריי הויפּט־געזעצן אין דעם דיאַלעקטישן פּראָצעס... זיי זיינען: 1) דאָס געזעץ פון איבערגאנג פון קוואַנטיטעט אין קוואַליטעט... 2) דאָס געזעץ פון קעגנזייטיקער דורכ־דרינגונג פון קעגנזאצן; 3) דאָס געזעץ פון דער נעגאציע פון דער נעגאַציע." 24)

ג. וו. פּאָרטוס שרייבט:

„העגעליאַנישע דיאלעקטיק. דאָ איז שוין געווען די טעאָריע דאַרגעלייגט — טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעז — שטויס, קעגנשטויס און איבערבעטונג. דאָס איז געווען דער רעקאָרד פון געשיכטע מיט זיין זיך־איבער׳חזר׳נדיקן שטויס און קעגנשטויס." 25)

מ. מ. באַבער שרייבט:

„ביי אים (מארקסן) איז דער טעזיס פאַרגעשטעלט דורך דעם שפּעטן מיטלאַלטער, ווען די פּראָדוקציע־מיטלען האָבן געהערט צו דעם דירעקטן

פּראָדוצירער... די נעגאַציע פון דעמדאָזיקן טעזיס איז געקומען מיטן קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט געשיידט דעם אַרבעטער פון די פּראָדוקציע־מיטלען... דערנאָך וועט אָנקומען די נעגאַציע פון דער נעגאַציע, און דאָס מוז זיין דער סאָציאַליזם.״ 26)

אַ דאַנק אָט־די געבראַכטע ציטאַטן איז דער ענין דיאַלעקטיק וויפל עס איז קלערער געוואָרן און איצט וועט מיין אויסזעצונג אויך קלערער ווערן, גלויב איך. וואו זעט מען די ווירקונג פון דער דיאַלעקטיק? ווידערשפּרעכט דער אָרגאַניזאַטאָריזם דעם קאַפּיטאַליזם אָדער נעגירט ער דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־מאָדוס? ניט אויף אַ האָר. פאַרקערט אָרגאַניזאַטאָריזם וואַקסט אַרויס פון דער סאַמע ריפּ פון קאַפּיטאַליזם, הגם פון דער לינקער זייט... ער וואַקסט אַרויס פון דער היפּערטראָפיע פון געשעפט, פון קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, קאָאָרדינאַציע פון די אַרבעטער־קאַהאָרטן, עלימינאַציע פון די גאַנץ אומאָפּהענגיקע און האַלב־אומאָפּהענגיקע בעלי־מלאכות און קליינע קרעמערלעך. ער איז אַ פּועל־יוצא פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס פון טעכניק. פון דער פאַנאַנדערוויקלונג פון מעכאַניזאַציע, דעם אויסשפּרייט פון אַ נעץ פון וואַסער־ אייזנבאַן־ און לופט־וועגן, קאָנטראַקציע פון רוים, איינשרומפּונג פון דיסטאַנץ. אָט־די אַלע פאַקטאָרן קאָנספּירירן צוזאַמען בכדי צו מאַכן מעגלעך דעם גראַנדיעזן פּראָיעקט פון שאַפן אַן עקאָנאָמיש־נאַציאָנאַלע, ענטוועדער אויף דעם טראָסט־באַזיס אָדער אויף דעם שטאַט־יסוד, אייגנהייט, פון וועלכער דער „דיבוק״ פון אינדיווידועלער איניציאַטיוו וואָלט אַרויסגעטריבן געוואָרן דורך דעם „צדיק״, דעם אָרגאַניזאַטאָר. דער אַנטי־טעזיס, וועלכער איז פאַרקערפּערט אין דעם אינטערעסן־צוזאַמענשטויס, וועלכער קומט כלומרשט פאַר צווישן דער מינאָריטעט פון קאַפּיטאַנען און דער מערהייט פון די מאַטראָסן איז ניט מער ווי אַ היסטאָרישער „פּאָעטישער ליגן״. אַלע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע ערופּציעס, שיינבאַרע רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן, די אויסדוכטבאָרע ראַדיקאַלע אויפטרייסלונגען, איבערניצעוואונגען און דראַסטישע אַנדערשמאַכונגען רעגיסטרירן בלויז איין שטענדיקן עקשנות'דיק אויסגעהאַלטענעם פאַנאַנדערוויקל פון דעם עוואָלוציע־טעזיס. זיי ציגן אויף אַ פאַרטיפונג און אויסברייטערונג פון דער ערשטער 'פּאָזיטיווער' באַהויפּטונג, וועלכע גייט אַדורך אַ המשכ'דיקן פּראָצעס פון אַנטדעקן נייע אופנים פאַר איר אָנווענדונג. פון דעם ערשטן טאָגבליאַסק פון שקלאַפעריי ביז צו אונדזער צייט באַאָבאַכטן מיר, ווען מיר באַטראַכטן עס פילאָזאָפיש־סאָציאָלאָגיש, איין נאָכאַנאַנדיקן פּראָצעס פון וואוקס, וועלכן עס מאַכט אַדורך דער הערשנדיקער מיעוט. נאַטירלעך דאַרף מען מאַכן רעזערוואַציעס פאַר די

קדחת׳דיקע איבעררוקונגען־איבערשטעלונגען פון דער ציוויליזאַציע אלס א גאנצער און דעם אויפקום, אָפּקום און אומקום פון פעלקער און די איבערציאונגען פון זייערע קולטור־פלעצער.

מיר זעען א צופלוס פון ענערגיע וועלכער סטימולירט, ווירט אויף די גאַנצע שווערע אומגעלומפּערטע אומבאַוועגלעכע מענטשהייט־טויג. אָבער אַט־דער צופלוס ווירקט דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ענערגעטישער מינדערהייט. ציוויליזאַציע מיט יעדן ווייטערן אוועקגאנג, שענקט אלץ מער שפּילרוים, גיט א רייכערן אויסוואל פון געלעגנהייטן און מעגלעכקייטן, פאר דער זיך־פאַנאַנדערשפּרייטנדיקער, פאַנאַנדערוואקסנדיקער מינאַריטעט און דורך איר, דורך אירע באַמיאונגען און פלייסונגען, פאלט עפּעס צו אויך דער מאַיאָריטעט.

פ. וו. העדליי שרייבט:

„עדוקאציע פארטיפט די אומגלייכהייטן צווישן מענטשן און מענטשן אנשטאַט אויסצוגלייכן זיי. זי עפנט פאַר דעם מענטשן פון גוטע פייאיקייטן ברייטע פעלדער פון געדאנק און קענטעניש, וואוהין דער מענטש מיט דער קליינער געהירן־קראפט קען, מעגלעך, זיך ניט דערשלאָגן צו אן אריינגאנג.״ 27)

דאָס איז א גרויסער אמת, וועלכער פאַרדינט פאראלגעמיינערט צו ווערן. די אומגלייכהייטן ווערן פאַרמערט פון יעדן פאַקטאָר פון פּראָגרעס פון ציוויליזאַציע און קולטור. סיי וויסנשאפט, סיי רעליגיע און סיי קונסט זיינען גורמים דערצו.

קעגן דעם הינטערגרונט פון ציוויליזאציע און קולטור ווייזן זיך די אכפּערונג־אינספּירירנדיקע שפּיצן פון די בערג וואו אויפטוערישקייט, אָריגינאַליטעט וואוינט אין דערהייבענער אָפּגעשלאָסנקייט און די שרעקאָנווארפנדיקע ראווינעס וואו די מיזעראבלע, נעבאכדיקע נאָכטוונג וואלגערט זיך. אויף די בערג געפינט מען די אויסדערוויילטע מינאָריטעט, אין די טאָלן — די איבערוועגנדיקע אין צאָל מאַיאָריטעט.

IV

סאָציאָלאָגישער נאַטוריזם

ברידער א. און ו. גאַרדין אין זייער ווערק „טריאומפּעדיע“ שרייבן:
„וואָס איז געווען דער מענטש? גאָרניט.
וואָס איז דער מענטש? עפּעס.
וואָס וועט זיין דער מענטש? אַלץ.“ [1]

די מענטשלעכע געשיכטע וויקלט פאַנאַנדער פאַר אונדזערע אויגן די גרויסע מענטשלעכע עפּאָפּייע. איר ערשטער קאַפּיטל באַשרייבט די עפּיזאָדן פון דעם ניצחון וואָס דער מענטש האָט אָפּגעהאַלטן איבער די קעגנשטאַנדן, די פאַוואָריטן, די בן־יקיר׳ס, פון דער אויסערלעכער וועלט. וואָס וואָלט זיין דער פּאָסיקסטער נאָמען פאַר אָט־דעם פּרק? „קאָסמאָ־פאַגיע“ וואָלטן מיר אים א נאָמען געבן. אויף אָט־דער שטופע געברויכט דער מענטש אלץ וואָס ער געפינט פאַרטיק פאַר אים, ווי ער וואָלט עס געהאַט באַשטעלט.

פ. א. בויער אין זיין ווערק „פלאַנצן און מענטש“ שרייבט:

„דער פּרימיטיווער מענטש, וועלכער באַווייזט זיך ווי אַ חידוש צווישן עלטערע לעבנס־טיפּן, נערט זיך טיילווייז מיט גע־יעג־פּראָדוקטן, טיילווייז דורך קלייבן פּרוכט און אנדערע פלאַנצן־פּראָדוקטן, ווי זיי קומען אים גרייטלעך צו דער האַנט.“ [2]

ער דערזעט ווילדע יאַגאָדעס — נעמט ער זיי, ער מאַכט קיין שהיות ניט. ער באַמערקט אַן אומקולטיווירטע פּרי — רייסט ער זי אָפּ און באַפרידיקט זיין פאַרלאַנג פאַר שפּייז. ער אנטדעקט וואַסער אין טייכן, אָזערעס, טייכן, קוואַלן און אַנדערע רעזערוואַרן — ער שטילט זיין דורשט. מיט איין וואָרט, די דאָזיקע פּאַזע קען מען באַשרייבן אלס די געברויך סטאַדיע. די נאָכפאָלגנדיקע שטופע, וועלכע וויקלט זיך ארויס פון איר און באַצייכנט אַ טראָט פאָרויס, שטייט אונטער דעם צייכן פון אַנווענדונג. דער מענטש גייט אוועק אביסל ווייטער פון דער באַלדיקער אויפאַנאַרטיקער קאָנסומציע פון די זאכן, וועלכע ער קריגט, געפינט. ער פּרובירט זיי אַנצואווענדן. ער וויל זיי אויסנוצן אין זייער בחינה פון

א מין סאָרט אינסטרומענטן. ער נוצט זיי אלס געוועדקצייג. נאַטירלעך איז ער זייער אומבאהאָלפן, אומגעלומפערט אין זיינע ערשטע טריט אין אָט די ריכטונג וועלכע איז פאַר אים גאָר ניי. ער איז פון איצט אָן שוין מער ניט צופרידן אויסצוזשליאָקען די ביסל אדער אַ סך וואַסער, וואָס דער טייך לייגט אים פאָר מיט אזא ברייטער האַנט. ער וויל עפּעס מער. ער וויל געברויכן דעם גאנג פון דעם גייאיקן וואסער. ער וויל באַזאַטלען דעם שטראָם, זיך זעצן רייטן אויף די שוימענדיקע פערד. בקיצור, דער מענטש הייבט אָן צו לערנען א נייע הלכתא אין דער סוגיא פון מעכאַניזאציע פון דער וועלט, פון די זאכן און „זיכן", מאַטעריעס און ענערגיעס, וועלכע זי פאַרמאָגט. די הייכע שפּיצן, די האַרבע שטעלן פון דעם דאָזיקן סדר־גמרא זיינען נאָך עד־היום ניט דערגרייכט געוואָרן. זיי ליגן אומאנטדעקט אין פּרדס פון אייביקייט און אומענדלעכקייט. זיי זיינען דער נסתר, ח"ו. אפילו די ערשטע שטופּע איז נאָך ניט קיין דורכגעגאנגענע, ניט קיין געענדיקטע און זי וועט זיך, אפשר, קיינמאָל ניט ענדיקן. ביז צו גאָר א גרויסער מאָס עסן מיר נאָך אויך היינט־צו־טאָג פון דער אָפענער האַנט פון דער בעל־צדקה'ניצע — נאַטור. „דער מענטש מיט זיין גאַנצער אויפטועדישקייט איז אומפייאיק צו קריגן שפּייז פון אַן אנדער קוואַל ווי אַנימאַלן און פלאַנצונגען." 3)

ובכן קענען מיר נאָך זיכער ניט טראַכטן מכוח דעם סיום פון דעם צווייטן סדר גמרא, מעכאַניזאציע, אין וועלכן מיר האַלטן לעת־עתה ערשט ביי די גאָר ערשטע משנות. די מעכאַניזאציע אנטוויקלונג־סטאַדיע געפינט זיך ערשט אין איר גאָר איניציאַלע מאַניפעסטאַציעס.

וואָס דער מענטש ווערט שטאַרקער, וואָס מער ער געווינט אין פסי־כאָלאָגישן און אינטעלעקטועלן זינען, אלץ מער בנעימות'דיק ווערט זיין הערשאַפט־רעזשים וועלכן ער האַלט אָן בנוגע דער 'וועלט'. וואָס מער ער הערשט און רעגירט, אלץ וויניקער וואַרפט זיך זיין ממשלה אין די אויגן, אלץ וויניקער שרייענדיק ווערט זי. זיין אויפפיר לאָזט אונדז וויסן אַז ער פאָלגט דזשעפערסאָנס שפּרוך אין מיין קאָרעקציע־צוגאָב: „די רעגירונג איז די בעסטע, וועלכע רעגירט אממערסטן, בשעת עס זעט אויס אז זי רעגירט אמוויניקסטן". קיין שטרענגע רעגימענטאציע, קיין „ביד־חזקה" פּאָליטיק. אומגעווינטלעכע עניוות, עקסטראַאָרדינאַרע אני־הקטנ'דיקייט, ביי־זיך־אַראָפּגעפאלנקייט איז דער צייכן אונטער וועלכן עס שטייען אלע מענטשלעכע האָבן־צעטועניש מיט דער פיזישער סביבה. ווי פ' בעקאָן זאָגט: „מחמת די נאַטור קען מען באַצווינגען בלויז דורך הכנעה." 4). וואָס מער דער מענטש געווינט אין שליטה איבער דער נאַטור, אלץ מער מענטשיש באַנעמט ער זיך בנוגע איר. ער האַלט זיך אָפּ פון

צו גיין מיט איר אויף שטירדעס, אויף־צו־להכעיס'ונגען. רייידנדיק פיגוראַטיוו, דער מענטש פּראָמולגירט דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיזאַציע, וועלכע אין דעם דאָזיקן פאַל דאַרף הייסן קאָסמאָקראַטיזאַציע אדער נאַטוראָקראַטיזאַציע. די העפלעכע באַציאונגען פון מענטשן זיינען אן אָנדייט פון זיין אויסוואַקסן, זיי זיינען אן אומפעלערהאפטער סימן פון דעם פאַרגרעסער פון זיינע כוחות און פאַרמערונג פון זיין מאכט. דער מענטש רעספּעקטירט די נאַטור־געזעצן. ער טרעט ניט איבער אירע מנהגים. ער האָט דרך־ארץ פאַר איר שטייגער. ער מיידט זאָרגפעלטיק אויס יעדע פאַרלעצונג פון אירע פאַרבאָטן. ער איז „אָפּגעהיט אין דער לייכסטער מצוה, ווי אין דער האַרבסטער.״ די מאָס פון זיין איינזעעניש, וועלכע ער ציייגט ארויס אין באהאנדלען די נאַטור, געפינט זיך אין א דירעקטער פּראָפּאָרציע מיט דעם 'שיעור־קומה', מיט דער מאָס פון זיין דערפאָלג, וועלכן ער האָט דערגרייכט אין איר באַצווינגונג, אונטעריאָכונג, אין דעם „וכבשוה״. דער מענטש בויגט זיך ארונטער בכדי אויסצוגלייכן זיך און זיגן. ווי פ. בעקאָן שרייבט: „בלויז דורך נאָכגיין, כלומרשט, נאָכשפּירן, די נאַטור אין אלע בלאָנדזשעניש, קען מען ווערן פייאיק צו פירן זי דערנאָך צו דעם זעלביקן פלאַץ איבעראיינס.״ [5] דאָס וואָס מיר רופן דאָ נאַטוראָקראַטיזאַציע איז באמת גאָר די צווייטע זייט פון דער מטבע, וועלכע ווערט געמינצט אין א הייך־אנטוויקלטער פאָרם פון אַנטראָפּאָקראַטיזאַציע. אין דער ווירקלעכקייט מיינט עס, אַז דער מענטש, דער אזוי טיטולירטער הייכער קלאַס און הייכער וועזן, איז שוין ארויפגעקלעטערט אזוי הייך, אז פון די אויבערשטע שטאַפּלען פון זיין גלאָריפיצירטער גדולה קען ער זיך דערלויבן צו שענקען דער וועלט קאָנצעסיעס, געבן איר רעכט און פּריוויקייטן, פּריווילעגיעס. דער מענטש פירט איין עפּעס א מין סאָרט פלעבעסציט. ער פרעגט די נאַטור וואָס זי וויל, וואָס זי דאַרף, וואָס געפעלט איר אמבעסטן. דער מענטש האַנדלט שוין ניט מער דעספּאָטיש, אויטאָקראַטיש. אן אויטאָנאָמיע פאַר דער וועלט ווערט קאָנסטיטואירט. קיינע ווילקירלעכקייטן, קיינע דיקטאַטורן פון דעם מענטשן, דעם טיראַן. „דער אלגעמיינער ווילן״ פון דער נאַטור איז דער יסוד פון לעגיסלאַציע און אַדמיניסטראַציע בנוגע נאַטור־אַנגעלעגנהייטן. דער מענטש טוט קיין זאך ניט, נעמט ניט אונטער קיין אקציע, וואָס וואָלט ווידערשפּרעכן די כוונות, די נטיות און פּניות פון דער נאַטור, די פאַרלאַנגען און געלוסטונגען פון דער וועלט. די וויסנשאַפט איז א גוט־דורכגעטראַכטע פיזיש־פּאָליטישע סיסטעם. עס איז א קאָנסטיטוציע, וועלכע איז פאַרזען מיט א דעקלאַראַציע בנוגע „די רעכט פון די אָביעקטן, דערשיינונגען און פּראָצעסן״.

ג. פ. דע טונצעלמאַן שרייבט:

„די וויסנשאפט אונטערזוכט אירע היפּאָטעזן דורך פאַרגלייכן זייערע רעזולטאַטן מיט אלע מעגלעך־גילטיקע טאַטזאַכן, וועלכע שיינען צו האָבן אַ שייכות צום ענין.״ 6)

מעטאַפאָריש ריידנדיק, דער עקספּערימענטאַלער מעטאָד, וועלכן די וויסנשאפט געברויכט אויף אַ היפּש ברייטן מאַסשטאַב, איז עפּעס אַ מין פּאַרלאַמענטאַריזם, וועלכער ווערט אַנגעווענדט אין דעם תחום פון פיזיק. פראַנסיס בעקאָן שרייבט: „אין אנדערע פלעצער וועלכע זיינען איינגע־אָרדענט פאַר פיזיק האָט מען אנעקסירט די גאָרטן־פּראָדוקטן פאַר הייל־קרייטעכער פון כל המינים און גלייכצייטיק האָט מען באַפעלן דעם געברויך פון טויטע קערפּערס פאַר דעם שטודיום פון אַנאַטאָמיע.״ 7) וואָס מיינט אָט־דער אויפטו, וועלכן פ. בעקאָן באַצייכנט מיט גרויס הנאה און צו־פרידנקייט? דאָס מיינט אַז מ׳באַראָט זיך, מ׳האַלט זיך אָן עצה מיט דער נאַטור, מ׳רופט אַלגעמיינע אַסיפות, מ׳האָט זיצונגען מיט אירע פאַרשטייער, די דעפּוטאַטן־דערשיינונגען, סענאַטאָרן־פּראָצעסן. אַ לאַ־באָראַטאָריע איז אַ מין קאָנגרעס־הויז פאַר פיזיק אדער כעמיע. אַלץ ווערט דאָרטן באַשלאָסן ענטוועדער איינשטימיק אדער דורך אַ מערהייט פון שטימען. אַ אוניווערסיטעט איז אַ מין הויכע קאַמערע וואו די סענאַ־טאָרן זיצן. די געזעץ־פּראָיעקטן טעאָריעס, היפּאָטעזן־דעקרעטן ווערן אריינגעבראַכט, דיסקוטירט, דעבאַטירט, אויפגענומען אדער אָפּגעוואָרפן. „קיין באַשטייערונג אָן פאַרטרעטערשאַפט״, אָן מיינונג־אַרויסזאָגונגען. קיין טעאָרעטיזאַציע אָן עקספּערימענטאַציע. מ׳נעמט ניט אָן קיינע לערעס אָן דער הסכמה פון די פאַרשטייער, די טיפּישע, דורכשניטלעכע נאַטור־דערשיינונגען אָדער פּראָצעסן. פראַנסיס בעקאָן באַשרייבט דעם נייעם מעטאָד, וועלכן מ׳האָט איינגעפירט נאָך דעם אָפּוואָרף פון סכאָלאַסטיזם: „וואו איינצלהייטן פירן אריין אָן אַקסיאָמע אדער אָן אָבזערוואַציע, אָן אַקסיאָמע וואָס אנטדעקט און באַצייכנט נייע איינצלהייטן.״ 8). די איינצל־הייטן זיינען דער עיקר, די פאַקטן האָבן די גאַנצע דעה, דער פּשוטער המון־עם פון די דערשיינונגען איז דער שאַלטער און וואַלטער. די איינצלהייטן פירן אריין די אַקסיאָמע. דער אינדוקטיווער מעטאָד אין די נאַטור־וויסנשאַפטן איז דאָס אייגענע וואָס די פּאַרלאַמענטאַרישע פּראָצע־דורע אין דער שטאַטסמאַנשאַפט פּראַקטיק.

וואָס צייגט אָט־דער מעטאָד, אָט־דער אויפפיר פון פאַרשער? זיכער איז עס ניט קיין סימן פון דעם אַראָפּפאַל פון מענטשן, פון זיין וואָג און פרעסטיזש פאַרלוסט. עס איז פּונקט פאַרקערט, עס איז אָן אָנוויי־זעניש פון מענטשנס אַרויפשטייג. דער אינדוקטיווער מעטאָד איז אַ

צייגעניש אז דער מענטש געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז ער קען זיך דערלויבן דעם פּאָליטישן לוקסוס פון רעספּעקטירן די פאָדערונגען פון „נאַטורמעסיקייט", זיך רעכענען מיט דעם 'ווילן און באַגער' פון די נאַטור־פּראָצעסן. אָט־דער קאָסמישער דעמאָקראַטיזם, נאַטוריזם, איז די זיכערסטע ווינדיקאַציע פון דער העכסטער פאָרם פון אַנטראָפּאָצענטריזם און אַריסטאָקראַטיזם.

ווי היך־באַלערנדיק און באַלייכטנדיק איז אָט דער נייער מאָדוס פון פאַרהעלטנישן וועלכער ווערט געברויכט אין דער באַשטימונג פון די קאָמפּעטענץ גבולים פון דעם מענטשן און דער נאַטור.

ז. דזש. פּיין שרייבט:

„אָט דער פּעריאָד (פון רענעסאַנס) איז געווען אַ יאָרהונדערט פון אַנטדעקונג אין ברייטן זינען, ווי דער וואָרט באַצייכנט, ווען אַסאָציאירט מיט ים־וועזן אונטערנעמונגען. ער האָט געזען באַזונדערע אַנטדעקונגען אין די קונסטן און וויסנשאַפטן — דער רעזולטאַט פון באַנייטער אינטע־לעקטועלער אַקטיוויטעט, וועלכע האָט לעבעדיק קאָנטראַסטירט מיט דער סטאַגנאַציע און רעטראָגרעסיע פון די צען פאַרויסגייענדיקע יאָרהונ־דערטער." 9)

דווקא אין אָט־דער גאָלדענער עפּאָכע פון גרויסע אַנטדעקונגען, ווען דער מענטש קען פאַרהעלטענישמעסיק באַטראַכט ווערן שיער ניט פאַר אַלמעכטיק, ווען ער קען מאַכן אַנשפּרוכן מיט אַן ענלעכקייט צו רעכט־פולקייט, ניט גלאָט אַזוי זיך מיט פוסטער באַרימעריי און לײדיקער גאווה, אויף דעם טיטל „קרוין פון דער קרעאַציע", דווקא אין אָט־דער צייט האָט דער מענטש פאַרבראַקירט זיך פאַרריסענעם שטאָלץ, זיין אַנגעבלאָזנ־קייט, זיין חוצפּה'דיקע פּריצ'עשאַפט, וועלכע זיינען געווען פאַרטראָטן אין דער פילאָזאָפיע פון אַנטראָפּאָצענטריזם.

וואָס איז אַזוינס אָט־די אַנטראָפּאָצענטרישע אַנשויאונג? דאָס איז אַ שטיק אַנטראָפּאָ־אַריסטאָקראַטיזם, וועלכער ווערט עזות'דיק באַליידיקנדיק געשליידערט אין פּנים אריין דעם אוניווערס. און ווען דער מענטש דער־גרייכט צו אַ הייכן מעמד, רעגיסטרירט זיינע פאַרהעלטענישמעסיקע קאָלאָסאַלע אויפטואונגען, דעמאָלט ווערט ער אַן עניו, 'נחות־דרגא'דיק, „דעמאָקראַטיש". ער באַמיט זיך מיט כּל־הכּוחות צו חוקר־ודורש־זיין, צו באַאָבאַכטן זאָרגפעלטיק, אויסצופאָרשן געוויסנהאַפט די טויב־שטומע קעגנשטאַנדן וועלכע ער באַגעגנט, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט. דזש. ס. מאַקענזי שרייבט: „לעבעדיקער, פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט פאַקטן דאָס איז, קען מען זאָגן, וואָס הויפּטזעכלעך כאַראַקטעריזירט ווי לוטערן אַזוי בעקאָנען און דעקאַרטן." 10) דער פאָרשער איז גרייט צו טאָן

אלץ אין דער וועלט אבי נאָר אויסצוגעפינען, אויף אַן אידעלן אופן, די פאַרהוילנסטע פאַרלאַנגען, די אינטימסטע וואונטשן, וועלכע די ביישנים־פראַצעסן פון דער ארומיקער וועלט האלטן טייער און טיף פאַרבאָרגן און ווילן ניט אנטדעקן זיי צו חוצ׳ניקעס. פ. ל. סארדזשענט שרייבט: „אלע פלאַנצן, אפילו די שפּל׳סטע האָבן ווערטפולע סעקרעטן אונדז צו דער־ציילן.״ 11) דער וויסנשאפטסמאן ווערט ניט מיד זיי צו באַאָבאַכטן גאנ־צענע טעג, חדשים, יאָרן און צענדליקער יאָרן, אבי נאָר צו כאַפּן עפּעס אַ וואונק, אַ רמז, אַן אַנצוהערעניש, וועלכע זיי גיבן אַמאָל צופעליקערהייט, בהסח־הדעת אויף זייער שטום־לשון אבער דאָך העכסט אויסדרוקספולער שפּראַך...

מיט וואָס דערקלערט זיך דער געברויך פון אזא ליסטיקער סטראַ־טעגיע אין אזא תחום ווי פיזיק, כעמיע, אסטראָנאָמיע וכדומה נאַטור־וויסנשאפטן, וואו ריין מענטשלעכע „קונצן״, שפּיצלעך און דריידלעך קענען קוים האָבן וועלכע עס איז ווירקונג?

דער דרך־ארץ׳דיקער צוגאַנג צו די דערשיינונגען פון דער אויסער־לעכער וועלט ווערט רעקאָמענדירט פון דער טאַטזאַך, וואָס דווקא אָט־די האַרציקייט־פריינדלעכקייט, וועלכע קומט אזוי נאָענט צו חניפה און כמעט שטיוולפוצעריי, האָט באַוויזן צו זיין העכסט קאָנדוציוו צו דער שעפערישקייט פון דעם פאָרשער, צו דער שטייגערונג פון זיינע אינווענטיווע פיאיקייטן, צו דער סטימולירונג פון זיין אָריגינאַליטעט. די דערהייבונג פון דער אויסערלעכער וועלט האָט אויסגעאיבט אַן עכסט גוטע השפּעה אויף דעם מענטשן. אָט־די באַציאונג האָט בייגעשטייערט זייער פיל צו דעם ארויפהייב פון מענטשנס סטאַטוס.

פראַנסיס בעקאָן שרייבט:

„די איינציקע אורזאַך און וואָרצל פון כמעט יעדן חסרון אין די וויסנשאפטן איז דאָס, וואָס בשעת מיר פאַרהערלעכן און לויבן כלומרשט די כוחות פון דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, זוכן מיר ניט זיין אמת׳ע הילף.״ 12)

אזוי לאַנג ווי דער מענטש איז געווען ביי זיך גדול׳דיק, כל־זמן ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט דעם געדאנק אז ער איז „די אויבערשטע פון שטייסל״, אז ער איז אויסגעקנאָטן פון אן אנדער ליים, האָט ער קיין סך ניט אויפגעטאָן.

דער מענטש האָט זיך איינגעשמועסט, אז ער איז אַ גאנצער „מורנו״, אז ער זיצט אויבן־אָן אין מזרח־וואַנט פון דער וועלט. ער האָט זיך ארייַנגענומען אין קאָפּ, אז ער איז אַ גוואַלדיקער מיוחס. אים שטייט, דעריבער, ניט אָן אַראָפּצוגיין פון זיין הייכקייט און בעמען קולטיווירן אַ

באַקאַנטשאַפט, נאָך מער צו שליסן אַן אינטימע פריינדשאַפט, מיט דעם ערב־רב פון קאָסמאָס, מיט די שורש־בורע פון כוחות און פאַקטאָרן פון דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט געקוקט אויף זיי פון אויבן־אַראָפּ. פ. בעקאָן שרייבט: „די פוילערישע און חניפה׳דיקע מיינונגען פון יענע וועלכע פרעטענדירן צו רעספּעקטירן דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד מיט דעם וואָס זיי ציען אים צוריק און נעמען אים אוועק פון די איינצל־הייטן. 13) דער מענטש אין זיין האַלטן זיך פאַר א גאַנצן פּאַן האָט ניט געקענט אראָפּנידערן צו די פּרטים פון דעם נידעריקן שטאַנד. ער באַ־טראַכט פאַר אַ ביזיון, פאַר א פחיתות־הכבוד, פאַר אים צו האָבן צו טאָן מיט אזעלכע פּראָסטאַקעס ווי די איינצלהייטן. ער האָט איגנאָרירט זיין פיזיקאַלישע סביבה, וועלכע האָט אים געצאָלט מיט קעגנזייטיקייט, מיט דער זעלביקער מטבע. דער פועל־יוצא פון דעם אלעם איז געווען די נישטיקייט, צום נול־פונקט־באַעגטקייט, פון דעם מענטשנס מעכאַנישע אויפטואונגען.

איצטער האָט דער מענטש אויסגעטאָן זיינע בגדי מלכות. ער האָט זיך באַפרייט פון זיין אייטלקייט. ער האָט זיך אויסגעקורירט פון זיין גרויסקייט־טירוף. ער האָט פאַרלאָזן זיין פיקטיוון טראָן און איז אוועק און האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף איין ברעטל מיט די אַנימאַלן. ער האָט זיך ניט געשעמט צו דערקלערן די בעלי־חיים פאַר זיינע מיוחסים פאַרעלטערן. אזוי ארום איז ער געקומען, ארומרייזנדיק דעם גאַנצן קולטור קרייז, שיער ניט צו דעם פונקט, וואו דער פרימיטיווער איז געשטאַנען מיט זיין חיות־קולט, מיט זיינע טאָטעמס.

ה. ע. קאַרי שרייבט:

דערוויל איז אָנגעקומען דאַרווין, האַקסליי, ראָמאַנעס און אנדערע און זיי האָבן באַוויזן גאַנץ קלאָר, אז עס איז ניטאָ אַזאַ אָפּגרונט צווישן די ׳אינסטינקטיווע׳ אַנימאַלן און דעם ׳ראַציאָנאַלן׳ מענטשן.״ 14)

וו. ס. לילי שרייבט:

„עס איז גאָר קיין פראגע ניט אז די נידעריקע בעלי־חיים ציינן ארויס פילע פון דעם מענטשנס פסיכישע כוחות... מיר מוזן זיי אויך צושרייבן די פייאיקייט פון אסאָציאירן זייער דערפאַרונג דורך דער זיכרון־איבונג און דערוואַרטנדיקער איינבילדונגס־קראַפט... וואָס אַן צווייפל, שטעלט פאַר מיט זיך עפּעס אַן אַנאַלאָגיע מיטן פאַרשטאַנד.״ 15)

דער מענטש איז געגאַנגען נאָך ווייטער. אים איז אָנגעשטאַנען זיך צו שטעלן אויף איין שטאַפּל מיט דעם וועגעטאַציע־קיניגרייך; ער האָט דערזען אין די פלאַנצן און גראָזן פון די פעלדער זיינע אָרימע קרובים.

פ. ל. סאַרדזשענט שרייבט:

„ניט בלויז אלסביישטייערער צו אונדזער וואוילשטאַנד, נייערט אלס שותפים אין דער מיסטעריעזער מתנה פון לעבן, דאַרפן פלאַנצונגען פאַרשטעלן אַ טיפן אינטערעס פאַר דער מענטשהייט.״ 16)

לאָרד רענבורי שרייבט:

„די העכסטע אינטעליגענץ וועלכע איז אונדז באַקאַנט אין מענטשן אונטערשיידט זיך בלויז אין דרגא, אָבער ניט אין מהות פון דער אינ־טעליגענץ פון דער מוראַשקע, בין, הונט, אָדער פערד.״ 17)

און פונקט איצט, אין דעם מצב פון גרויסער עניוות, אינפעריאָריטעט, האָט דער מענטש אַנטדעקט זיין גרויסקייט. דעם מענטשנס סוביעקטיווער אַראָפּפאַל באַצייכנט זיין אָביעקטיוון אַרויפקלעטער. בשעת ער וויל זיך איינקויפן אין לאָסקע ביי דער נאַטור, ווערט ער „נידעריק ווי דער וואַסער״, ער „פאַלט כורעים״ פאַר דער אויסערלעכער וועלט. ער פאַר־געטערט די עטאַבלירטע אָרדענונג פון קאָסמאָס. און דווקא בשעת אָט דער זעלבסט־הומיליאַציע אַנטדעקט דער מענטש זיינע אַטריבוטן פון אַ שותף צו מעשי־בראשית, פון אַ דערפינדער און שעפער.

פ. בעקאָן שרייבט:

„קיין צווייפל, די סאָוועריניטעט פון מענטשן פון מענטשן ליגט פאַרבאַהאַלטן אין וויסן... איצט רעגירן מיר די נאַטור אין מיינונגען, אָבער מיר זיינען קנעכט צו איר אין הכרח; אָבער ווען מיר וואָלטן זיך לאָזן פירן פון איר אין דערפינדונג, וואָלטן מיר זי באַפעלן אין האַנדלונג.״ 18)

דער היינטיקער מענטש האָט געפאָלגט די עצה־טובה וואָס בעקאָן האָט אים געגעבן. און אלס באַלוינונג האָט ער געקראָגן גרויסע גערע־טענישן פון דערגרייכונגען און אויפטואונגען.

אויך אין סאָציאָלאָגיע זעען מיר דאָס אייגענע. די פאָרמולירונג פון דעמאָקראַטישע לערן, די עטאַבלירונג פון דעמאָקראַטישע אינסטיטו־ציעס איז אַ פּועל־יוצא פון דעם אויסוואַקס פון דעם באמת אַריסטאָ־קראַטישן כאַראַקטער פון די העכערע קלאַסן. די „אויבערשטע״ כל־זמן זיי האָבן זיך געשפייזט מיט אַריסטאָקראַטישע אידעאָלאָגיעס פון אויס־דערוויילטקייט, זיינען זיי געווען היפּש אומפּיאַיק אויסצופילן זייערע פונקציעס אלס דירעקטירער פון די מאַסן. זיי האָבן ניט געקענט האָבן אַ פעסטע אחיזה אויף די ווילנס פון המון־עם. זייער אָפּגעריסנקייט איז געווען שעדלעך טאַקע פאַר זיי אליין. זייער הערשאַפט איז געווען האַמעטנע אָבער ניט שטאַנדהאַפטיק. זי איז געווען רוי און גראָב, אָבער צו דער אייגענער צייט וואַרצללאָז, גרונטלאָז. בלויז איצטער, דערנאָך ווי די דעמאָקראַטישע דיסציפּלינען זיינען אַנטוויקלט געוואָרן און איינ־

געפירט געוואָרן אין לעבן, זעען מיר די דערפרייענדיקע דערשיינונג, אז פּאַלקלאָר איז געוואָרן א שטודיום־קעגנשטאנד פון דער אינטעליגענץ. מאָסן־פּסיכאָלאָגיע, „עמך"־אויפפיר ווערן בכבוד'יקע אָביעקטן פון דער וויסנשאפט. אָט־די אויספאָרשונגען און אויסגעפינונגען זיינען א גרויסע הילף, ווען עס קומט צו באהאנדלען דעם 'עולם־גולם' און סאָציאַליזירן און צוימען אים.

ניט האָבנדיק דעם ביישפּיל פון דעם מענטשנס אידעאָלאָגישער פאַרהעלטעניש צו דער אויסערלעכער וועלט, וואָלטן מיר בשום אופן ניט געווען אימשטאנד אָפּצושאַצן, לויט דעם ווערט נאָך, די חשיבות פון דעם קאַפּויר וועלכער עקזיסטירט צווישן דעם פּראַקטישן אויפפיר און דער טעאָרעטישער באַלויכטונג פון אָט־דעם אויפפיר, ווי ער ווייזט זיך ארויס אין דער קלאסן־ און מאסן־פאַרהעלטעניש. מיר וואָלטן, נאַטירלעך, זיין געצוונגען צו זען אין די דעמאָקראַטיש־ליבעראַליסטישע און פּראָלע־טאַריש־סאָציאַליסטישע לערן אָדער דיספּענסאַציע אומישנעדיקע ליסטיקע קאָפּפאַרדרייעריי, וועלכע עס פּראַקטיצירט די סאָפיסטיצירטע מינאָריטעט אין אירע האַנדלונגען מיט דער צוטרוילעכער מאַיאָריטעט. פון אָט־דער גרייזונג פאַרהיט אונדז די געשיכטע פון איבערגאַנג פון סכאָלאַסטיציזם צום רענעסאַנס־מאָדערניזם.

מיר וועלן נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל ציטירן פראַנסיס בעקאָנען, וועלכער האָט אזוי גוט אויפגעפאַסט און אזוי קלאָר באַשריבן דעם איג־טעלעקט־צושטאַנד און זעלבסאיינשטעל פון דעם סכאָלאַסטיקער.

„די באַנדן פון אלטערטום, פון אויטאָריטעט... האָבן אזוי געהאלטן געשמידט אין קייטן די מאַכט פון מענטשן, אז ער איז געווען אומפייאיק (ווי א כישוף וואָלט מען אים געהאט אָפּגעטאָן) צו ווערן פאַמיליאַר מיט די קעגנשטאַנדן." 19)

די עפּאָכע פון רענעסאַנס, וועלכע האָט איינגעפירט דעם מאָדערנעם וויסנשאפטלעכן מעטאָד, — וועלכער באַזירט זיך ניט אויף טעקסט־אויסטייטשונגען, נייערט אויף עקספּערימענטן און פאָרשונגען פון קעגנ־שטאַנדן — איז געווען די צייט, קען מען זאָגן, ווען דער „קאָסמישער ליבעראַליזם" איז אָנגענומען געוואָרן און איז באַוואוסטזיניק־סיסטעמאַטיש פּראַקטיצירט געוואָרן אויף א גרויסן מאסשטאַב.

ג. בערדייעוו שרייבט:

„די רענעסאַנס־לייטע... האָבן אנטדעקט די נאַטור אזוי גוט ווי דעם מענטשן... זיי זיינען געוואָרן לערנער ביי איר אין שול, זיי האָבן נאָכגעמאַכט אירע פיגורן... פון אָט־דעם איז ארויסגעקומען דער היס־

טאָרישער טריאומף פון נאַטור־וויסנשאַפט און דער קאַלאָסאַלער טעכ־נישער פּראָגרעס פון 19טן יאָרהונדערט." 20)

זיכער, דער טעכנישער פּראָגרעס מיינט אַ מער גרינטלעכע אוטי־ליזאציע פון די כוחות און ענערגיעס פון דער אויסערלעכער וועלט. די פרייהייט, וועלכע מ'האָט געשאָנקען דער נאַטור, מיינט בלויז פרייהייט פון עקספּלואַטאַציע. וואָס מער געשולט און געשיקט, אין דער בחינה פון אַ פיזיקאַלישן שטאַטסמאַן, דער מענטש ווערט, אַלץ מער פּיקחות און דורכגעטריבענקייט ווייזט ער ארויס אין זיינע דיפּלאָמאַטישע אונטער־האַנדלונגען מיט די נאַטור־מאַכטן און אַלץ מער נוצן איז ער בכוח ארויס־צוקריגן פון די אַפּמאַכן, וועלכע ער שליסט מיט זיי. וואָס ווייניקער דער מענטש „בלאָזט זיך", אַלץ מער נאָכגעביק, ווייניק גוטמוטיק ווערט די וועלט אין אירע באַציאונגען מיט דעם מענטשן־קינד.

אָט־די פּאַרוויקלטע צווייזייטיקייטן ווערן געברויכט פון מענטשן אין זיינע האַנדלונגען מיט דער דרויסן־וועלט, אומגעאַכט דעם פאַקט וואָס די לעצטע איז אינגאַנצן אינדיפערענט צו אונדזערע אויסערונגען מכוח איר. זי בלייבט, דוכט זיך, גלייכגילטיק צו אונדזער לויב אדער טאַדל, צו אונדזער ברכה אדער קללה. אָט־די מאָדיפיקאַציע פון טאַקטיק, וועלכע דער מענטש ווענדט אָן, ווערט ארויסגערופן פון אַן אינערלעכער פּסיכאָלאָגישער נויטווענדיקייט. דער קולט פון דער נאַטור מיינט באמת דעם קולט פון מענטשן.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע דעם טערמין „נאַטירלעך", „נאָ־טורמעסיק". וואו נאָר מ'האָט אים געברויכט, האָט ער אלעמאָל אָנגע־דייט אויף אַ בעסערער באַהערשונג און קאָנטראָלירונג פון דער דיס־ציפּלין, וועלכע דער מענטש האָט געברויכט. „נאַטירלעכקייט" זאָגט, אַז דער מענטש האַנדלט מער אין איינקלאַנג מיט די געזעצן וועלכע ער, דער מענטש, האָט אנטדעקט, אַז ער באַזיצט אַ טיפערן אריינבליק, אַ בעסער דורכדרינגענדיקן אריינקוק אין דער „נאַטור" און, פאָלג־לעך, האָט ער געקענט דערוואַרטן מער נוצן, בעסערע רעזולטאַטן.

העגרי סוצצאלא שרייבט:

„דער טערמין 'נאַטוראַל' האָט מען אָנגעווענדט, באַשרייבנדיק, צו מעטאָדן פון אונטעררריכט אין פילע קענגשטאַנדן... ווען דער מעטאָד איז פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט, ד. ה. נעמט אין אָנבאַטראַכט און חשבון די אינסטינקטן און נאָרמאַלע אינטערעסן פון יונגע קינדער, — זאָגט מען אַז ער איז 'נאָרמאַל'." 21)

גאַבריעל קאָמפּאַירע שרייבט:

„עמיל... איז א נאַטור־קינד, ער איז דערצויגן געוואָרן פון דער נאַטור, אין הסכם מיט די נאַטורגעזעצן, פאַר דער באַפרידיקונג פון די נאַטורבאַדערפעניש׳... רוססאָ לאָזט די נאַטור גיין איר וועג... די נאַטור איז גוט און, בכן, באַשטייט די דערציאונג, פשוט, אין לאָזן איר האָבן איר פרייען קורס.״ 22)

ג. וו. קינטינדזש שרייבט:

„פאָלגנדיק אין די פוסטריט פון דער נאַטור, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז דער דערציאונג־פּראָצעס וועט זיין לייכט.״ 23)

הערבערט ספּענסער שרייבט:

„די נאַטור אילוסטרירט פאַר אונדז אין דעם פשוטסטן וועג די ריכטיקע טעאָריע און פּראַקטיק פון מאָראַלער דיסציפּלין.״ 24) „די איינציקע דערפאָלגרייכע רעפאָרמאַטאָרן זיינען די יעניקע... וועלכע ברענגען זייער רעזשים נאָענט צו דעם מעטאָד פון דער נאַטור.״ 25)

דזשאָהן דיואי שרייבט:

„דורך דער השפעה פון רוססאָן אויף פּעסטאַלאָצצין, פּרעבלען און אַנדערע, האָט דערציאונג אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור געגומען מיינען, אַז עס זיינען פאַראַן איינגעבוירענע אינסטינקטן פון עוואָלוציע און פּאַנאַנדערוויקלונג, פיזיקאַלישע, מענטאַלע און מאָראַלע, ביי די קינדער און אַז אָט־די איינגעבוירענע וואוקס־פּרינציפּן דאַרפן אונדז צושטעלן די נאָרמעס פאַר דער גאַנצער דערציאונג־פּראָצעדורע.״ 26)

„נאַטוראַלישקייט״ אָדער „נאַטוראַליטעט״ אָדער „נאַטורמעסיקייט״, די אַפּליקאַציע פון די צוועקמעסיקייט מעטאָדן אין פּעדאַגאָגיק*) זיינען אין דער ווירקלעכקייט, ווען מ׳קוקט אריין אין שורש־דבר, דער אַפּאָגיי פון קינסטלעכקייט, פון אַרטיפיציאַליטעט. זי באַווייזט אונדזער געשיקטקייט אין אימיטירן, סימולירן די נאַטור. מיר נעמען „איינגעבוירענע״ נייגונגען, אינטערעסן און קירעווען זיי אַראָפּ פון דעם דרך־הטבע. מיר מאַכן זיי פליסן איבער עדוקאַציאָנעל אויסגעגראָבענע קאַנאַלן פון קינסטלעך־געשטייגערטער נייגעריקייט. מיר צווינגען זיי צו דרייען די רעדער אין אונדזערע דידאַקטישע מילן און מאָלן און בייטלען לאַנגזאַם און דיןפיין דעם קאָרן פון לומדות און קערנדיקער געלערזאַמקייט. דאָס מיינט די דערהייבונג פון די אינסטרוקציע־מעטאָדן צו דעם ראַנג און מאַנדאַטאָרישקייט פון נאַטירלעכע אימפּולסן־רופונגען און זייער נאַטירלעכער באַפרידיקונג. דאָס מיינט נעמען דאָס מעטאָדישע, באַוואוסטזיניקע, איינ־

*) ברידער א. און וו. גאַרדין, א סיסטעם פון מאַטעריעלער און רעלאַטיווער נאַטור־מעסיקייט, 1909 (רוסיש).

געאָרדענטע און עס ארויסגעבן פאַר עפּעס כאַאָטישעס און ספּאָנטאַנעס. דאָס איז די שטופּע פון נאַטור אימיטאַציע און דופּליקאַציע, וועלכע מיר האָבן דערגרייכט אין דער עדוקאַציאָנעלער קונסט.

דאָס אייגענע איז אָנווענדבאַר צו די „נאַטירלעכע פּראָצעסן" פון וועלכע מאַרקס מאַכט אַזאַ וועזן אין זיינע שטאַט־סאָציאַליסטישע פּלענער.

מאַרקס שרייבט:

„און ווען אפילו א געזעלשאַפט געפינט אויס דעם ריכטיקן טראַקט פאַר דער אנטדעקונג פון די נאַטור־געזעצן פון אירע באַוועגונגען... קען זי ניט אויסמיידן דורך א וואַגזאַמען שפּרונג און ניט באַזייטיקן דורך א לעגאַלער געזעצפּראָצעדור די שטערענישן, וועלכע לייגן אונדז פאַר די נאָכאַנאַנד־פאָלגנדיקע פאַזן פון איר נאָרמאַלער אנטוויקלונג. זי קען אָבער קירצן און מינדערן די געבורטסווייהען." 27)

מיר קענען בלויז דערלייכטערן די חבלי־לדה פון דער געווינערין די געזעלשאַפט.

אָקושערונג פון מארקסן און ענגעלסן, די קלאָמפּערשטע הכנעה און פאַרשטשעמעטער שיעבוד צו די אָביעקטיווע באַדינגונגען ווייזן זיך ארויס צו זיין, ווען מ׳קוקט זיך נענטער צו צו זיי, דער העכסטער שפּיץ פון סוביעקטיוויזם. עס איז בלויז אַן אָנשטעל אזא. עס פּאַסט זיך אזוי. עס מאַכט א שטאַרקערן איינדרוק. עס איז געזינטער צו פאַרבאַהאַלטן דעם סוביעקטיוון מאָמענט אונטער דער דיקער אָביעקטיוויטעט קאָלדרע.

ראַדבערטוס האָט זיך פאַרטרעפלעך אויסגעדריקט „אין דער נאַטור אליין אַנטהאַלטן אָביעקטן און פאַרהעלטענישן זייער אייגענעם ראַציאָ־נאַלן געזעץ אין זיך אליין; אין דער געזעלשאַפט פאָדערן זיי עס פון דעם מענטשן." 28)

דער אמת איז, אַז אפילו אין דער פיזישער נאַטור דאַרף עס אויך טאָן דער מענטש. ער דאַרף פאָרמולירן, באַנעמען דעם געזעץ, דעם ענין געזעצמעסיקייט, און דערנאָך אים אריינלייגן אין די קעגנשטאַנדן. און א ווײלע שפּעטער מאַכט זיך דער מענטש כלא־ידע, ער גייט צו צו די קעגנשטאַנדן, נישטערט, פאָרשט כלומרש, אונטערזוכט זיי — און געפינט דעם „געזעץ", וועלכן ער האָט דאָרטן אליין אריינגעלייגט. אָבער וועגן דער געזעלשאַפט קענען דאָ קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. אָבער מ׳פילט זיך עפּעס בעסער, ווען מ׳מאַכט דעם אָנשטעל אז די סאָציאַלע נאַטור איז אין דעם פּרט ענלעך צו דער פיזישער נאַטור, וועלכע אויבער־פלעכלעך זעט אויס צו אנטהאַלטן אירע געזעצן אין זיך אליין אָן דעם מענטשנס אריינמישן זיך.

„צום שלוס, מיר מעגן אין קורצן דערמאָנען די אלגעמיינע באַשול־דיקונג, אַז מאַרקסיזם איז קיין זאַך ניט מער ווי 'עקאָנאָמישער דעטער־מיניזם'... פון שטאַנדפּונקט פון מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע זיינען בײדע, פרייער ווילן און דעטערמיניזם אידעאָלאָגיעס וועלכע זיינען באַגרינדעט אויף אבסטאַרקציעס... דער מענטש איז אַקטיוו אין דער מאַטעריעלער וועלט, פּאַסיוו אין דער מאַטעריאַליסטישער (מעכאַניסטישער) פילאָזאָ־פיע; מענטאַל אקטיוו לויט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע. אין דער פּראַקטיק אומבאַהאַלפן דורכצופירן דעם אוטאָפּיאַניזם, וועלכן ער אימפּ־ליצירט. עס איז בלויז ווען די מעגלעכקייט בייצוקומען די מאַטעריעלע סתירות באַווייזט זיך צום־ערשט, דעמאָלט קענען מיר דערוואַרטן פון מענטשן א טעאָרעטישע באַהויפּטונג דערלייגנדיק די ריכטיקע נאַטור פון דער פּראַקטישער פּראָבלעם.״ 29)

דער „עקאָנאָמישער דעטערמיניזם״ פון מאַרקסן איז באמת א דעטער־מינאַציע פון דעם באַוואוסטזיניקן דעטערמינירער, די פּאַראויסזיכט און ווילן־אוממיטלבארקייט פון דער פירנדיקער מינאָריטעט, ווען זי פּאַר־פאָלגט דעפיניטיווע צוועקן און באַשטימטע תכליתים. אַ צאָל פון קורצ־זיכטיקע קריטיקער פון מאַרקסיזם האָבן אויפגעהייבן די פראַגע מכּוח פאַטאַליזם אין צוזאַמענבינדונג מיט דעם מאַרקסיסטישן עקאָנאָמישן מאַ־טעריאַליזם.

אַנטאָניאַ לאַבריאָלאַ שרייבט:

„דעם גרויסן אויפוואַרף, וואָס מ'האָט געמאַכט דער מאַרקסיסטישער לערע פון א וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז דאָס, וואָס זי פירט צו אַ פאַטאַליזם... קיין שפּור פון דעם קען מען ניט געפינען אין דער מאַרק־סיסטישער דאָקטרינע.״ 29)

די קריטיקער האָבן ארגומענטירט: אויב דער אַנקום פון סאָציאַליזם איז אָנגעשריבן אין די הימלען מיט די פינגער פון דער פּאָליטאָ־עקאָנאָ־מישער מערכה, איז דאָך זיין טריאומף פּאַראויסבאַשטימט דורך דעם אומ־פאַרמיידלעכן געשיכטע־קורס. און אויב די זאַך איז אזוי, צו וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו שטרעבן נאָך דעם? צוליב וואָס זאָל מען זיך פאַר־נעמען מיט דער שווערער ארבעט פון שאַפן א באַוועגונג, אָנפירן אַגי־טאַציע, זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אקטיוויטעטן, ווען מ'קען זיך באַגיין אָן דעם. די אַלע טואונגען צילעווען אין איין פּונקט און דאָס איז די עטאַבלירונג פון דעם געוואונטשטן רעזשים, און דער רעזשים וועט זיך סיי ווי סיי איינשטעלן אלס א מוז־זאַך. אויב אזוי, וואָס איז דאָ צו האָוען?! די האַראַוואַניע, די פּראַצע איז דאָך איבעריק. דאָס איז די פראַגע וואָס מ'האָט געפרעגט די מאַרקסיסטן.

דער ענטפער ליגט פון אויבנאויף. דער דעטערמיניזם אין דער מאַרקסיסטישער לערע איז בלויז א פאַרמאַסקירטער וואָלונטאַריזם. דער מאַרקסיסטישער „פּלאַן" איז אַ נאַקעטע ווילנספּלייסונג, וועלכע ווערט קלאַמפּערשט צוגעדעקט מיט א בגד פון נאַטור־טענדענצן און נאַטור־כוונות.

עדואַרד בערנשטיין שרייבט:

„אין דער הקדמה צום ערשטן באַנד פון „קאַפּיטאַל" טרעפן מיר א סענטענץ וועלכע שמעקט... מיט פרעדעסטינאַציע. אין שייכות צו די 'נאַטורגעזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע לייענט זיך עס: 'מיר פאַרנעמען זיך מיט די־דאָזיקע טענדענצן, וועלכע ווירקן און פאַר־סירן זייער וועג מיט אַן אײַזערנער נויטווענדיקייט'. און אויפן צווייטן זייטל שטייט א סענטענץ, וועלכע ווערט אַזוי אָפט ציטירט, אז די געזעל־שאַפט קען 'קירצן, לינדערן' די חבלי־לדה פון די אַנטוויקלונג־פאַזן אין קאָנפאָרמיטעט מיט דער נאַטור." 30)

מאַרקסעס טעאָריע מכוח דער שיקזאַלהאַפטער פאָראויסבאַשטימטקייט איז בלויז א מיטל ווי אַזוי אמבעסטן אויפצורודערן די פאַרשלאָפענע מאַסן, אויפצוטשוכען זייער דרעמלענדיקן באַוואוסטזיין, צו צערייצן זייע־רע „אינערטע" אימפּולסן, צו פאַרשאַרפן זייערע אַפּעטיטן.

אַנטאָן פּאַננעקאָעק שרייבט:

„עס איז געווען מער ווי נאַטירלעך, אז די אַרבעטער... זאָלן פאָדערן אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכע סיסטעם... אָבער אַלץ וואָס זיי האָבן גע־קענט באַווייזן איז האָפן און טרוימען מכוח דעם. זיי זיינען ניט געווען זיכער, אַז אַזאַ סיסטעם וועט ווירקלעך זיין. מאַרקס האָט געגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם סאָציאַליזם א טעאָרעטישן פונדאַמענט." 31)

וואָס מאַרקס האָט געגעבן איז א זיכערקייט, אַ גאַראַנטיע פון רעאַ־ליזאַציע. און אָט־די פאַרזיכערונג איז געווען פון גרויסער חשיבות. זי האָט געשטאַרקט די שוואַכע הענט, אריינגעגאָסן שטאָל פון אַנטשלאָסנ־קייט אין די ווייכע ווילנס דורך דעם „באַווייז" פון דער אומפאַרמייד־לעכקייט פון דער סאָציאַלער ענדערונג, פון דער הכרח'דיקייט פון נייעם אידעאַלן איינשטעל.

„עס איז פון דעם מאַרקסיזם דאָס וואָס דער אַרבעטער־קלאַס קען באַווייזן די איבערגעגנגלעכקייט פון קאַפּיטאַליזם און די נויטווענדיקייט און געוויסהייט פון ניצחון." 32)

מחמת דער מאַרקסיזם, אלס א שיינבאַר דעטערמיניסטישע לערע האָט געגעבן א זיכערקייט פון דערפאָלג, האָט באַזייטיקט צווייפל, דעם זשאַוועד וואָס צעעסט דעם אייזן פון ווילן. די סאָציאַליסטן האָבן גע־

וואָלט אַז זייערע באַשטרעבונגען זאָלן קריגן אסקוראַנץ, זאָלן קריגן אַ הבטחה פון דער געשיכטע, פון דער סאָציאַלער נאַטור. און דער מאַרק־סיזם האָט זיי עס כלומרשט געגעבן. ער האָט באַפרידיקט אַ באַדער־פעניש.

און איצט וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צו אונדזער הויפּט־טעמע, נעמלעך, די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן און דער וועלט ווי זי ווערט רעפלעקטירט אין מענטשנס ראַציאָנאַליזאַציע פון דער נאַטורס אויפפיר.

וואָס נידעריקער דער מענטש פאַרנייגט זיך פאַר דער נאַטור אין טעאָריע, אַלץ גרינגער בייגט ער זי צו זיין ווילן אין פּראַקטישן לעבן.

זי באַלייכט די גאַסן און הייזער, זי מאַכט פון נאַכט טאָג. זי הייצט און וואַרימט זיינע וואוינונגען. זי שמעלצט צוזאַמען פאַר זיינעטוועגן די פיר סעזאָנען פון דעם יאָר. זי טראָגט זיינע קערפּערס און לאַסטן אויף די פליגלען פון ריינער באַוועגונג איבער די וואָלקנס און אונטער די טיפע וואַסערן.

אָבער ווען דער מענטש אַנערקענט ניט די רעכט און פּרעראָגאַטיוון פון דער נאַטור, און אין זיין גרענעצלאָזער איטלקייט פּרובירט ער צו באַהאַנדלען זי מיט לייכטקייט און גרינגשעצונג, דעמאָלט קען ער פון איר דערוואַרטן ניט קיין געהאַרכזאַמקייט און ניט קיין באַדינונג.

דער שטייער, וועלכן דער מענטש צאָלט צו דער נאַטור, איז אַ שטייער וואָס דער מענטש צאָלט צו זיין אייגענער הערשאַפט, וועלכע איז פאַר־קערפּערט אין זיין באַנעמען די נאַטור, און קענען זי באַפעלן, אַזוי ווערט דער קינסטלער מאַלער אַנטציקט פון זיין אייגענעם שעדעווער. אַזוי פאַרהערלעכט דער סקולפּטאָר די סטאַטוע, וועלכע ער האָט אויסגעשניצט פון האָלץ אדער אויסגעהאַקט אין שטיין אדער אָפּגעגאָסן אין בראָנז.ביידע גלאָריפיצירן זייערע ווערק, זייערע טאַלאַנטן, זייערע שעפערישע באַגייסטערונגען, וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין מירמלשטיין, איינגעוויקלט אין אַ געלונגענער קאָמבינאַציע פון פאַרבן, וועלכע האָבן זיך צעשפּילט אויף דעם לייוונט. די אייגענע דערשיינונג זעען מיר אין רעליגיעזן עקסטאַז, אין די תהלות ותשבחות וועלכע דער מענטש, דער מתפלל, שיקט אַרויף צו דעם רבונו־של־עולם.״*)

לודוויג פויערבאַך שרייבט:

„דאָס גייסטיקע וועזן, וועמען דער מענטש שטעלט אַוועק איבער דער נאַטור און דערקלערט אים פאַר איר גרינדער און באַשעפער איז ניט

*) אַבאַ גאָרדין, גרונטפּרינציפּן פון אידישקייט, קאַפּיטל „תפילה״.

קיין אַנדער זאַך ווי בלויז דער גייסטיקער מהות פון מענטשן אַליין.״ 33)
„גאָטעסדינסט הענגט אָפּ בלויז פון דער זעלבסטפאַרהערלעכונג פון מענטשן און איז קיין אַנדער זאַך ניט ווי בלויז די מאַניפעסטאַציע פון דער לעצטער.״ 34)

די דעאיפיקאַציע פון דער נאַטור, די פאַרגעטערונג פון דעם סך־הכל פון אירע דערשיינונגען, וואָס דער מענטש פירט אַדורך, איז קוים עפּעס מער ווי די אַנטציקונג וואָס דער מענטש פילט צו זיין אייגענער גאונות, וועלכע באַשטייט אין זיין סיסטעמאַטיזירנדיקער, סטאַביליזירנדיקער, גענעראַליזירנדיקער, פּאַרטיקולאַריזירנדיקער מאכט. דער מענטש פאַרגעטערט, באַוואונדערט און ׳דינט׳ צו זיין געניאַליטעט, צו זיין אויסטערלישער פייאיקייט: ער נעמט פאַרפּלאָנטערטע פעדים פון צופעליקע פאַרלויפונגען און וועבט פון זיי א גאנצן געוואַנט פון געשיכטע. ער קלייבט צונויף שפּרינקעלעך פון כאַאָטישע פּאַסירונגען, זעמדעלעך פון פאַרווירטע דערשיינונגען, שטויבעלעך פון צעשויבערטע פּראָצעסן און בויט אויס פון זיי א קאָמפּליצירטע, קאָאָפּערירטע איינהייט, א גוט־צונויפגעשטריקטע אָרדענונג פון א קעגנשטאַנד. מיט איין וואָרט, פון א תהו ובהו שאַפט דער מענטש א קאָסמאָס. וואָס דער מענטש גלאָריפיצירט אין דער נאַטור איז אָט יענע מענטשלעכע אייגנשאַפט זיינע, וועלכע ער שרייבט איר צו, און דאָס זיינען די ראַציאָנאַלע עלעמענטן, די זוימען פון חכמה, די קערנדלעך פון צוועקמעסיקייט, וועלכע זי אַנטהאַלט בלויז א דאַנק דעם וואָס דער מענטש האָט זיי דאָרטן למפרע אַריינגעלייגט. די נאַטור אין דעם זינען איז די מעשי־ידיו פון מענטשן, זי איז זיין האַנטווערק, זיין דערגרייך. דער מענטש האָט אַנטדעקט די נאַטור אַזוי גוט ווי דעם כאַאָס. דער מענטש שאַפט דעם כאַאָס און דעם קאָסמאָס.״ 35) ער צויבערט אים אַרויף פון תהום פון „גאָרניט״. ער הייבט אים אַרויף פון דער טיף פון זיין אייגענער איינבילדונג־קראַפט. דער מענטש שאַפט דעם אוניווערס דורך זיין באַגאַבטקייט פאַר אויטאָסוגעסטיע. 36)

אבא גאָרדין שרייבט:

„די וועלט איז מיין ׳פאָרשטעלונג׳ פון קאַנט, „די וועלט אלס ווילן און פאָרשטעלונג״ פון שאָפּענהויער וואָלט איך אביסל מאָדיפיצירן און זאָגן „די וועלט אלס אַן אויטאָסוגעסטיע״. צו מיין פאַרשטאַנד איז די וועלט אַן אַקט פון עגאָטיזאַציע. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם גלויבן אין איר עקזיסטענץ. די וועלט געפינט זיך אין לעולם־ועד׳יקן פּראָצעס פון באַשאַפן ווערן דורך אונדז אין יעדער מינוט און רגע. מיר רופן די וועלט אַרויס פון די טיפענישן פון עגאָאיזם, דורך דער קראַפט פון פּערסאָניפיקאַציע און סיסטעמאַטיזאַציע, וועלכע איז איינגעפלאַנצט אין

אונדז דורך אונדז, דורך דעם עגא, א פּאַטענץ וועלכע איז, וועזנטלעך, דער שטאַרקער באַגער צו זײַן, צו זײַן זיכער אין עקזיסטענץ. א תענוג וועלכן מ'האָט אין ארומשוועבן אין די הימלען פון אייביקן פּאָזיטיוו, אָן דעם נעגאַטיוו, איבערלאָזנדיק כאָאָס־צווייפל, כאָאָס־פּאַרניינונג אונטן, אין דעם שטויב פון גאַרניט. די וועלט איז די אידייע פון עגא אָנגעטאָן אין דער פאָרם, וועלכע הייסט מאַטעריע און ענערגיע. דאָס דאזיין איז אן אויטאָ־סוגעסטיע אלס א פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ. ׳אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט׳, און דער וואָרט איז געבוירן געוואָרן פון זעלבסט־איינאימפּפונג, דורך א זעלבסט־באַפעל.״ 37)

דער מענטש ווערט נתגלה דורך דער נאַטור. ער אַנטפּלעקט דורך איר דאָס בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט, וואָס עס געפינט זיך אין אים, דעם אומאַנדערקענטן באַשעפער, וועלכער לעבט אין דעם במסתרים פון זײַן זעל. און דעריבער איז דער מענטש אזוי פאַרליבט אין דער נאַטור. ער אידעאַליזירט די נאַטור. ער ראַציאָנאַליזירט און עמאַציאָנאַליזירט זי. מיט אנדערע ווערטער, ער עקספּלואַטירט די נאַטור. עקספּלואַטאַציע איז בלויז דער אונטערשלאַק, די נעט־זייט פון דער אידעאַליזאַציע.

די זעלביקע פאַרשטעלעניש ווערט געשפּילט בנוגע אונדזער געמיינ־שאַפט. דער אויסדוכטבאַרער צוריקצי, דער שיינבאַרער צוריקטריט פון דער אקטיווער מינאָריטעט איז בלויז א פאָרטשריט און א פאַרסירטער מאַרש פאָרויס.

דאַ וועלן מיר א רוק טאָן אונדזער געדאנק אביסל ווייטער. מיר וועלן אָנווענדן אונדזער אינטערפּרעטאַציע צו דער דערקלערונג פון דער פאַר־העלטניש וועלכע עקזיסטירט צווישן דער פּערזענלעכקייט און די מאַסן. אין דער פאַרהעלטעניש, וועלכע מיר באַאָבאַכטן צווישן דער מינאָריטעט און מאַיאָריטעט, ווערט אָפּגעשפּיגלט דער קאָנטאַקט, וועלכער שאַפט זיך צווישן דער פּערזענלעכקייט, דעם גאון, און דעם המון־עם. וואָס ווײַ־ניקער די ראָלע פון דעם זשעני ווערט אנערקענט אין דער טעאָריע פון געשיכטע, אלץ מער עפעקטיוו איז ער אין דער היסטאָרישער פּראַקטיק.

אויגוסט קאָנט שרייבט:

„ובכן די געניאַליטעט־פּערזאָנען, צו וועמען דער פּראָגרעס איז אויס־שליסלעך צוגעשריבן געוואָרן, זײַנען וועזנטלעך בלויז די געהעריקע אָרגאַנען פון דער פּרעדעטערמינירטער באַוועגונג, וועלכע וואָלט, אין זייער אַפּוועזנהייט, געפונען אנדערע אויסגאַנגען.״ 38)

פ. ענגעלס נאָכזאָגנדיק דעם אייגענעם געדאנק שרייבט:

„ווען עס וואָלט ניט געווען קיין נאַפּאָלעאָן, וואָלט אן אַנדער דיקטאַטאָר פאַרנומען זיין פּלאַץ... יוליוס צעזאר, אויגוסטוס, קראָמוועל, אדער אן אַנדערער, זיינען אלעמאָל געקומען, ווען מ'האָט זיי געדאַרפט.״ 39)

אין דער פראַגע פון דער ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע גייט ראָסס איין אויף א פשרה און ער קומט צו, לויט דער אָרימקייט פון מיין פאַרשטיין, גאַנץ נאָענט צום אמת.

ראָסס שרייבט:

„דער אינדיווידו איז דער ריכטיקער פאַקטאָר, אָבער עס איז דאָ ווייניק ווערט אין דער טעאָריע פון די גרויסע מענער, וועלכע זוכט אויס א העלד פאַר יעדער עפּאָכע אָדער באַוועגונג און וואַרפט אונטער מענגעס פון מענטשן דורך די יאָרהונדערטער אונטער דעם צויבער פון זיין צוועק אָדער זיין אידעאַל.״ 40)

עס איז גוט באַקאַנט דער שטאַנדפּונקט וועלכער איז מבטל די פּראָווידענץ־פּערזענלעכקייטן און זייער דעטערמינירנדיקע ראָלע אין דער געשטאַלטונג פון די מערכות פון די מענטשנקינדער. אַט די מיינונג טענה'ט, אז די זשעניען האָבן א קנאַפּע דעה בשעת עס קומט אויסצואַרבעטן די מאַרשרוטן פאַר די געשיכטע־באַגנען און באַשטימען די צייטן פון זייער אָפּלויפן און אָנקומען, און די שנעלקייט פון זייער יאָגן זיך איבער די רעלסן פון די טעגלעכע געשעענישן און פיקסירן די אינטערוואַלן פון די סטאַנציעס, וואו זיי דאַרפן זיך אָפּשטעלן. אבער, אין פלוג, שטעלט זיך גלייך די פראַגע מיניה וביה: ווער זיינען עס די פּערזענלעכקייטן, וועלכע ווילן דווקא באַווייזן אז די פּערזענלעכקייטן שפּילן ניט קיין גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע? ווער זיינען עס אַט־די דענקער ווען „ס'גייט אין לעבן״ צו מאַכן צו קליינגעלט די פּראָווידענציאַלע פּערזענלעכקייטן?

דער אמת איז אז אַט־די טעאָריע פון בטול בנוגע די גדולים איז געשאַפן געוואָרן מיט איין כוונה, און דאָס איז צו לערנען די אויסגעצייכנטע פּערזענלעכקייט די טייערע תורה פון עניוות, א תורה וועלכע איז פון גרויסן נוצן פאַר דעם זשעני מיט דעם, וואָס זי היט אים פון דעם אָנלאָקנדיקן ניסיון פון התבודדות און פרישות. דאָס איז א ניסיון וועלכן פילע גדולים האָבן ניט בייגעשטאַנען און זיי האָבן פון דעם מכשול פיל געליטן און ניט ווייניק פאַרלאָרן, און מיר האָבן פון דעם פאַרלאָרן ניט ווייניקער פון זיי.

אַט וואָס ע. א. ראָסס שרייבט:

„די געניאַלע מענטשן ווערן מתבודדים... אין ריאַסקינס ווערטער, 'א קינסטלער זאָל זיין ראוי פאַר דער בעסטער געזעלשאַפט און ער זאָל

אוועקשטיין פון איר׳. טהארעא זאָגט אזוי, ׳דער טעם פאר איזאָלאַציע איז ניט דער וואָס מיר האָבן ליב צו זיין אליין, נאָר וואָס מיר האָבן ליב ארומצופליען; און ווען מיר פליען ווערט די קאָמפּאַניע אלץ שיטערער און שיטערער ביז קיינער בלייבט ניט׳... אין זיינע בריוו איז וואַגנער זיך מודה, ׳איך פיל אלעמאָל אז עס איז נוצלאָז און לחלוטין רעזולטאַט־לאָז זיך דורכצושמועסן מיט עמיצן׳. „קיין זאַך שטימט ניט מיט מיר אזוי ווי איינזאמקייט׳. שאָפּענהויער האָט געדענקט אז ׳ווער עס האָט ניט ליב קיין איינזאַמקייט, האָט ניט ליב קיין פרייהייט׳... ציצעראָ, שריי־בנדיק צו אַטטיקוס, פאַרזיכערט אז, מיט דעם אויסנאַם פון זיין פריינט וועמען ער אדרעסירט, האָט ער ניט קיין זאַך אזוי האָלט ווי איינזאמקייט; בשעת טהארעא האָט געדענקט אז איין פערזאָן צו א קוואדראַט־מייל איז גענוג און ער האָט געשריבן, ׳איך האָב קיינמאָל ניט געפונען דעם חבר, וועלכער זאָל זיין אזוי חבריש ווי איינזאמקייט״. 41)

די לערע מכוח דער פרוקטבאַרקייט פון די מאַסן און דער סטערי־ליטעט פון דעם „גדול־הדור״ וויל פועל׳ן ביי דעם לעצטן אז ער זאָל פאַר־לאָזן זיין העלפאנטביין־טורעם און זיך אַראָפּלאָזן צום פשוט׳ן עולם, זיך געפינען אין שטענדיקן באַריר מיט זיי, און אויף אזא׳ן אופן זיין אימ־שטאַנד ארויפצולייגן זיין שטעמפּל אויף טויזנטער און צענדליק־טויזנטער פון זיין דור. זי וויל ער זאָל זיך רעפלעקטירן אין די נשמה שפּיגלען, ווי צעקרימט זיי זאָלן ניט זיין, פון די יעניקע וועמענס נאָמען איז לע־גיאָן.

ט. ע. שאָו (לארענס פון אראביען) שרייבט:

„איך האָב זיך איבערצייגט אז פּראָגרעס היינטצוטאָג ווערט געמאַכט ניט פון אן איינצלנעם געניוס, נייערט דורך אַן אלגעמיינעם אנשטרענג... דער זשעני גרייפט אָן, אָבער דאָס אלגעמיינע פאָלק אָקופּירט און באַ־זיצט.״ 42)

הערי וואַטאָן אין זיין עקספּאָזע פון מאַרקסיזם שרייבט:

„ובכן, די גרויסע מוחות פון אלע צייטן זיינען געוועזן בלויז די גליק־לעכע מעדיומס, דורך וועלכע די מענטשהייט האָט דערגרייכט צו אויס־געצייכנטקייט און גרויסקייט.״ 43)

פאַרצייטנס פלעגט דער אינדיווידואל באַוויזן זיין העלדישקייט איינער אליין, ביחידות, מיט נאַקעטע הענט, אויף א דירעקטן אופן, ניט אָנווענ־דענדיק אפילו קיינע געווערקצייג. אין אונדזער צייט דערגרייכט דער מענטש ס׳רוב זיינע צוועקן דורך דער פאַרמיטלונג פון אינסטרומענטן. אָבער פון אָט־דעם פאקט פון דעם מענטשנס זיך צוריקציען טאָרן מיר בשום אופן ניט ציען דעם פאַלשן שלוס, אז דער מענטש האָט אויפגעגעבן

זיין העכסט וויכטיקע ראָלע אין דער לעבנס־דראַמע און זיין פּלאַץ אין דער אויפפירונג האָבן שוין קלאָמפּערשט פאַרנומען זיינע טעכנישע אויס־קלערונגען־דערפינדונגען. ווי זאָגט דער נביא: „זאָל די האַק זיך באַ־רימען קעגן דעם וואָס האקט מיט איר? זאָל די זעג זיך גרויסן קעגן אים, וועלכער באַוועגט זי?" 44)

דער פאַקט וואָס דער מענטש געברויכט אינסטרומענטן מאַכט ניט דעם מענטשן קלענער און די כלים גרעסער. און בעקאַן שרייבט: „און עס וואָלט זיין אַ שלעכטע שטיקל ארבעט, ווען געוועקציג וואָלטן באַזיי־טיקט געוואָרן, וועלכע מענטשן וואָלטן דאַרפן מאַכן מיט הוילע הענט." 45) זיכער, דער מענטש אָן דער הילף פון אַ גוטן קאָמפּלעט פון געוועקציג וואָלט זיין אַ קנאַפּער אויפטוער אין די אָנגעלעגנהייטן פון זיין פיזישער סביבה. פּראַנסיס בעקאָן שרייבט: „קיין זאַך איז ניט מער קלאָר ווי דאָס, אַז אין יעדער גרויסער ארבעט וואָס די מענטשן טוען מיט די הענט אָן מאַשינען אדער געוועקציג, איז ניט מעגלעך אַז די כוחות פון די אינדיווידן זאָלן ווערן פאַרגרעסערט." 46) „ווען די מענטשן וואָלטן פּרובירן, למשל, טאָן מעכאַנישע ארבעט מיט די הוילע הענט און אָן דער מאַכט און הילף פון אָן אינסטרומענט... וואָלטן זיי זיין פּיאיק צו באַוועגן און אויפטאָן זייער ווייניק, אפילו דעמאָלט, ווען זיי וואָלטן אויס־איבן זייער גאַנצן פלייס און פאַראייניקטע כוחות." 47) די געדאַנקען זיינען פּשוטע און קלאָרע, אלף־בית׳ישע. עס איז ניט כדאי מאריך צו זיין מכוח דעם, ווען מיר וואָלטן ניט האָבן בדעה עס צו געברויכן אלס אָן אילוסטראַציע, וועלכע דאַרף וואַרפן ליכט אויף די שייכות׳ן צווישן דעם יחיד, דעם גאון און דעם רבים, די מאַסן און ריקאַשעט וועט עס אונדז אויך העלפן באַנעמען די פאַרהעלטענישן וועלכע עקזיסטירן צווישן דעם פירנדיקן מיעוט און נאָכפּאָלגנדיקן רוב.

דער מענטש, היינטיקע צייטן, דערמאָנט דעם רוימישן פּאַטראָן, וועלכער ווען ער ווייזט זיך אין גאַס, אין געזעלשאַפט, איז ער תמיד ארומגערינגלט מיט אַ גאַנצער מחנה פון קליענטן און שקלאַפן, וועלכע זיינען געמאַכט פון האָלץ און מעטאַל. אָבער אַט־די קנעכט און משרתים קענען ניט ׳אוועקנעמען׳ פון אים דעם פּאַראַד. פּונקט פאַרקערט, זיי העלפן מאַכן די פּראַצעסיע אימפּאַזאַנט. די עשירות און דער סאָציאַלער מצב פון פּאַטראָן ווערט אָפּגעמאָסטן דורך דער צאָל פון זיינע באַגליי־טער, באַדינער און אונטערלעקער. זיי זיינען בלויז די פּראָלאָנגאַציע פון זיין געשטייגערטן און אויסגעברייטערטן עגאָ. ווי וויליאם דזשיימס דריקט זיך אויס: „אין זיין מעגלעך ברייטסטן זינען, איז דעם מענטשנס זעלבסט דער סך־הכל פון אלץ, וואָס ער קען אָנרופן זיינס, ניט בלויז

זיין קערפּער און זיינע פּסיכישע כוחות, נייערט אויך זיינע קליידער און זיין הויז... זיינע... אַרבעטן." 48)

אַט יענע אינסטרומענטן האָט דער מענטש געמאַכט און דער מענטש באַזיצט זיי, באַהערשט זיי. ער באַפעלט און זיי פאָלגן. די־דאָזיקע מעכאַנישע אויפטואונגען, אַט־די צוטראַכטונגען, דערפאַרונגען האָט דער מענטש געשאַפן. אַט אַזוי דריקט זיך דער מענטש אויס דורך דער פאַר־מיטלונג פון זיין אינסטרומענטאַלער אומגעבונג, וועלכע ער שאַפט זיך אַיין. דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן מכוח די סאָציאַלע געווערקציייג און דער סאָציאַלער סביבה. דער סאָציאַלער געניוס אַרבעט ניט היינט־צו־טאָג ווי פאַרצייטנס, מיט הוילע הענט. ער געברויכט געווערקצייג, וועלכע העלפן אים זייער פיל אַרויס.

פ. וו. העדליי שרייבט:

„עס איז ריכטיק, אַז וועלכע גרויסע אַרבעט דער גרויסער מענטש זאָל ניט האָבן געטאָן, וואָלט ער ניט געווען ביכולת צו טאָן עס, ווען זיין סביבה וואָלט געווען לחלוטין אומגינציק... אָבער עס איז גלייכוויי ריכטיק, אַז... די סביבה קען אַקטואַליזירן בלויז דאָס וואָס געפינט זיך דאָרטן פּאָטענציעל. זי קען אַנטוויקלען און מאָדיפיצירן, זי קען ניט שאַפן." 49)

קיין מאָלער קען ניט מאַכן קיין בילד אָן אַ לייוונט און אָן פאַרב, וועלכע מוזן שטיין צו זיין באַדינונג. אַ יחיד, אַ מתבודד, קען ניט שפּילן אין אונדזער צייט אַ וויכטיקע ראָלע ווען עס קומט צום איבער־טאַשירן די מערכות פון מענטשן און פעלקער.

נ. ק. מיכאַילאָווסקי שרייבט:

„העלד... וועלן מיר רופן דעם מענטשן, וואָס מיט זיין ביישפּיל פאַנגט ער די מאַסע פאַר ראַציאָנאַלע און איראַציאָנאַלע טאַטן. מענגע וועלן מיר רופן די מאַסע, וועלכע איז פייאיק צו פאָלגן אַ ביישפּיל אָדער אַ סוגעסטיע." 50)

ער איז פולשטענדיק געדעכט. די פּערזענלעכקייט ווירקט — דורך דער מאַסע, אויף דער מאַסע. דער גדול באַוועגט זי, ער רופט זי, ער פירט זי, צייטנווייז, טרייבט זי צו מעשים. די מאַסע זיינען די, אַזוי צו זאָגן, וואַגאַנעס, דער יחיד, דער גדול, איז דער לאָקאָמאָטיוו. דער צוג שטעלט זיך צוזאַמען פון ביידן, סיי פון דאַמף מאַשין און סיי פון די וואַגאָנעס. דער לאָקאָמאָטיוו אַליין איז ניט קיין צוג, ער פירט ניט קיין פּאַסאַזשירן, ער שלעפּט ניט קיין פראַכט. דער גדול אַליין שרייבט ניט די געשיכטע, ער שרייבט זי דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם פאָלק, פון דעם „עמך".

ע. א. ראָסס פרעגט מיט ביטערקייט און פאַרצווייפלונג: „איז דער יחיד פאַרמשפּט איינצודאַרן ווען די טראַדיציאָנעלע קולטור ווערט אַלץ גרעסער און מער אינטעגרירט? ווען אַט דער מושעל, די אינדיווידועלע זעל, פאַרלאָזט דעם שטילן באַסיין פון שבט־לעבן, גייט אריבער, צוערשט, צו דער באַשירעמטער אזיערע פון עפּעס אַ שטאַט־געמיינדע, דערנאָך צו דעם מסוכנ׳דיקן ים פון נאַציאָנאַלן לעבן און צום סוף טויכט אַרויף אויף דעם אומענדלעכן אָקעאַן פון דעם מענטשהייט־לעבן, וואָס ווערט פון אים, געווינט ער אַלץ אַ ברייטערע באַוועגונגס־פרייהייט, אָדער ער, זייענדיק צו שוואַך ארומצושווימען אין די וואַסער־שטרעקעס, ווערט אַלץ מער און מער דער שפּילצייג פון די אומווידערשטענדלעכע שטראָמען?״ 51)

דער אינדיווידו וואַקסט צוזאַמען מיט זיין אומגעבונג. און די לעצטע וואַקסט קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין רשות. די גאַר ערשטע פּאַרהעל־טעניש בלייבט סטאַטיש. און ווען עס קומט פאָר אַ שינוי, איז עס לטובת דעם ענערגישן, אונטערנעמערישן, פּראָווידענציעלן, גורלדיקן יחיד. מיר דאַרפן בלויז האָבן אין זינען, אַז די צייטן פון די טורנירן, פון דועלן און פון די קריגער פון דעם דוד און גלית טיפּ און קאַליבער זיינען שוין לאַנג פאַראיבער. איצט איז די צייט פון די קריגספירער, פון די שטאַט־פירער, פון די פּאַרטיי־פירער. וואָס מיינט די־דאָזיקע ענדערונג, מיינט עס אַז די פּערזענלעכקייט פון פעלדמאַרשאַל, פון סטראַטעגיסט, פון טאַק־טיקער, פון מנהיג, פון ראש־הקהל, פון שטאַטסמאַן איז שוין איינגע־דאַרט, אויסגעשפּילט, און זיינע אַקטיוויטעטן זיינען אויסגעוועפּט? עס הייבט זיך ניט אָן. די־דאָזיקע ענדערונג זאָגט אונדז בלויז אַז די היס־טאָרישע פּערזאָן קען שוין מער ניט רעאַליזירן אירע פּאָטענציאַליטעטן דירעקט. דער גדול מוז מאַטעריאַליזירן זיין נאַציאָנאַלע און אינ־טערנאַציאָנאַלע השגחה־עליונה׳דיקייט דורך די פיל־מיליאָנענדיקע מענ־געס, וועלכע ווערן מושטירט, געפירט אויף דעם שלאַכטפעלד פון קריג אָדער פּאָליטישן לעבן פון דעם גורל־מאַן, דעם זשעני פון גוטס אָדער פון שלעכטס.

דזש. ב. גלאַזיער שרייבט:

„גאוניות און די גאַנצע סופּעריאָריטעט פון זעל און קערפּער ווערן אָפּגעלייט פון, אָדער קריגן זייער מאַניפעסטאַציע דורך, דער ספּעציעלער ראַסע אָדער שטאַם און סאָציאַלע באַדינגונגען צו וועלכע דער גאון באַ־לאַנגט.״ 52)

אַרטהור דזשיימס טאָדד שרייבט:

„עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז גרויסע מענטשן נויטיקן זיך אין גרויסע מאַסן... אָן די מאַסן, וועלכע נערן און היטן זיי אָפּ, וואָלטן די

אויסגעקליבענע גרויסע אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם שנעלן אויסלעש און דאָס גוטע, וואָס זיי האָבן געטאָן, וואָלט זיכער באַערדיקט געוואָרן צוזאַמען מיט זייער געביין.״ 53)

נאַטירלעך ווערט די פאַרבנרייכע פּערזענלעכקייט רעפלעקטירט אין דער שאַרער מאַסע. און די ליובונג און רימונג פון דעם גדול הדור מוז קומען פון דעם דור אדער פון די שפּעטערדיקע דורות, אין וועלכע עס ווערן פאַרקערפּערט די העלדנטאַטן פון דעם געניאַלן יחיד, טאַטן וועלכע באַשטייען אין דעם אויפהייב פון דעם פשוטן דורכשניטלעכן מענטשן צו דער מדרגה פון א סאָציאַלער כלי פון א ספּעציעלן סאָרט.

דער עקאָנאָמיסט עדווין ר. א. זעליגמאַן שרייבט:

„בשעת זיין דערשיינונג, אין א באַזונדערן מאָמענט, זעט אויס צו זיין א צופאַל־זאַך, באַאיינפלוסט באמת דער גרויסער מענטש זיין געזעל־שאַפט בלויז דעמאָלט, ווען די געזעלשאַפט איז גרייט פאַר אים.״ 54)

די געזעלשאַפט דאַרף זיין צוגעגרייט, זיכער. דער דור דאַרף זיין ראוי מקבל צו זיין די השפעה. אָבער ווער קען זיי צוגרייטן? דער גדול־הדור איבט אויס זיין השפעה אויף זיין צייט, אויף דער גע־זעלשאַפט נאָכדעם ווי אַט־דער דור האָט שוין נהנה געווען פון דער השפעה פון אַן אַנדער גדול־הדור, וועלכער איז פאַראויסגעגאַנגען דעם קעגנווערטיקן גדול, און וועלכער „איז ניט וואָרט געווען צו פאַרבינדן די בענדלעך פון זיין שוך״. אַזוי אַרום ווערט דער דור מוכשר אויפצונעמען דעם גאון וואָס קומט שפּעטער. די הכשרה, די צוגרייטונג־אַרבעט איז, ווידער, ניט קיין אַקט פון דער טאָטאַליטעט פון דעם דור. די הכנות ווערן דורכגעפירט פון דער איניציאַטיווער מינדערהייט, און די דאָזיקע מינ־דערהייט ווערט גאַנץ אָפט רעדוצירט צו איין פּערזענלעכקייט, צו דער אַנפירנדיקער אינדיווידואַליטעט, וועלכע געפינט זיך צווישן דער מנהיג־ישער מינדערהייט.

זעליגמאַן שרייבט:

„אין מענטשלעכן לעבן קען דער גרויסער מענטש זיין דערפאָלגרייך אויף שטענדיק בלויז ווען די סאָציאַלע סביבה איז רייף.״ 55)

אָבער אַט־די רייף־ווערונג איז דאָך אויך ניט קיין פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר פון זיך אליין. מאַטוריטעט פאַלט ניט אַראָפּ פון הימל ווי מן. אין מדבר. זעלבסטפאַרשטענדלעך אז עס פאָדערט זיך א סביבה, וואָס איז צייטיק, ניט רוי. אבער די פראַגע איז דאָך, ווער קען זי מאַכן צייטיק? דאָס ווערט געטאָן פון די זונענשטראַלן און רעגנטראָפּנס וועלכע קומען ביידע אלס געשאַנקען פון דער הימל־הייכער פּערזענלעכקייט. יעדער גדול־הדור האָט א פאָרויסגייער, א וועג־אויסטרעטער, א מבשר, אַן אליהו

הנביא, וועלכער זאָגט אַן די בשורה פון זיין אָנקומען און גרייט צו די מוחות און די הערצער, דעם פאַרשטאַנד און געפיל פון פאָלק בכדי זיי זאָלן זיין גרייט אויפצונעמען די נייע לערע, דעם נייעם וואָרט און די נייע טאַט.

די פראַגע פון דעם העלד און דער מענגע איז די אייגענע פראַגע מכּוח די פאַרהעלטענישן וואָס שטעלן זיך אייך צווישן דעם מיעוט און דעם רוב.

מיר וועלן איצטער איבערזאָגן בקיצור דאָס אויבנגעזאָגטע באַריכות וועגן אָט־דעם ענין.

די הערשאַפט־מינאָריטעט בוקט זיך, אין איר אידעאָלאָגיע, פאַר דער "שקלאַפן"־מאַיאָריטעט בכדי איר זאָל אָנקומען לייכטער אָט־דער אַקט פון אוועקשטעלן אויף די קני פאַר איר אין לעבן, אין דער ווירק־לעכקייט, די „עמך"־מענטשן. וואָס זי טוט באמת איז אָט־וואָס: זי פאָלט כורעים, אין רעליגיעזן עקסטאַז, פאַר אירע קאָלאָסאַלע אויפטואונגען אין פּאָליטיק, אין מלוכה־פירעריי, פאַר אירע גרויסע טאַטן, וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין דעם פאָלק, אין זיינע קאָנגרעגירטע אויפזאַמ־לונגען. די הערשאַפט־מינדערהייט פילט זיך גרויס און רומפול פון דעם פאַקט, וואָס זי האָט באוויזן אויפצוואַועקן, צו א געוויסער מאָס, די נידעריקע געזעלשאַפטלעכע פלאַסטן, זיי ארויסנעמען פון זייער לעטאַרגישן צושטאַנד. זי איז שטאָלץ אויף דעם, וואָס איר איז געלונגען ארויסצו־רייסן די מאַסן פון די אַפּטויטנדיקע הענט פון פולשטענדיקער אינדיפע־רענץ. זי גדול'ט זיך מיט דעם וואָס זי האָט אויסגעלערנט די מאַסן צו רעאַגירן, אויף א מער אדער ווייניקער דיסציפּלינירטן אופן, צו ווערן א זעלבסטבאַוואוסטזיניק פאָלק אדער א וויפל־עס־איז זעלבסטבאַוואוסטזיניק קלאַס.

די געזעלשאַפט־סקולפּטאָרן שטייען אויף זייערע קני, בוקן זיך צו די סאָציאַלע מאָנומענטן, וועלכע זיי האָבן זיך אליין אוועקגעשטעלט.

V

סאָציאָלאָגישע זיכערקייט

די באַציאונג פון מענטשן צו זיין מיטמענטשן, אין די גאָר פּרימיטיווע צייטן, איז געווען א פיינטלעכע. מיר נעמען אָן אַז־די השערה פון די שנאה־שייכות׳ן, וועלכע האָבן געהערשט פּאַרצייטנס צווישן די מיטגלי־דער פון די פרעמדע שבטים. פרעמדקייט איז געווען א סינאָנים מיט בייזמיינענדיקייט און אפילו בעליגערענץ.

אלעקסאנדער זודערלאנד שרייבט:

„צווישן די נידעריקע ווילדע געפינען מיר אין איר פולער איינפאַכ־קייט די באַדינגונג, וועלכע מיר האָבן שוין באַשריבן, דער שבט פון פופציק פערזאָן איז צונויפגעבונדן צווישן זיך מיט שטאַרקע סימפּאַטיעס און אויך מיט דעם דרוק פון א טיפן האַס צו אַלץ, וואָס געפינט מחוץ פון שבט, א האַס וועלכער איז עכסט הארציק געוואָרן רעציפּראָצירט.״ 1)

האַס געבוירט פיינטשאפט, פיינטשאפט ברענגט צו קריג, צו פיזישער פאַרניכטונג. איין מענטש פאר דעם צווייטן מענטשן פון א פרעמדן שבט איז געווען א פשוטער געברויך־ארטיקל.

ריטשארד אנדריי שרייבט:

„א גרויסע צאָל פון די שריפטן פון די פאַרצייטיקע... שטעלן פעסט דעם פאַקט, אז אנטראָפּאָפאַגיע (מענטשן־פרעסעריי) האָט עקזיס־טירט אין אלטערטום.״ 2)

דער שטאַרקערער ווילדער, ווען ער טרעפט אָן א שוואַכערן פון זיך ווילדן, א מיטגליד פון א פרעמדן שבט, באַפאַלט ער אים, באַזיגט אים, און פאַרצוקט אים, עסט אים אויף. דער באַזיגטער שונא שטעלט פאַר מיט זיך א געוויסע קוואַנטיטעט פון פרישע פלייש. דאָס איז קאַני־באַליזם.

דזש. א. מאקקולאָך שרייבט:

„עס איז פאראן יעדע ווארשיינלעכקייט פאר דעם, אז אלע ראסן האָבן, אין איין פעריאָד אדער אין אן אנדערן, דורכגעמאכט א קאניבאַ־

ליסטישע שטופּע, וועלכע איז פאַרבליבן צופעליק אין ריטואַל אָדער אין פאָלק־מנהג, אדער זי ווערט דערמאָנט אין לעגענדע אדער אין פאָלק־מעשה." 3)

אלעקסאנדער זודערלאנד שרייבט:

„קאַניבאַליזם אלס א סיסטעמאַטישע פּראַקטיק איז דער רעזולטאט פון ווילדן מלחמה־פיר און נקמה." 4)

אויף אַט דער אַנטוויקלונג־שטופע איז פיזיאָלאָגישע פּרעדאָמינענץ דער עיקר דעטערמינאַנט. אָבער די־דאָזיקע פיזיאָלאָגישע סופּעריאָריטעט, וועלכע באַהויפּט זיך אין געפעכט און ווערט מאַניפעסטירט אין ניצחון, איז, אין א גרויסער צאָל פאַלן, אומאַנטשיידנדיק, אומבאַשטימט. דער זיג איז אַן ענין פון צופאַל, פון מזל. ער האָט ווייניק וואָס צו טאָן מיט דער אורזאַך און פאָלגע־פאַרבינדונג. דער טריאומף איז א שאַנס־זאַך, א גליקלעכע געלעגנהייט. ער איז א פאַרלויפיקע געשעעניש פון א קאַפּריזן־געפלעכט. ער איז ניט עפּעס אומפאַרמיידלעכעס, פאַרויסבאַשטימטעס. ער איז ניט קיין אָרדינאַרער פּועל־יוצא פון א באַשטימטער איינאָרדענונג פון נאָכפאָלגנדיקע אקציעס, נייערט א טובה־שמייכל פון דער מערכה, א גנאָד פון שיקזאַל. עס איז גריילעך מעגלעך, אז ער, וועלכער האָט געוואונען דעם געראַנגל און איז ארויס דער זיגער, איז באמת גאָר דער שוואַכערער פון אַט־די צוויי שלעגער. עס קען טרעפן, אז דעם נידער־געשלאָגענעם האָט דער שלעגער געכאַפּט ניט־גערעכטערהייט. אפשר האָט ער אים באַפאַלן פון א לויער־פּלאַץ, אדער, אפשר, איז ער גאָר געווען אויסגעמאַטערט פון א פאַרדעמדיקן געראַנגל, פון וועלכן ער איז טאַקע אַרויס דער זיגער, אָבער וועלכער האָט אים היפּש אָפּגעשוואַכט, האָט אים מיד געמאַכט. מיט איין וואָרט, צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן איז ער ניט געווען גרייט אין אַט־דער פאַטאַלער שעה צו באַגעגענען זיין קרעפּטיקן שונא און זיך פאַרמעסטן מיט אים מיט די כוחות. זיג אדער מפּלה האָבן זיך געוויגט אויף די וואָגשאָלן פון דער מערכה. אונטער אזעלכע אומ־שטענדן פון אומסטאַביליטעט האָט דער ניצחון ניט געקענט זיין פון דויערהאַפטיקן נוצן צו דעם זיגער. דער לעצטער האָט געמוזט רעאַ־ליזירן זיין זיג גלייך אויפן פּלאַץ, ער האָט געמוזט אָפּנעמען זיין חוב אָן אָפּלייג און טאַקע אין מזומנים. די אוטיליזאַציע פון ניצחון האָט ניט געקענט וואַרטן: מ'האָט קיינמאָל ניט געקענט וויסן וואָס דער עלעמענט פון צייט וואָלט דאָ געקענט טאָן אין דעם פּרט פון איבערבייטן דעם באַלאַנץ פון די כוחות, וועלכער האָט זיך לעת־עתה איינגעשטעלט צווישן די צוויי שטרייטנדיקע צדדים. דער גמר, געברויך, איז דער סוף־פּסוק פון אלצדינג. דער קרעפטן־וויכוח איז ניט געווען געענדיקט אָן דעם

ענדגילטיקן שלוס־וואָרט פון ממית׳ן און אויפפרעסן דעם געפאלענעם, ד. ה. איבקאָרפּאָרירן אים, ניט אין דער פּאָליטישער קערפּערשאפט, נייערט איינפאך אין דעם ביאָלאָגישן קערפּער, איינמאָל פאר אלעמאָל אים אסי־מילירן, פאַרוואַנדלען אים אין אייגענע פליייש און בלוט און אויף אזא שטייגער אונטערפירן דעם סך־הכל אונטער אלע זיינע חשבונות מיט דעם געשלאָגענעם פיינט.

ג. טאַרד שרייבט:

„ובכן האָט קאַניבאַליזם געמוזט ארויסוואַקסן, לכתחילה, פון אימיטירן דעם פרימיטיוון געיעג.״ 5)

דער פרימיטיווער קריג־פיר איז כמעט דאָס אייגענע וואָס מענטשן־יאַכט.

פ. בערגערמאַן שרייבט:

„קאַניבאַליזם צוליב נקמה און קריג־צאָרן געפינען מיר ביי פאַר־שיידענע שבטים... דעם באזיגטן שונא האָט מען געמוזט פאַרניכטן אזוי פולשטענדיק ווי נאָר מעגלעך.״ 6)

מחמת קיין זאַך אויסער עקסטערמינאַציע איז ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרזיכערן דעם אָפּגעהאַלטענעם ניצחון. בכלל איז דער טיף־פרימי־טיווער מענטש זייער א שוואכער באַאָבאַכטער און נאָך אַ שוואַכערער אונטערשיידער צווישן דאָס ראַיעלע און דאָס פיקטיווע. דעריבער האָט ער ניט געקענט טרויען אפילו דעם טויט. ער האָט ניט געקענט מבחין זיין צווישן טויט און שלאָף אדער חלשן. קען מען דען ניט סימולירן טויט? טוען עס דען ניט די אַנימאלן, די אינזעקטן, ווען זיי האלטן שמאָל, זיי מאַכן זיך ווי גע׳פּגר׳ט. די אייגענע פערזענלעכע זיכערקייט פון זיגער האָט געפאָדערט פון אים, אז ער זאָל דערפירן זיין ארבעט צו אַן אולטימאַטיוון סוף. און דאָס האָט געמיינט פאַרניכטן דעם שונא קערפערלעך. די רויב — פליייש, ביינער, בלוט פון דעם הרוג — געהערט על־פּי־דין און על־פּי־יושר צו דעם זיגער. דאָס איז געווען דער לוין, וועלכן ער האָט געקראָגן פאר זיין טרחה און סכנה צו וועלכער ער האָט זיך אויסגעזעצט.

יוליוס ליפּערט שרייבט:

„דאָס נקמה נעמען פון א שונא איז ניט געווען פאַרפול, ווען זיין זעל איז ניט געוואָרן צעשטערט. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַנטראָפּאָפאַגיע.״ 7)

דער אָבערגלויבן, אז די זעל בלייבט אומבאַרירט סיידן דער קערפער ווערט פאַרניכטעט, נעמט זיך, מסתמא, פון דעם פאקט וואָס גאנץ אָפט פלעגט דער געשלאָגענער „אויפשטיין צו תחיית־המותים״ פון אַן אָקט

פון טויט־סימולירונג און נעמען ראַכע פון זיין ראַכע נעמער. דער זיג דעריבער, בכדי ער זאָל ווערן א דבר של קיימא, א פינאַליטעט, האָט געמוזט ווערן „פאַרפּלעקלט״, פאַרבויגן פון יענער זייט, ווי אַן אריינגע־קלאַפּטער טשוואָק, און דאָס האָט מען געקענט דערגרייכן בלויז דורך אַ פאַרצערונג פון דעם פיינט, דורך אויפפרעסן אים, פשוט, אָן מחזקות. בקיצור די מפלה פון שונא האָט געפירט אין א דירעקטער ליניע צו א „סעודה של מצוה״ פאַרן זיגער און צו א „ברכת־המזון״. דער נידער־געשלאָגענער שונא קריגט זיין בכבוד'יקן פלאַץ אין מעניו, ער ווערט א דיעטעטישע פּראַפּאַזיציע...

דזשאהן לובבאַק שרייבט:

„די פעגאַניער זיינען געווען עכסט פאַרביסענע קאַניבאַלן, און זיי האָבן אזוי ליב געהאַט מענטשן־פלייש אז 'דער גרעסטער שבח, וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן א טייערן מאכל, איז געווען, אז ער איז אזוי באַ־טעמ'ט ווי א בר־מינן'. נו, זיי זיינען געווען אזוי פאַרצויגן אז זיי האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן דעם טעם פון א ווייסן מענטשן. זיי האָבן בעסער אָפּגעשאַצט די פלייש פון פרויען איידער פון מענער, און זיי האָבן באַ־טראַכט דעם אָרעם העכער פון עלנבויגן און דעם דיך אלס די בעסטע שטיקלעך פלייש, און זיי זיינען געווען גייציק און מענטשן־פלייש האָבן זיי געהאַלטן בלויז פאַר מענער, זיי האָבן עס געהאלטן פאַר צו טייער עס אוועקצוגעבן צו די פרויען.״ 8)

דאָס מענטשלעכע וועזן איז געווען פאַררעכנט פאַר א טייל פון דער פוינע, עס איז געווען אזוי ווי אַן אנדער באַשעפעניש פון דעם קיניגרייך פון די בעלי־חיים.

עדווין מ. לאָעב שרייבט:

„פּראַזער האָט באַוויזן אין זיין גאָלדן צוויג, אז די פּרימיטיווע מענטשן מאַכן ניט קיין חילוק צווישן מענטשן און אַנימאַלן, און די דאָזיקע באַהויפּ־טונג ווערט באַשטעטיקט אויך דורך דער באַאָבאַכטונג פון פילע, וועלכע האָבן געאַרבעט אויפן געביט פון אמעריקאַנער אינדיאַנער מיטאָלאָ־גיע.״ 9)

די באַיאָונג פון דעם אייגענעם לעבן פון ווילדן איז געגאַנגען פּאַראַלעל מיט דער פאַרניינונג פון די לעבנס פון אנדערע מענטשן. צו לאָזן דעם באַזיגטן א לעבעדיקן איז געווען סכנת־נפשות, ווייל ער איז, אייגנטלעך, ניט געווען באַזיגט כל־זמן ער האָט נאָך געאָטעמט און אין אים האָט נאָך געקלאַפּט אַן אָדער. ווי האָט ער גאָר געקענט זיין נידערגעשלאָגן, אויב ניט דערשלאָגן אויף טויט. צו פאַרניכטן, צערייסן אויף שטיקער, דעם שונא און דערנאָך אים ניט אויפעסן, וואָלט באַטראַכט געוואָרן ווי פשוטע

אויסברענגעריי. און דער מענטש, דער בר־דעת, איז געווען, אויף די פריסטע שטופן פון אנטוויקלונג, זייער אויסגערעכנט און עקאָנאָמיש. ער האָט זיך ניט געקענט דערלויבן אזא עקסטראַוואַגאַנץ.

פּ. בערגערמאן שרייבט:

„מיר האָבן אין אונדזער באַזיץ אן איראָקוואַנישע סאגא: ׳מאניטו פרעגט דעם יעגער, פארוואָס ער עסט דאָס פלייש פון זיין גלייכן, און דער לעצטער ענטפערט, מחמת עס איז באַ׳טעמ׳טער פון די פלייש פון די בופלאָקסן און אנדערע בעלי־חיים, און מחמת דעם וואָס עס וואָלט זיין א שטות צו לאָזן דעם טויטן קערפּער פון שונא פאר די וועלף און פיקס.״ 10)

דער ווילדער האָט פשוט געזשאַלעוועט דאָס פלייש, ער האָט עס ניט געקענט לאָזן גיין אין ניוועץ.

נאָך א לאנגן פעריאָד פון צייט באַוויזט זיך דער געפאַנגענער אלס אַ מיטגליד פון דעם פיינטלעכן נידערגעשלאָגענעם שבט, הארדע אדער אלס אן אינדיווידי, וועלכן מ׳האָט געכאפּט אין א פאַסטקע, אדער אָפּגעצאָטעוועט און באַפאַלן פון א לויער. דער יסוד, אויף וועלכן די גראַנדיעזע אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי איז ארויפגעבויט געוואָרן, איז געלייגט געוואָרן, היסטאָריש ריידנדיק, זייער שפּעט. פארוואָס שפּעט? ווייל האַלטן שקלאַפן און זיי אויסנוצן איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אין דעם גאָר גרויען פארצייטנס.

ל. ט. האבהויז שרייבט:

„אין דעם יעגער שבט וועלכער לעבט „פון האַנט צום מויל״ איז פאַראַן זייער ווייניק פלאַץ פאר דער ארבעט פון א שקלאַף. די שווערערע און ווייניקער אינטערעסאנטע ארבעט קען מען לאָזן פאר די פרויען, און די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די מענער איז געווען דער קריג.״ 11)

חוץ דעם, דער מענטש האָט אויף אָט־דער נידעריקער אנטוויקלונגשטופע, ניט געקענט אוטיליזירט ווערן אלס א קוואַל פון ענערגיע און ארבעט־קראַפט. אין די דאָזיקע גרוי־פּאַרטאַגיקע צייטן האָבן דעם דורכשניטלעכן מענטשנס פראָדוקטיווע כוחות זעלטן אריבערגעיאָגט זיינע מינימאַלע געברויך־באַדערפעניש. דער מענטש איז דעמאָלט געווען מער א קאָנסומענט ווי א פראָדוצענט. ער איז כסדר געווען א בעל־חוב צו זיין אייגענעם מאָגן.

ה. בערקורסקי שרייבט:

„די הכנסה וואָס איז אריינגעקומען פון געיעג, פיש כאַפּן און פלאַנצן אויף אַ קליינעם מאסשטאב איז געווען אזא מאָגערע, אז פאַלן פון הונגער־טויט זיינען ניט געווען קיין זעלטנהייט... בלויז פאר קליינע זיך־ארומ־

בלאָנקענדיקע הארדעס זיינען געווען געגוג אויפהאלט־מיטלען, פאר שקלאפן איז ניט געווען ניט קיין ארבעט און ניט קיין שפייז.״ 12)

פ. ענגעלס שרייבט:

„פאַר דעם באַרבאַר פון א נידעריקער שטופע איז דער שקלאַף געווען אומניצלעך... מענטשלעכע ארבעט־קראַפט אויף אַט־דער שטופע האָט נאָך ניט פראָדוצירט קיין באדייטנדיקע סומע וועלכע זאָל אריבערשטייגן די אויפהאלט־אויסגאבן.״ 13)

„ביז אַט יענער צייט האָבן זיי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זייערע קריג־געפאַנגענע און דעריבער האָבן זיי זיי פשוט דער׳הרג׳ט; אין נאָך אַ פריערן פעריאָד זיי געגעסן; אָבער אויף דער שטופע פון „דער עקאָנאָמישער אָרדענונג״, וועלכע מ׳האָט איצט דערגרייכט האָבן די געפאנגענע געהאט א ווערט; זייערע פעינגער דעריבער האָבן זיי געלאָזן לעבן און האָבן אויסגענוצט זייער ווערט.״ 14)

פיליפ סנוידען שרייבט:

„די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי איז אויפגעקומען, ווען דעם מענטש־שנס ארבעט־קראפט איז געווען מער ווי גענוג צו באַפרידיקן זיינע ערשטלעכע באַדערפענישן.״ 15)

די ציטירטע מחברים גיבן אונדז א ריין־עקאָנאָמישע דערקלערונג פאר דעם שפעטן אויפקום פון דער שקלאפעריי־אינסטיטוציע. מיר וואָלטן וועלן דאָ באַטאָנען די סאָציאָלאָגישע סיבה פאר דער פאַרהעלטענישמע־סיקער פאַרשפעטיקונג פון אַט־דעם כמעט אלוועלטלעכן סאָציאַלן אָב־שטאַלט.

דער געפאַנגענער האָט ניט געטויגט אלס אן עקאָנאָמישער סוביעקט אדער אין וועלכער עס איז אנדער בחינה, לאָמיר זאָגן, אלס העלפער אין מלחמה, אין אָנפאלן, און זיגן, אין ראבירונג וכדומה בכבוד׳יקע באַשעפ־טיקונגען, מיט וועלכע די פאַרצייטיקע מענטשן האָבן זיך פאַרנומען, פשוט דערפאַר וואָס זיין פעינגער, זיין ציטווייליקער זיגער איז קיינמאָל ניט געווען זיכער מיט דער אנטשיידנקייט פון זיין ניצחון און ממילא האָט ער ניט געקענט זיין זיכער מיט זיין געפאַנגענעם. דער אריבערצי פון מאכט, וואָס האָט זיך רעגיסטרירט צו זיין גונסטן, האָט זיך לייכט געקענט ענדערן. דער דורכפאַל פון זיין שונא איז געווען, אמת, קאַטאַסטראָפאַל, אָבער דערפאַר ספּאָראַדיש. א בייט פון זייערע ראָלן און פּאָזיציעס איז ניט געווען אויסגעשלאָסן. זיגער און באַזיגטער זיינען געווען צו נאָענט איינער צום אַנדערן. דער זיג איז ניט געשטאַנען אויף א סאָלידן גרונט. ער האָט זיך לייכט געקענט אויסגליטשן.

ל. ט. האבהויז שרייבט:

„א שבט וואָס וויל קריגן שקלאַפן דאַרף ניט נאָר זיגן, ער דאַרף אויך זיך אָפּהאַלטן פון דער׳הרג׳ענען זיינע געפאַנגענע. און מיר האָבן שוין געזען ווי די שווערקייט אויסצואיבן אזא איינגעהאַלטנקייט קעמפט קעגן דעם אויפקום פון שקלאַפערײ אין דער ווילדער געזעלשאַפט און ווי, אין קאָנסעקווענץ, הגם די אידייע פון שקלאַפערײ איז ווייט און ברייט פאַרשפּרייט אין דער ניט־ציוויליזירטער וועלט, די אינסטיטוציע ווערט מער וויכטיק טריט ביי טריט מיט דער אַנטוויקלונג פון ציוויליזאַציע.״ 16)

דאָס איז ניט קיין פראַגע פון קענען זיך באַהערשן און זיך איינהאַלטן פון דער׳הרגענען דעם באַזיגטן שונא. עס איז אַ פראַגע פון זיכערקייט. דער פּרימיטיווער שבט האָט זיך ניט געקענט דערלויבן אזא מאָראַלישן לוקסוס, בכדי עס צו טאָן, האָט ער געמוזט האָבן אַ מינימום פון זיכערקייט. און אַט דעם מינימום האָט ער ניט פאַרמאָגט. צו דער־הרג׳ענען אַ שונא איז פיל לייכטער ווי צו ׳פאַרשטוביקן׳ אים. אויס־קיילענען, פאַרניכטן איז פיל גרינגער ווי נעמען אַ גאַנצע באַפעלקערונג אדער אַ היבשן טייל אירן און צווינגען צו דינען די אינטערעסן פון די זיגער. עס איז לייכטער איבערצוברעכן ווי איבערצובויגן. און מהאי טעמא פאָלגט אנהיליזם, אלס אַ סיסטעם און מעטאָד פון באַהאַנדלען די באַזיגטע שונאים, גלייך נאָך קאַניבאַליזם.

מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פון אנגיהיליזם.

„אָבער פון די שטעט פון די דאָזיקע פעלקער, וועלכע יהוה דיין אלהים גיט דיר אלס אן ערבשאַפט זאָלסטו ניט לאָזן לעבן קיינעם וואָס אָטעמט, נייערט פאַרניכטן זאָלסטו זיי פאַרניכטן.״ 17)

עדוואַרד גיבבאָן שרייבט:

די דריי גרויסע רעזידענץ־שטעט פון כאָראַזאַן... האָבן די ארמייען פון זינגהיס חרוב געמאַכט; און די פינקטלעכע צאָל פון די דער׳הרג׳טע האָט באַטראָפן בערך פיר מיליאָן דריי הונדערט זיבן און פערציק טויזנט... טימור אָדער טאַמערלאַן האָט אויסגע׳הרג׳ט אינדיאַנישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן אַ שמייכל געטאָן, ווען די ארמיי פון זייערע לאַנדסלייט האָט זיך באַוויזן... די באַפעלקערונג פון איספּאַהאַן האָבן צוגעשטעלט 70,000 שאַרבנס פאַר דער בויאונג פון פילע הייכע טורעמס... אן ענלעכן שטייער האָט מען אויפגעמאָנט פאַר דעם אויפשטאַנד אין באַגדאַד... און די עקזאַקטע סומע איז געגעבן... בערך 90,000 קעפּ.״ 18)

נאָך דעם ערשטן פעריאָד פון קאַניבאַליזם קומט דער צווייטער פעריאָד פון אַנגיהיליזם, גאַנץ אָפט טרעפט אז די צוויי פעריאָדן מישן זיך אויס, קומען צוזאַמען, דערנאָך פאָלגט דער דריטער פעריאָד, וועלכן מיר

וועלן באַצייכענען מיטן טערמין אַנטראָפּאָמעכאַניק. אין דעם פעריאָד ווערט דער מענטש אוטיליזירט אין זיין בחינה פון אן אינסטרומענט, מ׳נוצט דעם מענטשן אלס א קוואַל פון פיזישער און גייסטיקער ארבעט־קראַפט.

ע. קאַנט שרייבט:

„אין דעם גאַנצן באַשאַף מעג יעטוועדע זאַך געברויכט ווערן אלס א מיטל, בלויז דער מענטש איז אויסגעשלאָסן. ער אליין איז א צוועק אין זיך זעלבסט. ער איז דער סוביעקט פון דעם מאָראַלן געזעץ אין כוח פון דער אויטאָנאָמיע פון זיין פרייהייט, און דער געזעץ איז הייליק. צוליב דעם זעלביקן טעם איז יעטווידער ווילן, ניין, יעדער מענטשנס ווילן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אים אליין, איינגעהאַלטן דורך דעם באַדינג פון זיין צוזאַמענפאַלן מיט דער אויטאָנאָמיע פון א וועזן א בעל־שכל, נעמלעך, אז ער זאָל ניט זיין משועבד צו קיין שום צוועק, וועלכער איז ניט מעגלעך אונטער דעם געזעץ, וואָס איז ראוי צו עמאַנירן פון דעם ווילן פון דעם סוביעקט אליין. פאָלגלעך, דורך דעם באַדינג פון קיינמאָל ניט צו גע־ברויכן זיך אלס א מיטל, נייערט תמיד אלס א צוועק.״ 19)

דאָס איז דער גרעסטער און וויטסטער אידעאַל פון דער איכהייט. די ווירקלעכקייט איז זייער וויט פון דעם צושטאַנד.

די אינטערקלאַסן פאַרהעלטענישן זיינען באַזירט אויסשליסלעך אויף דעם פּרינציפּ פון האָמאָאינסטרומענטאַליזם. מענטש פאַרן מענטשן איז א מיטל און ניט קיין זעלבסט־צוועק. קאַנטס עטישער אידעאַל וואָלט פּסל׳ען, מאַכן אוממעגלעך יעדע פּאָליטישע טעטיקייט אזוי גוט ווי יעדן עקאָנאָמישן מגע־ומשא. ווען מ׳פאָלגט קאַנטן וואָלט ניט קענען זיין ניט נאָר קיין לוין־ארבעט, נאָר בכלל קיין שום באַדינונג. מענטשלעכע פאַרהעלטענישן דאַרפן זיין קעגנזייטיק. דאָס איז אלץ. די צוועקן און מיטלען דאַרפן אלטערנאַטירן: איצט בין איך דער צוועק און דו ביסט דער מיטל, און אלס קאָמפּענסאַציע, א מאָמענט שפּעטער, אין אַן אַנדער סיטואַציע, בין איך דער מיטל און דו ביסט דער צוועק. אַט־די פאָדע־רונג, אז קיינער זאָל ניט זיין שטענדיק א צוועק און קיינער זאָל ניט זיין תמיד א מיטל, קען מען פאָרמולירן אלס אַן עטישן אידעאַל וועלכער וואָלט געהאַט א שאַנס פאַרווירקלעכט צו ווערן אין די ראַמען פון אונדזער געמיינשאַפט. בשעת קאַנטס פאָרמולירונג, ווען מ׳זאָל זי נעמען ווי זי שטייט און גייט, וואָלט זיין קאַפּאַבל צו צערייסן אינגאַנצן אלע פאַרבינ־דונגען און פאַרקניפּונגען פון דער קאָמונאַליטעט. זעלבסט־צוועקן קענען ניט וועבן קיינע שייכות׳ן. זיי זיינען עפּעס א מין סאָרט פון זעלבסט־גענוגנדיקע, זעלבסט־אַנהאַלטנדיקע אבסאָלוטן. צוויי פּועל־יוצא׳ס שאַפן ניט קיין פאַרפלעכטונג. עס דאַרף זיין אן אורזאַך און א פּועל־יוצא בכדי

א נעקסוס, א קניפל זאָל קענען געשאפן ווערן. צוויי זעלבסט־צוועקן עטאַבלירן ניט קיין שום קאָנטאַקט. קאַנטס אידעאַל ליגט אויף יענער זייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, אויף יענער זייט פון יעטוועדער געמיינשאפט, ווי פראַגרעסיוו איר סטרוקטור זאָל ניט זיין.

דער פעריאָד פון האמאאינסטרומענטאַליזם ווערט איינגעטיילט אין אַ גאַנצער סעריע פון גראַדאַציעס. די ערשטע שטופע איז שקלאַפעריי פון דער אינדוסטריעלער וואַריאיטעט. (עס איז אויך געווען אַ קאַניבאַ־ליסטישע ווערסיע פון קנעכטשאפט, ווען מ'האָט געהאַלטן געפאַנגענע, זיי געקאָרמעט, כמעט ווי בהמות, פאַר ריינע אַנטראָפּאָפאַגישע צוועקן). די צווייטע דרגא איז לייבאייגנטום; די דריטע מדרגה איז „לוינענטום", (סאַלאַריאַט). די פערטע סטאַדיע איז צו שווער צו דעפינירן מיט וועל־כער־עס־איז מאָס פון פרעציזיטעט: דעם טראַסט אדער „עקאָנאָמישן בירגערטום" וואָלטן מיר געקענט רופן, פשוט, „נאַציאָנאַלע שותפותשאפט" אויף א גרויסן מאַסשטאַב, בשעת דעם קאָמוניסטישן, פאַשיסטישן, נאַ־ציסטישן איינשטעל וואָלט מען געמעגט אַ נאָמען געבן „דינסטום" אדער „האָרעפּאשניקעריי" אדער „פראַצע־פּריצעשאפט". אדער מ'האָט אָט־דעם איינשטעל געקענט באַצייכענען, אין קאָנטראַדיסטינקציע פון „לוין־שקלאַ־פעריי,"*) א זידל־וואָרט מיט וועלכן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן רופן אָן די לוין־סיסטעם, אלס „שקלאַפעריי אָן לוין", אלס פליכט־שקלאַ־פעריי! ווי בערטראַם בענעדיקט שרייבט: „מחמת די קאסטעס־סיסטעם ביים סאָציאַליזם (נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פון היטלערן אזוי גוט ווי נאַציאָ־נאַל־קאָמוניזם פון סטאַלינען) וואָלט זיך האַלטן אויף דינסט." 21)

דער דריטער פעריאָד, וועלכן מיר האָבן דעפינירט אלס אנטראָפּאָ־מעכאניק, מיט זיין פולער מאָס פון אונטער־פעריאָדן, וויזט באַשיינ־פערלעך, אַז דער זיגער פּילט זיך זיכער אין זאָטל אויף דעם הייכן פערד פון סאָציאַלן דערפאָלג. זיין פּאָזיציע איז באַוואָרנט קעגן יעטוועדן אומאַנגענעמען סורפּריז. דער מענטש קען ניט נאָר בייקומען זיין מיט־מענטשן, נייערט, וואָס עס איז פיל וויכטיקער, ער קען אים געברויכן אלס אינסטרומענט און פלעגן דערביי זייער קעגנזייטיקן אינטערעס און די אינטערעסן פון דער געמיינדע און ציוויליזאַציע בכלל. אָט־דער פעריאָד איז ענלעך אין פילע הינזיכטן צום פעריאָד פון דאָמעסטיקאַציע און צוימונג־טאָמעוואונג פון בעלי־חיים. דער „העלד" — ענטוועדער אין

*) פרעד הענדערסאָן שרייבט: „מיר סאָציאַליסטן קענען ניט זען קיין שום וועזנטלעכן חילוק צווישן אָט־דער סיסטעם, וועלכע מיר רופן „לוין־שקלאַפעריי", און דער אַלטער סיסטעם פון 'האָב און גוטס־שקלאַפעריי'." 20)

זיין יחידישער פּערזאָן אָדער אין זיין קאָלעקטיוויטעט פון האָרדע, שבט צו עפּעס אַן אַנדער ביאָ־סאָציאָלאָגישער פאָרמאַציע — שטייגט אַריבער מיט זיינע „טוגנטן", מיט זיינע פייאיקייטן דעם באַזיגטן אינדיווידו אָדער באַזיגטע גרופּע. יענע „טוגנטן" מעגן זיך זיין ניט קיין גרויסע עטישע מורנוס, אָבער אויף יענער אנטוויקלונג־שטופע האָבן זיי געמיינט זייער פיל אין דעם געראַנגל פאַרן לעבן, געדייען און דורות אויפהאָדעווען. אָט־די עקסעלענץ האָט דערגרייכט אזא הייכע שטופע, אַז דער זיגער פילט זיך באַוואָרנט, רואיק־זיכער אין זיין פּאָזיציע. ער האָט מער קיין מורא ניט צו נעמען דעם נידערגעשלאָגענעם און אים האלטן מיט זיך, אים כסדר אויסניצן. אויף אזא שטייגער רעאַליזירט דער זיגער זיין ניצחון ביסלעכווייז. ער ציט אויס זיין זיג איבער אַ פּעריאָד פון אַ לאַנגער דוראַציע, וועלכע נעמט אַרום, לכתחילה, אַ מענטשנס לעבן און, דערנאָך, די קומענדיקע דורות, ווייל די קינדער וואָס ווערן געבוירן פון שקלאַפן בלייבן שקלאַפן אין הויז לעולם ועד. אַזוי אַרום ציט דער זיגער אויס זיין זיג פון מאָמענט אין דער אייביקייט אַריין.

אַלעקסאַנדער זודערלאַנד שרייבט:

„די פּראַקטיק פון פאַרקויפן אַ שונא אין שקלאַפעריי זעט אויס צו זיין ניט קיין גרויסער מאָראַלער פאָרטשריט לגבי דאָס הרג׳ענען אים; דאָך, באַטראַכט ווי געהעריק, איז פאַראַן אַ פאַרמינדערונג פון בלוט־דאָרשטיקייט, ווען ראַכע קען ווערן באַזיגט פון גייץ... אַזוי בשעת׳ן געשלעג, ווען דער באַרבאַר איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון דער אוממיטל־באַרער און שטורמישער באַפרידיקונג, וואָס עס גיט אַ האַק טיף אַריינ־געזעצט אין שונא׳ס שאַרבן, און זיך איינצוזימען צוליב דער ווייטערער און געשטעלטערער הנאה וואָס עס גיט דער פּרייז פון שקלאַפעריי, ערשט דעמאָלט הייבט אָן די פאַרדאַמינגענץ פון דער מער ברוטאַלער ליידנשאַפט צו פאַרגיין." 22)

זודערלאַנד רעדט וועגן דעם איבערגאַנג פון מאָרד צו שקלאַפטום בלויז פון שטאַנדפּונקט פון פּסיכאָלאָגיע און מאָראַל־אַנטוויקלונג. אויף וויפל דער ווילדער קען זיך באַהערשן, איינצאַמעווען דעם יצר־הרע פון רציחה. דאָ איז אָבער אַקטיוו אַן אַנדער פאַקטאָר, וועלכער איז דער פּעולה׳דיקסטער און דאָס איז די שטופע פון סאָציאָלאָגישער באַוואָרנט־קייט. דער אָפּשאַף פון הרג׳ענען, און דער איינפיר אנשטאָט דעם פון שקלאַפטום, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער גרעסערער סאָציאָלאָגישער באַוואָרנטקייט וועלכע איז בינתיים דערגרייכט געוואָרן. די ראַפינירונג פון די געפילן איז דער פּועל־יוצא, ניט די סיבה פון אָט־דער ענדערונג. שקלאַפעריי זאָגט עדות, אַז די סאָציאַלע דיפערענציאַציע געפינט זיך אין

א פּראָצעס פון אויסוואקס, אז זי פּראָגרעסירט, און אז אַט־די זיך־אויס־בּרייטערנדיקע דיוּוערגענץ גיט די געלעגנהייט צו א שבט אדער א קאָמבינאציע פון משפּחות ניט נאָר בייצוקומען אין געשלעג, נאָר אויך צו פאַרוואַנדלען די מיטגלידער פון אַן אַנדערן סאָציאַלן אַגרעגאַט אין געוועדקצייג פון א ספּעציעלן כאַראַקטער.

הערבּערט ספּענסער שרייבט:

„אין דער לעצטער צייט האָט געוואוינהייט געבוירן דעם געדאַנק, אז שקלאפעריי איז אַן אויסנאַמספאַל אינסטיטוציע, בשעת די באַאָבאַכטונג פון אלע געזעלשאַפטן אין אלע צייטן ווייזט, אז שקלאַפעריי איז די רעגל און פרייהייט איז דער אויסנאַם.״ 23)

איך גלויב ניט אז מ׳קען ריידן בנוגע פרייהייט און שקלאַפעריי אין טערמינען פון כלל און יוצא מן הכלל. פרייהייט איז ניט ווייניקער די רעגל ווי שקלאַפעריי, אלץ ווענדט זיך אָן דער אַנטוויקלונגס־שטופע, וועלכע די סאָציאַלע דיפערענציאַציע האָט באוויזן צו דערגרייכן. שקלאַ־פעריי און פרייהייט זיינען ניט קיין אַנטיפּאָדן, קיין קעגנזאַצן. דער חילוק צווישן זיי איז אַן ענין פון דרגא, ניט פון מין. זיי ווערן באַדינגט פון דער טיפקייט פון דער סאָציאַלער גראַדאַציע. פרייהייט פאָדערט אלס א תנאי קודם למעשה א טיפערע און א מער סאָליד־עטאַבּלירטע סטראַ־טיפיקאציע, לייב־אייגנטום, אלס אַ מיטנוועג־קרעטשמע, וועלכער גע־פינט זיך צווישן שקלאַפעריי און דאָס וואָס ספּענסער רופט „פרייהייט״ איז אויך בלויז א צייגעניש, אז דער אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ דעם זיגער פון דעם באַזיגטן, איז געוואָרן היפּש טיפער. אַט־די טיפקייט האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאר דעם אָפּשאַף פון שקלאַפטום. שקלאַפעריי, נאַטירלעכערוויז, גרייט צו דעם וועג פאר לייבאייגנטום. זי פלעגט א גאַנצע סעריע פון דיפערענציאַציעס. זי קולטיווירט זיי. זי פאַרשנעלערט דעם טעמפּאָ פון זייער עוואָלוציע־פּראָצעס. און א דאַנק דעם דאָזיקן פאַנאַנדערוויקל פון די דיפערענציאַציעס ווערט דער איינפיר פון דער סיסטעם, וועלכע מ׳האָט כאַראַקטעריזירט אלס האלב־שקלאַפעריי און האלב־פרייהייט, נעמלעך, לייבאייגנטום מעגלעך און ארבעטזאַם. אונטער לייב־אייגנטום ווערט די דיפערענציאַציע צווישן די צוויי קאָנטראַגענטן פון דעם סאָציאָלאָגישן פּראָצעס, צווישן דעם „דאַמעסטיקאַטאָר״ און דעם „דאָמעסטיצירטן״, נאָך גרעסער און נאָך מער מערקעוודיק, כמעט אַנטאָפּ־באַר. זי עסט זיך אַריין אין סאַמע לייב פון דער אינטער־גרופּן פאַר־העלטעניש. די אויבן־גרופּע וויקלט פאַנאַנדער אירע פּאָטענציאַליטעטן צו א גרעסערער מאָס. די אינטערשטאַנדן דיסטאַנץ ווערט לענגער און בּרייטער. די אינטערקלאַסן רעציפּראַציטעט, דער קאַמונאַלער געוועב פון

די צווישנשטאַנדישע פאַרקניפּונגען ווערט פאַרפלאָנטערט, פאַרוויקלט. דאָס באַנעמען פון דעם וועבן־פּראָצעס און דאָס קענען אָנהאַלטן די פאַר־קניפּונגען איז איבער דער השגה פון דעם דורכשניטלעכן מיטגליד פון דער געמיינזאַמקייט. און קוואַזי־ספּעציאַליסטן, קריגער־שלעגער באַטרעטן די אַרענע פון דער געשיכטע אין זייער ראָלע פון ציווילע „אָרגאַניזאַטאָרן."

זיך־פאַרדינגערייַ אַלס אַ פּרעדאָמינירנדיקע אינסטיטוציע, קלאַפּט אין טיר. מ'לאָזט זי אַרײַן. זי איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט. אַן אומאיבער־בריקבאַרער תהום גענעצט צווישן דער אויבערשטער מינאָריטעט און דער אונטערשטער מאַיאָריטעט. די העכערע קוואַליפיקאַציעס, וועלכע האָבן זיך אַנגעקליבן און זיך אַפּגעלייגט אין דער דירעקטירנדיקער מינאָ־ריטעט זיינען אַזוי וועזנטלעך, אַזוי וויכטיק, אַז די געוויינטלעכע מיט־גלידער פון דער מאַיאָריטעט קענען אפילו ניט חלומען וועגן דערגרייכן אַזאַ אייגנשאַפטן־אויסשטאַטונג. און דעריבער איז איצט אַזוי לייכט, פאַרהעלטענישמעסיק, צו דאָמינירן. די אויסאיבונג פון דער עקאָנאָמי־שער הערשאַפט און סאָציאָלאָגישער פּירערשאַפט, וועלכע איז צונויפ־געפּאָרט מיט דער ווירטשאַפטלעכער הנהלה, גייט זיך אָן אַזוי גלאַט, אַז זי דאַרף אפילו ניט אָנקומען צו יורידישע צוואַנג־מיטלען. אונטערגע־וואָרפנקייט, שיעבוד זעט אויס צו זיין אַ מין סאָרט פון פּריוויליקייט, פון וואָלונטאַרישקייט. די נידעריקע שיכטן גייען אין שפּאַן, שפּאַנען זיך אליין איין, שלעפּן דעם עקאָנאָמישן וואָגן צוליב די ביסל האָבער און היי, וועלכע זיי קענען אַנדערש ניט קריגן סיידן פון די הענט פון זייערע „פאָרמאַנעס". אָט־די סטאַדיע רופט מען אָן „פרייהייט" דערפאַר, וואָס קיין לעגאַלער צוואַנג ווערט ניט אָנגעווענדט. מ'צווינגט ניט די מענטשן פון די וואָס פאַרדינגען זיך אַז זיי זאָלן זיך פאַרדינגען. און די קאָנטראַקט־פאַרהעלטענישן צווישן זיי און די וואָס דינגען זיי געשטאַלטיקן זיי ווי זיי „ווילן". געדונגענשאַפט לויט איר עצם טבע איז אַ „פרייע" אינסטי־טוציע.

ה. מ. הינדמאַן שרייבט:

„אַ פרייער מענטש, וואָס לעבט אין זכות פון די יעניקע, וועלכע האָבן אין זייער רשות די מיטלען פון חיונה־ציען, און זיי קענען רעגולירן, דורך קאָנקורענץ, אָדער ביוראָקראַטישע פאַראָרדענונגען פון דעם קלאַסן־שטאַט, דעם סכום פון זיין באַלוינונג, איז ניט קיין סך בעסער ווי אַ האָב־און־גוטס־שקלאַף אין אַ פאַרמאַסקירונג." 24)

הינדמאַן איבערטרייבט אַ רעכט ביסל, אָבער וועזנטלעך באַנעמט ער די סיטואַציע.

געדונגעריי איז א צייגעניש פון דער גבורה פון דעם קאָמאַנדירנדיקן קלאַס, וועלכער איז איצט אזוי מעכטיק, פאַקטיש עקאָנאָמיש אז ער נויטיקט זיך מער ניט אין יורידישע מיטלען בכדי צו האַלטן אין אונטער־יאָכונג די נידעריקע מאַסן.

זיך צו באַקלאָגן אויף אָט־דעם טרויעריקן צושטאַנד איז נוצלאָז. בלויז איין וועג איז אָפן פאַר דער אַנטוויקלונג און דאָס איז ממשיך־צו־זיין אין דער זעלביקער ריכטונג, ד. ה. פאַרטיפן די דיפערענציאַציע. אָט־די פאַרטיפונג וועט פאַרגרעסערן די אַקטועלע אָפּהענגיקייט פון די מאַסן און דורך דעם שאַפן א רעפלעקטיווע פאָרם פון „פרייהייט". די ברייטע מאַסן פאַרשטייען גאַנץ גוט די לאַגע פון עקאָנאָמישער מאַכטלאָזיקייט, אין וועלכער זיי ווערן געהאַלטן דורך די אומברחמנות׳דיקע אומשטענדן. און זיי קלאָגן זיך ניט צופיל. זיי גיבן זיך אונטער כמעט ווי ברצון. זיי ווייסן, אז זייער מצב איז א פאַטאַליטעט כמעט, און קיין עצה, קיין חכמה און קיין פאַרשטענדעניש קענען זיי אלס א מאסע, אלס א גאַנצע סאָציאָ־לאָגישע פאַרמאַציע, גאָר ניט העלפן. אזוי איז עס און אנדערש קען עס ניט זיין. מער ווי דאָס, זיי לויפן אליין צו די קאַפּיטאַליסטן, זייערע באַדרענגער, און זיי בעטן און קליאַנטשען זיך ביי זיי, אז די אדונים, זאָלן זיי, קבצנים, א טובה טאָן און ווערן זייערע עקספּלואַטאַטאָרן, זייערע ארבעט און ברויט־געבער. זיי טוען זיך אליין אָן זייערע עקאָנאָמישע ׳קייטן׳ און קושן די הענט פון די, וואָס גיבן זיי די קייטן און הענגען אויף אויף זיי די שלעסער און פאַרשליסן זיי, פאַרשמידן זיי.

דזש. לייסי שרייבט:

„די פולע היפּאָקריטישקייט פון דער באַהויפּטונג, אז עס איז פאַראַן עפּעס פון דעם פרייהייט־כאַראַקטער אין דעם קאָנטראַקט צווישן דעם קאַפּיטאַליסט און דעם וועמענס חיונה הענגט אָפּ פון לוין־ארבעט." 24)

„פולע היפּאָקריטישקייט" — דאָס איז א צו האַרבער אויסדרוק. ער איז צו עמאָציאָנעל אז ער זאָל קענען דינען אלס א וויסנשאַפטלעכע קאַלט־בלוטיקע באשרייבונג פון אַן ערנסטער לאַגע. דער־דאָזיקער פּאַנאַנדער־גאַנג צווישן דער יורידישער פרייהייט און אַקטועלער אָפּהענגיקייט איז דער סאמע שטאָף, פון וועלכן דער סאָציאַלער פּראָגרעס, די פאַרבעסערונג פון די אינטער־רעלאַציעס פון די קלאַסן, ווערט געמאַכט. און אזא צו־שטאַנד פאַרדינט זיכער א מער באשיידענעם טערמין ווי „פולע צביעות", וועלכע באַצייכנט א בייזע כוונה אין פאַרשטעלן זיך, אין מאַסקירן זיך.

די לוין־באַקומער זיינען ׳צופרידן׳ צו נעמען די משא אויף די פּלייצעס און טראָגן זי, הגם דער שטאַט צווינגט זיי ניט עס צו טאָן. מחמת זייער „פרייהייט" אונטער די געגעבענע אומשטענדן נעמט אָן דעם

כאַראַקטער פון „לײדיקגײערײ״. צו זײן אומבאַשעפטיקט, ניט פאַרדונגען מײנט פאַר זײ צו זײן אַרבעטלאָז, און אַרבעטלאָזיקײט מײנט הונגער און נויט. דאָס איז אַ פּערספּעקטיוו, װעלכער איז ניט צופיל אַנלאָקנדיק.

ה. מ. הינדמאַן שרײבט:

„ער (דער קאַפּיטאַליסט) האָט ניט קײן שקלאַפן, ער װאָלט זײן דער־שטוינט, װען עמיצער לײגט אים פאָר ער זאָל זיך אײנשאַפן אַ פּאָר שקלאַפן; ער באַזיצט אויך ניט קײן לײבאײגענע — ער דאַנקט גאָט װאָס דער פעאָדאַליזם איז אָפּגעראַמט געװאָרן נאָך אײדער ער איז גע־בוירן געװאָרן. אָבער באַקװעמלעכערװײז פאַר זײנע אָפּעראַציעס, און ניט האָבנדיק קײן דעה אין דעם, פונקט אין דרויסן פון זײן פאַבריק־טיר געפינט זיך אַ מענגע פון מענער און פרויען, װעלכע װילן שטאַרק, ממש געלוסטן צו שטעלן זיך אין זײן דינסט פאַר אַ באַשטימטער צײט, פאַר אַ מוסכמ׳דיקן לוין — און װאַויל און גוט איז אים: ער רײבט זיך די הענט אזש פון פאַרגעניגן, װאָס ער האָט צו טאָן מיט, באמת, פרײע מענטשן, אנשטאָט שקלאַפן און לײב־אײגענע און זײ קומען אַרבעטן בכדי צו אַרבעטן פאַר אים.״27)

זײ, די פרײע גערונגענע, פונקט װי די פּאַרציײטיקע געפאַנגענע, װעלכע האָבן פּרעפערירט שקלאַפערײ צו טויט, קלײבן אויס פון צװײ בײזן, הונגער אָדער פאַרדונגענשאַפט, דאָס קלענערע.

די סאָציאָלאָגישע דיפערענציאַציע אויף אָט־דער שטופע איז אויס־געװאַקסן צו מאוימ׳דיקע פּראָפּאָרציעס. דער דירעקטאָר פון אַ טראַסט אָדער פון אַ צאָל טראַסטן און אַ דורכשניטלעכער אומקװאַליפיצירטער אָדער אפילו קװאַליפיצירטער אַרבעטער, װעלכן ער האָלט אַ געדונגענעם אויף אײנעם פון זײנע פאַבריקן — װאָס פאַר אַ מרחק עס ליגט צװישן זײ! און דער נעבאַכדיקער אַרבעטער באַגרײפט גאַנץ גוט זײן עקאָנאָמישע אומװיכטיקײט, זײן סאָציאָלאָגישן אומװערט, װען פאַרגליכן מיט דער חשיבות פון זײן גדול־ונורא׳דיקן פּאַטראָן, דעם אַלמעכטיקן פינאַנסיסט. און װען איר זעט, אַז דער צװיבער־שפּרוך, װאָס דער באַלעבאָס האָט אויף אים אַרויפגעטאָן, װערט אָפּגעטאָן, מעגט איר זײן זיכער, אַז ער האָט זיך שוין באַגעגנט מיט אַ ראַדיקאַלן אַגיטאַטאָר, װעלכער האָט אים שוין אויף דאָס־נײ פאַר׳כישופ׳ט,28) פּאַרהיפּנאָטיזירט, פאַרדרײט דעם קאָפּ און צעמישט דעם מוח. און דער האַלב־צעטומלטער, האַלב־צעמישטער האָרעפּאַשניק קוקט אַרויף צו אָט־דעם אומפאַראַנטװאָרטלעכן פלוידערזאַק װי צו אײנעם װאָס װאָלט גאָר געװען אײנער פון די ריזן־קינדער װאָס אין לאַנד... איז ער דען ניט אַ מין האַלבער גאָט, אַן אויסלײזער, אַ מין מלך המשיח? דער אַרבעטער פאַרגעטערט זײן נײעם גײסטלעכן, זײן

רבי׳ן, דעם פּאָליטאָ־עקאָנאָמישן פירער. און ווי קען עס גאָר אנדערש זיין?! האָט אים דען ניט אָט־דער אָראַקל, אָט־דער „זעער״ אויפגעעפנט די אויגן און אים באוויזן דאָס ליכט פון דעם אויפגעגאנגענעם טאָג, דעם טאָג פון זיין גאולה וישועה? לערנט ער אים דען ניט די גרעסטע קונסט פון אלע קונסטן, די קונסט פון דרייסט, פון וואָגן, פון עזות. ווי האָט דאַנטאָן געזאָגט: „מיר דארפן האָבן חוצפה, נאָך אמאָל חוצפה און שטענ־דיק חוצפה״. און חוצפה העלפט, ווי דער תלמוד פאַרזיכערט אונדז, אפילו קעגן גאָט. און ווער גיט אין אים אריין אָט־דעם נייעם, „הייליקן גייסט״? דער אַגיטאַטאָר. ער איז זיין משה רבנו וועלכער דערלאנגט אים נייע לוחות. ער איז דער אַפּאָסטאָל וועלכער ברענגט אים די בשורה טובה פון דעם נייסטן טעסטאַמענט... און ער ציי́גט אים ווי ירושלים של מעלה לאָזט זיך אַראָפּ פון הימל גלייך אויף דער ערד.

אָט וואָס וויטלינג שרייבט:

„גליקלעך זיינען די וועלכע זעען דעם טאָג. אין די אַנגאָלן פון דער אלגעמיינער געשיכטע וועט ניט זיין נאָך א טאָג גלייך צו דעם. דער מענטש וועט ענדערן זיין נאַטור און די געזעלשאַפט וועט ווערן געבוירן איבעראַניים.

„פּאָרויס, ברידער! מיט דער קללה פון מאַמאָן אויף אונדזערע לעבנס לאָמיר דערוואַרטן די שעה פון פרייהייט וועלכע וועט פּאַרוואַנדלען אונ־דזערע טרערן אין טראָפּנס טוי וועלכע וועט איבערמאַכן די ערד אין א גן־עדן און מאַכן פון דער מענטשהייט איין פּאַמיליע.״ 29)

דער אַגיטאַטאָר אנטדעקט פאַר דעם ארבעטער א נייעם קלאַס, זיין אייגענעם קלאַס, קלאַמפּערשט, צו וועמען ער שווערט זיך אין אייביקער איבערגעבנקייט. דער ארבעטער פּאַרלאָזט זיין אלטן האַר און קריגט גלייך אויף דער שטעל א נייעם הערשער. דער נייער אדון־הגדול זאָגט אים צו פיל בעסערע באַדינגונגען פון ארבעט און אַן אומפאַרגלייכבאַר העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד. מער. דאָס אליין איז צו פּראָזאַאיש, צו קליינלעך. דער נייער האַר פאַרפליכט זיך צו רעאָרגאַניזירן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַמיאונגען פון דער געזעלשאַפט אויף א נייעם באַזיס. ער איז זיך מתחייב בנדר ובשבועה אויפצוריכטן א נייעם סאָציאלן בנין אויף יסודות פון אמת, יושר און צדק. דער נייער פריץ איז גאָר קיין פּריץ ניט. ער וועט עטאַבלירן א הימל־קיניגרייך דאָ אויף דער ערד און טאַקע בקרוב בימינו, אין אונדזער צייט. דער ארבעטער נאָך אביסל איבערטראַכטן, שלאָגן זיך מיט דער דעה, האָבן אביסל ספקות, באַשליסט זיך. ער איז באַקערט, ער האָט אָנגענומען דעם נייעם גלויבן, דעם ריכטיקן אמת׳ן גלויבן, וואָס איז גאָר קיין גלויבן ניט, נייערט עפּעס

פראַקטישעס. אַט דער גלויבן וועט אים ניט אָפּנאַרן. דער גלויבן זאָגט ניט צו קיין עולם־הבא, נייערט ער גייט געבן די „עולם־הבא" גלייך דאָ אין דער „עולם־הזה" אריין.

מיט אנדערע ווערטער, דער ארבעטער פאַרבינדט זיין שיקזאל מיט דעם שיקזאל פון א נייעם הערשער־קלאַס, ריכטיקער, פון א טראַנס־פאָרמירטן טייל פון דעם זעלביקן אָנפירנדיקן מיעוט. און דער אמת איז אז א טייל פון דידאַזיקע עלעמענטן, וועלכע האָבן געהערט צו די נידעריקע שיכטן, וועלן טאַקע ארויפקלעטערן און פארנעמען היפש הייכע שטאפלען אויף די סאָציאלע שטיגן. ווער וועט זוכה בגורל זיין? די יעניקע עלעמענטן צווישן די דעק־שיכטן וועלכע וועלן ארויסווייזן גענוג פאַר־שטאַנד צו באַנעמען די נייע סיטואַציע, זיך אָריענטירן אויף גיך, זיין גענוג ענערגעטיש אויסצונוצן די נייע געלעגענהייטן. בשעת דער „עדנא דרתחא", אין דעם מאָמענט פון אויפברויז וועלן זיין א סך וואַקאַנסיעס, ליידיקע פאָסטנס — און כל הקודם זכה, ווער עס האָט שטאַרקע הענט, געזונטע איילבויגנס, שאַרפע אַפּעטיטן און גוטע ציין בייסט זיך איין אין עצם לייב פון דעם נייעם רעזשים, און ער בלייבט דערהייבן. ער פאַרלאָזט דעם אלטן נידעריקן שטאַם און ווערט אינקאָרפּאָרירט אין דעם נייעם אויבערשטן פלאַסט. א טייל פון די דאָזיקע קלעטערער ווערן שפּעטער באַזייטיקט, ווען די ברוגז'ע מיטגלידער פון דעם פאַרדעמדיקן פערסאָנאַל פון דעם אייגענעם הערשנדיקן מיעוט בעטן זיך איבער, כאַפּן אויף די סיטואַציע און גיבן זיך א לאָז מיט אימפּעט צו די פאָסטנס, וועלכע זיי האָבן פאַרלאָזן צוליב זייער נאַרישקייט און היסטאָרישער קורצזיכ־טיקייט. א טייל, אבער, בלייבן שוין אויבן.

די מיטגלידער פון דער מערהייט, בדרך כלל, בלייבן דאָרטן, וואו זיי זיינען פאַר דעם געווען. זייער לאַגע ענדערט זיך ניט אויף אַ ראַדי־קאַלן אופן. די שינויים וועלכע קומען פאָר אין דער סאָציאלער סטרוקטור און וועלכע זיינען א פּועל־יוצא פון דער באַנייאונג פון דעם אייביק הערשנ־דיקן, אבער תמיד בייטנדיקן זיין פערסאָנאַל פון הערשער, מיעוט — אַט־די שינויים האָבן א קליינע ווירקונג אויף דעם וואוילשטאַנד פון דער מאַיאָריטעט. און אויב עס ציינט זיך יע א ווירקונג איז עס אין די ערשטע צייטן, נאָך דער באַנייאונג פון דער הערשנדיקער מינאָריטעט, וועלכע הייסט איבערקערעניש אדער רעוואָלוציאָנערע רעקאָנסטרוקציע — אויף ערגער, ניט אויף בעסער. די באַדינגונגען ווערן שווערער אומדערטרעג־לעכער. אבער דאָס איז א פאָלגע פון איבערגאַנג.

VI

די אָרגאַניזאַטאָרן און די אינטעליגענציע

די סאָציאַלע סופּעריאָריטעט־גראַדאַציעס נעמען לכתחילה זייער אורשפּרונג, זייער שעמעוודיקן אָנפאַנג, אין ביאָלאָגישער, פיזיאָלאָגישער אויסשטאַטונג פון א הייכן סדר.1) זיי בלייבן אָבער דאָ ניט שטיין. די סטראַטיפיקאַציע פאַרפעסטיקט זיך אין די פסיכאָלאָגישע ווערטפולע באַגאַבטקייטן, ווי דהיינו אן אומגעווינטלעכע שאַרפקייט פון די חושים, פלינקייט און זיכערקייט פון שפירונג־רעספּאָנסן אין פאַרבינדונג מיט גוט־קאָאָרדינירטע רעפלעקסן, אדער אין א ספּעציעל הויך־ראַנגיקער באַשאַנקענקייט פאַר לאָגישן דענקען, מסקנות־ציאונג, אורזאַך־און־נאָכזאַך ארויפשנירלונג. בקיצור, די סאָציאַלע ארויפשטופּונגען האַלטן זיך אויך אויף קאָגניטאַטיווע פייאיקייטן, וועלכע שטייען העכער פון דורכשניט.

דער זיך־שלענגלענדיקער שטראָם פון סאָציאַלער פאַרשיידנאַרטיקייט האָט זיין ארויספלוס־קוואַל אין דער גאָר אָנפאַנגערישער וואַריאַציע פון עלטער און געשלעכט. דאָרטן געפינט די רודימענטאַרע מאַניפעסטאַציע פון ארבעט־צעטיילונג איר נאַטירלעכן אויסגאַנג־פּונקט.2)

ברידער א. און וו. גאַרדין שרייבן:

„די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף, גרופּן־געראַנגל (די טעריטאָריאַליסטן, וועלכע הייסן אימפּעריאַליסטן און די איטעריטאָריאַליער, וועלכע הייסן די אונטערדריקטע פעלקער און ראַסן), געשלעכטער־געפעכט און עלטער־געשלעג.״3)

שפּעטער־צו, נאָך דעם פאַרלויף פון א היפּש־דויערהאַפטן היסטאָרישן פּעריאָד, זעען מיר, אזוי צו זאָגן, א פאָרויס־צוריק, א פּראָגרעסיוו־רעטראגראדישע, אקציע. די סאָציאַלע דיפערענציאַציע ווערט אומאָפּהענגיק, ווערט אויטאָנאָמיש. ווען זי דערגרייכט די־דאָזיקע שטופע נעמט זי אויסאיבן אן איינפלוס, אין איר רייע, אויף די תחומים וועלכע ליגן פונפאָרנט. זי מאכט אן איינדרוק אויף די ספערן, וועלכע געפינען זיך דירעקט אונטער איר. און אויף אזאן אופן קערט זי,4) כביכול, איבער דעם

ארויפדראַנג פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס. אויף אַן אַקטיוון שטייגער דורך איר אייגענער איניציאַטיווע, קאָנטריבוטירט זי צו דער אַנפאַנגלעכער אַנטוויקלונג פון די פּסיכאָלאָגישע דיווערגענצן, וועלכע זי קולטיווירט, ברענגט זיי צו אַ פאַנאַנדערבליענדיקער עקזובערענץ און, שפּעטער צו, פּרוכטבאַרער רייפקייט. די עוואָלוציע גייט אויף ביידע וועגן, צווייגט זיך אָפּ אין אָט־די ביידע ריכטונגען. די העכערע רעגיאָנען דריקן אויף די נידעריקערע. זיי מאָדיפיצירן זייערע אייגענע אָנטעצעדענטן, זייערע אייגענע פּאַרויסגייער. זיי שניידן צו, פּאַסן צו, רעאַדאַפּטירן די נידעריקע פלאַכן און מאַכן אַז זיי זאָלן זיך אריינפּאַסן אין דעם טאָפּאָגראַפישן בילד פון די העכערע פּלאַטאָס. עס איז אַ פּאַל פון אייניקלעך וועלכע איבער־דערציען זייערע זיידעס, זיינען מגדל זייערע באָבעס. די 'אויבנ'ס וועגן אַזויפיל, זיינען אַזוי שווער אַז זיי דריקן אויף די פונדאַמענטן און צווינגען זיי זיך אָראָפּצולאָזן טיפער און טיפער. אַזוי ארום געווינען די ארויפ־בויעכצן אַ שטאַרקערע אחיזה, קריגן אַ פעסטערן אָנהאַלט.

געאָרג סאַרעל שרייבט:

„דער אויבערשטער קלאַס האָט געגרינדעט, פון סאַמע אָנפאַנג, זיין 'מאַכט', וועלכע איז געווען לכתחילה אומוויכטיק, אויף דעם אונטערשייד פון עלטער און געשלעכט." 5)

וו. ק. אַלעע שרייבט:

„איך געדענק די באַשטימטע אָרגאַניזאַציע פון אונדזער היים־געהאַ־דעוועטער טשערעדע פון מילך־פאַכט־בהמות. אויב עס איז ניט געווען אַבוועזנד אַן אָקס פלעגט די פירער־פּאָזיציע האַלטן די עלטסטע קו פון דער חברותא, און נאָך איר פלעגן קומען די יינגערע מיטגלידער לויט דעם סדר פון די עלטערס ביז צו דעם סאַמע אריער־גאַרד, וואו עס האָבן זיך געפונען די קעלבער און די הייפערס, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן פעסטצושטעלן זייער סטאַדע־ראַנג." 6)

דער פירנדיקער קלאַס האָט לכתחילה גענומען אָט־די פונדאַמענטאַל ביאָלאָגישע דיווערגענץ, וועלכע איז געווען קאַפּאַבל צו פּראָדוצירן ממשות־דיקע עפעקטן פון אַ פיזיקאַלישן און פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, פאַר זיין ריכטשנור און מורה־דרך.

וו. ס. לילי שרייבט:

„פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט איז די פאַמיליע די ערשטע שפּראָצונג. דער אויטאָריטעט פון פאָטער, דער קעניג איבער זיינע קינדער, איז, אַלס אַ היסטאָרישער פאַקט, די פּריסטע פאָרם פון "Jus imperandi". 7)

די עטאַבלירונג פון דער פאַמיליע הייבט זיך אָן מיט דער מוטער. פון דער מוטער גייט די מאַכט אריבער צום פאָטער. דער פאָטער, דער פאַטריאַרך, וועלכער שטייגט אריבער זיין זון סיי פיזיאָלאָגיש און סיי גייסטיק, פּראָקלאַמירט זיין אומפארלעצלעך געזעץ און אומשטירצבאַרע הערשאַפט איבער דעם לעצטן. ווער עס איז זאַט מיט יאָרן פאַרמאָגט כּוח און גבורה און א סך דערפאַרונג. ווען די סומע פון די אַקומולירטע דערפאַרונגען ווערט היפּש גרעסער, און זי קריסטאַליזירט זיך אין טראַדיציע — א קערפערשאַפט פון א מער־ווייניק אַרטיקולירטער ווי־סעניש, וועלכע ווערט רעקאָמענדירט מינדלעך און שריפטלעך — דע־מאָלט קומט צו א דייטלעך זיכטבאַרע באַהויפּטונג פון א מער מענטאַלער, פּסיכאָלאָגישער דיפערענציאַציע און דורך דעם ווערט דער פיזיאָלאָגישער חילוק טיילווייז באַזייטיקט. ער ווערט אראָפּגעזעצט צו דער צווייטער שורה־ליניע. מחמת ער ווערט, צו א געוויסער מאָס, אַן איבעריקע זאַך. לכתחילה ווערט אַלטקייט אלס אַזעלכע פאַרהערלעכט. דערנאָך ווערט חכמה רעספּעקטירט, ווייל חכמה איז דער נאַטירלעכער באַגלייטער פון עלטער. נאָך שפּעטער שיידן זיך אָט־די צוויי פּריינדינס, קלוגשאַפט ווערט א זעלבסטשטענדיקע קאַטעגאָריע. אין געוויסע מאָמענטן קען מען זי זען, ווי זי שניידט איבער דעם וועג פון איר אַמאָליקער חברה׳טע, זקנה. „לא בישישים חכמה". 8) קלוגשאַפט איז ניט די מאָנאָפּאָליע פון די אַלטע לייט. דערפאַרונג, אלס אַן עפּיק פון געשעענישן, וועלכע ווערן איינגע־קריצט אין די זיכרון־טאַבעלן פון דעם אויסגעצייכנטן מענטשן, טרעט אָפּ דעם וועג. איר חשיבות ווערט פאַרטונקלט פון דעם מאַרגנשיין־אויפגאַנג פון „געלערנטקייט", שריפט, פאַרנאָטירטע ספר־הזכרונות׳ן. דער גרופּן־זיכרון ווערט אָביעקטיווירט אין שפּראַך, אין וואָרט־שריפט־שאַפונגען וועלכע ווערן איבערגעגעבן דורך קינסטלעכע מיטלען און ווערן געמאַכט פּערמאַנענט א דאַנק געוויסע טעכנישע אויפטואונגען. מגילות ווערן געלייענט, שטודירט, אויסוויייניק־אויסגע׳חזר׳ט און זיי פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער טראַדיציע וואָס לעבט אין די זקנים, אין די באַרדן, פאַר־עלטערטע מאָנומענטן פון פלייש און בלוט.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ בלויז די עמבריאָנאַלע סטאַדיע פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס. די היינט־צוטאָגיקע אַנטוויקלונג שפּרייט זיך אויס און דערלאַנגט צו א גאַנץ פאַרשיידענער פּלאַץ. די סאָציאַלע דיפערענץ־סובסטאַנץ האָט שוין באַוויזן ניט נאָר זיך צו באַפרייען פון דער יוריס־דיקציע פון דאָס ביאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע, נאָר אויך צו טראַנס־פאָזירן, צו א געוויסן גראַד, איבערצושטעלן די פאַרהעלטניש וואָס עקזיס־טירט צווישן דאָס סאָציאַלע און דאָס ביאָ־פּסיכאָלאָגישע. דאָס סאָציאַלע

נעמט זיך פילן מעשה באַלעבאַס. עס נעמט ווערן פּרעדאָמינאַנט. עס פּרובירט איצט אָפּצושטעמפּלען דאָס פּסיכאָלאָגישע, אַרויפדריקן אויף אים זיין אייגענעם סאָציאַלן חותם.

דער אויבערשטער קלאַס, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט געהאַלטען אַ קאָנטראָל־פּאָזיציע, וועלכע האָט געהאַט איר אורשפּרונג אין אַ דיפערענץ פון אַ פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, האָט געהאַט די געלעגנהייט צו פּער־פעקטירן זיין מענטאַלע קאָנסטיטוציע צו גאַר אַ גרויסער מאָס און פאַר אַ משך פון אַ לאַנגן פּעריאָד. איצט פילט ער שוין מער ניט די נויט־ווענדיקייט צו כשר'ן זיין גינציקע, גוט באַצאָלטע מיט פּאַקטישע פּריווי־לעגיעס, פּאָזיציע מיט ריין סאָציאַלאָגישע טעמים. ער קען איצט באַגרינדן זיין רעכטפּערטיקונג אויפן יסוד פון פּסיכאָלאָגישער און אינטעלעקטוע־לער סופּעריאָריטעט. אָט־די אויסגעצייכנטקייט גיט אים דעם אומדיס־פּוטירטן טיטל צו דער דעראָבערונג פון אַלע רעכט, וועלכע געפינען זיך געוויינטלעך, אין רשות פון אַ דיקטאַטאָר. מחמת ער איז איצט אַ „בן־יחיד". ער איז דער איינציקער קלאַס וועלכער איז ווי באַדאַרף־צו־זיין אויסגעשטאַט פאַר דער ראָלע פון דעם אויספילער פון די סאָציאַל־נויט־ווענדיקע פונקציעס. דער סאָציאַלער עלעמענט איז געוואָרן אזוי קרעפּ־טיק אַז ער איז אימשטאַנד צו אָנעקסירן די נידעריקע ספערן. דאָס סאָ־ציאַלע ווערט זעלבסטשטענדיק, און זיין סטרוקטור נעמט און לייגט אַוועק אונטער זיך אַ געזונטן, האַרטן פונדאַמענט פון פּסיכאָלאָגישן בעטאָן.

בשעת די פּרימאַרע פּסיכאָלאָגישע דיפערענצן זיינען געווען פון אַן אונטער־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, שטעלן פאַר מיט זיך די סעקאָנ־דאַרע פּסיכאָלאָגישע דיפערענצן אַן איבער־געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג. אַ „פּסיכאָלאָגישע קולטור" קומט אויף. זי שטרעבט צו רייפקייט. איר אויפקום האָט זי צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס אַ סאָציאַלאָגישע קולטור האָט זי פּרעצעדירט פאַר אַ משך פון הונדערטער יאָרן. דאָ האָבן מיר ניט צו טאָן מיט יענע פּסיכאָלאָגישע טרעפּ, וועלכע האָבן געדינט אַלס שטאַפּלען אין דעם עוואָלוציע־לייטער און אַרויפשטייגענדיק אויף וועלכע סאָציאָלאָגיע האָט זיך באַוויזן. ניין, פּונקט להפך. מיר האָבן דאָ אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע פאָרמאַציעס, וועלכע ווערן אַרויסגערופן צום לעבן דורך אַ הייך־אַנטוויקלטער סאָציאָלאָגיע. און אזוי ווי געוויינטלעך ווערט דאָך די סאָציאָלאָגישע דערשיינונג דערקלערט דורך דער פּסיכאָלאָגישער, זעען מיר דאָ, ווי אין אַ פּצאַל פאַר די טובות, אַן איבערגעקערטע סיטואַציע. אַ שלל פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען נויטיקן זיך אין אַ סאָציאָלאָגישער דערקלערונג.

אין די גאָר אַלטע צייטן זיינען א גרויסע צאָל איינגעאָרדענטע געמיינ־דעס געווען איינגעפונדעוועט אין פאַטערשאפט און גאָטהייט, נאָך דעם ווי דער מאַטריארכאט און געטינהייט זיינען געווען איבערוואונדן. די פאַר־העלטעניש צווישן די פירער און די געפירטע, צווישן די דירעקטאָרס און די דירעקטירטע האָבן געהאט א פאַטערנאַליסטישע פאָרם און קאָלאַ־ראַציע. דער שבט האָט געפונען זיין אויטאָריטאַטיוון חכם, זיין לייטנדיקן גייסט, זיין מנהיג, וועלכער האָט קאָמאַנדירט אומאָפגעשוואַכטען רעספעקט און אָן־תרעומות׳דיקע געהאָרכזאמקייט. אין דעם עלטסטן און, דעריבער, קליגסטן, מיטגליד, וועלכער איז געווען, לויט די פרימיטיווע השגות, באַשאָנקען מיט איבערנאַטירלעכע כוחות. אַלטקייט איז געווען א גרויסער פּלוס. ביאָלאָגישע עשירות איז די עכסט אָנפאַנגערישע פאָרם פון קאַפּי־טאַל־אקומולאַציע. אַט־דער אָנגעזאַמלטער רייכטום האָט געדינט אלס א פאַרבינדונג צווישן פיזיאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע. לעבנס־שפע איז געווען אינסטרומענטאַל אין פורעמען די איניציאַלע אויטאָריטעט, וועלכע האָט זיך געפונען אין דעם רשות פון דעם עושר־מאַגנאַט, וועלכער איז געווען דער באַזיצער פון גרויסע גיטער פון טעג, נעכט, וואָכן, מאָנאַטן און יאָרן. דער זקן איז געווען באַקרוינט מיט א קאָמבינירטן אָרעאָל פון צדיק־אָראַקל־נביא־פּריסטער. און אויף נאָך א פריערער שטופע איז ער אידענ־טיפיצירט געוואָרן מיט דער גאָטהייט אין דעם פרימיטיוו־געזונטן פשט פון וואָרט. ער איז געווען דער העלד און ער איז געווען דער באַזיצער פון די נשמות פון דעם שבט׳ס הערָאָאישע אבות.

פּאַוואָלינקע האָט די פירערשאפט אָראָפּגעוואָרפן פון זיך אַט־די אָק־סעסואַרן. זי איז געוואָרן זעלבסט־באַגענוגנדיק. זי האָט איבערגעריסן אירע פאַרבינדונגען מיט געראָנטיזם, מיט זקנה, און טעאיזם, געטלעכן אָפּשטאַם, הגם די־דאָזיקע פאַרקניפּונג האלט זיך נאָך אין יש לענדער, ווי, דהיינו, אין יאַפּאַן. פירערשאפט האָט געלאָזן הינטער זיך די טעאָ־קראַטיע און האַגיאָקראַטיע (צדיקים־הערשאפט) און האָט זיך דרייסט און בראַוו אַוועקגעלאָזן אין וועג, וועלכער פירט צו דעמאָקראַטיע־עגאָקראַ־טיע. דעמאָקראַטיע קען, מיט אַביסל אָנשטרענג פון דער פאַנטאַזיע, באַצייכנט ווערן אלס א דעמאָס־טעאָקראַטיע. אַט־די באַצייכענונג וואָלט זיך שטיצן אויף דעם ווערטערלעכן מיין פון דעם שפּרוך „די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט״. דעמאָס אידענטיפיצירט זיך מיט טעאָס.

אַלעקסאַנדער בלאָק דערציילט:

„באַראַנאָוו האָט א נאָמען געגעבן זיין פאַרטראַג וועלכן ער האָט געהאלטן אין 1908 ׳דעמאָטעאיזם׳.״ 9)

פירערשאַפט איז פאַרפונדעוועט אין סאָציאָלאָגיע, אין סאָציאַל־אָרגאַניזאַטאָרישן איבערגעוויכט. אָבער אַט־דער מצב פון סופּעריאָריטעט ווערט נאָך אַלץ קולטיווירט און פאַרשפּרייט דורך ביאָלאָגישע מיטלען. דינאָסטיעס געדייען אין די פּאַלאַצן, אין די הייפן פון די מעכטיקע. דאָס זיינען די אינקובאַטאָרס, וואו פירער, פּראָספּעקטיווע הערשער ווערן פּראָדוצירט און געהאָדעוועט. אָבער די שטופּע איז שוין אויך פאַראיבער. סאָציאָלאָגיע האַלט אָפּ אַ וויכטיקן ניצחון. פירערשאַפט הענגט אָפּ פון אויסקלייב, פון „וואַלן", פון ריינע סאָציאַלע פאַקטאָרן, און ניט פון געבורט, פון אָפּשטאַם, פון יחוס, פון ביאָלאָגיע. פירערשאַפט וואַקסט שוין מער ניט אויף דעם גענעאַלאָגישן בוים. זי איז אַ פּראָדוקט פון אָרגאַניזאַטאָרשאַפט. די דאָזיקע פאַזע וועט מיט אונדז אויך ניט בלייבן אויף שטענדיק. געשיכטע איז וועזנטלעך דינאַמיש. דאָס געזעלשאַפט־לעבן איז אַן אייביקער וואַנדערער. דער לערער, דער נייער חכם וועט פאַרנעמען דעם מזרח־פּלאַץ אין דער פּאָליטישער שול. די אַנטדעקער, דערפינדער אָדער פאַרשפּרייטער פון די נייע סאָציאַלע סכעמעס און צוטראַכטונגען וועלן ווערן די דירעקטאָרן פון דער געמיינשאַפט. דער אינטעלעקטואַל וועט נעמען אַרבעטן מיטן דיריגענט שטעקעלע. דער געלערנטער וועט ווערן דער אָנפירער פון דעם סאָציאַלן אָרקעסטער.

מיכאַאיל באַקונין, דערנאָך, פיל שפּעטער, מאַכאַיסקי און, שוין גאָר שפּעט, לאָזינסקי האָבן אַלע דריי איינער נאָך דעם אַנדערן אויפגעהויבן זייערע שטימען מיט אַ וואָרנונג קעגן די מיסברויכונגען מיט וועלכע עס איז אָנגעלאָדן די הערשאַפט פון דער אינטעליגענציע.

מ. באַקונין שרייבט:

„וואָס איך פריידיק איז, צו אַ געוויסער מאָס, אַן אויפשטאַנד פון לעבן קעגן דער וויסנשאַפט, אָדער גיכער קעגן דער וויסנשאַפט־רעגירונג." 10) „עס וואָלט זיין בעסער פאַר זיי (די מאַסן) זיך אינגאַנצן אָפּצוזאָגן פון דער וויסנשאַפט איידער צו דערלאָזן אז די געלערנטע זאָלן רעגירן... אַזאַ רעגירונג וואָלט אומבאַדינגט געמוזט זיין אַריסטאָקראַטיש, מחמת די עקזיסטירנדיקע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן זיינען וועזנטלעך אַריסטאָקראַטיש. אַן אַריסטאָקראַטיע פון געלערזאמקייט." 11) „דער קלאַמפּערשטער פאָלקס־שטאַט וועט זיין ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ העכסט דעספּאָטישע הערשאַפט, וועלכע וועט ווערן דורכגעפירט פון אַ נייער און אין צאָל היפּש קליינער אַריסטאָקראַטיע פון אמת'ע אדער פאַלשע געלערנטע. דאָס פאָלק איז אומוויסנדיק און דעריבער וועט ער גאַרניט האָבן צו טאָן מיט דער אַדמיניסטראַציע. ער וועט זיין לחלוטין איינגעשלאָסן צווישן דער רעגימענטירטער טשערעדע." 12)

מאכאיסקי האָט בלויז איבערפּראַזירט און אביסל באַארבעט באַקונינס שטאַנדפּונקט.

ל. סירקין שרייבט:

„די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון מאכאיסקיס לערע זיינען אויסגע־אַרבעט געוואָרן אין יאַקוט געגנט (סיביר) פון א פּאָליטישן פאַרשיקטן מיטן נאָמען איוואַן (יאַן וואַטצלאַוו) קאָנסטאַנטינאָוויטש מאַכאַיסקי (1867־1926). זיין פּסעוודאָנים איז א. וואָלסקי... זיינע רעפעראַטן זיינען געווען געדרוקט אויף א היימישן שטייגער אין משך פון די יאָרן 1898־99 אונטער דעם אַלגעמיינעם קעפּל דער „אינטעלעקטועלער ארבעטער.״ 13)

מיר וועלן געבן דאָס וואָרט מאַכאַיסקין:

„די פּראָדוקטיוויטעט פון ארבעט ווערט גרעסער אין פּראָפּאָרציע ווי די סודות פון דער נאַטור ווערן אַנטדעקט צו דער מענטשהייט און אויף אַזאַ׳ן אופן בריי‏טערן זיי אויס דעם מענטשנס הערשאַפט איבער איר. זיין הערשאַפט האָט דער מענטש צו פאַרדאַנקען זיין מענטשלעכן אָרגאַן, זיין געהירן אַקטיוויטעט. צו געברויכן דעם מענטשלעכן אָרגאַן איז באַ־פולמעכטיקט געוואָרן א פּריווילעגירטע ערבלעכע אויסדערוויילטע מינאָ־ריטעט. אַלע איבעריקע פון די מיליאָנען זיינען באַרויבט אָט־די מעג־לעכקייט צו האַלטן אַקטיוו אָט־דעם אָרגאַן און זיי זיינען פאַרמשפּט צו דינען דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בלויז מיט די מאַניפּולאַציעס פון זייערע אַנימאַלע אָרגאַנען — מיט דער פיזישער קראַפט פון די מוס־קולן און דער עכסט עלעמענטאַרער זייט פון זייער נערוון־סיסטעם, וועלכע פאָדערט זיך פאַר האַנט־ארבעט, די אַרבעט פון שקלאַפן. און מהאי טעמא באַזיצן די קינדער און קינדס־קינדער פון דער פּריווילעגירטער מינאָריטעט, אַלע זייערע מיטגלידער, ספּעציעלע טאַלאַנטן און פיאיקייטן, מחמת דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד אין דעם געגעבענעם פאַל האָט פאַר זיין עובדא ניט נאָר צו פאַרשן די נאַטור, נאָר אויך אויסצואיבן הער־שאַפט איבער די שקלאַפן. אָט־די הערשאַפט שאַפט אַן אַנווענדונג־ספערע פאַר דער געהירן־אַקטיוויטעט פון די נאָכפאָלגנדיקע דורות פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט.״ 14)

„די עקספּראָפּריאַציע פון דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס איז ניט דאָס אייגענע וואָס די עקספּראָפּריאַציע פון דער גאַנצער בורזשואַזער געזעל־שאַפט. דורך דער בלויזער באַזייטיקונג פון די פּריוואַטע אונטערנעמער הערן די ארבעטער פון אונדזער צייט, די היינטצייטיקע שקלאַפן, ניט אויף צו זיין שקלאַפן, וועלכע זיינען פאַרמשפט אויף קאַטאָרגע אויף זייער גאַנצן לעבן; פאָלגלעך, דער נאַציאָנאַלער פּראָפיט, וועלכן זיי שאַפן, וועט ניט פאַרשווינדן, נייערט ווערט בלויז טראַנספּערירט צו דער דעמאָקראַ־

טישער שטאַט־געזעלשאַפט אלס א פּאַנד פאַר דער פּאַראַזיטישער עקזיס־טענץ פון אַלע ראַבירער, דעם סך־הכל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די לעצטע, נאָך דעם ווי די קאַפּיטאַליסטן זיינען עלימינירט געוואָרן, בלייבט ווי פאַר דעם די זעלביקע הערשנדיקע געזעלשאַפט; דער געבילדעטער הערשער, די חברותא פון די מפונקים בלייבן די באַזיצער פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָפיט, וועלכער ווערט צעטיילט אין דער פאָרם פון גאַנץ היפּשע האָנאָראַרן צו די געהירן־ארבעטער און א דאַנק דער אינסטיטוציע פון פאַמיליען־אייגנטום און דעם פאַמיליען־לעבנס־שטייגער ווערט פּרעזערווירט און רעפּראָדוצירט אין די רייען פון זייער נאָכקומענשאַפט."15) „די שקלאַפעריי פון דער מאַיאָריטעט וועלכע זיינען פאַרמשפּט פון פאַרן געבוירן ווערן צו א לעבן פון שווערער ארבעט איז נויטיק פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, און ניט בלויז פאַר עטלעכע פּלוטאָקראַטן, א הייפעלע קאַפּיטאַליסטן, נייערט פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסן, און ניט בלויז פאַר די באַזיצער פון לאַנד, פאַבריקן, וואַרשטאַטן, נייערט פאַר די באַזיצער פון קולטור און ציוויליזאַציע, פאַר דער געבילדעטער געזעלשאַפט, דער ארמיי פון די געהירן־ארבעטער. די סאַמע פּאַראַזיטישע עקזיסטענץ פון דער איצטיקער פּריווילעגירטער געבילדעטער געזעלשאַפט, די הערשער, באַלעבאַטים און באַזיצער פון דעם וואַקסנדיקן רייכטום פון נאַטור און ציוויליזאַציע, איז באַדינגט פון דער שקלאַפעריי פון דער מאַיאָריטעט, וועלכע איז פאַרמשפּט צו א לעבן פון שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט."16) „דער געזונטער סאָציאַלער כוח איז די געבילדעטע געזעלשאַפט אין איר גייסטער געשטאַלטונג, די וואַקסנדיקע ארמיי פון די געהירן־ארבעטער, די אינטעליגענציע, וועלכע זאַפּט אריין מיט דעם פאַרטשריט פון ציוויליזאַציע די מיטל־קלאַסן פון דער געזעל־שאַפט, די אייגנטימער פון קליין־קאַפּיטאַל; אַן ארמיי פון פּריווילעגירטע שכיר־יום׳ס פון קאַפּיטאַל און פון דעם קאַפּיטאַליסטישן שטאַט; זיי זיינען אַנטאַגאָניסטיש צו די לעצטע אין זייער אַקט פון פאַרקויפן זייער קענטעניש און, דעריבער, אין געוויסע מאָמענטן פון אָט־דעם קאָנפליקט, באַווייזן זיי זיך אלס א טייל פון דער אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער פּראָלעטאַרישער ארמיי, אלס א סאָציאַליסטישער עסקאַדראָן; דער קאָנסומענט פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָפיט און צו דער אייגענער צייט דער באַזיצער פון דער טאָטאַליטעט פון ציוויליזאַציע, פּאַרטיידיקט, פּונקט ווי אלע אַנדערע קלאַסן פון אייגנטימער, זיינע נחלאות, דעם רעזולטאַט פון דורות־לאַנגער רויבעריי — קעגן די אַטאַקעס פון די הענט־אַרבעטער. אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן און פּלענער פון אָט־דעם נייעם באַלעבאַס

איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פאָרמולע פון סאָציאַליזם פון דעם לעצטן יאָרהונדערט." 17)

מאַקס נאָמאַד שרייבט:

„לויט מאַכאַיסקיס אויפפאַסונג דריקן אויס די סאָציאַליסטישע טעאָריעס פון 19טן יאָרהונדערט די אינטערעסן פון די אינטעלעקטועלע אַרבעטער — ניט די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אין וועלכן ער שטעלט אַוועק בלויז די האַנט־אַרבעטער. די מוח־אַרבעטער, אַרגומענטירט ער, זיינען אַן אויפקומענדיקער פּריווילעגירטער קלאַס, וועלכער קעמפט פאַר אַ פּלאַץ אונטער דער זון קעגן די אַלטע פּריווילעגירטע קלאַסן, די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן. העכערע בילדונג דאָס איז זייער ספּעציעלער 'קאַפּיטאַל', דער מקור פון דער אַקטועלער און פּאָטענציעלער העכערער איינקונפט." 18)

מיר וועלן אויסהערן לאַזינסקין:

„די אינטעליגענציע איז אַ ספּעציעלער קלאַס פון מוח־אַרבעטער. אַט דער קלאַס האָט זיין ספּעציעלן קוואַל פון הכנסה, זיינע אַלגעמיינע אינטערעסן וועלכע זיינען מער־ווייניק אַנטאַגאָניסטיש צו די אינטערעסן פון אַנדערע קלאַסן... זיין סאָציאַלער קלאַס־אידעאַל איז די סאָציאַליזאַציע פון די מיטלען און געוואַרקצייג פון פּראָדוקציע, די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ד. ה. די אויטאָקראַטישע הערשאַפט פון דער פאַראייניקטער, סאָלידיפיצירטער, געבילדעטער הערשער־געזעלשאַפט. דער פּאָליטישער רעפּרעזענטאַטיוו פון אַט־דער געזעלשאַפט איז די איצטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, דער רויטער אינטערנאַציאָנאַל... די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אינטעליגענציע זיינען פאָרטראַכטן און פאַרטיידיקט דורך דער גרויסער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, דער הויפּט פון וועלכער איז קאַרל מאַרקס. אַט־די גאַנצע ליטעראַטור איז אָנגעזעטיקט מיט איין פּרעדאָמינירנדיקער טענדענץ, מיט איין גייסט, און דאָס איז די קלאַסן־אינטערעסן פון די מוח־אַרבעטער. דאָס איז אַן אָפענער אומבאַשטרייטבאַרער סאָציאָלאָגישער אמת." 19) „דאָס 'מוח־פאָלק', וואָס מיינט די אינטעליגענציע, איז, לויט זיין קלאַסן־פּאָזיציע פרעמד און פיינטלעך צו די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט." 20) „דער גרעסטער און טיפער־ווערנדיקער אָפּגרונט, וועלכער ליגט צווישן די רייכע און די אָרימע ווערט אָקאָמפּאַנירט פון אַן ענלעכן גרעסער און טיפער ווערנדיקן אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ די געלערנטע פון די אומגעלערנטע, די געבילדעטע פון די אומגעבילדעטע, די תלמידי חכמים פון די עם־הארצים, מיט אַנדערע ווערטער, די פאַרשטייער פון פיזישער אַרבעט פון די פאַרשטייער פון די מוח־אַרבעטער." 21)

פּאַססע שרייבט:

„דער פאַרצייטיקער ספינקס האָט געפרעגט דעם קיניג עדיפּוס: 'וואָס איז עס... וואָס גייט צוערשט אויף פיר פיס, דערנאָך אויף צוויי, און צום סוף אויף דריי'. עדיפוס האָט געענטפערט: עס איז אַ מענטש און האָט ארײַנגעוואָרפן דעם אומגעהויער אין ים אריין... דער הײַנטיקער ספינקס... פרעגט דעם מאָדערנעם עדיפוס, דעם פּראָלעטאַריאַט, אַ מער שכל'דיקע רעטעניש: 'וואָס איז עס וואָס גייט אויף איין מאָל אויף אַלע פיר, דריי און צוויי פיס'? און דער פּראָלעטאַריאַט ענטפערט: 'דאָס איז די אינטעליגענציע'. די רעטעניש איז געלייזט און דער ספינקס פאַרשווינדט." 22)

פּאַססע מיינט צו זאָגן אַז די אינטעלעקטואַלן, די דינער פון דער בורזשואזיע — זיי זײַנען עס די־יעניקע וועלכע גייען אויף אַלע פיר, די אינטעלעקטואַלן וועלכע העלפן דעם פּראָלעטאַריאַט — דאָס זײַנען די וועלכע גייען אויף צוויי פיס, בקומה זקופה, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן מיט אַ מענטשן־ווערדע. די דריטע קאַטעגאָריע שטעלן צוזאַמען די „אידעאָלאָגישע אינוואַלידן"... די יעניקע וועלכע הינקען, שלעפּן זיך נאָך פון הינטן, פאָלגן קוים נאָך דעם פאַרויסמאַרשירנדיקן פּראָלעטאַריאַט. אים איז גאָר ניט אײַנגעפאַלן, אַז די אינטעלעקטואַלן מיט די פּראָלעטאַרישע סימפּאַטיעס זײַנען אויך בלויז קריכער און פויזשער, זיי פויזשען אויף אַלע פיר פאַר די צוקונפטיקע שררות, פאַר דעם אויפקומענדיקן קלאַס פון די נײַע באַלעבאַטים, די אָרגאַניזאַטאָרן...

באַקונין, מאַכאַיסקי און לאַזינסקי, אַלע דריי האָבן, על־פּי־טעות, געמיינט אַז דער אנקום פון אַט־דער נײַער פּסיכאָ־סאָציאַלער פאָרמאַציע איז אַ פראַגע פון עטלעכע צענדליקער יאָרן און אַז אַט די פּראָבלעם שטייט אויף דער טאָג־אָרדנונג. בשעת באמת איז עס לעת־עתה אַ הלכתא־למשיחא, אַ מין צוקונפט־מוזיק. מ'קען אַט־די נײַע „הערשער" קוים קוים דערזען העט־ווײַט אויף דעם זוים פון דעם היסטאָרישן האָריזאָנט. דער אָרגאַניזאַטאָר, פון דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטאַ־עקאָנאָמישן וואַריאַנט, וועט פאַרויסגיין דעם געלערנטן. וואָס מיר בײַוואוינען אין אונדזער עפּאָכע איז ניט דער צוקום צו מאַכט און הערשאַפט פון דער אינטעליגענציע, נייערט פון דעם אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ.

מאַקס נאָמאַד שרייבט:

„יענע סעקציע פון דער אינטעליגענציע און האַלב־אינטעליגענציע (ארײַנרעכענענדיק אַ גרויסן פּראָצענט פון די אויטאָדידאַקטן, געוועזענע אַרבעטער), וועלכע איז אָרגאַניזירט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין רוסלאַנד האָט באַוויזן צו באַזייטיקן די קאַפּיטאַליסטן און די גוט־באַזיצער

און האָט ארויפגעצוואונגען איר הערשאפט אויף דעם רעשט פון דער באַפעלקערונג, ארייגשליסנדיק די אנדערע סעקציעס פון דער אינטעליגענציע.״ 23)

דער אָרגאַניזאציאָנעלער מאָמענט איז דאָ פון דער גרעסטער חשיבות. דער „אינטעלעקטואַליזם״ פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי האָט א קנאַפּן באַטרעף. דער גרעסטער טייל פון אירע מיטגלידער באַשטייט דאָך פון עם־הארצים אין דעם פּשוטסטן פּשט פון וואָרט. און אפילו מאקס נאָמאַד, הגם ער איז א חסיד פון מאכאיסקן, מוז צוגעבן אז די אנדערע סעקציעס פון דער אינטעליגענציע ווערן פאַרפאָלגט, אָן רחמנות באַדרענגט און געדריקט.

הענרי דע מאָן שרייבט:

„א לייכטע ענדערונג אין דעם סאָציאַלן וועלער פון די אינטעלעקטואַלן, אזא ווי דער אויפטויך פון א פאַרלאַנג צו געברויכן זייערע דאָמינאַציע־פונקציעס בכדי צו פאַרכאַפּן די טאָטאַליטעט פון מאכט, וואָלט טראַנספאָרמירן דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס אין א מער־ווייניק איבעריקן און זיכער מאכטלאָזן צוטשעפּ צו דער פּראָדוקציע און צירקולאַציע. דער אויפקום פון אָט־דעם ווילן צו מאכט אין די אינטעלעקטואלן וואָלט עלימינירן דעם קאַפּיטאַליזם אלס אן אָרדענונג־שאַפנדיקער געזעלשאפט־פּרינציפּ... אלע אַספּיראַציעס כלפּי דעם צוועק איז דער סאָציאַליזם פון די אינטעלעקטואַלן... הגם די דאָקטרין איז פאַרגעבראַכט אלס א לערע פון פּערזאָנען וועלכע שטרעבן אָפּצושאַפן אלע קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען, איז אָבער די אמת׳ע נייגונג צו דער עטאַבלירונג פון א נייער קלאַסן־הערשאפט.״ 24)

הענרי דע מאַן איז ניט גערעכט ווען ער מיינט, אז די אינטעלעקטואלן דאַרפן נאָר וועלן פאַרכאַפּן די עקאָנאָמיק און פּאָליטיק און זיי וועלן עס באַוויזן צו טאָן. די אינטעלעקטואלן קענען עס ניט באוויזן. בלויז א „סאָציאַלע וועלעניש״ פון זייער זייט וואָלט ווינציק וואָס אויפטאָן אין דער דאָזיקער ריכטונג. זיי זיינען א מינאָריטעט און זיי קענען ניט באַקעמפן מיט דערפאָלג אן אַנדער מינאָריטעט, סיידן זיי וואָלטן אָרגאַניזירן די מאַיאָריטעט און זיך באַזאָרגן מיט איר שטיצע. אזא אונטערנעמונג וואָלט פאָדערן גרויסע אָרגאַניזאטאָרישע פייאיקייטן, וועלכע ס׳רוב פון די אינטעלעקטואַלן באַזיצן גאָר ניט. אויסער דעם, זייער היסטאָרישע שעה האָט נאָך ניט געשלאָגן. די געשיכטע רופט זיי נאָך ניט צום רודער פון דער סאָציאַלער שיף. דער איבערגאַנג פון אָרגאַניזאַטאָרשאפט צום, לאָמיר עס רופן, „סאָוואַנטיזם״ וואָלט באַצייכענען א ווענד־פּונקט אין דער סאָציאָלאָגיע. אזא טראַנספערענץ פון אויטאָריטעט וואָלט צייגן

אַז סאָציאָלאָגיע גייט אַרויס פון אירע גבולים, אַז זי איז זיך אַליין גובר, אַז זי שטופט זיך פאַרויס אויף הינטערוויילעכטס, אַז זי נעמט געברויכן מער און מער פסיכאָלאָגישע אַגענטורן, אַז זי אַקצענטירט און אַרטיקולירט די אינטעלעקטועלע דיסטינקציעס און מאכט פון זיי דעם גרונט־טאָן אין דער מעלאָדירונג פון די פארהעלטענישן צווישן דעם הייכן און נידעריקן רעגיסטער פון דער געזעלשאפט.

אין דעם לאַנגן פּראָצעס פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע האלט די אויסדערוויילטע מינאָריטעט אין איין שטייגן. זי בעסערט אויס איר אינערלעכע אויסשטאַטונג, אירע איינגעבוירענע קוואַליטיטן. וואָס ווייטער די געזעלשאפט אנטוויקלט זיך, אלץ ווערטפולער ווערט די פירנדיקע מינאָריטעט, אלץ כשר׳ער פאַרדינט זי איר נאָמען, ראָלע און טורעמדיקן סטאַטוס. וואָס מער אַדעקוואַט זי פירט אויס איר הייליקע שליחות אלס די שאלטערין פון די געזעלשאפט־מערכות, אלץ ווייטער און ברייטער ווערט דער אינטעלעקטועלער, פּאָליטאַ־עקאָנאָמישער מרחק וועלכער טיילט זי אָפּ פון דעם המון־עם.

פּ. קראָפּאָטקין שרייבט:

„גרופּן וועלכע שטעלן פאָר וועלכע עס איז נייע אידייע זיינען אַלע־מאָל געווען פון אָנהויב א מינאָריטעט... די מאַיאָריטעט באַשטייט פון אָפּאָרטוניסטן, מיושב׳דיקע גראַדואַליסטן; מוזן מיר אויך ווערן אָפּאָר־טוניסטן? ביז 1790 אין פראנקרייך איז די מאַיאָריטעט באַשטאַנען פון אָנהענגער פון דער מאָנאַרכיע. פאָלגט דען פון דעם, אז די רעפּובליקאַנער פון יענער צייט האָבן געדאַרפט פאַרוואַרפן זייערע דעמאָקראַטישע אי־דייען און ווערן ראָיאַליסטן, בשעת פראנקרייך איז געגאַנגען פאָרויס צו דעם אָפּשאַף פון דעם קיניגס אויטאָריטעט. דער פאַקט דאָס מיר שטעלן צוזאַמען בנוגע צאָל א מינאָריטעט — האָט קיין באַטרעף ניט.״ (25

„די רעוואָלוציע ברעכט אויס לאַנג איידער אַן אלגעמיינע פאָרשטענדעניש קומט, און די יעניקע וועלכע האָבן א קלאָרע אידייע מכוח דעם וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן דעם מאָרגענדיקן טאָג זיינען בלויז א קליינע מינאָ־ריטעט.״ (26

מיליוקאָוו שרייבט:

„לאגאַרדעל זאָגט: דירעקטע אַקציע שיקט פאָרויס אַן אקטיוועס אריינמישן זיך פון א דרייסטער מינאָריטעט. די מאַסע, אומבאַוועגלעך און אומגעלומפּערט ווי זי איז, מוז ניט ארויסזאָגן וואָס זי טראכט... ציפערן מאַכן ניט קיין געזעץ, און צאָלן הערשן ניט. אַן אויסדערוויילטע גרופּע (די עליט) איז פאָרמירט, און א דאַנק אירע אייגנשאַפטן לאָקט זי אָן די מאָסן און דירעקטירט זיי... די עכסט באָוואוסטזיניקע און בראַווע

פירן... די מאַסע, זעענדיק די אקציע, פאָלגט נאָך אינסטינקטיוו... זאָגט ברואילהע. 'די מאַסן דערוואַרטן מ'זאָל זיי באַהאַנדלען מיט געוואַלד. זיי פאָלגן תמיד געהאָרכזאַם נאָך, ווען א יחיד אָדער א קליקע ווייזן דעם וועג. דאָס איז דער גרונט פון קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע'. מ'קען משער זיין, אז דאָס איז ניט דער בעסטער וועג ווי אזוי צו דערציען די מאַסן אין פאָליטישער באַוואוסטזיניקייט, און אז 'דער גרונט פון קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע' ווערט דאָ אָנגעווענדט אויף דעם זעלביקן אופן ווי אין מאַקיאַוועליס טעאָריע אדער אין דער פּראַקטיק פון א זעלבסט־הערשונג." 27)

דעם 'גרונט' קען מען ניט אוועקמאכן מיט דער האַנט. ער איז א חוק ולא יעבור. קיין ארגומענטאציע אין דער וועלט קען קעגן אים גאָרניט אויפטאָן. די רעקאָרדירטע געשיכטע שטיצט אים, ברענגט ראיות פאר זיין ריכטיקייט. זיכער קען מען פון דעם־דאָזיקן גרונט ניט ציען דעם שלוס, אז 'די מאַסן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן מיט געוואַלד'. ניט אַלע מאָל, יעדנפאַלס, בלויז אייניקע מאָל, ווען צו איבערציַיגן זיי איז אוממעגלעך. אויף געוויסע שטופן פון סאָציאַלער אנטוויקלונג שפּילט געוואַלדטאָט די הויפּט ראָלע אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער געמיינדע. עס איז אמת, אז געוואַלד־געברויך איז די פּראַקטיק פון דער אויטאָקראַטיע, ווי פּ. מיליוקאָוו באַמערקט מיט רעכט, אָבער עס איז שווין צייט צו באַנעמען, אז עס איז ניטאָ קיין פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן אַן אויטאָקראַטיע און א דעמאָקראַטיע. דער אונטערשייד צווישן די צוויי פאַר־וואַלטונג און רעגירונג־פאָרמען איז בלויז א פראגע פון מעטאָדן, וועלכע ווערן אָנגעווענדט און אומשטענדן וועלכע דיקטירן דעם אָנווענד פון די אָדער יענע מעטאָדן. דער פּרינציפּ פון מינאָריטעט־הערשאַפט איז דער אייגענער סיי אין א זעלבסט־הערשונג און סיי אין א פאָלק־הערשונג. מחמת אָט דער פּרינציפּ פון מיעוט־געוועלטיקונג איז אַן אלגעמיינער גרונט פון געשיכטע און קיין געזעלשאַפטלעכע פאָרם פון פאָליטישער הנהגה קען אים ניט איגנאָרירן. יעדער פאָליטישער איינשטעל מוז געהאָרכן דעם־דאָזיקן גרונט. די בעסטע דעמאָקראַטיע איז, נאָך אלעמען, ניט מער ווי „א קאָמיטעט פון מלכים."

די סאַמע דיסטאַנץ, וועלכע ליגט צווישן די העכערע און נידעריקערע שיכטן, איז א פאַקטאָר וואָס קאָנטריבוטירט צו דער דערלייכטערונג פון דער שווערער 'לאַסט', וועלכע ליגט אויף די שולטערס פון דער אָנפירנדיקער מינאָריטעט. די־דאָזיקע סעפּאַראַציע איז פון באַדייטנדיקער הילף אין אלע ענינים וועלכע געהערן צו דעם כדבעי'דיקן באַהאַנדלען פון די אויפגאַבעס פון פירערשאַפט, וואָס דער דירעקטירנדיקער מיעוט

דאַרף דערפילן. שפּורן פון ׳סאַוואַנטיזם׳, רודימענטן פון מענטאַלער און מאָראַלער מנהיגות, וועלכע ווערן פּראַקטיצירט פון דער איניציאַטיוועד מינאָריטעט קען מען אַנטדעקן אויף אַלע שטופן פון דער פּאַרגאַנגענהייט־געשיכטע. קיין פאַזע פון ׳עראַרכיעזאַטאָרשאַפט איז ניט געווען אינגאַנצן פריי פון דעם. מער פון די דאָזיקע עלעמענטן וועט מען געפינען אין דער ריינער אָרגאַניזאַטאָרשאַפט. א גוט־קאָאָרדינירטער רעזשים וועט זיכער זיך ניט קענען האַלטן אויף בלויזער מאַכט און געוואַלדטאַט. דערציען, מדריך־זיין, קאָנטראָלירן און געשטאַלטיקן די מוחות פון די מאַסן, פורעמען זייערע געפילן, און דורך זייער פאַרלעסלעכער פּאַרמיטלונג צו מאָדעלירן און לייטן דעם סאָציאַלן אויפפיר פון דער געמיינשאַפט דאָס וועט זיין דער הויפּט־ציל אויף וועלכן דער גאַנצער בנין פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט וועט זיך האַלטן. פּראָפּאַגאַנדע איז אַן אַקטיווּיטעט, וועלכע מ׳קען אָן אָן איבערטרייב דעפינירן אַלס א באַמיאונג מצד פון די פירער פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אַזוי איינצופּרעסן די קעפּ פון דעם המון־עם, אַז די קעפּ זאָלן זיך אריינפּאַסן אין די פּראָגראַם־יאַרמולקעס, וועלכע די ׳פּאָליטיקער׳ האַלטן צוגעגרייט פאַר זיי. אַט־די אַקטיווּיטעט וועט ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. להפך, מ׳וועט זי נאָך אויסברייטערן, דערהייבן און, זיכער, אויך אויסבעסערן. צו דער פּראָפּאַגאַנדע סעצקע וועט מען צומישן אויך אַביסל קלייען און אפשר טאָקע אויך אביסל האָבער פון אינפאָרמאַציע, פון פאַקטן...

האבהויז שרייבט:

„מיר זאָלן ניט, נאַטירלעך, משער זיין, אַז וועלכע עס איז געזעלשאַפט האַלט זיך אויף מאַכט אליין... דער באַזיגער קען ניט פאַרטראָגן אַז זיין טיטל זאָל זיך כסדר האַלטן בלויז אויף כוח. ער פלייסט זיך צו טראַנסמוטירן כוח אין אויטאָריטעט.״ 28)

קיין סאָציאַלע אָרדענונג האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַלטן אויף נאַקעטער געוואַלדטאַט און אויף בלויזן צוואַנג. יעטוועדע סאָציאַלע סיסטעם, וועלכע האָט ווען עס איז פונקציאָנירט — ווי שלעכט זי זאָל עס ניט האָבן געטאָן, ווי אומאַדעקוואַט זי זאָל ניט האָבן אויסגעזען אין אונדזערע אויגן — האָט אַלעמאָל געהאַט איר רעכטפערטיקונג. איר זכות־הקיום ליגט אין דעם פאַקט, וואָס אונטער די געגעבענע אומשטענדן און אויף דעם דאָזיקן באַשטימטן ציוויליזאַציע־ניוואָ, איז אָט־די סיסטעם געווען די פּאַסנדיקסטע. זי האָט אויפגעהאַלטן דעם עכסט בעל־פּעולה׳דיקן רעזשים, וועלכער אונטער די דעפיניטיווע היסטאָרישע באַדינגונגען האָט געגעבן דעם מעגלעכן מאַקסימום פון פּאָזיטיווע רעזולטאַטן צו דער געמיינשאַפט אַלס א גאַנצער. אין דער בחינה פון א מדריך האָט פונקציאָנירט, צו א געוויסער

מאָס, יעדע דירעקטירנדיקע מינאָריטעט. אָבער אירע דידאַקטישע אַקטי־וויטעטן האָבן פאַרמאָגט זייער אַן ענגען שפּילרוים. אירע אינסטרוקטאָרישע רפואות האָט זי איינגעגעבן דעם ׳פּאַציענט׳ אין האָמאָפּאַטיש־קליינע דאָזעס. אונטער דעם אָרגאַניזאַטאָריזם וועט אַט־דער טייל פון הנהלה צוקריגן אימפּעט און היקף. די סטאַנדאַרדיזאַציע פון די מחשבות, אידייען, השגות, די סאָציאַלע און אַלגעמיינע אַנשויאונגען פון די אָרגאַניזירטע וועט זיין איינע פון די הויפּט־עובדות, וועלכער דער אָרגאַניזאַטאָרן־טיפּ וועט שענקען זייער פיל פון זיין ׳קאָסטבאַרער׳ אויפמערקזאַמקייט. ׳אָרגאַניזאַטאָריזם׳, הויפּטזעכלעך זיין סאָציאַליסטישער אָפּצווייג, פּאָליטאָ־עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַטאָריזם, וואָלט צוקומען גאַנץ נאָענט צו א רעזשים וואָס וואָלט קענען דעפיבירט ווערן אַלס א „וועלטלעכע טעאָקראַטיע". דער פּאָליטאָ־עקאָנאָמישער באַאַמטער, דער קאָמיסאַר, דער פּראָפּאַגאַנדיסט, דער ׳פירער׳, דער הייגטצייטיקער פּריסטער, אַט־די אַלע צורות וועלן זיך צונויפשמעלצן אין איין פּערזאָן. דער אָרגאַניזאַטאָר וואָלט צו דער אייגענער צייט ווערן עפּעס א מין ׳רבי׳, לערער, מענטאָר פון די דערוואַקסענע. ער וואָלט געברויכן און מיט א גאָר ברייטער האַנט אַי דעם מקל־נועם פון איבערצייגונג און אַי דעם מקל־חובלים פון באַשטראָפן. ער וועט פּראָפּאַגאַנדירן, ריידן אויף מיטינגען, פּריידיקן דורך דער ראַדיאָ, לאָזן אין גאַנג דעם הקול קול יעקב, אבער ער וועט זיכער ניט פאַרנאַכלעסיקן די דובינע פון געזעץ, פון דיקטאַט, די הידים ידי עשו.

אפילו אונטער דעם קאַפּיטאַליזם, ווען ער האָט פונקציאָנירט אונטער דעם פּאָליטישן צייכן פון ליבעראַליזם, האָט מען אויך געקענט געפינען א היפּש ביסל לענדער, וואו אין שפּיץ פון דער רעגירונג זיינען ניט אַזוי זעלטן געשטאַנען פּערזאָנען פאַר וועלכע דער צונאָמען ׳דעמאַגאָג׳ געפּאַרט מיט פּעדאַגאָג האָט זיך כמעט ווי געפּאַסט. אָרגאַניזאַטאָרשאַפט וועט קולטיווירן דעם דאָזיקן סינטעז מיט גרויס פלייס און ספּעציעלן חשק. און נאָך דער אָרגאַניזאַטאָרשאַפט, ניט פאר דעם, וואָלט קומען דער פּעריאָד פון אינסטרוקטאָרשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער די הערשאַפט פון דער אינטעליגענציע וועט ערשט אָנקומען נאָך דער ערא פון אָרגאַניזאַטאָרשאפט. די אינטעליגענציע וועט דערפילן די פליכטן פון אַן אָנפירנדיקן מיעוט אין דער געשטאַלט פון א רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכן פּריסטערטום.

קארל קאוטסקי האַלט, אַז די אינטעלעקטואַלן, די געלערנטע, די שרייבער, די מלומדים א. א. וו. שטעלן ניט צוזאַמען קיין באַזונדערן קלאַס אין דער סאָציאָלאָגישער קערפּערשאַפט.

אַט וואָס ער שרייבט:

„גענומען אלס א גאנצעס, שטעלן צוזאַמען אַט־די אזוי־גערופענע 'אינטעלעקטואַלן' דעם נייעם 'מיטלקלאַס', אָבער זיי אונטערשיידן זיך פון דעם אלטן מיטלקלאַס קודם־כל דורך זייער מאנגל פון א ספּעציעלן קלאַסן־באַוואוסטזיין. זייערע מיטגלידער פאַראייניקן זיך מיט פאַרשיידענע קלאַסן און פאַרטייען און ליפערן די אינטעלעקטועלע קעמפער פאר יעדן. איין טייל פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס... אַנדערע קעמפן פאר דעם פּראָלעטאַריאַט."[30]

איוואן ראזומניק שרייבט:

„פולשטענדיק גערעכט איז געווען י. אַקסאַקאָוו, ווען ער האָט דעפי־נירט די אינטעליגענציע אלס א 'זעלבסטבאַוואוסטזיניק פאָלק' און ער האָט אָנגעוויזן, אז די אינטעליגענציע איז ניט קיין שטאַנד, ניט קיין גילדע (מיר דאַרפן איצט צוגעבן, ניט קיין קלאַס), ניט קיין קאָרפּאָראַציע, ניט קיין קרייז... זי איז אפילו ניט קיין געזעמל, נייערט בלויז א קאָמפּאַקט פון לעבעדיקע כוחות וועלכע דאָס פאָלק סעגרעגירט."[31] „די אינטע־ליגענציע איז עטיש־גענומען — אַנטי־פיליסטעריש, סאָציאָלאָגיש־גענומען — אַן אויסער־שטאַנד, אויסער־קלאַס נאָכאַנאַנדער־פאָלגנדיקע גרופּע, וועלכע ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דער פונקציע פון שאַפן נייע פאָרמען און אידעאַלן און פאַרווירקלעכן זיי אַקטיוומעסיק אין לעבן, צילשטרעבנדיק זיך אין דער ריכטונג פון פיזישער, גייסטיקער, סאָציאַלער און אינדי־ווידועלער באַפרייאונג פון דער פּערזענלעכקייט."[32]

קאָוטסקי און ראזומניק זיינען גערעכט אויף וויפל זיי ריידן מכוח דער קעגנווערטיקער פּאָזיציע פון דער אינטעליגענציע. אין אונדזער צייט טוען די אינטעלעקטואַלן קיין אנדער זאַך ניט ווי בלויז באַדינען די אדער יענע הערשנדיקע אדער צו הערשאַפט גייענדיקע גרופּן.

עדואַרד בערנשטיין שרייבט:

„די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון אונדזער צייט ציט איר ענערגיע הויפּטזעכלעך פון צוויי גרויסע אַרטעריעס פון סאָציאַלן לעבן. איינע איז דער קלאַסן־קאַמף פון די היינטצייטיקע ארבעטער... די צווייטע איז די אידעאָלאָגישע געדאנקען־שול וועלכע באַצוועקט סאָציאַלע רעפאָרמען. באַאַמטע, דענטיסטן, שריפטשטעלער, אַרטיסטן און וויסנשאַפטלער פון ביידע געשלעכטער שטעלן צוזאַמען די מאַיאָריטעט פון דעם עולם אויף די סאָציאַליסטישע לעקציעס און דעבאַטן."[33]

יע, אינטעליגענטן געפינט מען אומעטום. זיי וואַקסן אויס דאָרטן אפילו, וואו מ'זעט זיי ניט... די אינטעליגענציע אלס א פּסיכאָ־סאָציאַלע פאָרמאַציע איז לעת עתה ניט זעלבסט־באַוואוסטזיניק. זי איז פאַרנומען

מיט אַרויסהעלפן אַנדערע גרופּירונגען. זי ניאַנטשעט זיך מיט זיי. זי איז זיי מגדל צו מאַכט־פאַרכאַפּעריי. אָבער די לאַגע וועט זיך ענדערן. אויף דער נאָכפאָלגנדיקער אַנטוויקלונג־שטופע, וועלכע וועט קומען צו פאַרבייטן אָרגאַניזאַטאָרשאַפט, וועט די אינטעליגענציע ווערן זעלבסט־באַוואוסטזיניק און סאָציאַל־עגאָאיסטיש. ערשט דעמאָלט וועלן די אינ־טעלעקטואַלן ווערן באַלעבאַטים פון דער סאָציאַלער לאַגע אין זייער אייגענעם רעכט. דאָס וועט פּאַסירן אין דער ניט גאָר ווייטער צוקונפט. דער אויפקום פון דער אינטעליגענציע, אַלס אַ סאָציאָלאָגישע פאָרמאַציע און אַ סאָציאַלער כוח פון גרויסע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע קאָנסעקווענצן, וועט באַצייכענען אַ שריט פאָרויס אין דער געזעלשאַפטלעכער עוואָלוציע. אַט־די געשעעניש וואָלט אָנדייטן אַז די אָנפירנדיקע מינאָריטעט פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַ בוגרת, האָט דערגרייכט צו איר רייפקייט־עלטער. איצטער פילט זי זיך אימשטאַנד צו רעאַליזירן איר פירערשאַפט־הערשאַפט, אויסצואיבן איר אומקוואַליפיצירטע ממשלה איבער די ברייטע מאַסן, דורכזעצן איר אויפגאַבע פון אַ מדריך און מנהיג, דערפילן איר פונקציע פון אַ דירעקטאָרין פון דער באַפעלקערונג — טאָן דאָס אַלץ און דאָך ניט דאַרפן אָנקומען ניט צו נאַקעט־הוילער פויסט־געוואַלדטאַט און אויך ניט צו דעם פאַרמאַסקירטן צוואַנג, וועלכער ווערט אָנגעווענדט אין דער פאָרם פון אָרגאַניזאַטאָרישן דרוק. צו איר דינסט און פאַרשאַפונג שטייט איר גאָלדענע פען און איר זילבערנער צונג. און וואָס מער זי ווייסט ווי אַזוי צו ברויכן געשיקט אַט־די צוויי כלומרשט־אומשולדיקע כלי־זין, אַלץ ווייניקער און ווייניקער וועט זי דאַרפן אָנקו־מען צו שווערד־פאַכעריי און בייטש־קנאַקעריי.

ווינדהאַם לואיס שרייבט:

„אין פילע פרימיטיווע געמיינשאַפטן ווערט דער הויפּט אָדער פירער אויסגעקליבן אַלס דער מאַן, וועלכער איז באַקאַנט צו האָבן דעם בעסטן קאָפּ... אָבער אַט־דער פירער באַזיצט די אויטאָריטעט פון דער פונק־ציע, וועלכע ער באַטראַכט פאַר העכער פון וועלכער עס איז מעכאַנישער הערשאַפט פון פיזישן כוח אָדער רייכטום... ער שטעלט פאָר... דעם גרויסן ניט־וועלטלעכן עלעמענט אין דער וועלט, און דאָס איז די גאַראַנ־טיע פון זיין נוצלעכקייט. עס איז ער... וועלכער ליפערט דעם קאָנט־ראַסט פון דעם עפּעס, וואָס איז ווייט און פאַרשידן און וואָס איז דער עצם שטאָף פון וועלכן די גאַנצע לעבעדיקע (ניט מעכאַנישע) מאַכט ווערט צוזאַמענגעשטעלט, און אָן דער אומאויפהערלעכער פונקציאָנירונג פון וועלכער מענטשן וואָלטן ראַפּטאָם אַראָפּזינקען צוריק צו זייערע מעכאַ־נישע אורשפּרונגען.״ (34

לכן, אפילו אין דער פרימיטיווער געמיינשאַפט האָט זיך שוין דער כוח פון דער אינטעלינעגנציע, הגם פאַרשטעלט, פאַרשלייערט אין מאַגיק, אין צויבער, אַנטפּלעקט אַלס א דעטערמינירנדיקער פאַקטאָר.

מיט דעם אויפקום פון דער אינטעליגענציע אלס אַ פּאָליטישער כוח וועט תורה, א סינטעז פון רעליגיע און וויסנשאַפט, פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם בלאַנקענדיקן צוויי־קלינגלדיקן שווערד׳, מיט וועלכן די היטער פון קאָמונאַלן גן־עדן האָבן געפאָכעט. דאָס וואָרט, די איבערצייגונג, דער אַנוויַיז, דער וויסנשאַפטלעכער און געוויסנשאַפטלעכער באַוויַיז וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם קנוט, פון דער נאַגאַיקע, וועלכע האָט ארויסגעוויזן אזא אומרעקוויטירטע ליבע צו די געבויגענע רוקנס פון די האָרעפּאַשנע און געדולדיקע מאַסן. אָט־די, הייך־נוצלעכע אין פאַרדעמדיקע עפּאָכן און איבעריקע איצט, אינסטרומענטן וועט מען אריינשטעלן, פאָלגנדיק ענגעלסעס פּאַרויסזאָג, אין אַ היסטאָרישן מוזייאום.

וו. ק. אלעע שרייבט:

„אפילו די העכסטע אָרגאַניזאַציעס וויַיזן ארויס א נייגונג זיך צו באַגיין אָן פירערשאַפט; די יחידים, וועלכע שטעלן צוזאמען די גרופּע ווערן איינגאַנצן גיכער גרופּן־צענטרירט איידער אינדיווידואַליסטיש געשטימט. דאָ איז ניט פאַראַן ניט קיין אינדיווידועלע אויטאָריטעט און ניט קיין געהאָרכזאמקייט מחמת מ׳דאַרף ניט קיינעם פון זיי אין דער אַנוועזנהייט פון דער פולשטענדיקער קאָאָפּעראַציע פאַרן טובת הכלל.״ 35)

די העכערע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע וועלן זיך קענען באַגיין אָן מאַכט־אויטאָריטעט און אָן פּאָליטישער פירערשאַפט. מיט דער אַנטוויקלונג פון ׳אינטעלעקטואַליזם׳ וועט די אָנפירנדיקע מינאָריטעט, אויף אָט־דער געגעבענער שטופע פון סאָציאָלאָגישער עוואָלוציע, וועלכע וועט פאַרטראָטן ווערן פון דער אינטעליגענציע, זיך אויפהייבן ווי אָן אָבעליסק איבער דעם דורכשניט מאַסן־ניוואָ. פון איר טורעם פון אָנגעזאַמלטער קענטעניש און פּאָטענציאַלער קלוגשאַפט וועט זי דירעקטירן און אָנצייכענען דעם קורס פון קאָמונאַלן לעבן. זי וועט עס טאָן דורך דידאַקטאָרישע מיטלען פון סאָציאַלער הדרכה. זי וועט פירן די מענגעס פון די מענטשנקינדער מיט דעם שם־המפורש פון דעם געפליגלטן געדאַנק, געזונטער אידייע, באַגרינדעטן ארגומענט. זי וועט זאָרגפעלטיק אויסמיידן דעם אקטועלן קאָנטאַקט מיט דער אַדמיניסטראַציע און פאַרוואַלטונגאַקטיוויטעטן, וויַיל די דאָזיקע פּראַקטיקעס זיינען וואולגאַר און באַלעסטיקנדיק. זיי זיינען פאַרבונדן מיט פילע אומאנגענעמלעכקייטן.

פינאַנץ־קאַפּיטאַל פאַרוואַלט ניט דירעקטמעסיק די פאַבריקן, קוילן, זילבער, קופּער, גאָלד־גרובן, אייזנבאַנען א. א. וו. ער באַגנוגנט זיך

מיט דעם וואָס ער שטעלט צו די „ממתקים״. ער לאָזט איבער די פונק־ציעס פון פלאַנירטער אָפּערירונג און אַדמיניסטרירונג צו אַן אַנדער גרופּע, צו די אינדוסטריאַליסטן. ער פּרעזערווירט פאַר זיך בלויז איין טייל פון די פילפאַכיקע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן, נעמלעך, דאָס פינאַנסירן, שפּייזן, האַלטן אויף אַ דיעטע פון גאָלד אדער טשעקס דעםווירטשאַפט אָרגאַניזם און קאָנטראָלירן אים אומדירעקטמעסיק.

פונקט אזוי וועט זיך פירן די אינטעליגענציע אונטער דעם סאָציאַלן רעזשים וועלכן מיר רופן „אינטעלעקטואַליזם״. די פונקציעס פון דער לעגיסלאַטור, אַדמיניסטראַציע און געריכט, מיט איין וואָרט די אָפּערי־רונג פון גאַנצן סאָציאַלן מעכאַניזם, וועלן דערפילט ווערן פון אַ נידע־ריקערן פלאַסט פון דער געזעלשאַפט, אויב ניט פון די סאַמע דעק־וואוינער. דער „קאָפּ״ וועט זיין פאַרנומען מיט דער ארבעט, לאָמיר עס רופן, פון ׳אינטעלעקטואַליזירונג׳. דאָס מיינט די אינטעליגענציע וועט זיך באַשעפטיקן מיט דער אויסארבעטונג און אָנצייכענונג פון די פּלענער ווי אזוי אויפן בעסטן אופן צו רעגולירן די געמיינשאַפט.

איך בין אין פולן הסכם מיט פּלאַטאָנען, ספּענסערן און דעם אויטאָר פון משלי, וועלכע האָבן געהאַלטן אז די פילאָזאָפן, די אינטעלעקטואַלן דארפן זיין די יעניקע וועלכע וועלן לייטן די געזעלשאַפט. אבער איך האַלט אז דאָס וועלן זיי טאָן אויף אַן אומדירעקטן וועג.

דער רעזשים פון דער אינטעליגענציע וועט פאַרשטעלן דעם סיום־התורה פון דער אייגנטלעכער סאָציאָלאָגיע. ער וואָלט פאַרשליסן אַ גאַנצע עפּאָכע, אָנשרייבן דעם וואָרט „ענד׳ אין ערשטן באַנד פון דער ׳סאָציאָלער׳ סאָציאָלאָגיע און אָנהויבן צו פאַרפאַסן דעם צווייטן באַנד, וועלכער וועט זיין אַ טראַקטאַט מכוח פּסיכאָ־סאָציאָלאָגיע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע. ׳אינטעלעקטואַליזם׳, וועלכער וועט קומען נאָך דעם ׳אָר־גאַניזאַטאָריזם׳ וועט איינפירן אַן איבער־סאָציאַלע עפּאָכע. מחמת ער וועט פאַרלאָזן דעם באָדן פון סאָלידער סאָציאָלאָגיע און זיך אנטוואגן ארויסצוקומען אין דער אַטמאָספערע פון פּסיכאָלאָגיע. דער אָרגאַניזאַטאָר וועט ווערן אַן עדוקאַציאָנאַליסט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. ער וועט ווערן ניט קיין אָרגאַניזירער פון מענטשן, פון זייערע מעשים, פון די פּראַג־מענטן פון זייער אינדיווידועלן און אינטעראינדיווידועלן אויפפיר, נייערט פון זייערע השגות און אידייען, וועלט־אָנשויאונגען און וועלט־באַנע־מונגען.

אויף דער שוועל פון סאָציאָלאָגיע זעט מען די שווידערלעכע פאַר־זעעניש פון אַנטראָפּאָפאַגיע ווי זי שטייט און סטשירעט מיט די ציין. „קאַניבאַליזם דאַטירט פון דער פּריסטער באַקאַנטער עקזיסטענץ פון

מענטשן אויף דער ערד, און עס לייגט זיך אויפן שכל, אז דאָס איז געווען א מנהג וועלכן אלע פעלקער האָבן פראַקטיצירט." 36) באַקונין פרעגט און ענטפערט תוך־כדי־דיבור: „וואָס איז פאַרצייטיקער און אוניווער־סאַלער פון שקלאַפעריי? אפשר קאַניבאַליזם." 37) דערנאָך, אַפשטו־פענדיק אַן א זייט אַט־די פאַרזעעניש, האָט זיך באַוויזן די מילדערע פיגור פון אַנטראָפאָ־מעכאַניק. זייער שאַרפזיניק דריקט זיך אויס דאַניעל דע־ליאָן: „געוועקצייג־לאָזע מענטשן זיינען די שקלאַפן פון דער נאַטור. פון דעם פאָלגט, אַז ווען די געוועקצייג זיינען אויפגעקומען האָט דער געוועקצייג־לאָזער יחיד געמוזט ווערן א שקלאַף פון געוועקצייג־אייגנ־טימער. און דאָס איז די קאַפיטאַליסטישע געזעלשאַפט." 38) און ווען דער מענטש אליין ווערט א כלי, א געוועקצייג, מוז ער דאָך זיכער ווערן א שקלאַף פון דעם געוועקצייג־האָבער און אַפערירער. דאָס איז די 'סאָציאַליסטישע' געזעלשאַפט. מחמת סאָציאַליזם אזוי גוט ווי קאַפי־טאַליזם געפינען זיך ביידע אונטער דעם זעלביקן צייכן פון אַנטראָפאָ־מעכאַניק. טוגאַן־באַראַנאָווסקי שרייבט: „וואָס דער אינדיוויד זאָל ניט זיין, פאַרמאָגט ער אַן אומאָפפרעמדבאַרעס רעכט צו פאָדערן, אז אונדזערע פאַרהעלטענישן צו אים זאָלן זיין ניט ווי צו א מיטל, נייערט ווי צו א היכן צוועק. קאַנט, לכן, קומט צו דער אידייע פון דער 'הערשאַפט פון צוועקן' אין וועלכער ראַציאָנאַלע וועזנס וועלן באַצוועקן פאַרשטענדלעכע אָביעקטן, באַטראַכטן איינער דעם אַנדערן, ניט ווי מיטלען נייערט ווי צוועקן. אן אידעאַלע מענטשלעכע געזעלשאַפט מוז פאַרשטעלן אַט־אַזאַ 'מלכות פון תכליתים'" 39)

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעגעבן אונדזער אויסזעצונג קעגן דער צוועקן־טעאָריע פון קאַנטן. מיר ווילן דאָ צוגעבן, אז די „אידעאַלע מענטשלעכע געזעלשאַפט" וועלכע טוגאַן־באַראַנאָווסקי באַצייכנט אלס די „תכליתים מלכות" איז א לחלוטינדיקע אוממעגלעכקייט אין דעם תחום פון פראַקטישער סאָציאָלאָגיע. עס קען ניט זיין קיין „אידעאַלע געזעל־שאַפט" צוליב דעם אליין, וואָס דער 'אידעאַל' איז די פאַרניינונג פון דער „געזעלשאַפט". אלס א באַוויז, אז דער אידעאַל פון מענטשן איז דאָס בייקומען פון דער געזעלשאַפט, דאָס אויסקריסטאַליזירן פון דעם ריינעם אינדיוויד, דאָס שאַפן פון דער גרויסער פערזענלעכקייט, — קענען דינען די מאָנאָטעאיסטישע, וועלכע זיינען, טיפער פאַרשטאַנען, מאָנאַעגאָאיס־טישע, פאָרמען פון רעליגיע, דער איך פון דער וועלט, דער אנכי פון באַשטאַנד איז אַן איבערסאָציאַלעס וועזן. ער איז אן אחד. ער פאַר־מאָגט ניט קיין געזעלשאַפט. ער האָט ניט קיין פאַמיליע, קיין סביבה פון ענלעכע וועזנס. דאָס באַווייזט אז דעם מענטשנס אידעאַל ליגט

אויף יענער זייט פון קאַמונאַל לעבן, פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. דער גרעסטער אידעאַל איז די דערגרייכונג צו דער דרגא פון פּערפעקטער יחיד׳ישקייט, איינציקייט, איינזאַמקייט און איינציקייט.

דער מענטש פאַר זייַן מיטמענטשן איז אַ כלי. און אין די גבולים פון האַמאַאיסטרומענטאַליזם וועט די געשיכטע שטיין נאָך אַ לאַנגע צאָל פון יאָרהונדערטער. זי וועט גיין פון עטאַפּ צו עטאַפּ, פון סטאַנציע צו סטאַנציע, פון דעם אייגנטום רעזשים צו דעם אָרגאַניזאַטאָרישן אייַנ־שטעל. נאָך דעם וועלן מיר אַרייַנטרעטן אין אַ נייַעם ציקל פון סאָציאָ־דידאַקטיק. דעם ערשטן קאַפּיטל, וועלכער וועט זייַן געווידמעט צו פּסיכאָ־מעכאַניק וועט מען אָנהייבן און דורכלייענען ביזן סאַמע סוף. נאָך אים וועט קומען דער צווייטער קאַפּיטל ׳פּסיכאָ־דידאַקטיק׳. אויף אַט דער שטופע וועלן זיך אַלע אינטער־אינדיווידועלע און אינטער־גרופּן צוזאַמענשטויסונגען, רייַבונגען און סתירות, דרייען אַרום דעם פּונקט פון די פּסיכאָלאָגישע אומגעוויכטבאַרקייטן. איצט, בשום אופן ניט פאַר דעם, וועט דער אַנטאַגאָניזם, וועלכער האָט געטליעט פאַר דורות צווישן דער אינטעליגענציע און די מאַסן, צווישן דעם געלערנטן און דעם אומוויסנדיקן, זיך פאַנאַנדערפלאַקערן אין אַ מאוים׳דיקער שׂרפה.

די שׂנאה צווישן דעם תלמיד־חכם און עם־הארץ איז אַזוי אַלט ווי דער פאַנאַנדערגאַנג פון קלוגשאַפט און נאַרישקייט.

„אַט וואָס דער תלמוד זאָגט אונדז וועגן דעם: די שׂנאה וואָס די עם־הארצים פילן צו די תלמידי־חכמים איז גרעסער פון דער פייַנדשאַפט פון די גויים־רשעים צו די אידן.״ (40 „ווען זיי וואָלטן ניט דאַרפן אָנקומען צו אונדז... וואָלטן זיי אונדז דער׳הרג׳ענען. רבי עקיבא פלעגט דער־ציילן: ווען איך בין געווען אַן עם־הארץ פלעג איך זאָגן: וואָלט איך פאַרפאַדזשעט אַ תלמיד־חכם וואָלט איך אים צעריסן.״ (41

לאָגיק איז די טעכנאָלאָגיע פון דענקען. דאָס איז אַ דיסציפּלין, וועלכע רעגולירט און רעגולאַריזירט אונדזערע פאַרהעלטנישן צו דער וועלט פון באַגריפן און קאָנצעפּטן. זי וואָרנט אונדז קעגן פאַלשע טריט, אומריכטיקע באַוועגונגען. זי איז אין דעם פּרט זייער ענלעך צו דער גראַמאַטיק, וועלכע היט אונדז, באַשיצט אונדז פון עטימאָלאָגישע טעות׳ן, גרייזיקע קאָניוגאַציעס, פעלערהאַפטע אינפלעקציעס. עפּיסטעמאָלאָגיע אין דער הינזיכט טוט דאָס אייגענע וואָס לאָגיק, נאָר זי דערגרייכט העכערע בריטערע פאַראַלגעמיינערונגען. זי פאַרנעמט זיך מיט דעם אויספאָרש פון די כוחות פון אונדזער אינטעלעקט אַלס אַזעלכן. זי ציינט אונדז אָן זייַנע מעגלעכקייטן און אוממעגלעכקייטן, זייַנע אָפענע, ליכ־טיקע פּערספּעקטיוון און זייַנע פאַר׳חושכ׳טע געסעלעך. עס איז גאַנץ

נאַטירלעך פאַר איינעם וואָס געברויכט אַ געוויסן אינסטרומענט זיך צו פאַראינטערעסירן מיט זיינע מעלות און חסרונות, זיינע קוואַליפיקאַציעס און לימיטאַציעס, בכדי אויסצומיידן די אַנטוישונגען, וועלכע וואָלטן זיך באַקומען פון צופיל פאַרלאַנגען, פון פאָדערן דאָס אומדערגרייכבאַרע פון אַט־דעם געוועקצייג, פון צווינגען אים זיך אָנצושטרענגען איבער די כוחות.

אַלע סיסטעמען פון דערקענטעניש און קענטעניש, ווי קריטיציזם, פּראַגמאַטיזם, אינטויאיטיוויזם, אינסטרומענטאַליזם, נעאָ־רעאַליזם א. א. וו. זיינען קאָמפּלעטן פון טעכנאָלאָגישע מעטאָדן, וועלכע ווערן געברויכט אין תחום פון פאַרשטענדעניש מיט דעם צוועק פון דערקענען די וועלט, פאַרשטיין אירע דערשיינונגען און פּראָצעסן. דאָס זיינען אַלץ מיטלען און אָנווייזונגען ווי אַזוי צו קריגן רויע מאַטעריאַלן. עס איז כמעט ווי ערד־באַאַרבעטן, קוילן־אויסגראָבן, שטיינער־האַקן א. א. וו. אינדוקציע, דעדוקציע, דיאַלעקטיק, אַפּריאָריזם, אַפּאָסטעריאָריזם א. א. וו. זיינען אופנים און שטייגערס, מיט וועלכע דער דענקער ראַפינירט, באַאַרבעט זיינע רוי־מחשבותדיקע מאַטעריאַלן. דאָס פעלד פון וויסעניש אין אַט־דעם ספּעציעלן ווינקל איז גאַנץ נישקשה׳דיק קולטיווירט, איז באַפרי־דיקנדיק אויסגעפאָרשט. קולטוראָלאָגיע האָט געמאַכט אַ גרונטלעכן גע־וויסנהאַפטן שטודיום פון אַלע פּראָבלעמען, וועלכע געהערן אהערצו. הייך־קוואַליפיצירטע מענטשלעכע קוריאָזיטעט האָט גענומען אַ לעבעדיקן אינ־טערעס אין אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דערקענטעניש, קאָגניציע, כמעט פון ערשטן טאָג פון פאַרצייטיקער קלוגשאַפט.

מיר זיינען אויסן צוצוגיין צו אַט־דעם קעגנשטאַנד פון אינגאַנצן אַ נייעם ווינקל. מיר האָבן בדעה אוועקצושטעלן זייט־ביי־זייט מיט דער אידייאָטעכנאָלאָגיע, וועלכע הייסט גנאָסעאָלאָגיע, אַ דיסציפּלין, וועלכע מיר וואָלטן אַ נאָמען געגעבן אידייאָנאָמיע, אָדער פּאָליטישע גנאָסעאָלאָגיע.

אידייאָנאָמיע וואָלט ניט אונטערזוכן, אויספאָרשן אונדזערע פאַר־העלטענישן צו דער אידייען־וועלט. זי וואָלט זיך ניט פאַרנעמען מיט דער אַנטדעקונג אָדער באַשרייבונג פון די מעטאָדן, וועלכע זיינען אַמ־בעסטן קאָנדוציוו צו דעם דערגרייך פון ווערטעטן און ראַציאָנאַליטעטן. אַט־די אויפגאַבע אויסצוגעפינען ווי אַזוי אָנצואייגענען זיך אונדזער קענ־טעניש פון דער אויסערלעכער און אינערלעכער וועלט, וואָלט זי איבער־לאָזן פאַר דער אייגנטלעכער פילאָזאָפיע.

אידייאָנאָמיע וועט זיך באַשעפטיקן מיט דער חקירה ודרישה פון די פאַרהעלטענישן פון מענטשן צו מענטשן, וועלכע וואַקסן אויס אויף דעם באָדן פון זייער אידעאָלאָגישן פאַרקער. אידייאָנאָמיע וועט מאַכן אַ

שטודיום פון די שייכות'ן, וועלכע עקזיסטירן צווישן די וויניקע לערער און גרינדער פון רעליגיע, וויסנשאַפטלעכע, אַרטיסטישע שולן און זייערע פילע תלמידים, נאָכפאָלגער, אָנהענגער. מיט אַנדערע ווערטער, אידיי־אָנאָמיע פרעגט: וואָס איז דער כאַראַקטער פון דער פאַרבינדונג, וועלכע ווערט געפלאָכטן צווישן דעם פאַסטוך, — גייסטיק־רעליגיעזן אָדער סע־קולאַרן, עס איז ניט קיין נפקא מינה — און זיין טשערעדע? אָט־די מיסטעריע האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט די פאַרפלאָנטערונגען פון עפּיס־טעמאָלאָגיע, זי געפינט זיך אין דער ספערע פון פּאָליטאָ־גנאָסעאָלאָגיע, פּאָליטאָ־עפּיסטעמאָלאָגיע.

אָט־די פאַזע פון דער אידעאָלאָגישער פּראָבלעם ווערט נאָך אַלץ גע־האַלטן אונטער א וואואַל. אין אָט דעם פּרדס האָבן זייער וויניק פילאָזאָפן געפּרובירט אריינצובליקן. אין ס'רוב פאַלן האָבן זיי קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פּראָצעס פון דער דערקענטעניש אַלס אַזעלכער, אויפן אַקט פון דערוואַרבן וויסנשאַפטלעכע דאַטן, אַקומולירן חכמה־עלעמענטן, סיסטעמאַטיזירן, אַסאָרטירן זיי. די דענקער זיינען געווען פאַרנומען מיט די פּראָצעסן פון קאָגניציע, מיט דער עלאַבאָראַציע פון דער דערקענטעניש און וויסעניש.

אידייאָנאָמיע וועט זיך ספּעציאַליזירן אין די מענטשלעכע צווישן־שייכות'ן, וועלכע ווערן אַרויסגערופן צום לעבן דורך דעם אַקט פון דיסטריבוטירן, אַזוי צו זאָגן, קאָמערציאַליזירן די אַרטיקלען פון גנאָסיס, אָדער אוועקשטעלן זיי אין אַזאַ דאָמינירנדיקער אויטאָריטעט־פּאָזיציע, אַז זיי זאָלן קענען אויסאיבן זייער הערשאַפט איבער די מוחות און געדאַנקען פון די מענטשן. אידייאָנאָמיע וועט זיך קאָנצענטרירן אויף דער אויס־פאָרשונג פון דעם פּראָצעס, ניט פון קאָגניציע, נייערט פון רעקאָגניציע. אידייאָנאָמיע וועט שאַפן ניט קיין דערקענטעניש־טעאָריע, נייערט אַן אַנדערקענטעניש־טעאָריע. זי וועט אויספאָרשן און באַשרייבן די פאַר־וויקלטע עוואָלוציע, וועלכע א דערקענטעניש־פּראָדוקט מאַכט אַדורך בשעת ער ווערט אַן אידעאָלאָגישע שטיקל סחורה, און דעם כאַראַקטער פון די אינטעראינדיווידועלע פאַרהעלטענישן וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין אים. אידייאָנאָמיע פאַרמעסט זיך צו עקספּאָזירן דעם פעטישיזם פון די אָנגענומענע אָנשויאונגען און אַנדערקענטע פּרינציפּן.

די לערע, וועלכע עס האָט פאַרשפּרייט די שולע פון נאַטור־רעכט, איז שוין לאַנג עקספּלאָדירט. עס איז ניטאָ קיין רעכט, וואָס זאָל זיין גילטיק פאַר אַלע צייטן און אַלע פעלקער. עס קומט פאַר א קאַמף, א געפּעכט צווישן פאַרשיידענע גרופּירונגען אַרום דעם, וואָס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט. גערעכטיקייט איז א סאַלאַמאַנדריע, זי ווערט געבוירן

אין פייער פון קאָנפליקטן, זי לעבט אין די פלאַמען פון סאָציאַלע ליידנ־שאַפטן. דער מקום־מנוחה ווערלדל, וואו דערכט האָט, על־פי השערה, זיך געפונען אין פולשטענדיקער שבת־רו, אַפגעשיידט, אַפגעזונדערט פון דעם וואַכעדיקן טומל און געפילדער פון אונדזערע אקטואליטעטן, איז אַפגע־ברענט ביז צו די וואָרצלען, און דער אַש פון די האַלעוועשקעס זיינען צעטראָטן געוואָרן אונטער די פיס פון אמביציעס.

מער ווי דאָס. עס איז ניטאָ אַזאַ מהות ווי אַ נאַטירלעכער ווערט אין דער עקאָנאָמישער ספערע. וואָס איז מארקסעס אויפפאַסונג פון ווערט אויב ניט אַ מילדע קאָנצעפּציע פון נאַטור־רעכט אָנגעווענדט אין פעלד פון אויסטויש? רוסאָ און די איבעריקע יוריסטן־פילאָזאָפן האָבן ארויפ־געצויבערט נאַטירלעכע יורידישע ווערטן פון דעם אונטערגרונט פון דער געמיינשאַפט. מארקס האָט זיי נאָכגעטאָן. ער האָט פאָסטולירט די עקזיסטענץ פון נאַטור־ווערטן אין דעם תחום פון האנדל. די ווערטן־לערע, וועלכע מארקס, פאָלגנדיק אין די פוסטריט פון ריקאַרדאָ, האָט אויסגעאַרבעט, איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ לערע מכוח דעם נאַטירלעכן אויסבייט־ווערט, וואָס איז גוט פאַר אַלע אומגעבונגען און אַלע עפּאָכן. די „נאַטור־יוריספּרודענץ" האָט געבוירן אַ נאַטור־עקאָנאָ־מיע. ווערט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז אַ סאָציאַלער פענאָמען, איז רעדוצירט געוואָרן פון מאַרקסן צו זיינע פיזישע אייגנשאַפטן, צו בלויזער פאַרשווענדונג פון מענטשלעכע ענערגיע אלס אזוינער, ד. ה. צו פיזיאָלאָגיע.

ווערט איז אַ פאַרהעלטעניש פון סאָציאַלע גרופּירונגען, וועלכע ווערט מאַניפעסטירט אין סחורות. די עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען קען מען ניט אָפּרייסן פון דעם סך־הכל פון אונדזערע סאָציאַלע אונטערנעמונגען און אַקטיוויטעטן. דער ווערט פון ארבעט הענגט אָפּ פון דעם ווערט פון דעם אַרבעטער, פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון דער ספּעציעלער גרופּע אין דעם קלאַס, צו וועלכן דער געגעבענער ארבעטער באַלאַנגט. די חשיבות פון דער טאָטאַליטעט פון דער ארבעט פון דער געגעבענער סאָציאַלער גרופּירונג ווערט באַשטימט היסטאָריש דורך דעם סאָציאַלן מעמד פון דער דעפיניטיווער גרופּירונג, דורך איר רעלאַטיווער וויכ־טיקייט. מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט בלויז מיט עקאָנאָמיק, נייערט מיט סאָציאָלאָגיע. מיר קענען ניט פיקסירן דעם ווערט פון דער ארבעט פון אַ באַשטימטער גרופּע סיידן מיר ווייסן אלע אירע אויפטואונגען, וועלכע זי האָט דורכגעזעצט אין אנדערע, אויסער ריין ווירטשאַפטלעכע, ספערן פון אָנשטרענג. נאָך מער. דאָס אַלץ דרייט זיך ארום דעם פּונקט פון פעסטשטעלן די סטאַנדאַרטן און באַשטימען דעם פערסאָנאַל, וועלכער

ווערט אַנפּאַרטרויט מיט דער פּאַראַנטוואָרטלעכער עובדא פון אַן אַפּשאַצער פון ווערטן. אַט־די צווייפּאַכיקע פּראָבלעם ווערט ניט געלייזט אין דעם קאַבינעט פון דענקער, נייערט אויף דעם שלאַכטפעלד, אין דער היץ און ברען פון געראַנגל.

עס זיינען ניטאָ קיין נאַטור־רעכט און עס זיינען ניטאָ בנמצא קיינע נאַטור־ווערטן. עס איז ניטאָ אזא מין זאַך ווי א נאַטירלעך־ווערטפולע ארבעט. וואָס עס איז דאָ איז א געזעלשאַפטלעך נוצלעכע ארבעט. און די שווערקייט באַשטייט אין אויסגעפינען און גענוי אַפּמעסטן און פּינקטלעך פּאַרשרייבן די מאָס פון נויטווענדיקייט פון דער געגעבענער שטיקל ארבעט, ד. ה. די מאָס פון נוצלעכקייט וואָס ליגט אין איר און וועלכע ווערט געזעלשאַפטלעך אַנדערקענט. אַלץ ווענדט זיך אָן דעם סאָציאַלן געוויכט פון געגעבענעם קלאַס, די טואונגען און פאַרדינסטן פון וועלכן מ׳אונטערזוכט און שאַצט אָפּ.

מאַרקסיזם, אלס א אוטאָפּיסטישער און וואולגאַרער חדר אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, געהערט צו דעם הערואישן פּעריאָד פון די אָרגאַניזאַטאָרן, פּונקט אזוי ווי די שולע פון נאַטור־רעכט האָט געדינט די צוועקן און איז געווען אין איינקלאַנג מיט די שטימונגען און געדאַנקען, וועלכע עס האָט געפּלעגט דער מיטלשטאַנד אין זיין „שטורם און דראַנג״־צייט.

אַלדאָס געזאָגטע איז אָנווענדבאַר צו דער פּראָבלעם פון „אמת״. נאַאיוויזם באַהויפּט, אז עס איז פאַראַן אַ נאַטירלעכער אמת, קעגן וועלכן קיין טעות קען קיין תקומה ניט האָבן. דאָס איז ניט ריכטיק. אמת איז דאָס וואָס די אויבנשטייענדיקע אָנדערקענטע קאָרפּאָראַציע פון די בעלי־מוחות פּראָקלאַמירן אלס אזעלכן. אמת איז קראַפט, גבורה, ניט כוח אין דעם גראָבן טייטש פון וואָרט, נייערט אין זיין איידלסטער ראַפינירסטער קאָנצענטראַציע. אמת אין דעם תחום פון אידעאָלאָגיע איז כמעט דאָס אייגענע וואָס ׳רעכט׳ אויף דעם געביט פון סאָציאַלן לעבן. אמת־דיקייט איז ניט קיין פּסיכאָלאָגישער און ניט קיין לאָגישער פענאָמען, נייערט גיכער א סאָציאַלער פּראָצעס. מ׳מוז ׳קעמפן׳, ווינדיצירן דעם ׳אמת׳, ווי מ׳מוז קעמפן און ווינדיצירן, פאַרטיידיקן ׳רעכט׳. דער דאָזיקער אמת איז אמת׳דיק, דער דאָזיקער אמת טריאומפירט, וועלכער ווערט פּראָמולגירט פון דעם שטאַרקסטן קלאַס אין דער געגעבענער געמיינדע. עס איז ניטאָ קיין אמת אחוץ פון אונדזערע סאָציאלע אינטעררעלאַציעס. עס איז ניטאָ קיין אמת אויף יענער זייט פון דעם תחום פון די סאָציאלע אָרגאַנען, פון די מענטשלעכע ווענגס. „דער אויבערשטער האָט אראָפּגעוואָרפן דעם אמת אויף דער ערד״, „דער אמת שפּראָצט פון דער ערד״

(תהלים פ״ה, י״ב), ווייל אויסער אונדזערע ׳רעאלע׳ באַציאונגען האָט ער ניט קיין עקזיסטענץ. אמת איז די באַהויפּטונג, די איבערצייגונג, דער וועלט־בליק, וועלכער ווערט פאַרגעלייגט און אקצעפּטירט פון דעם עכסט אגרעסיוון, עכסט ענערגעטישן מיעוט פון דער געגעבענער געמיינשאפט. און אז אַך און אז ווײ צו די פאקטן, אויב זיי וואגן אָפּצובויגן זיך פון דער ליניע, וועלכע עס צייכענען אָן פאַר זיי די אנדערקענטע ווערטעטן. מחמת אקטואליטעטן, רעאַליטעטן וועלן ווערן אומ׳ברחמנות׳דיק צעדרייט און צעקרוטשעט בכדי זיי זאָלן זיך אריינפּאַסן אין די סכעמעס און פּלע־נער, וועלכע עס אַדוואָקאַטירט די שטארקסטע, איינפלוסרייכסטע קאָר־פּאָרציע. 41)

אידייאַנאַמיע באַצוועקט צו באווייזן, אז הינטער די היציקע דעבאַטן און פיבערדיקע דיספּוטאַציעס שטייען מענטשלעכע וועזנס, אָדער קאָר־פּאָראַציעס, וועלכע צופּן און ציען די דראָטן אויף וועלכע עס קוליעמען זיך די מאַריאָנעטן דאקטרינעס, די פּופּן־טעאָריעס. עס זיינען ניטאָ קיין אידייען אָן אידעאָלאָגן, זייערע געבוירער, וועלכע זיינען אינדיווידן אדער גרופּירונגען. ניט די בלייכע אידייען, די אָנעמישע אידעאָלאָגיעס, די קאַלטע ספּעקטערס פון וועלט־אָנשויאונגען, די מטושטש׳דיקע שאָטנס פון די קאָסמאָס־דערקלערנדיקע סיסטעמען ריוואַלירן און קאָנקורירן; דאָס טוען די פלייש און בלוט־קריגער, מענטשלעכע וועזנס מיט זייער פייער־הייסע אמביציעס, ברענענדיקע תאוות׳דיקע פּניות, אומאיינשטילבארן דאָרשט פאַר דאָמינאַציע, וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין אומשולדיק־אויס־זעענדיקע לבושים, אין באשיידן־אָביעקטיווע ארגומענטאציעס — אָט־זיי די קעמפער רייסן זיך עס ארום, שלאָגן זיך, זיינען זיך מתווכח, ד. ה. פירן שטענדיקע גייסטיקע מלחמות, אינטעלעקטועלע עקספּעדיציעס.

די שפּאַלטונג צווישן דער געהירן־בורזשואַזיע און דעם געהירן־פּראָלעטאַריאַט, די סוגעסטירער און די סוגעסטירטע, די קליינע מינאָריטעט פון לערער און שעפער און די איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט פון תלמידים און נאָכמאַכער וועט זיך אין דער צוקונפט געפערלעך ברייט פאַנאַנ־דערעפענען.

די גאַנצע רעפאָרמיסטישע ווי אויך רעוואָלוציאָנערע אויפמערקזאַמ־קייט וועט ווערן קאָנצענטרירט אויף אָט־דער פּראָבלעם פון אַלע פּראָ־בלעמען. א יסודים׳דיקער אָנשטרענג וועט דעמאָלט געמאכט ווערן מצד פון דער געזעלשאַפט בכדי צו קענען ווי ניט איז אריבערגיין פון דעם סאָציאַלן אינטער־אינדיווידועלן דידאַקטיזם צו דעם אויטאָ־דידאַקטיזם.

מראה מקומות

א

אריינפיר

1. Goethe, Xenien.
2. E. A. Ross, The Outlines of Sociology, p. 227. London, 1923.
3. Duke of Argyll, Unity of Nature, p. 167. New York. Al. Burt Publ.
4. Tikhomirov, Pouquoi j'ai cesse d'etre revolutionnaire? p. 13.
5. P. J. Proudhon, General Idea of the Revolution, p. 252. London, 1923.
6. Saint Simon, Oeuvres, vol. XXII, p. 53.
7. Gilbert Cannan, Anatomy of Society, p. 54. N. Y., 1919.
8. P. A. Kropotkin, Revolutionary Studies, p. 9. London, 1892.
9. P. J. Proudhon, What Is Property? p. 32.
10. Edmund Burke, Reflections on the Revolution in France 1790. Works, vol. I, p. 529. New York, 1860.
11. I. A. R. Wylie, Soviet Sidelights, Saturday Evening Post, January 5, 1936, pp. 65-66.
12. John Pollock, The Bolshevik Adventure, pp. 152-53. New York, Dutton et com.
13. Fustel de Coulanges, Origines du régime feodal, pp. 566-67.
14. Fustel de Coulanges, La Monarchie Franque, p. 650.—George Sorel, Reflections on Violence, p. 97. New York, Huebsch.
15. William R. Greg, Essays on Political and Social Science, p. 459, vol. I. London, 1853.
16. Theodor de Laguna, The Factors of Social Evolution, p. 3. New York, 1926.
17. Emory S. Bogardus, Contemporary Sociology, p. 346. Los Angeles, 1931.
18. P. J. Proudhon, System of Economic Contradiction, vol. I, p. 71. Boston, 1888.
19. R. G. Tugwell, The Industrial Discipline and the Governmental Arts, pp. 224-25. New York, 1933.
20. Arthur Schopenhauer, Essays, p. 44. Willey Book Com.
21. Goethe, Xenien.
22. Floyd Henry Allport, Institutional Behavior, pp. 282-83.

University of North Carolina Press, 1933.

23. William Graham Sumner, War and Other Essays, p. 209. New Haven, 1919.

I

1. Walton Hamilton and Irene Till, art. "Property" in Enc. of Soc. Sc., vol. 12.

2. Roberto Michels, art. "Authority" in Enc. of Soc. Sc., vol. II.

3. P. J. Proudhon, General Idea of the Revolution, p. 241.

4. Ludwig Gumplovicz, The Outline of Sociology, p. 81. Philadelphia, 1899.

5. P. J. Proudhon, General Idea of the Revolution, p. 255.

6. H. C. Carey, Principles of Social Science, vol. III, p. 52. London, 1867.

7. O. Fred Boucke, The Limits of Socialism, pp. 47-48. New York, 1920.

8. Karl Marx, Selected Essays, p. 194. New York, 1926.

9. Richard Hildreth, The Theory of Politics, p. 49. New York, 1853.

10. James Harrington, The Commonwealth of the Oceana, p. 18. London, 1887, 1st ed. 1656.

11. Ibid. pp. 18-19.

12. Ibid. p. 20.

13. Ibid.

14. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, p. 23.

15. Ibid. p. 91.

16. F. Engels, Preface to the Communist Manifesto, Essentials of Marx, p. 28. New York, 1926.

17. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 48. Essentials of Marx. New York, 1926.

18. F. Engels, Anti-Duehring, p. 33.

19. Karl Marx, Poverty of Philosophy, p. 88. London, 1900.

20. Ibid. p. 94.

21. F. Engels, Speech at Marx's Funeral in Highgate Cemetery on March 17, 1883.

22. Enrico Ferri, Socialism and Modern Science, p. 160. New York, 1904.

23. Bertrand Russel, Freedom versus Organization, p. 191. New York, 1934.

24. Ibid. p. 188.

25. P. J. Proudhon, What Is Property? p. 43. The Humboldt Pub.

26. Walter Wheeler Cook, art. "Ownership" in Enc. of Soc. Sc., vol. XI.

27. V. Catherine, art. "Property". Cath. Enc., vol. XII, p. 466.

28. Tully, First Book of Offices, c 7.

29. Milne, Eastern Clan, pp. 37, 38, 48.

30. W. G. Sumner and A. G. Keller, The Science of Society, vol. I, pp. 250-51.

31. Robert H. Lowie, Primitive Society, p. 213, N. Y., 1920.

32. John Lubbock, Origin of Civilization, pp. 278-79. London 1875.

33. Botticher, Baum Cultus der Hellenen, 1856.

34. Olaus Magnus, Bk. III, ch. i.

35. Tacitus, Germania IX.

36. Early Races of Scotland, vol. I, p. 171.

37. Jour. Anthr. Instit., 1873, p. 275.

38. De Brosses, Du Culte des Dieux fetiches, p. 175.

39. Edmund Burke, Works, vol. II, p. 495-6. N. Y., 1860.

40. De Brosses, Du Culte, p. 169

41 John Lubbock Origin of Civ., pp. 278-79.

42. Burckhardt, Travels in Arabia, vol. I, p. 299.

43. Park, Travels, vol. I, p. 64 106; Callie, vol. I, p. 156.

44. Merola's Voyage to Congo, Pinkerton, vol. XVI, p. 236. Astley's Collection of Voyages, vol. II, pp. 95, 97.

45. Astley's Collection of Voyages, vol. II, p. 26.—Tuckey's Narrative, p. 181.—Livingstone's South Africa, p. 495.

46. Oldfield, Expedition, vol. II, p. 26.

47. Chapman, Travels, vol. II, p. 50.

48. Ferguson, Tree and Serpent-Worship, p. 56 et seq.

49. Lewin, Hill Tracts of Chittagong, p. 10. Trans. Ethn. Soc., vol. VI, p. 34.

50. Thomson, Travels in. W. Himalaya, p. 19.

51. Hunter's, Annals of Rural Bengal, p. 131. 1868.

52. Stahlenberg, Travels in Siberia, p. 381.

53. Pallas, Voyages, vol. IV, p. 79.—Erman, Travels in Siberia, vol. I, p. 464.

54. Dalton, Des. Ethn. of Bengal, p. 115.

55. Marsden, History of Sumatra, p. 301.

56. F. G. Mueller, Geschichte of Amer. Urreligionen, p. 59.

57. Ibid. p. 125.

58 Franklin, Journeys to the Polar Sea, vol. I, p. 221.

59. Tylor, Anahuac, pp. 215, 265.
60. Mueller, Amer. Urreligion.
61. Ch. Darwin, Researches in Geology and Natural History, p. 79.
62. De Brosses, Du Culte, p. 51.—Lafitau, Moeurs des Sauvages Americans, vol. I, p. 146.
63. John Lubbock, Origin of Civilization, pp. 274-86.— Early Races of Scotland, vol. I, p. 158.
64. Theodor Mommsen, History of Rome, vol. I, pp. 186-87. Everyman's Library.
65. Ibid. p. 153.
66. H. R. Schoolcroft, Information Respecting the Indian Tribes of the U. S., vol. I, p. 232. London, 1853-56.
67. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. II, p. 540.
68. Ibid. p. 545.
69. Laster F. Ward, Pure Sociology, p. 275, 2nd ed. New York, 1911.
70. W. G. Sumner, Folkways, p. 262.
71. Julius Lippert, The Evolution of Culture, p. 284. New York, 1931.
72. William Linn Westermann, art. "Slavery" in Enc. of Soc. Sc., vol. XIV, p. 75.
73. Victor Duruy, History of Rome, vol. II, p. 365. Boston, 1883.
74. Melvin M. Knight, art. "Slavery" in Enc. of Soc. Sc., vol. XIV, p. 80.
75. Ratzel, Voelkerkunde, I c. II, p. 555, 2nd ed. Vienna, 1894-95.
76. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 466.
77. F. Oppenheimer, The State, p. 39.
78. Iliad, XXIV, 752.
79. August Comte, Positive Philosophy, vol. III, p. 50.
80. Edward Gibbon, Decline and Fall of the Roman Empire, vol. VI, pp. 131-32. 7th ed. London, 1925.
81. R. T. Evans, Aspects of the Study of Society, p. 45. New York, 1923.
82. Laster F. Ward, Pure Sociology, p. 275.
83. Od. IX, 40.
84. Enc. Brit., art. "Slavery", p. 261-d, vol. XXV, ed. XI.
85. Albert N. Gilbertson, art "Slavery" in Enc of Rel. and Eth., vol. XI, p. 597-b. New York, 1922.

86. G. Turner, Nineteen Years in Samoa, p. 320. London, 1860.

87. T. L. Mitchel, Three Expeditions Into the Interior of Australia, vol. I, p. 330.

88. Petrus Martyr Anglerius, de rebus oceanicis, p. 6. Colon, 1574.

89. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. I, pp. 631-34.

90. E. A. Ross, The Outlines of Sociology, p. 106. New York, 1923.

91. Robert Briffault, The Mothers, pp. 231-32. N. Y., 1931.

92. Macc. I, 32.

93. Ibid. I, II, 128.

94. Ibid. 665.

95. T. D. Seymour, The Homeric Age, pp. 270-71. New York, 1907.

96. Laws of Manu, III, 33, 26. Oxford, 1886.

97. John Lubbock, Origin of Civilization, p. 125, 3rd ed. London 1875.

98. F. Oppenheimer, The State, p. 56. New York, 1926.

99. Sumner and Keller, The Science of Society vol IV, p. 888.

100. O. Schrader, The Prehistoric Antiquities of the Aryan Peoples, p. 383. London, 1890.

101. A. Holtzmann, Indische Sagen, vol. I, pp. 212-13. Stuttgart, 1854.

102. P. G. Mollendorf, The Family Law of the Chinese. Shanhai, 1896.

103. O. Schrader, Antiquities, p. 382.

104. N. Klugmann, Die Frau in Talmud, 22 note. Vien, 1898.

105. Sumner and Keller, Science of Society, vol. IV, p. 889; vol. III, p. 1615.

106. L. Gumplovicz, Sociology, p. 108.

107. J. R. Mucke, Horde und Familie, p. 125. Stuttgart, 1895.

108. Sumner and Keller, Science of Society, vol. III, pp. 1627-28.

109. Julius Lippert, The Evolution of Culture, p. 286.

110. Ibid. p. 287.

111. Ibid. p. 293.

112. Ibid. Trans. Ethn. Soc., vol. III, p. 250.

113. Julius Lippert, The Evolution of Culture, p. 294.

114. Plutarch, Lycurgus, XV.—Xenophon, Respublica Lacedoemoniorum, I, 5.

115. Jamblicus, De vita Pythogorae, IX, 48, XVIII, 48.

116. Rosshbach, Roemische Ehe, p. 215.

117. Williams and Calvert, Fijians, vol. I, p. 174.

118. Vinogradoff, Historical Jurisprudence, vol. I, p. 209.

119. R. Briffault, Mothers, vol. II, p. 230.

120. Brevard, Digest of the Public Statute Law of South Carolina, p. 229|—Prince, Digest of the Laws of Georgia, p. 777.—Code Noir, Edit du mois de Mars 1685, art. 44, p. 49; Edit donne du mois de Mars 1724, art. 40, p. 305.

121. Stephen, Slavery of the British West India Colonies, vol. I, p. 62.—Stroud, Laws Relating to Slavery in the U. S., p. 68.—Goodell, Amer. Slave Code in Theory and Practice, p. 63 ff.

122. Cobb, Inquiry Into the Law of Negro Slavery in the U. S. A., p. 68.—Strouds, Laws, p. 99.—Goodell, Amer. Slave Code, p. 105 ff.—Wheeler, Treatise on the Law of Slavery, p 5.

123. Morgan, Civil Code of Louisiana, art. 182, p. 29.

124. Edward Westermarck, The Origin and Development of the Moral Ideas, vol. I, pp. 705-07. London, 1906.

125. P. J. Proudhon, What Is Property? p. 42.

126. Art. "Property" in Funk and Wagnall's Dictionary.

127. Sumner and Keller, Science of Society, vol. I, p. 259.

128. Holmes, The Common Law, p. 216.

129. Sumner and Keller, Science of Society, vol. I, p. 257.

130. H. S. Maine, Ancient Law, p. 247. New York, 1875.

131. R. M. Binder, Principles of Sociology, p. 461. New York, 1928.

132. Walter Wheeler Cook, art. "Ownership and Possession" in Enc. of Soc. Sc., vol. XI.

133. Pufendorf, The Law of Nature and Nations, p. 363, 4th ed. London, 1729.

124. Ibid. p. 362.

135. Samuel Sharp, History of Egypt, vol. I, p. 189. London, 1876.—John Kenrick, Ancient Egypt Under the Pharaohs, vol. II, p. 42. London, 1850.

136. Theodor Mommsen, History of Rome, vol. I, p. 95. London, 1862.

137. Br. W. Stubbs, The Constitutional History of England, vol. I, p. 34. Oxford, 1880.

138. J. M. Kemble, The Saxons in England, vol. I, p. 69. London, 1876.

139. Hallam, Europe in the Middle Ages, vol. II, p. 295. London, 1855, 11th ed.

140. J. Reeves, History of English Law, vol. I, pp. 34-36. London, 1869.

140. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. II. pp. 296-97.

141. Samuel von Pufendorf, The Law of Nature and Nations, p. 12.

142. Joyce O. Hertzler, Social Institutions, p. 83.

143. Herbert Spencer, Social Statics, pp. 66-67.

144. Thomas Allen, What Is the State? p. 17. St. Louis, 1879.

145. G. W. Thomson, The Grammar of Power, p. 49. London, 1924.

146. Anton Menger, The Right to the Whole Produce of Labor, p. 41, Introduction.

147. P. J. Proudhon, What Is Property? p. 12.

148. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 331.

149. Goldwin Smith, False Hopes, p. 7. 1883.

150. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 332. New York, 1915.

151. Art. "Slavery" in Enc. Brit., 9th ed.

152. P. J. Proudhon, What Is Property? p. 43.

153. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 466.

154. G. Volkens, Der Kilimandscharo, S. 250. Berlin, 1897.

155. P. Paulitschke, Ethnographie Nordost Afrikas, vol. II, p. 139. Berlin, 1896.

156. B. S. Carey and H. N. Tuck, The Chin Hills, vol. I, pp. 203-4. Rangoon, 1896.

157. E. Schmidt, Ceylon, S. 273. Berlin, 1897.

158. L. Hearn, Japan, p. 258. New York, 1904.—Sumner and Keller, The Science of Society, vol. IV pp. 89-90.

159. Code of Hammurabi, No. 8. London, 1904.

160. W. H. Hamilton and Irene Till, art. "Property" in Enc. of Soc. Sc., p. 531-b, vol. XII.

161. G. Glotz, The Greek City, p. 119. London, 1929.

162. W. L. Westermann art. "Slavery" in Enc. of Soc. Sc., p. 75, vol. XIV.

163. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol, III, p. 465-66,

164. Ch. Letourneau, Property: Its Orogin and Development, p. 352.

165. Sumner and Keller, Science of Society, vol. I, p. 237; vol. IV, pp. 85-89.

166. Close, Globus, LXXXIII, p. 314.

167. F. Ratzel, Voelkerkunde, Bd. II, S. 446.

168. Sumner and Keller, Science of Society, vol. IV, pp. 85-88.

169. L. Farrand, Notes on the Alsea Indian of Oregon, Am. Anthr., III, p. 242.

170. W. H. Prescott, History of the Conquest of Mexico, 3 vols. Phila., 1871-76.

171. N. Lenin, State and Revolution, p. 216. New York, 1929.

II

1. A. L. Kroeber, art. "Caste" in Enc. of Soc. Sc., vol. III.

2. The Laws of Manu, I, 31.

a. Ibid. I, 87-91.
b. Ibid. VIII, 418.
c. Ibid. 413-14.
d. Ibid. 416-17.
e. Ibid. III, 16-19.
f. Ibid. X, 4-5.

3. John Dunlop, The Universal Tendency to Association in Mankind, pp. 93-94. London, 1840.

4. Walter Bagehot, Physics and Politics, pp. 18-19. New York, 1899.

5. D. W. Ross, German Land-holding, p. 134, note.

6. Oswald Spengler, The Decline of the West, vol. II, p. 333.

7. Rudolph M. Binder, Principles of Sociology, p. 35. New York, 1928.

8. R. M. Maciver, Society, Its Structure and Changes, p. 83. New York, 1931.

9. Dhurjati Prasad Mukerji, Basic Concepts in Sociology, p. 54. London, 1932.

10. The Laws of Manu, VIII, 415. Oxford, 1886.

11. F. Oppenheimer, The State, p. 41.—Theodor Mommsen, Roemische Geschichte, vol. I, p. 17, vi ed. Berlin. 1874. — F. Ratzel, Voelkerkunde, vol. II, p. 518, 2nd ed. Leipzig and Wien, 1894-95.

12. Alexander A. Goldenweiser Early Civilization, p. 54. New York, 1929.

13. Henry Smith Williams ed. of The Historians' History of the World, p. 489. New York, 1908.

14. William Linn Westermann, art. "Slavery" in Enc. of Soc. Sciences, vol. XIV, p. 76-b.

15. Henry Brougham, Aristocratic Government, pp. 210-11. London, Ball and Baldy, p. 190.

16. F. Engels, Anti-Duehring, p. 183.—H. Wallon, Histoire de l'esclavage dans l'antiquite, vol. I, ch. VIII.

17. Plutarch, Lucull. p. 580.

18. Edward Gibbon, Decline and Fall of the Roman Empire, vol. I, pp. 39-42, 8th ed., 1925.

19. Ernest Barker, Greek Political Theory, pp. 31-33. London, 1925.—T. D. Seymour, The Homeric Age, p. 258. New York, 1907.

20. T. Mommsen, History of Rome, vol. II, p. 76.

21. M. Edward Biot, Art. III, Chinese Repository, pp. 349-50, vol. XVIII. Canton, 1849.

21. G. Glotz, The Greek City, pp. 34-36. London, 1929.

22. Ibid. p. 125.

23. A. Jarde, The Formation of the Greek People, p. 250. New York, 1926.

24. Phillip Rappoport, Looking Forward, pp. 148-49. Chicago, 1906.

25. A. Jarde, The Formation of the Greek People, p. 133.

26. Montesquieu, Esprit des lois, XVIII, 17.

27. A. Jarde, The Formation of the Greek People, p. 135.

28. G. Glotz, The Greek City, p. 77.

29. A. Jarde, The Formation of the Greek People, p. 85.

30. G. Glotz, The Greek City, p. 70.

31. Theodor Mommsen, History of Rome, vol. I, p. 61. Everyman's Library.

32. Ibid. p. 63.

33. Ibid. p. 90.

34. Montesquieu, The Spirit of the Laws, vol. I, pp. 10-11. New York, 1899.

35. S. Wells Williams, The Middle Kingdom, vol. I, pp. 411-13, 406, 387. New York, 1883.

36. William Eliot Griffis, The Mikado's Empire, pp. 278-80.

37. Lewis L. Lorwin, art. "Class-Struggle" in Enc. of Soc. Sc., vol. III.
38. Paul Mombert, Ibid.
39. Morris Hillquit, Socialism in Theory and Practice, pp. 153-54. New York, 1909.
40. Thomas Allen, What Is the State, p. 5. St. Louis, 1879.
41. G. Landtman, art. "Priest, Priesthood" in Enc. of Rel. and Eth., vol. X, p. 278.
42. Oswald Spengler, The Decline of the West, p. 341.
43. Thomas Paine, Rights of Man, p. 88. Everyman's Lib.
44. Oswald Spengler, The Decline of the West, vol. II, p. 357.
45. Johann Kaspar Bluntschli, The Theory of the State, p. 174. Oxford, 1885.
46. Oppenheimer, The State, p. 8.
47. Thomes Ross Williamson, Introduction to Sociology, p. 134. Boston, 1926.
48. Bringham, Orig. Ecc. lib. 4.
49. Machiavelli.
50. Sir William Temple, Works, vol. I, p. 19. London, 1814.
51. Thomas Hobbes, The English Works, vol. VI p. 149. London, 1840.
52. Theodor Mommsen, History of Rome, vol. I, p. 186.
53. S. Wells Williams, The Middle Kingdom, vol. I, p. 411.
54. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. II, p. 546.
54-a. Ibid.
55. Ibid. p. 555.
56. F. Engels, The Origin of the Family, p. 184. Chicago, 1902.
57. Ibid. p. 182.
58. Oswald Spengler, Decline of the West, vol. II, p. 371.
59. E. A. Ross, Outlines of Sociology, p. 248. N. Y., 1923.
60. Richard Hildreth, Theory of Politics, p. 243. New York, 1853.
61. Communist Manifesto, p. 33.
62. Robert H. Lowie, Primitive Society, pp. 207-08. New York, 1920.
63. Ibid. p. 221.
64. Ibid. p. 224.
65. Ibid.
66. Ibid. p. 228.
67. A. B. Ellis, The Yoruba-Speaking Peoples of the Slave Coast of West Africa, p. 189. London, 1894.

68. J. Roscoe, The Bahima, Journal of Anth. Inst., XXXVII, p. 98.

69. G. W. Land-Tenure in Madagascar, ibid. vol. XII, p. 277.

70. R. Hilderbrand, Recht und Sitte auf den verschiedenen wirtschaftlichen Kulturstuffen, pp. 148-49. Jena, 1896.

71. G. Turner, Samoa, p. 176. London, 1884.—Sumner and Keller, The Science of Society, vol. IV, pp. 105-06.

72. Richard Hildreth Theory of Politics, pp. 49-50.

73. Enc. Brit.

74. Ibid.

75. Montesquieu, The Spirit of the Laws, vol. II, p. 49.

76. Henry Thomas Buckle, History of Civilization in England, vol. I, p. 443, note. New York, 1903.

77. William Edward Hartpole Lecky, Democracy and Liberty, vol. II, p. 149. New York, 1896.

78. Oswald Spengler, The Decline of the West, vol. II, p. 337.

79. August Comte, Positive Philosophy, vol. III, pp. 96-97.

80. Enc. Brit., art. "Celibacy", 9th ed., vol. V, p. 293-d.

81. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific p. 24.

82. J. K. Bluntschli The Theory of the State, p. 174, 2nd ed.

III

1. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 242.

2. Bodin, De republica, pp. 123-24.—Francis William Coker, Readings in Political Philosophy, p. 230. New York, 1914.—Jean Bodin, De la republique, L. I, ch. VIII, p. 122. Cologne, 1608.

3. William Bailie, Josiah Warren a Sociological Study, p. xiii. Boston, 1906.

4. Edmund Burke, Inherent Evils of All State-Governments, p. 31. London, 1858.

5. P. J. Proudhon, De la justice dans la revolution, vol. II, pp. 257-58, n. ed. Paris, 1931.

6. William Graham Sumner, Folkways, p. 2. New York, 1906.

7. R. M. Maciver, Community, p. 300. London, 1924.

8. Wilson D. Wallis, Introduction to Sociology, p. 12. New York, 1927.

9. Bodin, De Republica, pp. 240-43.—Francis William Coker, Readings in Political Philosophy, p. 235.

10. Bodin, De Republica, pp. 123, 240-43.—Francis William Coker, Readings in Political Philosophy, pp. 230-33.

11. J. K. Bluntschli, The Theory of the State, p. 478.

12. Jean Bodin, De Republica, Bk. I, ch. VIII.
13. Sir Walter Raleigh, The Cabinet Council: containing the Chief Arts of Empire, published by John Milton, Works, vol. I. London, 1751.
14. J. K. Bluntschli, The Theory of the State, p. 480. Oxford, 1885, footnote.
15. F. H. Giddings, Principles of Sociology, p. 285.
16. Thomas Paine, Rights of Man, p. 13, Everyman's lib.
17. מלאכים, א׳, א׳, ל״ב־ל״ה.
18. Christian Pfister and Karl August Eckhardt, art. "Salic Law" in Enc. Brit., 14th ed., vol. XIX, p. 880-a.
19. Montesquieu, The Spirit of the Laws, vol. I, pp. 281-86. New York, 1899.
20. במדבר כ״ו.
21. J. G. Fichte, Science of Rights, p. 237. Phila., 1869.
22. Sir Robert Filmer, Patriarcha, pp. 8-9. London, 1679.
23. Thomas Aquinas, Summa Theologica, Ia 2ae, Q. XC, a. 3. London, 1912.
24. Thomas Paine, The Rights of Man, p. 134.
25. Sir Robert Filmer, Patriarcha, pp. 8-9.
26. Thomas Aquinas, De Eruditione Principium, Bk. I, ch. 6.
27. Richard Hildreth, Theory of Politics, p. 55.
28. Pufendorf, The Law of Nature and Nations, p. 653.
29. Montesquieu, Spirit of Laws, vol. II, p. 159.
30. Polybius, Fragment out of the VIth Bk., pp. 33-37. London, 1742, tr. by Edward Spelmann.
31. Bodin, De Republica, pp. 71-73.—Francis William Coker, Readings in Political Philosophy, p. 228.—Jean Bodin, De la republique, L. I, ch. VI, pp. 68-70.
32. David Hume, Pr. II, Essay XII, p. 468. London, 1904.
33. J. K. Bluntschli, The Theory of the State, p. 464.
34. Alexander Chittick, Social Evolution, p. 24. Peoria, 1919.
35. Pufendorf, The Law of Nature and Nations, pp. 638-39.
36. Henry Brougham, Monarchical Government, pp. 50-51. London.
37. Josiah Warren, Equitable Commerce, p. 60. N. Y., 1852.
38. Bertrand Russel, Bolshevism, Practice and Theory, p. 158. New York, 1920.
39. Edmund Burke, The Inherent Evils of State-Governments, p. 19. London, 1858.
40. C. E. M. Joad, Modern Political Theory, p. 105. Oxford University Press, 1927.

41. Richard Hildreth, Theory of Politics, p. 56.

42. William Godwin, Enquiry Concerning Political Justice, ed. and abr. by R. A. Preston, vol. II, pp. 228-29. New York, 1926.

43. Edmund Burke, The Inherent Evils of All State-Governments, p. 18.

44. Bertrand Russel, Bolshevism, Practice and Theory, p. 167.

IV

1. Leopold von Wiese, Systematic Sociology, p. 700, adap. and ampl. by Howard Becker, London, 1932.

2. Karl Marx, Capital, vol. III, pp. 705-06.

3. Henry Brougham, Monarchical Government, p. 345.

4. Hillaire Belloc, Danton, p. 31. New York, 1928.

5. Art. "Landlord and Tenant" in Enc. Brit., 14th ed.

6. J. Dodridge, p. 123, Cir W. Jones' Report.

7. Art. "Land-Tenure" in Enc. Brit.—Art "Knight-Service", ibid.—Art. "Peerage", ibid.

8. Henry Brougham, Monarchical Government, p. 346.

9. Ch. H. Cooley, Social Organization, pp. 239-40. New York, 1916.

10. R. M. Maciver, Society, Its Structure and Changes, p. 83.

11. Morris Ginsberg, Studies in Sociology, p. 161. London, 1932.

12. J. K. Bluntschli, The Theory of the State, p. 172.

13. Code of Hammurabi, No. 168, 2nd ed.

14. Ch. H. Cooley, Social Organization, pp. 211-12.

15. Andre Maurois, "Can Capitalism Be Saved?", America Faces the Future ed. by Charles Beard, p. 89. New York, 1932.

16. Algernon Sidney, Discourses on Government, vol. I, p. 433.

17. David A. Wells, art. "Free Trade" in Cyclop. of Political Science and Political Economy, vol. II, p. 299-d. Chicago, 1883.

18. משנה יומא, ג׳, ב׳.

19. Walter Duranty, Bolshevism Marches Toward Its Goal, N. Y. Times, Magazine, Feb. 17, 1935.

V

1. H. Bourgin, art. "Saint-Simonisme" in La Grande Encyclopedie, vol. 28. Paris.

2. A. J. Booth, Saint Simon and Saint-Simonism, p. 74. London, 1871.

3. N. Lenin, Imperialism, pp. 107-08. New York, 1926.
4. Herbert Spencer, First Principles, p. 119. New York, 1900.
5. Herbert Spencer, Essays, vol. II, p. i. London, 1891.
6. J. F. Herbart, A Text-Book in Psychology, pp. 30-32. New York, 1891.—J. F. Herbart, The Application of Psychology to the Science of Education, pp. 210-11. London, 1898.
7. Bernard Bosanquet, The Philosophical Theory of the State, pp. 152-54. London, 1920.
8. David Hume, An Inquiry Concerning Human Understanding, p. 21. Chicago, 1912.
9. A. A. Bogdanov, Tectology, General Science of Organization, pp. 21-22. Berlin, 1922, Russian ed.
10. A. A. Bogdanov, A Short Course of Economic Science, p. 37.
11. Ibid. p. 58.
12. Ibid. p. 41.
13. James Harrington, The Commonwealth of Oceana, pp. 17-18.
14. J. J. Rousseau, Discourse on Inequality, Harvard Classics, vol. 34, p. 168.
15. Robert Owen, The Revolution in the Mind and the Practice of the Human Race, Preface, p. VII. London, 1849.
16. Henry Hughes, Sociology, p. 57. Philadelphia, 1854.
18. משנה יומא, ג' ב' III, II.
18. Ibid. p. 53.
19. H. C. Carey, Principles of Social Science, vol. I, p. 53. Philadelphia, 1867.
20. Ibid., vol. III, pp. 455-56.
21. P. J. Proudhon, System of Economic Contradictions, vol. I, p. 54.
22. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. II, p. 244.
23. Benjamin Kidd, Social Evolution, p. 9. New York, 1894.
24. Laster F. Ward, Pure Sociology, p. 173, 2nd ed. New York, 1911.
25. Ibid. p. 184.
26. G. S. Brett, The Government of Man, p. 1. London, 1913.
27. Graham Wallas, The Great Society, p. 238. N. Y., 1914.
28. Ibid. p. 239.
29. J. J. Findlay, Introduction to Sociology, p. 218.
30. F. R. Clow, Principles of Sociology with Educational Application, p. 317. 1920.
31. R. M. Maciver, The Elements of Social Science, p. 3.

32. Ibid. p. 2.

33. R. M. Maciver, Community, p. 91.

34. Franklin H. Giddings, Studies in the Theory of Human Society, p. 292. New York, 1928.

35. Franklin H. Giddings, Principles of Sociology, p. 3. New York, 1923.

36. Ibid. p. 4.

37. Ibid. p. 72.

38. V. I. Ienin, One Step Forward, Two Steps Backward, Complete Works, vol. V, pp. 452-72, Russian ed.

39. E. Armand, L'initiation individualiste, p. 16. Paris, 1923.

40. U .G. Weatherly, Social Progress, p. 337. London, 1926.

41. Theodor de Laguna, The Factors of Social Evolution, p. 35. New York, 1926.

42. T. R. Williamson, Introduction to Sociology, pp. 27-28. New York, 1926.

43. E. R. Groves, An Introduction to Sociology, p. 352.

44. J. O. Hertzler, Social Institutions, p. 80.

45. E. S. Bogardus, Contemporary Sociology, p. 300. Los Angeles, 1931.

46. Leopold con Wiese, Systematic Sociology, p. 526.

47. F. H. Allport, Institutional Behavior, p. 281.

48. Robert H. Lowie, art. "Social Organization" in Enc. of Soc. Sc., vol. 14, p. 141-b.

49. Bernard Rosanquet, The Philosophical Theory of the State, p. 157.

50. Marshall Bruce Williams, Axioms and Principles of the Science of Organization, p. 8. London, 1912.

51. M. William Martin, Jour. de Geneve, June 11, 1918.—Edgard Milhaud, March Toward Socialism, p. 248. London, 1920.

52. K. Kautsky, Historical Materialism, a collection of articles, p. 57. St. Petersburg, 1908, Rus. ed.

53. Zheliesnoff, Essays on Political Economy, p. 795, 1908, Rus. ed.

54. K. Kautsky, The Social Revolution, pp. 184-87. Chicago, 1902.

55. Emile Vandervelde, Collectivism and Industrial Evolution, p. 145. London.

56. K. Kautsky, Neue Zeit, No. 28, 1904.

57. Robert Blatchford, Merrie England, p. 89. N. Y., 1895.

58. Caroline Nelson, Natural Talks on Economics, p. 59. Chicago, 1912.

59. F. Lassalle, Workingmen's Programme, p. 32.
60. J. K. Bluntschli, The Theory of the State, p. 172.
61. F. Engels, in a footnote to page 141 of Poverty of Philosophy by Karl Marx, Russ. ed. Odessa, 1905.
62. K. Marx, Poverty of Philosophy, p. 159. London, 1900.
63. N. Lenin, State and Revolution, p. 196. New York, 1929.
64. Ibid. p. 199.
65. William English Wallace, Sovietism, p. 60. New York, 1920.—Lenin, Izvestia, No. 48, 1919.
66. Jose Ortega y Casset, The Revolt of the Masses, pp. 127-128.
67. Alexis de Tocqueville, The State of France Before the Revolution, p. 71. London, 1856.
68. F. Engels, Anti-Duehring, pp. 114-15.
69. Thomas Carlyle, Past and Present, p. 237. Boston.
70. Alexis de Tocqueville, The State of France Before the Revolution, p. 54.
71. F. Engels, Anti-Duehring, p. 205.
72. Jose Ortega y Gasset, The Revolt of the Masses, pp. 129-30.
73. Leon Trotzky, History of the Russian Revolution, vol. I, p. 97. New York, 1932.
74. August Bebel, Woman, p. 199. London.
75. F. A. Sorge, Socialism and the Worker, p. 14. London, 1906.
76. Freedom, October, 1907. London.
77. P. J. Proudhon, System of Economic Contradictions, vol. I, p. 51.
78. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, pp. 62-63.
79. Ibid. pp. 127-28.
80. Emile Vandervelde, Socialism Versus the State, pp. 224-26. Chicago, 1919.
81. George Plekhanoff, Anarchism and Socialism, p. 77. Chicago.
82. F. Engels, Socialism, Utopian and Scientific, p. 128.
83. Herbert W. Schneider, Making the Fascist State, p. 350. New York, 1928.
84. John Strachey, The Menace of Fascism, p. 59. New York, 1923.
75. F. Lassalle, The Workingmen's Programme, pp. 428-29, German Classics, vol. X.
86. F. Engels, Socialism, p. 128.

87. F. Engels, The Origin of the Family, pp. 211-12. Kerr Publ.

88. Herbert Spencer, Essays, vol. III, p. 469. London, 1916.

ב

I

1. Allen R. Foote, American Industrial Independence, p. 19. Montgomery Press, 1892.

2. A. de Lavison, La Protection par les primes, p. 7. Paris, 1900.

3. J. M. Gregory, Political Economy, National Economy, p. 363.

4. John Beattie Crozier, Sociology Applied to Practical Politics, p. 169. New York, 1911.

5. David A. Wells, art. "Free Trade" in Cycl. of Pol. Sc., p. 290-a, vol. II. Chicago, 1883.

6. Encyclopedia Brit., 11th ed., vol. XI, p. 88.

7. J. F. Rees, art. "Free Trade" in Enc. of Social Science, vol. VI, pp. 444-45. New York, 1931.

8. Henry Noel Brailsford, Property or Peace, p. 246. New York, 1934.

9. Alexander Hamilton, Manufacturers, Communicated to the House of Representatives, Dec. 5, 1791, Works, vol. IV, pp. 105-06.

10. Ibid. pp. 143-44.

11. John Beattie Crozier, Sociology Applied to Practical Politics, p. 201.

12. D. G. Harriman, Protection vs. Free Trade, pp. 4-5 and 6-7. New York, 1888.

13. Joseph Grunzel, Economic Protectionism, ed. by Eugen von Philippovich, p. 7. Oxford, 1916.

14. Comenius by M. W. Keatinge, p. 25. New York, 1931.

15. Werner Sombart, Socialism and the Socialist Movement, p. 48. London, 1909.

16. Michael Bakunin, God and the State, p. 59. New York, Mother Earth Pub.

17. August Comte, The Positive Philosophy, tr. by Harriet Martineau, vol. III, Bk. VI, pp. 61-64. London, 1896.

18. Wyndham Lewis, The Art of Being Ruled, p. 432. London, 1926.

19. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 587. New York, 1914.

20. G. de Molinari, art. "Nobility" in Enc. of Pol. Sc., vol. II, p. 1039.

21. Henry Noel Brailsford, Socialism for Today, p. 27. London, 1925.

22. Bernard Shaw, Do We Agree? A Debate between G. K. Chesterton and Bernard Shaw, p. 31. London, 1928.

23. Arthur Balfour, Birmingham, Nov. 14, 1907.

24. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 588.

25. Edward Carpenter, England's Ideal, p. 63. London, 1909.

26. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, pp. 588-89.

27. Ibid. p. 587.

28. Socialist Party National Platform, adopted at the National Convention assembled at Chicago, May, 1908.

29. Rudolf Eucken, Socialism, An Analysis, tr. by Joseph McCabe, p. 167. New York, 1922.

30. Harry Waton, The Philosophy of Marx, p. 162. New York, 1921.

31. Nicholas Berdyaev, The Metamorphosis of Marixsm, Blackfriars, vol. XV, No. 167, February, 1934, p. 124.

32. Alfred Raymond Johns, Socialism, Its Strength Weakness, Problems and Future, pp. 71-72. New York, 1931.

33. Richard Heath, Preface to Social Democracy by Hermann Kuttner, pp. 5-6. Garden City, 1910.

34. Herman Kuttner, Social Democracy, p. 99.

35. Walther Rathenau, The New Society, tr. by Arthur Windham, pp. 7-8. New York, 1926.

36. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, pp. 581-82.

37. William English Walling, Progressivism—and After, p. 233. New York, 1914.

38. Gustave le Bon, The Psychology of Socialism, p. 333. New York, 1899.

39. Eugene Lozinsky, What Is, at Last, the Intelligentsia? p. 147, Russ. ed. Petersburg, 1907.

40. Gustave le Bon, The Psychology of Socialism, p. 335. New York, 1899.

II

1. Arthur James Todd, Theories of Social Progress, p. 405. New York, 1934.

2. J. Keir Hardie, From Serfdom to Socialism.

3. John Middleton Murry, John Macmurray, N. A. Holdway, G. D. H. Cole, Marxism, p. 74. London, 1935.

4. M. L. Scudder, The Labor-Value Fallacy, p. 88. Chicago, 1884.

5. Gabriel Tarde, Laws of Imitation, pp. 229-30. New York, 1903.

6. Jean Jaures, Studies in Socialism, tr. by Mildred Minturn, p. 51. New York, 1906.

7. E. A. Ross, Social Psychology, p. 192. New York, 1908.

8. Harold J. Laski, art. "Democracy" in the Enc. of Soc. Sciences, vol. V, p. 77. New York, 1931.

9. Karl Marx, Capital, vol. I, p. 417. Chicago 1918.

10. E. Lozinsky, The Sum Total and the Perspective of the Labor Movement, p. 143. St. Petersburg, 1909, Russ. ed.

11. Johann Jacoby, The Social Question, p. 3, printed for private circulation, 1870.

12. Nicholas Murray Butler, True and False Democracy, p. 14. New York, 1907.

III

1. Werner Sombart, Socialism and Social Movement, p. 49. New York, 1909.

2. Mandell Morton Bober, Karl Marx's Interpretation of History, p. 286. Cambridge, 1927.

3. Karl Marx, Preface to Capital, vol. I, pp. 25-26. Chicago, 1918.

4. Karl Marx, Selected Essays tr. by H. Stenning, pp. 177-179. New York, 1926.

5. V. I. Lenin, The Teachings of Karl Marx, p. 14. New York, 1933.

6. George Plekhanov, Fundamental Problems of Marxism, pp. 122-23. London, 1929.

7. O. Fred Boucke, The Limits of Socialism, pp. 49-57.

8. Gabriel Tarde, Laws of Imitation, p. 231. New York, 1903.

9. H. M. Hyndman and William Morris, Summary of the Principles of Socialism, p. 60.

9-a. M. Bakunin, Oeuvres, p. 185, vol. III. Paris, 1904.
10. Evereth Dean Martin, Farewell to Revolution, p. 38. New York, 1935.
11. John Middleton Murry, John Macmurray, N. H. Holdway, G. D. H. Cole, Marxism, p. 74. London, 1935.
12. Jean Jaures, Studies in Socialism, p. 52. London, 1906.
13. Karl Marx and F. Engels, Communist Manifesto, p. 41, Essentials of Marx. New York, 1926.
14. Karl Marx, Address to the Communist League, 1850, The Labor Monthly, vol. III, p. 142, September, 1922, London.
15. Bouck White, Church of the Social Revolution p. 13. New York, 1919.
16. Gustave le Bon, Psychology of Socialism, p. 335. New York, 1899.
17. A. M. Simons, Wasting Human Life, pp. 95-96.
18. Max Beer, What Is Socialism? A Symposium ed. by Dan Griffiths, p. 18. London, 1924.
19. Robert Blatchford, ibid. p. 19.
20. Karl Marx, Preface to Capital, vol. I, p. 26. Chicago 1918.
21. Edward Kelly, Twentieth Century Socialism, pp. 8-9. New York, 1910.
22. William Thompson, Distribution of Wealth, p. 258, new edition. London, 1850.
23. Alexander Goldenweiser, art. "Evolution, Social" in Enc. of Soc. Sc., vol. V, p. 660. New York, 1931.
24. Julius F. Hecker, Russian Sociology, p. 233. London, 1934.
25. G. V. Portus, Marx and Modern Thought, p. 63. Melbourne, 1921.
26. Mandell Morton Bober, Karl Marx's Interpretation of History, p. 286.
27. F. W. Headley, Darwinism and Modern Socialism, p. 268. London, 1909.

IV

1. Brothers Gordin, Anthropocracy, p. 1, Vilno, 1914, Yiddish.
2. F. O. Bower, Plants anr Man, p. 339. London, 1925.
3. Ibid. p. 61.
4. Francis Bacon, Novum Organum ed. by Joseph Dewey, p. XI. New York, 1902.

5. Francis Bacon, Advancement of Learning, Works, vol. II, p. 103. London, 1825, first printing 1605.
6. G. W. de Tunzelmann, The Superstition Called Socialism, p. 304. London, 1911.
7. Francis Bacon, Advancement of Learning, Works, vol. II, p. 45.
8. Francis Bacon, Interpretation of Nature, Works, vol. I, p. 294.
9. E. J. Payne, The Age of Discovery, Cambridge Modern History, p. 8. New York, 1912.
10. J. S. Mackenzie, Lectures on Humanism, p. 30. London, 1907.
11. F. L. Sargent, Plants and Their Uses, p. 2. N. Y., 1913.
12. Francis Bacon, Novum Organum, p. 12.
13. Francis Bacon, Interpretation of Nature, Works, vol. I, p. 295.
14. H. E. Cory, The Intellectuals and the Wage-Workers, p. 130. New York, 1919.
15. W. S. Lilly, First Principles in Politics, pp. 21-23, 2nd ed. London, 1907.
16. F. L. Sargent, Plants and Their Uses, p. 2. N. Y., 1913.
17. Lord Wrenbury's Letter in Times, March 5, 1930.
18. Francis Bacon, In Praise of Knowledge, Works, vol. I, p. 255. London, 1825.
19. Francis Bacon, Novum Organum, p. 62.
20. Nicholas Berdyaev, The End of Our Time, p. 43. London, 1933.
21. Henry Suzzalo, art. "Natural" in Cyclop. of Education ed. by Paul Monroe, vol. IV, p. 387. New York, 1913.
22. Gabriel Campayre, History of Pedagogy tr. by W. H. Payne, p. 287. Boston, 1907.
23. N. W. Keantinge, Comenius, p. 74. New York, 1931.
24. Herbert Spencer, Education, p. 173. New York, 1864.
25. Ibid. p. 177.
26. John Dewey, art. "Nature" in Cyclop. of Education, p. 388, vol. IV.
27. Karl Marx, Capital, vol. I, Preface, pp. 14-15. Chicago, 1912.
28. Karl Rodbertus, Overproduction and Crises tr. by Julia Franklin, p. 136. London, 1908.
29. John Middleton Murry, John Macmurray, N. A. Holdway, G. D. H. Cole, Marxism, p. 177. London, 1935.

29-a. George Sorel, Preface to Essays on the Materialistic Conception of History by Antonio Labriola in Socialism and Philosophy by Antonio Labriola, p. 185. Chicago, 1912.

30. Edward Bernstein, Evolutionary Socialism, tr. by Edith C. Harvey, p. 9. New York, 1909.

31. Anton Pannekoek, Marxism and Darwinism, p. 20. Chicago, 1912.

32. Ibid. p. 21.

33. Ludwig Feuerbach, The Essence of Religion, tr. by Alexander Loos, p. 47. New York, 1873.

34. Ibid. p. 4.

35. אבא גאָרדין, יידישע עטיק, זז. 97־93

36. אבא גאָרדין, יידישקייט זז. 262־64

37. Abba Gordin, Self-Mastery, Clarion, Sept. 1932. N. Y.

38. August Comte, Positive Philosophy, Bk. VI, chap. 3; Todd, Theories of Social Progress, p. 287.

39. F. Engels, Der Sozialistischer Akademiker, Berlin, 1895, No. 20, p. 374.—G. Plekhanov, Fundamentals of Marxism, ed. by D. Ryazanov, p. 69. London, 1929.

40. E. A. Ross, Foundations of Sociology, pp. 79-80. New York, 1905.

41. E. A. Ross, Principles of Sociology, p. 95, first revis. ed. 1930, New York.

42. T. E. Shaw (Lawrence of Arabia), New York Times, Sunday Sect. IV, "Lawrence's Own Epitaph", May 26, 1935.

43. Harry Waton, Philosophy of Marx, pp. 13-14. N. Y. 1921.

4. ישעיה י׳, ט״ו.

45. Francis Bacon, Interpretation of Nature, Works, vol. I, p. 298.

46. Francis Bacon, Novum Organum, p. 8.

47. Ibid. p. 7.

48. William James, Principles of Psychology, vol. I, p. 291. New York, 1927.

49. F. W. Headley, Darwinism and Modern Socialism, p. 268. London, 1909.

50. N. K. Mikhailovsky, Works, vol. II, p. 97. Petersburg, 1896, Russ. ed.

51. E. A. Ross Social Psychology, p. 363. New York, 1908.

52. John Bruce Glasier, Meaning of Socialism, p. 74. London, 1919.

53. Arthur James Todd, Theories of Social Progress, pp. 386-87. New York, 1934.

54. Edwin R. A. Seligman, The Economic Interpretation of History, p. 97. New York, 1924, first ed., 1902.

55. Ibid. p. 98.

V

1. Alexander Sutherland The Origin and the Growth of the Moral Instinct, vol. I, p. 370. New York, 1898.

2. Richard Andree, Anthropophagie, p. 12. Leipzig, 1887.

3. J. A. MacCulloch, art. "Cannibalism" in Encyclop. of Religion and Ethics, vol. III, p. 194.

4. Alexander Sutherland, The Origin and Growth of the Moral Instinct, p. 371.

5. Gabriel Tarde, Laws of Imitation, p. 273. N. Y., 1903.

6. P. Bergermann, Verbreitung der Anthropophagie, pp. 50-51. Bunzlau, 1893.

7. Julius Lippert, The Evolution of Culture, p. 425. New York, 1931.

8. John Lubbock, Prehistoric Times, p. 459. New York, 1872.

9. Edwin M. Loeb, art. "Cannibalism" in Encyc. of Soc. Sc., vol. III, p. 173.

10. P. Bergemann, Verbreitung der Anthropophagie, pp. 49-50.

11. L. T. Hobhouse, Morals in Evolution, p. 272. N. Y., 1916.

12. H. Berkursky, Sklaverei und Leibeigenschaft bei Naturvoelkern in Zeitschrift g. Sozial Wissenschaft. Leipzig, 1910, p. 40.

13. F. Engels, The Origin of the Family, p. 6. Chicago, 1902.

14. F. Engels, Anti-Duehring, p. 205.

15. Philip Snowden, Socialism and Syndicalism, p. 45. London, 1913.

16. L. T. Hobhouse, Morals in Evolution, p. 273.

17. דברים כ׳, ט״ז

18. Edward Gibbon, Decline and Fall of the Roman Empire, vol. III, p. 427, 8th ed., 1925.

19. Immanuel Kant, Groundwork of the Metaphysics of Ethics, p. 128, 3rd ed. Edinburgh, 1886.

20. Fred Henderson, The Case for Socialism, p. 21. London, 1911.

21. Bertram Benedict, The Larger Socialism, pp. 242-43. New York, 1921.

22. Aleander Sutherland, The Origin and Growth of the Moral Instinct, vol. I, pp. 433-34.

23. Herbert Spencer, Principles of Sociology, vol. III, p. 464.

24. H. M. Hyndman, The Future of Democracy, p. 219. New York, 1916.

25. Heinrich von Treitschke, Der Soziolismus und seine Goenner, p. 72. Berlin, 1875.

26. George Lacy, Liberty and Law, p. 59. London, 1939.

27. H. M. Hyndman, The Economics of Socialism, p. 76. Boston, 1921.

28. Heinrich von Treitschke, Der Sozialismus und seine Goenner, p. 59.

29. Weitling, Garantien, p. 57.

VI

1. Walder Clyde Allee, Animal Life and Social Growth, p. 147. Baltimore, 1932.

2. אבא גאָרדין, אידישער וועלט באַנעם, זז. 35־27.

3. ברידער גאָרדין, ספר אל הגולה, ווילנא, 1909, פעדאַגאָגיק, קאַפּיטל 1, מאָסקווע 1919 (רוסיש)

4. Ibid. p. 21.

5. George Sorel, Materiaux d'une theorie du proletariat, p. 191, note. Paris, 1919.

6. Walter Clyde Allee, Animal Life and Social Growth, p. 153.

7. William Samuel Lilly, First Principles in Politics, p. 17, 2nd ed. London, 1907.

8. איוב י״ב, י״ב

9. Alexander Block, Russia and the Intelligentsia, p. 32. Berlin, 1920.

10. Michael Bakunin, God and the State, p. 59. Mother Earth Pub., New York.

11. Ibid. p. 63.

12. M. Bakunin, Statism and Anarchy, p. 234, 2nd ed. (Russian). Moscow, 1922.

13. L. Sirkin, Makhayevtchina, p. 4 (Russian). Moscow, 1931.

14. A. Wolsky, The Brain Worker, Part II, Scientific Socialism, p. 77. Geneva, 1905 (Russian).

15. A. Wolsky, Socialist Science as a Religion, p. 3. Geneva, 1905 (Russian).

16. A. Wolsky, The Bankruptcy of Socialism of the 19th Century, p. 27. Geneva, Russian ed.

17. A. Wolsky, Brain-Worker, Part I, Evolution of the Social Democracy, p. VI, new Russian ed. Geneva, 1905.

18. Max Nomad, Rebels and Renegades, p. 206. N. Y., 1932.

19. E. Lozinsky, What Is, at Last, the Intelligentsia? pp. 257-58. St. Petersburg, 1907, Russian ed.

20. E. Lozinsky, Sum Total of Parliamentarism, p. 109. St. Petersburg, 1907, Russ.

21. E. Lozinsky, Sum Total and Perspectives of the Labor Movement, p. 142. St. Petersburg, 1909, Russ. ed.

22. B. A. Possé, The Theory and Practice of Proletarian Socialism, pp. 148-56, Russ.

23. Max Nomad, Rebels and Renegades, p. 403. N. Y., 1932.

24. Henry de Man, The Psychology of Socialism, pp. 223-24.

25. P. Kropotkin, Revolutionary Minority, pp. 42-43, Russ.

26. P. Kropotkin, Revolutionary Pamphlets, p. 241. New York, 1927.

27. Paul Miliukov, Bolshevism and International Danger, pp. 29-30. London, 1920.

28. L. T. Hobhouse, Morals in Evolution, p. 57. N. Y., 1916.

29. Leon Trotzky, Dictatorship vs. Democracy, p. 171. New York, 1922.

30. Karl Kautsky, The Social Revolution, p. 46. Chicago, 1902.

31. Ivan Rasumnik, What Is the Intelligentsia? p. 5. Berlin, 1920, Russ.

32. Ibid. p. 17.

33. Edward Bernstein, My Years of Exile, pp. 221-223. London, 1921.

34. Wyndham Lewis, The Art of Being Ruled, p. 432. London, 1926.

35. Walter Clyde Allee, Animal Life and Social Growth, p. 159.

36. Edwin M. Loeb, art. "Cannibalism" in Enc. of Social Sciences, vol. III, p. 172. New York, 1930.

37. Michael Bakunin, God and the State, p. 20.

38. Daniel de Leon, Father Gassoniana, p. 66. N. Y., 1912.

39. Tugan Baranovsky, Modern Socialism, p. 11. London, 1910.

40. פסחים מ״ט; סנהדרין ג״ב.

41. Abba Gordin (N. D. Rug) What Is the Idea? Clarion, December, 1932, New York.

ביילאַגע צו „קלאַסן און מאַסן"

רעוואָלוציע

אין דער פּובליציסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור ווערט גאַנץ אָפט גערעדט וועגן דער „עקאָנאָמישער רעוואָלוציע", וואָס ווערט געשטעלט העכער פון דער „פּאָליטישער רעוואָלוציע", אויסטייטשנדיק אַז די צווייטע פאַרנעמט זיך מיט קלייניקייטן, מיט אויסבעסערונגען פון דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם בשעת די אמתע רעוואָלוציע, וואָס ווערט אָנגערופן די „עקאָנאָמישע רעוואָלוציע", — אַמאָל ווערט זי אויך אָנגערופן „סאָציאַלע רעוואָלוציע" — האָט אַלס איר אויפגאַבע צו אַנדערשן די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, בייטן די פּרינציפּן לויט וועלכע די באַלעבאַטישקייט פון לאַנד ווערט געפירט. דאָס באַנוצן אַזאַ טערמינאָלאָגיע און דעם וועלן אַזוי איינטיילן, קלאַסיפיצירן רעוואָלוציעס און זיי אַזוי אויסטייטשן איז, לויט אונדזער פאַרשטאַנד, אַ פּראָדוקט פון צעשוואומענקייט און אומקלאָרקייט וואָס הערשט בנוגע דעם עצם ענין רעוואָלוציע.

אונדז שטעלט זיך די זאַך אַזוי פאָר: אַ קלאַס אויף זיין וועג צו הערשאַפט מאַכט דורך צוויי פּעריאָדן, און יעדער פּעריאָד זיינער האָט זיין רעוואָלוציע. די ערשטע רעוואָלוציע איז אַן אָנהייביקע, אַ ראשית־דיקע, איז, אַזוי צו זאָגן, אָריגינעל, דאָס קומט פאָר דעמאָלט ווען דער נייער קלאַס פאַרנעמט, באַהערשט דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעב. די צווייטע רעוואָלוציע, לויט איר וועזן נאָך איז אַ קאָרעגירנדיקע, זי פאַרריכט די פעלערן, זי פאַרבעסערט, פאַרפולקומט דעם נייעם שטייגער פון לעבן, זי איז פאַרנומען אייגנטלעך ניט מיטן שאַפן און איינפירן דעם נייעם שטייגער, מיט אַרויסרוקן צו דער אָוואַנסצענע אַ נייעם קלאַס, נאָר מיט רעפאָרמען, אויסבעסערונגען. זי זאָגט אָן אַז דער נייער קלאַס ווערט „געשטעלט", ווערט רייף. דער צוזאַמענשטויס פון די צוויי סאָרטן פון רעוואָלוציע האָט געשאַפן אַ צעטומלעניש אין די מוחות. נאָך אַ גרעסערע פאַרווירעניש האָט גורם געוועזן דאָס איגנאָרירן פון די צוויי פּעריאָדן. איין פּעריאָד ווען דער נייער קלאַס ווערט געבאָרן, קומט אַרויס און באַהויפּט זיך; דער צווייטער פּעריאָד — ווען ער ווערט אַ מיושב,

באַגרייפט דעם פּאַרנעם פון זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, ווען ער ווערט אַן אמתער בר־דעת, און נעמט זאָגן די אמתע דעה.

מאַרקס, ריידנדיק וועגן רעוואָלוציע און דערקלערנדיק עס מיטן וואוקס פון די פּראָדוקציע־קרעפטן, האָט, ווייזט אויס געהאַט אין זינען די צווייטע סאָרט רעוואָלוציע, וואָס מיר רופן אַן אַ קאָרעגירנדיקע רעוואָלוציע.

„אויף אַ באַשטימטער שטופע פון אַנטוויקלונג קומען די מאַטע־ריעלע כוחות פון דער פּראָדוקציע אין דער געזעלשאַפט צו אַ קאָנפליקט מיט די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן פון דער פּראָדוקציע, אָדער — וואָס איז מער ניט ווי דער יורידישער אויסדרוק פאַר דער זעלביקער זאַך — מיט די אייגנטום פאַרהעלטענישן... פון פאָרמס פון אַנט־וויקלונג פון די פּראָדוקציע קרעפטן ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ שטע־רעניש. דעמאָלט קומט דער פּעריאָד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מיטן בייטן זיך פון עקאָנאָמישן יסוד ווערט די גאַנצע גרויסע איבער־געבידע, מער אָדער ווייניקער, טראַנספאָרמירט (די הקדמה צו מאַרקס ווערק: „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע״).

אַ רעוואָלוציע לויט איר מהות, ווי מיר האָבן געזאָגט, איז אַ פּאָ־ליטישע דערשיינונג. דער אַרויסטריט פון די מאַסן אונטער פאַרשיידענע לאָזונגען, דאָס אָפּשאַפן פון די אַלטע מלוכה־שטייגערס און דאָס איינ־שאַפן נייעסן, אויפטאָן חידושים.

די פּאָליטיק אָבער מוז אומפאַרמיידלעך גלייך זיך אָפּשפּיגלען אויף דער עקאָנאָמיק. פּשוט דערפאַר ווייל יענע וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם פּאָליטישן מלוכה־אַפּאַראַט, די געזעץ־געבנדיקע אינסטיטוציעס און די רעפּרעסיווע, דיסציפּלינאַרישע מעכאַניזמען איבן אויס אַ גרויסן דרוק אויף דער עקאָנאָמיק, אויף דער ווירטשאַפט. סיי אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע און סיי אַ פּראָלעטאַרישע זיינען פּאָליטישע רעוואָלוציעס. פאַרשטייט זיך, אַז אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע פאַרנעמט זיך מיט העלפן פאַרשטאַרקן די ווירטשאַפטלעכע גדולה פון דער בורזשואַזיע. אַ פּאָליטישע רעוואָ־לוציע האָט עקאָנאָמישע צוועקן. מ׳זאָגט די פּאָליטישע „הגדה״ אָבער מיינען מיינט מען די עקאָנאָמישע „קניידלעך״, ווייל פּאָליטיק, אין דער אונטערשטער שורה, ווערט דיסקאָנטירט אויף דער עקאָנאָמישער בירזשע.

די בורזשואַזיע אין איר ערשטער געשטאַלט פון אַ האַנדלס־קאַפּי־טאַליסט, דערפילנדיק אירע יונגע כוחות, האָט צוזאַמענגעשמידט די איינ־הייטלעכע נאַציאָנאַלע מלוכה, האָט געשאַפן אַ גאַנצן שטאַרקן אָרגאַניזם פון טיילן, פון פראַגמענטן, פון ברעקלעך און קרושלעך, פון פעאָדאַלע

שלעסער, פּאַלאַצן, הויפן און סעניאָריעס־לענדלעך ; אויף אַזאַ אופן האָט זי באַשאַפן די אַבסאָלוטיסטישע פאָרם פון שטאָט. אַלע איבער־צאָמונגען, גדרים און מחיצות, קליינע גרענעצן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין דער פעאָדאַלער אָרדענונג, האָבן געשטערט דעם מסחר קאַפּיטאַל, אים זיך ניט געלאָזן באַוועגן, גיין פון אָרט צום אָרט, פון שטאָט צו שטאָט, פון געגנט צו געגנט ; זיי האָבן געשטערט דעם אויסשפּרייט פון אויסטויש־נעץ. און די בורזשואַזיע האָט עס אַלץ אָפּגעווישט, אויסגע־קערט פון דעם נאַציאָנאַלן מלוכה־הויז ; זי האָט אָפּגערייניקט דעם פעלד פון אַקטיוויטעט. דאָס איז געווען דער ערשטער טריט אירער. דער ערשטער פּעריאָד אירער, און די ערשטע רעוואָלוציע. זי האָט גע־גרינדעט די נאַציאָנאַלע מלוכה, פאַראייניקט קאַנטן, צוגעגרייט פאַר זיך אַן אָרט וואו צו פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן, וואו אַנצוגיין מיט האַנדל ; זי האָט פאַרלייכטערט די קאָמוניקאַציע, פאַרשנעלערט דעם אויסטויש־אומוואַלץ. מיט איין וואָרט האָט זיך אויסגעלייגט איבערן גאַנצן לאַנד מיט אירע סחורות, האָט זיך אַ נעם געטאָן צום מסחר, אויף וואָס די וועלט שטייט.

דער צווייטער טריט, די צווייטע רעוואָלוציע. זי נעמט זיך אויס־קעמפן פרייהייטן פאַרן „עקאָנאָמישן סוביעקט" ; זי וויל זיך אַרויסרייסן פון די צאַמען פון דעם קאָנטראָל פון דעם פּראָטעקציאָניזם פון דער מלוכה, וועלכן זי האָט אליין געהאָלפן שאַפן : אַזוי ארום האָט זיך באַ־קומען, דאָס זי ,די בורזשואַזיע האָט געשאַפן אַ נאַציאָנאַלע מלוכה אום צו פאַרניכטן אָדער בייקומען די פעאָדאַלן, און אום צו העלפן איר איבער־קאָכן דעם רויען פּויערישן עלעמענט און מאַכן פון אים אַ פּראָלע־טאַריער. זי האָט געשאַפן אַ שטאָט פאַר יענעם, פאַר די אַמאָליקע פּריצים, פאַר די קאַדרען אַרבעטער וועלכע דאַרפן „ציוויליזירט" ווערן, אָבער פאַר דער באַלעבאַטישקייט אַלס אַזוינער האָט זי גענומען פּריידיקן פרייהייט, אויטאָנאָמיע, זעלבסטשטענדיקייט. איר קאַמף קעגן דער אַבסאָלוטיסטישער מלוכה האָט זי אָנגעפירט אין נאָמען פון באַפרייאונג. ליבעראַליזם, דאָס פאָדערן פון פרייהייט, איז אַ לערע מכוח אומאָפּהענ־גיקייט, ניט ארייננמישן זיך מצד פון דער מלוכה אין די אינווייניקסטע ווירטשאַפטלעכע אַנגעלעגנהייטן. דערפאַר זיינען אַזוי פאַרשיידן די פאָרמען פון די צוויי רעוואָלוציעס. די ערשטע איז אָנגעגאַנגען צו גונסטן פון מסחר, די צווייטע—צו גונסטן פון פּראָדוקציע.

די ערשטע איז געווען אַזוי האַרט ווי שטיין, די צווייטע האָט גערעדט פון ווייכקייט און מענטשלעכקייט. ביידע, סיי די ערשטע און

סיי די צווייטע, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אכזריות בנוגע זייער עקזעקוטיווער שטיקל אַרבעט, בנוגע דער פאָרם פון דורכ־זעצן זייערע אויפגאַבן. אָבער די ערשטע, זייענדיק פאַרנומען מיטן פאַרמירן דעם נאַציאָנאַלן שטאַט, מיטן צוזאַמענגעמען, צוזאַמענבינדן די פאַרשיידענע צעוואָרפענע געגענטן, לענדער, קאַנטן, איז געווען, גרויזאַם לויט איר וועזן, און ניט נאָר בלויז לויט די מעטאָדן, וואָס זי האָט אָנ־געווענדט. די צווייטע, פאַרקערט, איז געווען „ווייך" לויטן מהות נאָך, הגם ברוטאַל לויט דער פאָרם. עס איז פשוט, נאָכדעם ווי די בורזשואַזיע האָט זיך פאַרזיכערט קעגן אירע שונאים־קאָנקורענטן, די פעאָדאַלן, זיי אָפגעשטויסן פון די בעסטע פּאָזיציעס וועלכע זי האָט אַליין פאַרנומען, און האָט שוין גוט אויסגעמושטירט די באַלמעלאָכעס און געוועזענע ערד־אַרבעטער, האָט זיך איר פאַרוואָלט ווערן זעלבסטשטענדיק, „פריי". זי האָט זיך עס געקענט דערלויבן.

און בשעת דער צווייטער רעוואָלוציע איז די גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט געווען פיקסירט אויף פּאָליטישער טעטיקייט. זי איז אָבער געווען פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, זי איז באַשטאַנען אין אָפּשאַפן די רעכט און פּריווילעגיעס פון די אדלליט, דאָס אָפּשוואַכן פון די פּרע־ראָגאַטיוון פון קעניג, אָדער אפילו אינגאַנצן פּטור ווערן פון אים. מיט איין וואָרט, זי האָט זיך פאַרנומען מיטן „באַשניידן מאַכט," ווייל זי, די בורזשואַזיע האָט געוואָלט איין זאַך, האָט געגאַרט נאָך איין זאַך — און דאָס איז אומאָפּהענגיקייט, זעלבסטשטענדיקייט, באַפרייאונג פון קאָנ־טראָל פון שטאַט. כמעט ווי אַן אונטערדריקטער פאָלק, ברעכנדיק דעם יאָך, אַראָפּוואַרפנדיק דעם פרעמדן כאָמוט, פּונקט אַזוי האָט זיך אויפ־געפירט די בורזשואַזיע, זי האָט געוואָלט אַרויס פון רשות פון דער „פרעמדער" מלוכה, און זי האָט געגרינדעט איר אייגענע קעניגרייך, איר אייגענעם „שטאַט", די ממשלה פון קאַפּיטאַל און געהאַלט, די מלוכה פון געדונגענער אַרבעט, באַזירט כלומרשט אויף אַ „פרייען קאָנטראַקט". בשעת דער רעוואָלוציע האָט די פּאָליטיק געווירקט אויף דער עקאָנאָמיק מער ניט ווי אומדירעקט, און אַזוי צו זאָגן, נעגאַטיוו.

די פּאָליטיק האָט אָפּגעשאַפן די טאַרמאָזן, די שטערענישן. אָבער די עקאָנאָמיק, די גבורה פון דער בורזשואַזיע, די אינדוסטריע, די הויכע פּראָדוקציע איז ניט געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דער מלוכה, דורך דעם אומפאַרמיטלבאַרן אָנווענדן פון מלוכהשן אַפּאַראַט.

אין פּעריאָד פון דער ערשטער רעוואָלוציע — דער וואוקס פון די שטעט, זייער צוזאַמענשטויס מיטן דאָרף, די פעסטונג פון אָדעלטום, דאָס

אַריינזאַפּן פון דער אַגריקולטורעלער באַפעלקערונג און אַריינציען זי אין שטאַט. די צווייטע רעוואָלוציע — וואַרפט זיך אין די אויגן דער אויסוואוקס פון דער פּראָדוקציע ,די פאַבריק און דער צוזאַמענשטויס מיטן קאָנטראָל פון דער רעגירונג, דער קאַמף קעגן רעגלאַמענטאַציע. אין דעם קאַמף לאָזן זיך אָנטאַפּן צוויי טענדענצן, צוויי פּניות. דאָס ערשטע — די בורזשואַזיע דאַרף ניט די רעגלאַמענטאַציע, זי קען זיך באַגיין אָן איר. צווייטנס, זי האָט מורא דער פּראָלעטאַריאַט זאָל עס ניט נעמען נוצן קעגן איר.

בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע — איז די פּאָליטישע אַרבעט באַשטאַנען אין צוזאַמענקנעטן פאַרשיידענע שטיקלעך און מאַכן פון זיי איין זויערטייג, וועלכער האָט געהייסן דער נאַציאָנאַלער שטאַט. די צווייטע רעוואָלוציע פאַרנעמט זיך מיטן אָפּהאַקן די פליגלען פון שטאַט. די בורזשואַזיע דאַרף אים מער ניט האָבן, זי קען זיך אַליין גאַנץ גוט אָן עצה געבן סיי מיט די פעאָדאַלן, די האַלב־גוססע פּריצים, און סיי מיט די אַרבעטער, וועלכע זיינען נאָך צו שוואַך אַז מ׳זאָל זיך דאַרפן פאַר זיי שרעקן, און זיי זיינען שוין גוט דיסציפּלינירט, אָפּגעוויינט פון די פעאָדאַליסטישע פרייקייטן און צעלאָזנקייט, און די בורזשואַזיע, דער הערשנדיקער קלאַס, פּילדערט, שרייט, מאַכט טומלען — ער וויל פרייהייט. דערצו קומט צו דער מאָמענט פון פאָראויסזען און זיך וועלן באַוואָרענען אַז אַ נייער קלאַס זאָל ניט אויסנוצן די מלוכה קעגן איר. די ווירטשאַפט איז אויסגעוואַקסן, די פּאָזיציעס פון דער בורזשואַזיע האָבן זיך עקאָנאָמיש פאַרפעסטיקט, און די פּאָליטישע באַדינגונגען וועלכע זי האָט געשאַפן אין ערשטן פּעריאָד טויגן שוין מער ניט, זיינען ניט נוצלעך, און ממילא שעדלעך, אָנשטאָט העלפן — שטערן זיי. און די בורזשואַזיע פאַרנעמט זיך זיי אָפּצושאַפן. די בורזשואַזיע באַקעמפט ניט פּאָליטיק בכלל, אָדער דעם שטאַט אַלס אַזעלכן, דאָס וואָלט געווען צופיל, זי קען זיך אָן דעם ניט באַגיין. זי באַקעמפט באַשטימטע אינסטיטוציעס. דער פּאָליטישער לעבן דערוויילע האָט זיך אַנטוויקלט אויף זיין שטייגער, געוואָרן קאָמפּליצירט, פאַרפולקומט און פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַוועק פאָראויס, לויט אונדזער פאַרשטייען נאָך, אַריבערגעשריטן די עקאָנאָמיק.

אונדז פאַטופּעט זיך ניט אין קאָפּ דער מאָדנער געדאַנק פון מאַרקסן, אַז די פּאָליטיק איז הינטערשטעליק בנוגע דער עקאָנאָמיק. פונקט דער היפּוך. בלויז איינצלנע אינסטיטוציעס אירע, ווי בלעטער אָדער פאַרדאַרטע צווייגן אויף אַ בוים ווערן איבעריק פון צייט צו צייט און זיי דאַרפן באַזייטיקט ווערן. און די בורזשואַזיע נעמט זיך פאַר דער

אַרבעט פון אָפּשאַפן פאַרשיידענע רעכטלעכע שטערונגען וועלכע זיינען געלעגן אין וועג און געדינט אַלס אַ צאַם פאַר איר טריאומפירנדיקן מאַרש. זי, ניט ווילנדיק און ניט קענענדיק זיך אָפּשטעלן און ניט פאַרלאַנגענדיק און ניט קענענדיק אריבערשפּרינגען, האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער אַרבעט פון אַראָפּוואַרפן דעם צאַם, דעם גדר. און זי האָט געשאַפן די לערע פון ליבעראַליזם און האָט עס מיט גרויסע באַ־שרענקונגען — ווייל דערווײַלע האָט דער פּראָלעטאַריאַט גענומען וואַקסן און מ׳האָט געמוזט פון איין זייט איינפירן באַגרענעצונגען פאַר אים און פון דער צווייטער זייט אים נאָכגעבן און אַרויסגעבן אַביסל געזעצן צו זיין גונסט און נעבעך זינדיקן קעגן כשרן „לעסע־פער״ — דורכגעפירט אין פּאָליטישן לעבן.

איצטער, האָבנדיק אויפגעפּאַסט די פאַרשיידנהייט פון כאַראַקטער פון די צוויי בורזשואַזע רעוואָלוציעס וועט אונדז גרינגער זיין תופס צו זיין דעם וועזן, דעם מהות פון דער אָנקומענדיקער פּראָלעטאַרישער, ריכטיקער, קאָמיסאַרן רעוואָלוציע; ווייל דער פּראָלעטאַריאַט, פּינקט־לעכער, קאָמיסאַריאַט וועט זיכער אויך האָבן פּעריאָדן, וועט אויך זיך נעמען אָנטפּלעקן, אַרויפּפּויזען אויף דער וועלט־בינע און דערנאָך אויס־וואַקסן, ווערן רייף אין פאַרשטאַנד און כוח.